This material was made publicly available by the

Heritage Projects Foundation

info@yiddish-culture.com

https://yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

This material is provided online strictly for personal use only. For commercial, academic or any other use, please contact us at the following email address:

info@yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

31.526

סאָוועטיש היימלאנד

8

1984

סאָוועטיש
היימלאַנד

ליטעראַריש-קינסטלערישער
כוידעש-זשורנאַל

אָרגאַן פון שרײַבער־פאַרבאַנד פון ססרר

דערשײַנט פון 1961

פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל"

מאָסקווע

אווגוסט

8

1984

אינהאלט

אוראן גוראלניק. דער היסטאָרישער צוזאמענפאַר העמשעכדיקײט פון די ליטעראַרישע און שעפערישע טראַדיציעס. אינטערוויו מיטן סעקרעטאר פון דער פאַרוואלטונג פונעם שרײַבער־פאַרבאַנד פון פססר . . . 4
אין אַן איינהײַטלעכער מישפּאָכע. 9
סערגיי בארוזדין. מוזיק. איך האָב ליב אונדזער גאס (דערציילונגען) 12
דמיטראָ פּאַוולִיטשקאָ. לידער וועגן טרײַשאַפט . 28
טאשלי קורבאנאָוו. אין א פאַרוואָרפן ווינקל. גרויע בערג (דערציילונגען) 30
איוואַן דראַטש. פליגל. א באַלאַדע. וועגן דער זונרויז 45
יורי באָנדאַרעוו. פונעם בוך „רעגעס" 47
אזארגולי אנאַיעוו. לידער 53
סאמאנסור באָלעקבײַעוו. בײַטור (דערציילונג) . 56
באָריס אָליינִיק. לידער 67
וואַלערי פּאָוואָליאַיעוו. א בלויער אָנצוג און אָראַנזשעווע באָטן (דערציילונג) 69
סוּיונבײַ עראַליִעוו. לידער 97
נײַע דערציילונגען פון ייִדישע שרײַבער. ריווקע רובין. דער אומבאַקאַנטער. אומרו. אַפּאַרט 81
בוזי מילער. הומאָריסטישע דערציילונגען 112
כאָשעווער רעדאַקטאָר, איך שיק אײַך דאָ איין ליד מײַנע, בלויז איינע 128
זיכרוינעס. יוסעף ראַבין. הערט מיך אויס... . . 134
טעג פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור, געווידמעט דעם 50־יאָריקן יובילײ פון דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט 165
אין שײַכעס מיט דער נײַער אַבאָניר־קאַמפּאַניע . . . 168
מאַטעריאַלן פאַר א לעקסיקאָן פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור 169
פאַר די, וואָס לערנען ייִדיש 171
רעזיומע (רוסיש, ענגליש) I

הויפּט־רעדאַקטאָר

א. ווערגעליס

רעדקאָלעגיע:

כ.ביידער (שטעלפאַרטרעטער פון הויפּט־רעדאַקטאָר),

ש. גאָרדאָן, ט. גען, נאָטע לוריע, ב. מאָגילנער, ב. מילער, כ. מעלאַמוד, ה. פּאָליאַנקער, י. שוסטער (פאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר), י. שרײַבמאַן

דער דאָזיקער נומער פון „סאָוועטיש היימלאַנד" איז געווידמעט דער מערקווירדיקער דאַטע — 50 יאָר זינט אין מאָסקווע איז פאָרגעקומען דער ערשטער צוזאַמענפאָר פון די סאָוועטישע שרײַבער. פאַר דעם פאַרגאַנגענעם האַלבן יאָרהונדערט האָבן די ליטעראַטורן פון אַלע אונדזערע פעלקער נאָך מער זיך פאַרברידערט און דערנעענטערט, אָנזאַמלענדיק קאָלאָסאַלע אויצרעס פון קינסטלערישער שאַפונג. הײַנט קאָנען די סאָוועטישע וואָרטמײַסטערס זאָגן מיט שטאָלץ, אַז די געבאָטן, וועלכע דער גרונטלייגער פונעם סאָציאַליסטישן רעאַליזם מאַקסים גאָרקי האָט פּראָקלאַמירט אפן צוזאַמענפאָר, ווערן פאַרווירקלעכט אין לעבן.

די סאָוועטישע ייִדישע ליטעראַטור האָט זיך אַנטוויקלט אין אַן איינהײַטלעכער פילנאַציאָנאַלער שעפערישער סוויווע, ווו די נאַציאָנאַלע אייגנטימלעכקײַט פון יעדער ליטעראַטור ווערט זאָרגפעליק אָפּגעהיט, און איינצײַטיק דערמיט קומען פאָר טיפע פּראָצעסן פון קעגנזײַטיקער באַרײַכערונג.

אין הײַנטיקן נומער פון „סאָוועטיש היימלאַנד" דרוקן מיר איבערזעצונגען אַף ייִדיש פון אַ ריי נײַע ווערק פון סאָוועטישע שרײַבער — פאָרשטייער פון פיר ברידערלעכע ליטעראַטורן: פון דער רוסישער, אוקראַיִנישער, קירגיזישער, טורקמענישער. אַזאַ פּובליקאַציע, מיינען מיר, פאַרקערפּערט אין זיך דעם טאָך און די פּרינציפּן פונעם היסטאָרישן ערשטן צוזאַמענפאָר פון די סאָוועטישע שרײַבער. אין העסקעם מיט די דאָזיקע פּרינציפּן, איז אויך די פּאַנאָראַמע פון נײַע ווערק פון דער ייִדישער סאָוועטישער פּראָזע און פּאָעזיע, וועלכע דער לייענער וועט געפינען אינעם נומער.

אוראָן גוראַלניק,
דאָקטאָר פון פילאָלאָגישע וויסנשאַפטן

דער היסטאָרישער צוזאַמענפאָר

דער ערשטער אַלפאַרבאַנדישער צוזאַמענפאָר פון די סאָוועטישע שרײַבער, וועלכער איז פאָרגעקומען אין אויגוסט 1934, איז אַרײַן אין דער געשיכטע פון אונדזער פּילנאַציאָנאַלער ליטעראַטור, ווי איינער פון די וויכטיקסטע ריכטצייכנס אויף איר וועג. דעם צוזאַמענפאָר האָט צוגעגרייט דער גאַנצער גאַנג פון דער אַנטוויקלונג פון דער קינסטלערישער קולטור אינעם נאָך-אָקטיאַבער-פּעריאָד, זײַן דערפאָלג איז מעגלעך געוואָרן אַדאַנק דער ווײַטזיכטיקער פּאָליטיק פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, אַדאַנק איר אומדערמידלעכער זאָרג וועגן דער אידייִש-עסטעטישער קוואַליטעט פון דער קונסט, וועגן מאַקסימאַל באַפרידיקן די גײַסטיקע באַדערפעניִשן פונעם פאָלק.

פּאַרטיידיקנדיק דעם טעזיס, אַז די ליטעראַטור דאַרף ווערן אַ טייל פון דער אַלפּראָלעטאַרישער זאַך, האָט וולאַדימיר איליטש לענין נאָך אין די יאָרן פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע אָנגעוויזן דעם וועג פאַר אַ ווירקלעך פרײַער, אָפן פאַרבונדענער מיט דער פאָלקס-באַפרײַערישער באַוועגונג ליטעראַטור. לענין האָט פאָרויסגעזאָגט איר אויפבלי-אין דער צוקונפט. „דאָס וועט זײַן, — האָט ער געשריבן, — אַ פרײַע ליטעראַטור, ווײַל ניט אייגננוציקייט און ניט קאַריערע, נאָר די אידעע פון סאָציאַליזם און דער מיטגעפיל פון די אַרבעטנדיקע וועלן ווערבירן אין אירע רייען נײַע און נײַע קויכעס. דאָס וועט זײַן אַ פרײַע ליטעראַטור, ווײַל זי וועט דינען ניט דער איבערגעזעטיקטער העלדין, ניט די לאַנגווײַליקע און לײַדנדיקע פון פעטלײַביקייט „אייבערשטע צען טויזנטער", נאָר מיליאָנען און צענדליקער מיליאָנען אַרבעטנדיקע, וועלכע זײַנען די גרויסקייט פונעם לאַנד, זײַן קויעך, זײַן צוקונפט. דאָס וועט זײַן אַ פרײַע ליטעראַטור, וואָס באַפרוכפּערט דאָס לעצטע וואָרט פונעם רעוואָלוציאָנערן געדאַנק פון דער מענטשהייט..." (וו. אי. לענין וועגן ליטעראַטור און קונסט. זעקסטע אויסגאַבע. מ., „קינסטלערישע ליטעראַטור", 1979, זז. 95—96).

לענינס נעווּוע איז געוואָרן רעאַל נאָך דעם זיג פון דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד. פאַר אירע הויכע אידעאַלן האָט אָפּגעגעבן זײַן טאַלאַנט און דערפאַרונג דער בעסטער דעמאָקראַטיש-געשטימטער טייל פון דער אַלטער קינסטלערישער אינטעליגענץ. די רעוואָלוציע האָט אויפגעוועקט צו שאַפונג די פאָלקסמאַסן, פון וועמענס טיפעניִשן עס זײַנען אַרויס פיל יונגע ליטעראַטן, רײַך באַגאַבטע, באַוואָפנטע מיט עכטן וויסן פונעם לעבן פון די „אונטערשטע" שיכטן.

די סאָוועטישע מענטשן, וועלכע האָבן אויסגעקעמפט דאָס רעכט אויף גליק אין די שלאַכטן פונעם בירגערקריג, גיוווער זײַענדיק דעם פאַרביטערטן ווידערשטאַנד פון די נעכטיקע „באַלעבאַטים פונעם לעבן", האָבן אָנגעהויבן בויען דעם סאָציאַליזם. זיי זײַנען געגאַנגען מיט ניט קיין אויסגעפּאַרשטע, דורך קיינעם נאָך ניט אויסגעטראָטענע וועגן. דער ליטעראַטור איז אויסגעפאַלן דער גרויסער קאָוועד ניט נאָר צו פאַרקערפּערן אין געשטאַלטן דעם העראָיזם פונעם פאָלק, זײַן שעפערישן העלדנטאַט, נאָר אויך פאַרשנעלערן דעם עצעם פּראָצעס פון דער פאָרמירונג פון אַ נײַער געזעלשאַפט און פון אַ נײַעם מענטשן, ווירקן פרוכטבאַר אויף דעם מאָראַלישן קלימאַט פון דער געזעלשאַפט, אויף דער גײַסטיקער וועלט פון אירע מיטגלידער.

אין די 20-ער — אָנהייב 30-ער יאָרן האָט די סאָוועטישע פילנאַציאָנאַלע ליטעראַטור שוין אָנגעזאַמלט אַ היפּשע שעפערישע דערפאַרונג. עס זײַנען געשאַפן געוואָרן ניט ווייניק הויך-אידייִשע און קינסטלעריש-פאַרפולקומטע ווערק, וואָס האָבן געפונען אַ וועג צו די הערצער פונעם לייענער. און פונדעסטוועגן האָט די עפּאָכע, אירע ריטמען, די קאָמפּליצירטסטע שעפערישע אויפגאַבן, וועלכע זײַנען געשטאַנען פאַר מיליאָנען האָרעפּאַשניקעס, אַרײַנגעצויגענע אין דער גראַנדיעזער בויונג פון אַ נײַ לעבן, געפאָדערט פון דער ליטעראַטור נאָך גרעסערע אידייִשע רײַפקייט און קינסטלערישע מײַסטערשאַפט.

צום אָנהייב פון די 30-ער יאָרן האָט אין דער ליטעראַרישער סוויווע זיך פאַרשטאַרקט די קאָנסאָלידאַציע פון די שריפטשטעלערישע רייען, אָבער זייער ווײַטערדיקער באַהעפטונג

מאָסקווע, 17 אויגוסט 1934

אלעקסיי מאַקסימאָוויטש גאָרקי טרעט ארויס מיט א פּאַרטראַג אפן ערשטן צוזאַמענפאָר פון די שרײַבער פונעם סאָוועטנפאַר-באַנד.

באַם פאַריינען-הויז, ווו עס איז פאָרגעקומען דער ערשטער צוזאַמענפאָר פון די שרײַבער

האָבן געשטערט די רעצידיוון פון גרופלערײַ. די נײַע באדינגונגען אין דער סאָציאַליסטישער בויונג האָבן דיקטירט די נויטווענדיקײַט פון אַן אַנטשיידענער איבערבויונג פון די ליטעראריש־קינסטלערישע אָרגאניזאציעס. לויט דער באשטימונג פונעם צענטראל־קאָמיטעט פון דער פארטיי פון 23 אפרעל 1932 איז אָנגעמערקט געוואָרן „פאראייניקן אלע שריפטשטעלער, וועלכע האלטן אונטער די פלאטפאָרמע פון דער ראטנמאכט און שטרעבן אָנטייל נעמען אין דער סאָציאַליסטישער בויונג, אין אַן איינהייטלעכן פארבאנד פון סאָוועטישע שרײַבער".

אין דער צוגרייטונג צום ערשטן אלפארבאנדישן שרײַבער־צוזאמענפאָר האָבן אקטיוו זיך באטייליקט ליטעראטן פונעם גאנצן לאנד — פארטייאישע און אומפארטייאישע, פאָרשטייער פון אלע דוירעס. עס זײַנען דורכגעגאנגען פילצאָליקע לייענער־קאָנפערענצן אַף די אונטערנעמונגען, אין די קאָלווירטן, לערן־אנשטאלטן, ביבליאָטעקן, מיליטער־טיילן. א ברייטן מאסשטאב האָבן אָנגענומען די ארויספאָרן פון שרײַבער אַף בויונגען, אין שפעריש קאָמאנדירונגען. אַף די פאַרזאמלונגען פון שרײַבער, אַף די פלענומס פונעם אָרגקאָמיטעט פון דעם שרײַבער־פארבאנד האָט מען באזונדערס אקטיוו און פאַרינטערעסירט באהאנדלט די פראגן וועגן דעם קינסטלערישן מעטאָד און וועלט־אָנשויונג, וועגן דער פילארטיקײַט פון די סטילן.

נאָך ערעוו דעם צוזאמענפאָר האָט די דיסקוסיע פעסטגעשטעלט אלס קינסטלערישן מעטאָד פון דער סאָוועטישער ליטעראטור דעם מעטאָד פון סאָציאַליסטישן רעאַליזם. די גרונט־פרינציפן פון אָט דעם מעטאָד זײַנען, אין רעזולטאט פון א ברייטער דעמאָקראטישער באהאנדלונג אַף אלע ניוואָען, פאָרמולירט געוואָרן נאָך ביז דעם, ווי זיי זײַנען ארײַן אינעם סטאטוט פון דעם פארבאנד פון די סאָוועטישע שרײַבער, וועלכן ס'האָט באשטעטיקט דער צוזאמענפאָר. אַף דעם דארף מען ווענדן די אויפמערקזאמקײַט, ווײַל פארשיידענע מינים „סאָוועטאָלאָגן" פרוּוון דערווײַזן, אז דעם מעטאָד פון סאָציאַליסטישן רעאַליזם האָט מען קלוימערשט אויפגעצוווּנגען דער ליטעראטור, דעקרעטירט „פון אויבן". מע דארף אָבער בלויז א בלעטער טאָן כאָטשבי אזעלכע זשורנאלן, ווי „ליטעראטורני קריטיק", אָדער „ליטעראטורנאיא אוטשאָבא" פאר די יאָרן 1932—1936, קעדיי זיך איבערצײַגן, אז די דעפיניציע וועגן „סאָציאַליסטישן רעאַליזם" איז אויסגעארבעט געוואָרן אין רעזולטאט פון קאָלעקטיווע זוכונגען און עס האָט זי איינמוטיק באוויליקט די שרײַבערישע געזעלשאפטלעכקײַט. אגעוו, אינעם לייטארטיקל פון דער „ליטעראטורנאיא גאזעטא" פארן 29 מײַ 1932 לייענען מיר: „די מאסן פאָדערן פונעם קינסטלער אופריכטיקײַט, וואָרהאפטיקײַט, רעוואָליוציאָנערן סאָציאַליסטישן רעאַליזם אין דער שילדערונג פון דער פראָלעטארישער רעוואָליוציע".

אין דער דיסקוסיע האָבן ערעוו דעם צוזאמענפאָר אָנטיילגענומען לונאטשארסקי, פאדייעוו, א. טאָלסטאָי, גלאדקאָוו און אנדערע אָנגעזעענע שריפטשטעלער און קריטיקער. דעם גרעסטן צושטײַער אינעם באשטימען די סטראטעגישע ריכטונג פון דער סאָוועטישער ליטעראטור, אירע פראָפעסיאָנעלע אויפגאבעס, האָט ארײַנגעטראָגן מאקסים גאָרקי.

גאָרקי האָט געשטעלט פאר דער ליטעראטור אַן אויפגאבע צו „שאפן מיט די מעטאָדן פון רעאַליזם אַן עפּישע קונסט, אין וועלכער ס'זאָל אָפגעשפיגלט ווערן פול און מיט דער גאנצער קראפט פונעם וואָרט דער הערויִזם פונעם ארבעטער־קלאס, דעם בויער פון א נײַער געזעלשאפט" (מ. גאָרקי, געזאמלטע ווערק, ב. 26, ז. 245). ס'איז געגאנגען א רייד וועגן דער הויכער אכרײַעס פונעם שרײַבער פארן פאָלק. ענערגיש, מיט דער גאנצער קראפט, האָט מען קריטיקירט דעם פאָרמאליזם, ווי אויך די נאטוראליסטישע טענדענצן, וועלכע האָבן זיך, אגעוו, אנטפלעקט אינעם מיסברויכן מיט דיאלעקטיזמען, זשארגאָן־אויסדרוקן, פארקריפלטע ווערטלעך.

דער שרײַבער־צוזאמענפאָר האָט זיך געעפנט אין מאָסקווע אינעם קאָלאָנען־זאל פונעם הויז פון די פאראיינען אין א יאָמטעוודיקער און זאכלעכער אומגעבונג. עס האָבן זיך פארזאמלט 597 דעלעגאטן, פאָרשטייער פון 52 ברידערלעכע נאציאָנאלע ליטעראטורן. אלס געסט פונעם צוזאמענפאָר זײַנען געווען פראָגרעסיווע שריפטשטעלער פון א סאך לענדער פון מײַרעוו־אייראָפע, אמעריקע, אזיע, צווישן זיי — מארטין אנדערסען־נעקסע, לוי אראגאָן, זשאן רישאר בלאָק, ראפאעל אלבערטי, יאָהאנעס בעכער, ווילי ברעדעל, עמי סיאאָ, וויטעזסלאוו נעזוואל אא.

עפענענדיק דעם „ערשטן פאר דער גאנצער פילדוירעסדיקער געשיכטע פון דער ליטעראטור" שרײַבער־צוזאמענפאָר, האָט מ. גאָרקי גערעדט וועגן זײַן טאָך און באדײַטונג: „...די פארשיידנפעלקערדיקע, פילשפראכיקע ליטעראטור פון אלע אונדזערע רעפו-

בליקן טרעט ארויס ווי איין גאנצעס..., דעמאָנסטרירנדיק די אייגנהייט פון אונדזער ציל,
וועלכער ליגט נישט אָפּ, פאַרשטייט זיך, די פאַרשיידנאַרטיקייט פון אונדזערע שעפערישע
מעטאָדן און שטרעבונגען". אויף דער טריבונע פונעם צוזאַמענפאָר האָבן זיך אויפגעהויבן
ניט נאָר שרײַבער, נאָר אויך שעליכים פון זאַוואָדן, שאַכטעס און קאָלווירטן, מילי-
טערלײַט פון דער רויטער אַרמיי, פּיאָנערן, סטודענטן, קונסט-טוער. זיי האָבן גערעדט
וועגן זייער צוטרוי צו די סאָוועטישע ליטעראַטן און וועגן דעם גלויבן אין דער אומויס-
שעפּלעכקייט פון זייערע שעפערישע מעגלעכקייטן.

אָנגעזעטיקט מיט אַ גרויסן רעוואָלוציאָנערן און פילאָסאָפישן אינהאַלט איז געווען דער
פאָרטראָג פון מאַקסים גאָרקי. דער הויפּט-העלד פון אונדזערע ביכער, איז געזאָגט אינעם
פאָרטראָג, דאַרף זײַן די מי — די פרײַע שעפערישע מי, וועלכע איז באַרופן צו פאַרוואַנד-
לען די ערד אין „אַ פּרעכטיקער וווינונג פאַר דער מענטשהייט, אַ פאַראייניקטער אין איין
מישפּאָכע". די גאַנצע אַרבעט פונעם צוזאַמענפאָר איז געווען דורכגעדרונגען מיט היסטאָ-
רישן אָפּטימיזם און מיטן גײַסט פון פּראָלעטאַרישן אינטערנאַציאָנאַליזם. גאָרקי האָט באַ-
זונדערס אונטערגעשטראָכן, אַז „די סאָוועטישע ליטעראַטור איז ניט נאָר אַ ליטעראַטור
פון דער רוסישער שפּראַך, דאָס איז אַן אַלפאַרבאַנדישע ליטעראַטור". דער זעלבער גע-
דאַנק איז איבערגעכאַזערט און אַנטוויקלט געוואָרן אין זײַן שלוס-רעדע, אין וועלכער ער
האָט דערמאָנט וועגן דעם צושטײַער פון פאַרשיידענע פעלקער, קליינע און גרויסע, אינעם
קינסטלערישן אוצער פון דער מענטשהייט. צווישן אַנדערס האָט ער געזאָגט: „בײַ די ייִדן
איז ניט לאַנג צוריק געשטאָרבן דער קימאַט געניאַלער פּאָעט ביאַליק און עס איז געווען
דער אויסערסט טאַלאַנטפולער סאַטיריקער און הומאָריסט שאָלעם-אַליכעם".

בײַם דער באַהאַנדלונג פון די פאָרטראָגן איז באַרירט געוואָרן אַ ברייטער קרײַז טעאָ-
רעטישע און ריין פּראַקטישע פּראָבלעמען. די רעדנער האָבן אָנגעמערקט די וויכטיקסטע
פּערספּעקטיוון פון דער ליטעראַרישער אַנטוויקלונג, פעסטגעשטעלט די אַקטועלע אויפגא-
בעס, שעפערישע און אָרגאַניזאַציאָנעלע. דער דעמאָלט נאָך יונגער לעאָניד לעאָנאָוו
האָט דערקלערט: „...אונדז איז געגעבן געוואָרן דאָס וווּנדערבאַרע גליק צו לעבן אינעם
סאַמע העראָאישן פּעריאָד פון דער וועלט-געשיכטע... דערפון דרינגען אויך אַרויס אונדזערע
פליכטן, אונדזערע רעכט, אונדזער ווירדע, אונדזערע שווערקייטן און אונדזער ווײַטערדי-
קע בירגערלעכע באַפרײַדיקונג מיט דעם, אַז סאָפּקאָלסאָף וועלן מיר גוווער זײַן די דאָזי-
קע שווערקייטן. פאַרשטייט זיך, אַז אין קיין איין עפּאָכע האָט דער ליטעראַטאָר ניט
געפילט אַזאַ בעקאָוועדיקע און הויכע פאַראַנטוואָרטלעכקייט ווי איצט".

דער צוזאַמענפאָר האָט זיך פאַרזאַמלט אין אַן אומרויִקער צײַט, ווען די געקומענע
צו דער מאַכט נאַציסטן, וועמען ס'האָבן צוגעגעבן קוראַזש די ענגלישע, פראַנצויזישע און
אַמעריקאַנער אימפּעריאַליסטן, האָבן געגרייט אַ מילכאָמע קעגן דעם סאָוועטנפאַרבאַנד.
איבער דער וועלט האָט געלויערט די געפאַר פון פאַרניכטן אַלע דערגרייכונגען פון דער
מענטשלעכער קולטור. אומרויִק איז געווען אויך אויפן ווײַטן מיזרעך — דאָרט האָבן די
יאַפּאַנישע מיליטאַריסטן, פּונקט ווי זייערע דײַטשישע פאַרבינדעטע, וועלכע האָבן געטרוימט
וועגן וועלט-הערשאַפט און „לעבנס-רוים", אײַנגעאָרדנט אויף אונדזערע גרענעצן איין פּראָ-
וואָקאַציע נאָך דער אַנדערער. אין די דאָזיקע באַדינגונגען האָבן די סאָוועטישע שרײַבשטע-
לער געוויזן זייער פּאַטריאָטישן כיוו צו האַלטן דאָס פאָלק אין מאָביליזאַציע-גרייטקייט.

„לאָמיר ניט פאַרגעסן, — האָט דערקלערט דער דיכטער אַלעקסיי סורקאָוו, — אַז ס'איז
שוין ניט ווײַט יענע צײַט, ווען די לידער וועלן פון די שפּאַלטן פון גראָבע זשורנאַלן
אַריבער אויף די שפּאַלטן פון פראָנט-צײַטונגען און פעלד-פּילטיראַזשקעס, לאָמיר האַלטן
דעם לירישן פּולווער טרוקן".

ביזן אָנהייב פון דער צווייטער וועלט-מילכאָמע איז דאַן געבליבן פּונקט פינף יאָר...

די סאָוועטישע שרײַבשטעלער זײַנען געווען אין אַוואַנגאַרד פון די קעמפער פאַר פאַר-
טיידיקן די קולטור פון דער היטלערישער באַרבאַרישקייט. אין די גרויזאַמע פאַרמילכאָמע-
יאָרן האָבן זיי אַקטיוו זיך באַטייליקט אין די אַלוועלטלעכע קאָנגרעסן פון שאָלעם-אָנהענ-
גער. און אויב מיליאָנען מענטשן אויף אונדזער פּלאַנעטע, טראָץ דער פאַלשער בורזשואַזער
פּראָפּאַגאַנדע, האָבן שוין אין דער צווייטער העלפט פון די 30-ער יאָרן זיך דערוווּסט דעם
שוידערלעכן עמעס וועגן פאַשיזם, איז אין דעם געווען ניט קיין קלענער פאַרדינסט פון
אונדזערע שרײַבשטעלער. אין פּאַריזש און אין מאַדריד האָט געקלונגען די צאָרנדיקע
שטים פון אַ. טאָלסטאָיען און װס. ווישנעווסקין, פון אי. ערענבורגן און אַ. פאַדייעוון, פון
מ. קאָלצאָוון און וו. סטאַווסקין...

די גרינדונג פונעם אייניקטלעכן פאַרבאַנד פון די סאָוועטישע שרײַבער איז געווען אַן אַקט פון אַ גרויסער סאָציאַל-פּאָליטישער און קולטור-באַדײַטונג. זי האָט געזאָגט אײדעס וועגן אַן ערנסטן קער אינעם באַוווסטזײַן פון דער קינסטלערישער אינטעליגענץ, אַ קער, וועלכער איז פאָרגעקומען אונטער דער ווירקונג פון די גראַנדיעזע ניצחונות פון דער סאָציאַליסטישער בויונג אין ראַטנפאַרבאַנד. דער אײנמוטיקער אָנגענומענער אויפן צוזאַמענפאָר סטאַטוט פונעם פאַרבאַנד פון די סאָוועטישע שרײַבער האָט פאַרפיקסירט די דעפיניציע פונעם מעטאָד פון סאָציאַליסטישן רעאַליזם, וועלכער אַנטהאַלט צוויי גרונט-פאָדערונגען: די ליטעראַטור דאַרף וואַרהאַפטיק, היסטאָריש-קאָנקרעט שילדערן די ווירקלעכקײַט אין איר רעוואָלוציאָנערער אַנטוויקלונג; די ליטעראַטור איז באַרופן מיטצוהעלפן דער דערציִונג פון די אַרבעטנדיקע אין גײַסט פון סאָציאַליזם. דערבײַ קאָנאָניזירט לאַכלוטן ניט דער סאָציאַליסטישער רעאַליזם וועלכע-ניט-איז זשאַנרען און מעטאָדן פון שאַפונג. אָנווײַזנדיק בלויז אויף די וויכטיקסטע אידעייִש-קינסטלערישע פּרינציפּן, גאַראַנטירט ער ברייטע מעגלעכקײַטן אויף צו אַנטפּלעקן „די שעפערישע איניציאַטיוו, אויסקלײַבן פאַרשיידנאַרטיקע פאָרמען, סטילן און זשאַנרען”.

אַזויאַרום, איז אינעם סטאַטוט געקומען צום אויסדרוק וו. אי. לענינס געדאַנק, וועלכן ער האָט אַרויסגעזאָגט אין זײַן אַרטיקל „די פּאַרטיי-אָרגאַניזאַציע און די פּאַרטיי-ליטעראַטור” מיט אַן ערך דרײַ יאָרצענדליקער פאַר דעם ערשטן צוזאַמענפאָר פון די סאָוועטישע שריפטשטעלער. לענין האָט אונטערגעשטראָכן: „זיכער, אַז די ליטעראַרישע זאַך גיט זיך אַמווייניקסטנס אונטער אַ מעכאַנישן פאַרגלײַך, אַ ניוועלירונג, אַ געוועלטיקונג פון דער מערהײַט איבער דער מינדערהײַט. אין אַט דעם איניען איז, אָן שום צווייפל, נייטיק צו גאַראַנטירן אַ גרעסערן ראַכוועס פאַר פּערזענלעכער איניציאַטיוו, פאַר אינדיווידועלע נייגונגען, אַ ראַכוועס פאַרן געדאַנק און פאַנטאַזיע, פאַר דער פאָרם און אינהאַלט” (וו. אי. לענין וועגן ליטעראַטור און קונסט. 6-טע אויסגאַבע, מ., „קינסטלערישע ליטעראַטור”, 1979, ז. 93).

דער ערשטער צוזאַמענפאָר פון די סאָוועטישע שרײַבער, די אָנגענומענע באַשלוסן זײַנען געוואָרן אַ מעכטיקער סטימול, וועלכער האָט אויף לאַנגע יאָרן באַשטימט די ריכטונג פון דער אַנטוויקלונג פון אונדזער פילנאַציאָנאַלער ליטעראַטור. פאַר דעם פאַרגאַנגענעם האַלבן יאָרהונדערט איז באַדײַטנדיק אויסגעוואַקסן די קולטור פונעם פאָלק, זײַנע פאָדערונגען צו דער אידעייִש-קינסטלערישער קוואַליטעט פון דער ליטעראַטור. הײַנט מערקן מיר מיט באַפרידיקונג אויף: דער צווישנפעלקערלעכער אויטאָריטעט פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור איז ווי קיינמאָל גרויס, איר צושטײַער אינעם גײַסטיקן לעבן פון דער הײַנטצײַטיקײַט איז אַ וואָגיקער. די הויכע אָפּשאַצונג פון די דערגרייכונגען פון דער סאָוועטישער פילנאַציאָנאַלער ליטעראַטור, וועלכע עס אַנטהאַלטן די פּאַרטייִשע דאָקומענטן, פאַרפליכטעט אין פיל הינזיכטן. עס בלײַבט נאָך היפּש צו טאָן — סע שטייען הײַנט פאַר די סאָוועטישע שרײַבער נײַע ערנסטע אויפגאַבן.

אַ גרופּע שרײַבער פון די נאַציאָנאַלע רעפּובליקן פון פסטר צוגאַסט בײַ א. מ. גאָרקין דעם 10 אָקטיאַבער 1934

העמשעכדיקייט פון די ליטעראַרישע און שעפֿערישע טראַדיציעס

אינטערוויו

מיטן סעקרעטאַר פון דער פאַרוואַלטונג פונעם שרײַבער־פאַרבאַנד פון פססר יורי ווערטשענקאָ

„סאָוועטיש היימלאַנד": פאַר די 50 יאָר, וועלכע זײַנען פאַרגאַנגען נאָכן ערשטן צוזאַמענפאָר פון די סאָוועטישע שרײַבער, האָט די סאָוועטישע ליטעראַטור דורכגעמאַכט א גרויסן און קאָמפּליצירטן אַנטוויקלונגס־וועג. דאָס לעבן האָט באַשטעטיקט דעם סאָציאַליסטישן רעאַליזם אַלס איקערדיקן שעפֿערישן מעטאָד אין דער אַרבעט פון די סאָוועטישע שרײַבער. צו וועלכע הייכן, לויט אײַער מיינונג, האָט דערגרייכט די פילנאַציאָנאַלע סאָוועטישע ליטעראַטור אין מעשעך פון אָט די יאָרצענדליקער.

יו. ווערטשענקאָ: אַרויסטרעטנדיק אויפֿן ערשטן צוזאַמענפאָר, האָט דער פּראָזאַיקער לעאָניד סאָבאָלעוו געזאָגט: „די פּאַרטיי און די רעגירונג האָבן געגעבן דעם שרײַבער אַלץ, אָפּנעמענדיק בא אים בלויז איינס — דאָס רעכט צו שרײַבן שלעכט". אין אונדזער לאַנד איז אונטער דעם באַגריף פון פרײַהײַט פון וואָרט און פון טאַלאַנט אונטערגעפירט ניט קיין קלוימערשטיקע, נאָר א רעאַלע באַזע, א פעסטער שעפֿערישער און מאַטעריעלער יעסאָד, אַן עכטע פּאַרינטערעסירטקײַט פון דער געזעלשאַפט אין דער שרײַבערישער מי און איר שטיצע. אין גאָלדענעם פאָנד פון דער רוסישער סאָוועטישער ליטעראַטור זײַנען אַרײַן די ווערק פון מ. שאָלאָכאָוו, א. טאָלסטאָיען, ל. לעאָנאָוו, ק פעדינען, א. פאַדייעוו, נ. טיכאָנאָוו, מ. שאַגיניאַן, נ. אַסייעוו, אי. אילפן און יע. פּעטראָוו, וו. קאַטאַיעוו, א. נאָוויקאָוו־פּריבאָיען, אי. ערענבורגן, ב. פּאַסטערנאַקן, אי. סעלווינסקין, נ. אַסטראָווסקין און א סאַך אַנדערע. אין קורצן אינטערוויו איז אוממעגלעך צו געבן א וויפל־ניט־איז אויסשעפּנדיקן ענטפער אויף דער פראַגע וועגן דעם, וואָס פאַר א ווערק פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור עס טיילן זיך באַזונדערס אויס, זײַנען אירע „הייכן". אינקורצן קאָן מען ענטפערן אַזוי: פאַר די 50 יאָר, וועלכע זײַנען פאַרגאַנגען נאָכן ערשטן צוזאַמענפאָר, איז אין דער סאָוועטישער ליטעראַטור אַנטשטאַנען ניט איין הייך, נאָר א גאַנצע קייט הויכפּונקטן, א גאַנצער באַרג־רוקן, און דער דאָזיקער „געאָלאָגישער" פּראָצעס דויערט. אויפֿן באָדן פון די ברידערלעכע ליטעראַטורן פון די סאָוועטישע פעלקער, סײַ פון די, וואָס האָבן אַן אוראַלטע ליטעראַרישע טראַדיציע, סײַ פון די, וועלכע האָבן באַקומען די שריפטלעכקייט ערשט אין די יאָרן פון דער סאָוועטנמאַכט, האָבן זיך באַוויזן אייגענע הייכן: די לייענער פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן קענען און האָבן ליב די ביכער פונעם אוקראַיִנער פּאַוולאָ טיטשינאַ, ווײַסרוס וואַסיל ביקאָוו, גרוזינער נאָדאַר דומבאַדזע, טאַדזשיק סאַדרידין אײַני, אַזערבײַדזשאַנער סאַמעד ווורגון, ליטווינער יאָנאַס אַוויזשיוס, קירגיז טשינגיז אײַטמאַטאָוו, מאָלדאַוואַנער איאָן דרוצע... רעדנדיק וועגן דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור, קאָן מען נישט ניט דערמאָנען פּערעץ מאַרקישן, דאָוויד האָפשטיינען, דאָוויד בערגעלסאָנען, לייב קוויטקאָן, איציק פעפערן, איזי כאַריקן, שמואל האַלקינען און אַנדערע, וועמענס ווערק שטעלן

מיט זיך פֿאַר א גאַנצע טקופֿע אין דער ייִדישער ליטעראַטור און זײַנען געוואָרן א באַדײַטנדיקע דערשײַנונג אינעם אַלסאָוועטישן ליטעראַרישן לעבן. מע קאָן אָנרופֿן גרויסע מײַסטערס אויך צווישן די שריפֿטשטעלער, וועלכע זײַנען אַרויסגערוקט געוואָרן מיצד דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור אין די 60-ער—80-ער יאָרן. דאָס זאָגט אײדעס וועגן דער העמשעכדיקײַט פֿון די ליטעראַרישע און שעפֿערישע טראַדיציעס, וועגן דעם לעבנס-קויעך פֿון דער דאָזיקער ליטעראַטור.

ס. ה.: מיר זאָגן, פֿילנאַציאָנאַלע סאָוועטישע ליטעראַטור". צי איז דער דאָזיקער באַגריף בלויז א סטרוקטור-באַצייכענונג אָדער א טיף קוואַליטאַטיווער?

י. ווערטשענקאָ: **דער סאָוועטנפֿאַרבאַנד איז דאָס געמיינזאַמע היימלאַנד פֿון אַלע סאָוועטישע מענטשן. יעדערער פֿון אונדז פֿילט זיך ווי בא זיך אינדערהיים ניט בלויז אין דעם קאַנט, ווו ער איז געבוירן געוואָרן און אויסגעוואַקסן, נאָר אויך אין א באַליביק ווינקל פֿונעם לאַנד. עס שטייען פֿאַר די סאָוועטישע מענטשן אַלגעמיינע פּראָבלעמען, ס'פֿאַרבינדט אונדז א געמיינזאַמער היסטאָרישער גורל. דערפֿאַר זײַנען אַזוי נאָענט און פֿאַרשטענדלעך פֿאַר אַלע סאָוועטישע מענטשן די ווערק, וואָס זײַנען געשאַפֿן געוואָרן אויף פֿאַרשיידענע שפּראַכן פֿון אונדזער פֿילנאַציאָנאַל היימלאַנד. פֿול מיט אינטערנאַציאָנאַלן אינהאַלט און באַדײַט זײַנען די ווערטער: „נאַציאָנאַל לויט דער פֿאָרם און סאָציאַליסטיש לויטן אינהאַלט". יעדעס פֿאָלק, יעדע ליטעראַטור, וועלכע באַטייליקט זיך אין דעם איינהײַטלעכן שעפֿערישן פּראָצעס, טראָגט אין אים אַרײַן עפּעס אייגנס, בלויז פֿאַר זיך אײַגנטימלעכס, באַרײַכערנדיק די אַלסאָוועטישע קולטור. די סאָוועטישע ליטעראַטור — דאָס איז ניט סטאַם א סומע פֿון ליטעראַטורן בא די סאָוועטישע פֿעלקער, דאָס איז עפּעס גרעסערס, וואָס שטעלט מיט זיך פֿאַר א באַזונדערע קולטורעלע ווערט. אַזוי־אַרום איז די פֿילנאַציאָנאַלע סאָוועטישע ליטעראַטור אַן אוניקאַלע דערשײַנונג. אין נאָך א וועלכן לאַנד פֿון דער וועלט ווערט געשאַפֿן אַן איינהײַטלעכע ליטעראַטור אויף 78 לשוינעס? כ'וועל ברענגען בלויז איין בײַשפּיל פֿון דער שעפֿערישער מיטאַרבעט פֿון אונדזערע נאַציאָנאַלע ליטעראַטורן. דער לעטישער דיכטער אי. זיעדאָניס און דער אוקראַיִנישער דיכטער וו. קאָראָטיטש האָבן צוזאַמען באַזוכט טאַדזשיקיסטאַן און דערנאָך, לויט די אײַנדרוקן פֿון דער יאַזדע, אָנגעשריבן א בוך וועגן דער דאָזיקער רעפּובליק, וועלכן עס האָבן געלייענט אויף זייערע מוטער-שפּראַכן סײַ אוקראַיִנער, סײַ לעטן, סײַ טאַדזשיקן. בכלל פֿאַרנעמען איבערזעצונגען פֿון קינסטלערישע ווערק פֿון איינע לשוינעס פֿונעם סאָוועטנפֿאַרבאַנד אויף אַנדערע זייער א וויכטיק אָרט אין אונדזער ליטעראַטור-שאַפֿונג. א באַזונדערע ראָליע געהערט דאָ דער רוסישער שפּראַך, דער שפּראַך פֿון דעם צווישנאַציאָנאַלן פֿאַרקער פֿון די סאָוועטישע פֿעלקער.**

ס. ה.: דערציילט, ביטע, וועגן דער הײַנטצײַטיקער סטרוקטור און וועגן די פֿונקציעס און אויפֿגאַבן פֿונעם שרײַבער-פֿאַרבאַנד פֿון פֿססר.

י. ווערטשענקאָ: **אויב אין מאָמענט פֿון זײַן גרינדונג, אין 1934, האָט דער שרײַבער-פֿאַרבאַנד אָנגעציילט אַרום 1500 מיטגלידער און געהאַט שרײַבער-אָרגאַניזאַציעס איבערהויפּט בלויז אין די פֿאַרבאַנד-רעפּובליקן, האָט ער איצט מער פֿון 9 טויזנט מיטגלידער און העכער 150 שרײַבער-אָרגאַניזאַציעס. בלויז אין רספֿסר זײַנען מער ווי 80 (אין סיביר אַליין — די אירקוטסקער, נאָוואָסיבירסקער, קראַסנאָיאַרסקער, טיומענער, טאָמסקער, יאַקוטישע, בוריאַטישע...), אויף אוקראַיִנע פֿונקציאָנירן מער ווי 20 אָפּטיילונגען פֿונעם שרײַבער-פֿאַרבאַנד, צו עטלעכע אָפּטיילונגען — אין ווײַסרוסלאַנד, קאַזאַכסטאַן, אוזבעקיסטאַן. עס פֿירט אָן מיטן שרײַבער-פֿאַרבאַנד די פֿאַרוואַלטונג, וועלכע ווערט אויסגעוויילט דורכן צוזאַמענפֿאָר. מיט דער אומיטלבאַרער טאָגטעגלעכער אַרבעט באַשעפֿטיקט זיך, לויטן אויפֿטראָג פֿון דער פֿאַרוואַלטונג, דער סעקרעטאַריאַט. די גרונט-אויפֿגאַבע פֿונעם פֿאַרבאַנד פֿון סאָוועטישע שרײַבער באַשטייט אינעם שאַפֿן באַדינגונגען פֿאַר אַמערסטן פּרוכטבאַרער אַרבעט פֿון זײַנע מיטגלידער, — אַהער גייען אַרײַן סײַ דאָס אָרגאַניזירן שעפֿערישע קאָנפֿערענצן, באַהאַנדלונגען, דיסקוסיעס, באַגעגענישן מיט לייענער, סײַ די אַרבעט מיט יונגע ליטעראַטן, סײַ דאָס אײַנאָרדענען דעם אָפּרו פֿון שרײַבער, סײַ די פֿאַרלעגערישע טעטיקײַט. אַגעוו, לאָזן אַרויס דער אַלפֿאַרבאַנדישער פֿאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל", די רעפּובליקאַנישע שרײַבער-פֿאַרלאַגן, די צענטראַלע און אָרטיקע שרײַבער-אָרגאַניזאַציעס אַרום 90 זשורנאַלן, מער פֿון 15 פּראָפֿעסיאָנעלע צײַטונגען און צענדליקער אַלמאַנאַכן. העכער פֿון א העלפֿט ליטעראַרישע אויסגאַבעס דערשײַנען אויף לשוינעס פֿון די פֿעלקער פֿון אונדזער לאַנד (אַחוץ רוסיש), און דער איינ-**

מאַליקער טיראַזש זייַערער האָט איבערגע־
שטיגן 12 מיליאָן עקזעמפּליאַרן.

ס. ה.: דער זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" איז אַן אָרגאַן פֿון דער פֿאַרוואַלטונג פֿונעם שרײַבער־פֿאַרבאַנד פֿון פֿססר. וואָס פֿאַר אַן אָרט פֿאַרנעמט ער צווישן די ליטעראַרישע אויסגאַבעס אויף פֿאַרשייידענע שפּראַכן?

י. ווערטשענקאָ: פֿאַר קימאַט א פֿערטל יאָרהונדערט פֿון זײַן עקזיסטענץ האָט דער זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" געקראָגן א גוטן שעם בא די לייענער סײַ בא אונדז אין לאַנד, סײַ אין אויסלאַנד. ער איז דער פֿאַרזעצער פֿון די בעסטע טראַדיציעס פֿון די ייִדישע ליטעראַרישע אויסגאַבעס, וועלכע זײַנען אַרויסגעגעבן געוואָרן אינעם סאָוועטנפֿאַרבאַנד פֿריִער. די ספּעציפֿישקײַט פֿון אָט דעם אָרגאַן פֿונעם שרײַבער־פֿאַרבאַנד פֿון פֿססר באַשטייט אין דעם, וואָס אין אונטערשייד פֿון דער מערהײַט אַנדערע נאַציאָנאַלע ליטעראַריש־קינסטלערישע זשורנאַלן, וועמענס אוווטאָרן און לייענער זײַנען דאָסראָוו קאָנצענטרירט אין די געהעריקע רעפּובליקן און געגנטן, וווינען און אַרבעטן די מעכאַברים פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד", די ייִדישע שרײַבער און זשורנאַליסטן, אין פֿאַרשיידענע עקן פֿון לאַנד — פֿון בירָאָבידזשאַן און נאָוואָסיבירסק ביז לוואָוו און ריגע. א געוויס אָרט פֿאַרנעמען אויף די שפּאַלטן פֿונעם זשורנאַל אויך די ווערק פֿון פּראָגרעסיווע אויסלענדישע ייִדישע שריפֿטשטעלער. נאָך ברייטער איז די לייענער־געאָגראַפֿיע פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד" — מע לייענט אים ניט בלויז אין דעם גאַנצן סאָוועטנפֿאַרבאַנד, נאָר אויך אין צענדליקער אויסלענדישע מעדינעס: אין פּשא, ייִסראָעל, אווסטראַליע, פֿראַנקרײַך, קאַנאַדע, פּוילן אאַ. ווענדנדיק זיך צום אויסלענדישן לייענער, באַטייליקט זיך אַקטיוו דער זשורנאַל אינעם אידייען־קאַמף, פֿאַרטיידיקט די אידעאַלן פֿון שאָלעם און סאָציאַלן פּראָגרעס, גיט רעאַלע שטיצע די קאָמוניסטישע, פּראָגרעסיווע און פֿרידנסליבנדיקע קוויכעס.

דעם שמועס האָט געפֿירט וו. ט ש ע ר נ י ן

אין א אײנהײַטלעכער נוסח

סערגײ באַרוזדין,

רוסישער שרײַבער



צוויי דערציילונגען

מוזיק

מערקווירדיק, צו וואָס איז ער געקומען אַהער? קאָמאַנדירונגען זײַנען אויך פֿרײַער געווען, נאָר זאַכלעכע — אַף זאַוואָדן, ווו ס׳ווערן געשאַפֿן ספּוטניקעס און קאָסמאָס־שיפֿן, צוויי מאָל געווען אַפֿן קאָסמאָדראָם. דאָרט איז אַלץ געווען קלאָר: אָדער דערפֿאָלג, אָדער דורכפֿאַל. נאָכן דערפֿאָלג איז געווען פֿרייד. און באַלוינונגען, וועלכע ער האָט באַקומען מער, ווי פֿאַר אַלע יאָרן אין דער מילכאָמע. דערפֿאָלגן מער, ווי אומדערפֿאָלגן, נאָר יעדער אומדערפֿאָלג איז ווייטיקלעך.

ביכלאַל זײַנען קאָמאַנדירונגען גאָר ניט אַזאַ סאַך געווען. ווען אַף דײַנע פּלייצעס איז א לאַבאָראַטאָריע און דו ביסט פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר איר, קאָנסטו זיך דען אַרויסרײַסן? אין אורלויב — אויך איין מאָל אין דרײַ־פֿיר יאָר. און אורלויב — דאָס איז אויך אַרבעט, די סאַמע גליקלעכע. פֿאָרמולעס, עקספּערימענטן — אַלץ, וואָס דו באַווײַזסט ניט צו מאַכן בא זיך אַף דער אַרבעט. און מע קאָן ניט מאַכן. דאָרט — זײַט בא זײַט זײַנען מענטשן פֿאַראַן, און פֿאַר דײַנטוועגן דאַרפֿסטו בלײַבן אויג אַף אויג מיט זיך אַליין. און עס האָט זיך טאַקע בעסער באַקומען גראָד אין אַזעלכע שאָען, טעג און וואָכן, אויב זיי זײַנען געווען.

און אָט — די קאָמאַנדירונג.

אין האָטעל האָט מען אים ניט אײַנגעאָרדנט. געזאָגט:

— קאָן זײַן, עפּעס־וואָס מאָרגן...

און ריכטיק געזאָגט.

דו ווערסט דאָך ניט דערקלערן ווער און וואָס דו ביסט. אויב באַטראַכטן ערנסט, איז דאָס קומען אַף איין לעקציע און נאָך עפּעס ניט קלאָרע דערווײַל באַגעגענישן און שמו־עסן — אײַנגאַנצן ניט קיין גרונט, מע זאָל אים אײַנאָרדענען אין א פּרעמדער שטאָט.

גערעכט איז די שטרענגע אַדמיניסטראַטאָרשע!

ער אַליין האָט געפֿרעגט אין מאָסקווע, ניט זײַענדיק אײַנשטימיק מיט דער קאָמאַנ־דירונג:

— צוליב וואָס?

נאָר דער ענטפֿער איז געווען:

— מע דאַרף! איר פֿאַרשטייט, מע דאַרף. איר — דער סאַמע, איר... דאָרט נייטיקט מען זיך גראָד אין אײַך!

דעם אָוונט און ביז נאָך האַלבער נאַכט האָט ער ארומגעבלאָנקעט איבער דער פאַרשנייטער שטאָט, עפּעס א זייער ניט ענלעכער אף א רוסישער.

ניין, אוואדע איז עס ניט אזוי. ניט אינגאנצן אזוי. גוט, וואָס אונטערן אָרעם האָט ער ניט מער ווי א פּאַפּקע מיט קלייניקייטן. עמעצער האָט אים דאָך געייצעט מיטצונעמען א רענצל.

די שטאָט איז מיט עפּעס געווען ענלעך אף לענינגראַד און אף פּאַריזש, אויב אורטיילן לויטן קינאָ און טעלעוויזאָר, און אף עפּעס זייער א פּאַרציַיטיקס, באַזונדערס די אַלטע געסלעך אירע. מיטלאַלטער? קאָן זײַן, און אַזויאַרום...

נאָר ס'האָט געשאָטן א שניי, געשאָטן וואַרעם און צערטלעך, און די אַלטע געסלעך מיט לאַמטערנס און לעמפּלעך איבער די טויערן, מיט האַלב-באַלויכטענע פענצטער און טריבע ווענט זײַנען געווען שיין.

ער האָט פּלוצעם זיך דערמאָנט אין יורי גאַגאַרינען, זײַן ייִנגערן גוטן-פרײַנט, וועלכן מע קאָן איצט שוין פּאָשעט ניט אָנרופן בלויז באַם נאָמען, און ער האָט א טראַכט געטאָן: „ער איז דאָך, דאַכט זיך, דאָ ניט געווען?"

און נאָך האָט ער געטראַכט: „כאַפּט זיי דער טײַוול, וואָס זיי האָבן אים ניט אײַנגעאָרדנט אין האָטעל! נאָר איך בין דאָ!"

אויספּלאָנטערנדיק זיך פון עפּעס געסלעך און ליקלעך, קרומע און פינצטערע, איז ער ארויס אף א פּלאַץ און דערזען א גרויסן קאַטעדראַל-קלויסטער. ער איז געווען הויך, אפילע באַנאַכט, פאַריסן צו די הימלען און עפּעס זייער באַקאַנט.

מיט וואָס?

יאָ, פּונקט אזעלכע זײַנען געווען. ווו? אין די מילכאָמע-יאָרן?.. יאָ, אין די מילכאָמעיאָרן. אין דײַטשלאַנד, אין עסטרײַך, אין אונגאַרן, אין טשעכאָסלאָוואַקיע? דאָרט זײַנען אזעלכע קאַטעדראַלן פאַראַן, אָבער דער קלויסטער...

און ער האָט זיך דערמאָנט... קראַקאָוו. יאַנואַר פינף און פערציק. דעמאָלט האָט מען צו קוורע געבראַכט די געפאַלענע. אין שכיינעס איז געשטאַנען א קאַטעדראַלע, פּונקט אזא אָדער קימאַט אזא. ווען מע האָט אראָפּגעלאָזט אין די קוואָרים די פרײַנט, אײַנגעוויקלטע אין פּלאַשטש-פּאַלאַטקעס, האָט דער קלויסטער פּלוצעם זיך צערעדט, גלײַך אופגעאָטעמט: ס'האָט זיך צעשפּילט אַן אָרגאַן. עמעצער פון די פּאָליאַקן האָט ארײַנגעהויכט לעבן אין די בלאָזזעק פונעם אָרגאַן, און די קלאַנגען זײַנע — טראַגישע און העלדישע — האָבן פאַרטויבט אונדזער שוואַכן מיליטער-אָרקעסטער.

און דעמאָלט איז באַנאַנד געווען נינע, דער מיליטער-פעלדשער. נינאַ קאַראַליאָווא. נינא פּיאָדאָראָוונא. פון מאָסקווע. זײַן צײַט-כאַווערטע. נאָר פאַרוואָס עפּעס פונעם אָטריאַד פון דער יאַם-פּעכאָטע? און די יאַם-פּעכאָטע האָט באַפרײַט קראַקאָוו. דאָס אַלץ האָט אים פאַרבונדן מיט איר. און ניט נאָר דאָס. ער איז געווען נאַריש נאָך אין יענער צײַט, דער אכצניאָריקער, ייִנגערער לייטענאַנט. און דאַכט זיך, אז זי... אין דרעזדן האָבן זיי זיך געזעגן בײַלויפיק, און דערנאָך אין פּראָג. און וואָס איז געווען ווײַטער?.. אין עסטרײַך און אין אונגאַרן האָט ער זי שוין ניט געזען.

א שטאָט באַנאַכט. ווינטער. שניי. א מילדער וועטער. און דערנעבן אָט דער קלויסטער, אזא דענקווירדיקער, באָטש...

אַלצייַנס איז גוט. זאָל זײַן, מע האָט אים ניט אײַנגעאָרדנט אין האָטעל — גוט. זאָל זײַן די נארישע קאָמאַנדירונג — גוט. זאָל זײַן...

לעבן דעם קלויסטער, דערנאָך אין שכיינישע גאַסן האָט ער באַמערקט אפישן, באַשיידענע און גרויסע, רוסישע און היגע, און ווידעראַמאָל אַן אַנטדעקונג: דאָ אין דעם קלויסטער, ווײַזט זיך ארויס, איז א קאָנצערט-זאַל און אָרגאַן-מוזיק.

נאָענט צו פאַרטאָג האָט זיך געוואָלט עטוואָס אָפּרוען. הײַנט איז בא אים א לעקציע אינעם אוניווערסיטעט. ער וועט אוואדע דערציילן די סטודענטן וועגן אַלץ, וועגן וואָס מע מעג דערציילן, און וועגן דעם, אויב אָפּוואַרפן די באַשיידנקײַט, אז אין א סאַך פליִענדיקע אַפּאַראַטן איז דאָ א טייל פון זײַן אַרבעט, ריכטיקער — פון אַלע מיטאַרבעטער אין זײַן לאַבאָראַטאָריע, ווײַל אָן ברענשטאָף, ווי אַלע פאַרשטייען, וועט קיין אַוטאָבוס אף דער ערד ניט גיין אין רייס, ביפראַט נאָך מער קאָמפּליצירטע מאַשינען אין הימל. און דאָ, אף אָט דער ערד, ווי ער ווייסט, איז דאָ זײַן דערפינדונג, פּינקטלעכער — זייער דערפינדונג, וועלכע ווערט אויסגעאַרבעט אין זײַן לאַבאָראַטאָריע, אף צו קאָנטראָלירן און באַשטעטיקן די ווירקונג פון ברענשטאָף בא הויכע שנעלקײַטן און גרויסער אַטמאָספערישער אָנלאָדונג.

און דערנאָך דאַרף זײַן בא אים א באַגעגעניש מיט פּראָפעסאָרן פונעם אוניווערסיטעט, און אויך נאָך אין דער וויסנשאַפט-אַקאַדעמיע, און, דאַכט זיך, אין דער געזעלשאַפט „זנאַניע".

ער איז געגאַנגען אין דער ריכטונג צום וואָקזאַל, קעדיי כאָטש דאָרט געפינען אַן אָרט אָף א ביסל אָפּצורוען, נאָר מיטאַמאָל האָט ער אונטערוועגנס דערזען א נאַכט-קאַפע.

דאָס איז געווען פּאַשעט א ווונדער! און ווען ער איז אַרײַן אַהין און מע האָט געגומען בא אים פיר רובל (הײַנט אַן א פּראַגראַם), איז ער געווען גליקלעך און צופרידן, געניסנדיק פון דער וואַרעמקײַט און פון די קלאַנגען פון א טומלענדיקער מוזיק.

א כיינעוודיקע פרוי איז צוגעקומען, ווי נאָר ער האָט זיך אוועקגעזעצט בא א באַזונ-דער טישל, און געזאָגט:

— א גוטן-אָוונט! איסער דעם אַנגעוויזענעם, וועט איר נאָך עפּעס באַשטעלן? איר זײַט אַליין?

אים איז געפעלן געוואָרן אָט די פרוי, און די גאַנצע געמיטלעכע איסשטאַטונג אין קאַפע, און די העפלעכקײַט, צו וועלכער ער איז ניט געווינט, און דערפאַר האָט ער געענטפערט:

— א גוטן-אָוונט! אַלץ, וואָס איר וועט אײַנצענען. איך בין אַליין. — און צוגעגעבן שוין שפּאַסיק: — נאָר מיטן באַדינג אָפּצוהיטן מײַן פיגור. גוט?

די פרוי האָט זיך, דאַכט זיך, פאַרוויטלט און זיך פאַרכידעשט:

— אײַך, לויט מײַן מיינונג, דאַרפט גאָרניט! איר זײַט אַזאַ עלעגאַנטער...

אין אָט דער מינוט האָט ער פּלוצעם א טראַכט געטאָן וועגן דעם קאָנצערט-זאַל אינעם קלויסטער און וועגן דעם, אַז מע דאַרף טייקעף אינדערפרי ניט פאַרגעסן נעמען אַהין בילעטן. און עפּשער איז עס ניט אַזוי לײַכט?

ווי אַזוי דאָס איז פאַרגעקומען — ניט צו דערציילן.

זי האָט זיך פאַרגעשטעלט: אַליע, נאָר ער האָט געפרעגט איר פּאַטערנאָמען.

— וואַסיליעוונא, — האָט זי געזאָגט.

ער האָט עפּעס ניט געקאָנט אָנרופן זי אָן דעם פּאַטערנאָמען, כאָטש אין פאַרגלײַך מיט אים איז זי געווען א מיידעלע, נאָך זייער א יונגע.

ווען זי האָט זיך דערנעענטערט צו זײַן טישל און עפּעס געפרעגט און מע האָט גע-דאַרפט עפּעס ענטפערן, האָט ער איר געענטפערט און געזאָגט אפילו געוויסע ניט פאַר אים אייגנטימלעכע ווערטער, נאָר שטענדיק:

— אַלגאַ וואַסיליעוונא...

אין קאַפע האָט איצט געשוועבט א שטילע און אומפאַרשטענדלעכע, אומעטיקע מוזיק.

— אײַך געפעלט? — האָט זי געפרעגט.

און ער האָט געענטפערט:

— געפעלט.

אַלגאַ וואַסיליעוונא איז געווען א שיינע, אופמערקזאַמע און זייער א יונגע, און ער האָט מוירע געהאַט זי ניט צו ערגערן מיט עפּעס-וואָס. און אים איז דאָ גוט געווען.

מיטן טאָג גלײַך, ווען ס'האָט זיך פאַרמאַכט די קאַפע, זײַנען זיי צוזאַמען אַרויסגעג-גאַנגען. אַזוי האָט זיך באַקומען. עפּעס זײַנער א זאָג, און אַלגאַ וואַסיליעוונא האָט אים געבעטן:

— איר וועט וואַרטן אָף מיר? איך וועל אין איין רעגע. נאָר בלויז אָף דער גאַס און ניט לעבן דער קאַפע. א ביסעלע אָף ליבקס. גוט?

ער האָט געוואַרט, און דערנאָך זײַנען זיי ביידע געגאַנגען איבער דער אין נאַכט אײַנגעהילטער שטאָט, כאָטש לויט דעם זייגער איז שוין געווען קימאַט פרימאָרגן. אָבער ווינטער איז ווינטער, און ביז דעם באַגינען איז נאָך ווײַט.

— איר זײַט ניט געווען באַמאַנט? — האָט זי געפרעגט.

ס'איז געווען לעכערלעך צו ענטפערן אָף אַזאַ פראַגע, נאָך מער אומזיניק איר זאָג („באַמאַנט" און ניט „באַווײַבט"), — אויך אין דעם איז געווען איר לויטערע יונגקײַט, יוגנט.

— ניין, ניט געווען... עפּעס האָט זיך ניט אײַנגעגעבן.

— פאַרוואָס? — האָט זי געפרעגט.

— נו, וויאַזוי אײַך דערקלערן, אַלגאַ וואַסיליעוונא? כ'האָב אַמאָל ליב געהאַט איינע א פרוי, נאָר דאָס איז געווען שוין זייער לאַנג, אָף דער מילכאָמע... און דערנאָך... אָט אַזוי האָט זיך גאָרניט באַקומען...

— און קינדער האָט איר אויך ניט? — האָט זי אומדערוואַרט א פרעג געטאָן.
ער האָט א ווײַלע זיך פאַרלוירן, דערנאָך געשפּאַסט:
— אויב ס'איז ניטאָ קיין ווײַב, איז אַוואַדע אויך קינדער...
ווי־אַזוי זיך אופירן מיט איר, וועגן וואָס רעדן, האָט ער בעסעמעס ניט געוווּסט. נאָר אים איז געווען אומגעהײַער פריידיק, וואָס זי גייט לעבן אים, אַזאַ יונגע און שיינע, און ער איז איר, זעט אויס, אויך ניט נימעס.
וויפל דאַרף זי אַלט זײַן? צוואַנציק, צוויי און צוואַנציק?
זײַענדיק איבערצײַגט אין דעם, האָט ער דאָס בא איר געפרעגט.
— זעקס און צוואַנציק, — האָט אַלגאַ וואַסיליעוונאַ געענטפערט. — אײַנגאַנצן זעקס און צוואַנציק. נאָר איר ווייסט, ווי־אַזוי איך בין אײַך מעקאַנע און ביכלאַל אַזעלכע מענטשן, ווי איר. די מיליכאַמע דורכגעמאַכט, בא אײַך איז פאַראַן אַלץ... און מיר? מיר, אַשטייגער, איז מיט מײַנע צײַט־כאַווײרים עפּעס ניט אינטערעסאַנט, לאַנגווײַליק.
נאָך האָבן זיי גערעדט וועגן טרעסט פון גאַרקיכן און רעסטאָראַנען, ווו סע אַרבעט אַלגאַ וואַסיליעוונאַ, ווו אַלע ליובן זי און אַפילע אַף דעם ערן־טאַוול אופגעהאַנגען איר פאָטאָגראַפיע, ליידער ניט די בעסטע, און וועגן דער קאַפע, וואָס איז באַקאַנט אין שטאָט און ווו אַלע מיידלעך סטאַרען זיך זייער, אַף וויפל דער געביט פון באַדינונג איז איצט דאָס וויטעקסטע, און וועגן דעם רעדט מען אומעטום. און נאָך וועגן עפּעס...
„זיך פאַרליבט! נאַר! אידיאָט! זיך פאַרליבט! צוליב וואָס?" — האָט ער געטראַכט בא זיך, הערנדיק אַלגאַ וואַסיליעוונען.
דערהערט:
— און איר?
— וואָס איך?
— איר אַרבעט ניט אפן געביט פון באַדינונג?
ער האָט זיך פאַרשעמט:
— וואָס רעדט איר, אַלגאַ וואַסיליעוונאַ! — און באַטראַכטנדיק זיך, צוגעגעבן: — אייגנטלעך, אין א געוויסער מאָס...
אוןווירקלעך, מיט וואָס איז זײַן טעטיקײַט ניט קיין געביט פון באַדינונג! דאָס איז אַפילע קאָמיש, וואָס אַלגאַ וואַסיליעוונאַ האָט אים אונטערגעזאָגט אַזאַ געדאַנק.
ס'האָט אָנגעהויבן גיין א שניי, א שטאַרקער, מיט א ווינט. פאַרדעקט דאָס פּאָנעם, האָט אַלגאַ וואַסיליעוונאַ זיך צוגעטוליעט צו אים, גענומען אונטערן אָרעם, און זיי האָבן אַזוי פון זיך אַליין גענומען אײַלן.
קעדיי ניט צו שווײַגן, באַגלייטנדיק זי, האָט ער פאַרגעבן נאַרישע פראַגן.
ווײַזט זיך אַרויס, אַז זי האָט ניט קיין מאַזל. געווען בא איר א מאַן פעטיא, א לייטע־נאַנט. זייער א גוטער מאַן און א זעלטענער מענטש, נאָר יונג, און זיי האָבן עפּעס ניט געפונען אײַנער דעם צווייטן, כאָטש זי איז געקומען אַהער צוליב אים פון נאָוואָסיבירסק. קאָן זײַן, אַז אין עפּעס איז אויך זי שולדיק. זי איז א מענטש א ניכטערער און פאַרשטייט אַלץ, און מע דאַרף ניט די אייגענע פעלערן אַרופוואַרפן אפן מאַן. נאָר אַזוי האָט זיך באַ־קומען. און קינדער? דאָס איז שווידערלעך. געווען קינדער, נאָר אויסגעשטאָרבן. און קיין פאָטער און מוטער האָט זי אויך ניט.
„ניט קיין נאַרישע", — האָט ער א טראַכט געטאָן, — כאָטש נאָך זייער יונג... איך אין פאַרגלײַך מיט איר..."
און אים איז ווידער געווען זייער גוט.
דאָס הויז, ווו ס'האָט געוווינט אַלגאַ וואַסיליעוונאַ, איז געווען ניט ווײַט פון דער קאַטעדראַלע.
— רופט מיך, ביטע, פּאַשעט באַם נאָמען! — האָט זי געבעטן. — אַניט איז מיר עפּעס אומבאַקוועם. און מאָרגן וועלן מיר זיך זען? — און זיך צעלאַכט: — פאַרוואָס „מאָרגן" — הײַנט?
און ער האָט זי אָנגערופן באַם נאָמען:
— בעפּייִרעש, וואָס וואָלט געווען, אַשטייגער, אַליע, ווען מיר זאָלן גיין אין אָט דעם קלויסטער אַף א קאָנצערט פון אָרגאַן־מוזיק? איך וואָלט גענומען בילעטן. ווי־אַזוי קוקט איר אַף דעם?
— וווּנדערלעך! — האָט זי אויסגערופן. — אַן אויסגעצייכנטער אײַנפאַל! איך אַליין בין נאָך קיינמאָל ניט געווען דאָרט, נאָר אַלע זאָגן: אינטערעסאַנט.
ער האָט איר א קוש געטאָן אין האַנט, וואָס ער טוט זייער זעלטן.

זיבן אינדערפרי, בלאָנקענדיק נאָך א שטיקל צײַט איבער דער שטאָט, וועלכע האָט אים איצט אויסגעזען ווונדערלעך שיין, איז ער צוגעגאַנגען צום האָטעל. טומלענדיקע אויסלענדער זײַנען ארויס פון די טירן, און ער האָט דערוועגט זיך ארײַנצוגיין און פרעגן:

— וואָס איז מיט א נומער?

און דאָ איז געשען אויסערגעוויינלעכס. די אדמיניסטראַטאָרשע איז שיר ניט ארויף אף אים מיט א גאַנצן שטראָם פון ליבלעכקײַטן:

— נו, ווי קאָן מען עס אזוי?.. אזא מענטש! וואָלט איר געזאָגט נעכטן!.. אגעוו, קאָן מען אײַך באַגריסן מיט דער באַלוינונג? געהערט, געהערט! זײַט ניט אזוי באַשיידן! בעפיירעש, וואָס פאַר א באַשיידענער איר זײַט! זיך באַווײַזן און אפילע דעם נאָמען ניט אָנרופן! אלע אינטערעסירן זיך. שוין דאָ מיט אײַך. און מיר האָבן אף אײַך געוואַרט! דער לוקס-נומער לויט דער העכסטער קאַטעגאָריע איז שוין גרייט...

ביזן אָוונט האָט ער זיך שוין באַקאַנט אי מיט די סטודענטן, אי מיט די פּראָפעסאָרן פונעם אוניווערסיטעט און איז ארויסגעטראָטן אין דער געזעלשאַפט „זנאַניִע", ווו אלץ איז געווען עפּעס אזוי ניט געוויינלעך, פּיבערנדיק, נאָר גוט, און נאָך באַווײַזן נעמען בילעטן אפן קאָנצערט. דאָס האָט אים באַרויִקט.

ער האָט זיך באַגעגנט מיט אַליען, אזוי ווי ס'איז געווען אָפּגערעדט, אָן א פערטל זיבן באַם קלויסטער.

דערנאָך איז געווען דער קאָנצערט. אָרגאַן. באַך. אָן אָרקעסטער מיט א כאָר. הענדעל. טשײַקאָווסקי. הײַדן. בעטהאָווען. באָראָדין. און פריִער אײַנגאַנצן ניט באַוווּסטע אפילע לויט די נעמען, עקלס, רעגער, פרענק, בוקסטעכודע.

אַליע איז געזעסן לעבן אים און געהערט, און ווען ס'האָט זיך צעשאַלט די פרעליודיע און פוגע רע מאַזשאָר, האָט ער פאַרגעסן אין אלץ, זיך אריבערגעטראָגן קיין קראַקאָוו, אין יאַנוואַר פינף און פערציק, און דערזען נינען, קאַראַליאָווא נינא פּיאָדאַראָוונא, פון דער יאַם-פעכאָטע, און מע האָט צו קוורע געבראַכט דעמלט וואַסיע קאַליאַיעוון, דעם פּאַטאַ-אויסשפּירלער קאָסטיע ניקאַלײַעוון, דעם ייִנגערן לייטענאַנט סאַלאָוויאָוון פון זייער פּאָלק און נאָך א סאַך אנדערע. און פונעם אָטריאַד יאַם-פעכאָטע, ווו ס'האָט געדינט נינע...

און ווען אַליע האָט אָנגערירט זײַן האַנט, עפּעס א מורמל געטאָן, האָט ער ניט פאַרשטאַנען.

— וואָס, נינע?

נאָר אויך זי האָט, זעט אויס, ניט פאַרשטאַנען, אז ער האָט א טאָעס געהאַט, און זיך ניט באַליידיקט:

— איך זאָג, אז אויב די בילעטן אין דער נײַן-און-פערציקסטער ריי קאָסטן א רובל פופציק, וויפל זשע קאָסט די ערשטע ריי?

ער האָט זיך גאָרניט גענומען איר דערקלערן, כאָטש די ערשטע ריי דאָ איז ניט בעסער, זי איז באַם סאַמע אָרגאַן.

נאָכן קאָנצערט זײַנען זיי געגאַנגען קימאַט שווײַגנדיק. אַליע האָט וועגן עפּעס געפרעגט, און ער האָט עפּעס געענטפערט.

די שטאָט איז געווען צוגעשיט מיט ווייכן שניי. און דער שניי, און די גאַסן, און דער פּלאַץ, און דער קלויסטער, און די אָרגאַן-קלאַנגען, אלץ איז געווען ניט דאָ, נאָר דאָרט — אין קראַקאָוו. דעמלט אין פינף-און-פערציקסטן, איז געווען פונקט אזא ווייכער שניי.

זיי האָבן זיך דערנעענטערט צו דער פּאַראַד-טיר.

— און בא מיר איז דאָך קיינער ניטאָ, — האָט אַליע געזאָגט. — איר וועט ארײַנגיין?

ער האָט אָפּגעשוויגן.

— און אויב איך וועל זייער בעטן? — האָט אַליע צוגעגעבן. — זייער, זייער?

— ניין, ניין, א צווייט מאָל, — האָט ער געזאָגט קימאַט מיט א שולד-געפיל און עפּעס נאָך צוגעגעבן וועגן פאַרנומענקײַט, וועגן עמעצן, וואָס דאַרף אים אָנקלינגען אין האָטעל.

ער האָט איר א קוש געטאָן אין האַנט און זיך גענומען אײַלן.

„ווי נאָר איך וועל זיך אומקערן, וועל איך אומבאַדינגט אויסזוכן נינען! אפילע ווען זי איז א כאַסענע געהאַטע, אפילע ווען זי האָט קינדער, נאָר איך האָב דאָך רעכט פּאַשעט זיך צו דערוויסן, ווו און וויִאזוי זי לעבט".

אָלגא וואסיליעוונא איז א גאנצע נאכט ניט געשלאָפן. ערגעץ האָט זיך איר פאָרגעשטעלט א שרעקלעכער קלויסטער אָן א סטעליע און אָן א דאך, און ס'האָט געשאלט מוזיק, און ס'איז געווען ווארעם און געמיטלעך באנאנד מיט אָט דעם מאָדנעם מענטשן. און זי האָט געוויינט פון גליק און פון אוולע און געטראכט, צוליב וואָס האָט זי אים אָנגעליגנערט וועגן עפּעס א פּעטיע און וועגן קינדער, וועלכע זײַנען קיינמאָל ניט געווען.

איך האָב ליב אונדזער גאס

א גאס ווי א גאס. זי ווארפט זיך מיט גאָרניט אין די אויגן. הײַזער לינקס, הײַזער רעכטס.ביימער לענגויס די טראָטוארן.

עמעס, זומערצײַט, ווען דער פוך שוועבט ארום, איז גרויסארטיק. ווי א שניי-שטורעם קנוילט ער זיך איבערן אספאלט. דארפסט נאָר אָנרײַבן א שוועבעלע — פלאמט דער פוך אויף מיט א קנאק און דרייט זיך, שלענגלט זיך פעדעמדיק איניינעם מיטן פײַער.

א סאך קינדער פארנעמען זיך מיט דעם, און איך האָב אויך איין-און-איינציק מאָל געפרוווט, נאָר ס'האָט מיר ניט אָפּגעגליקט. א שאָפער האָט אָפּגעשטעלט זײַן סאמאָסוואל, איז ארויסגעקראָכן פון דער קאבינע: „וואָס, יונגאטש, קיין בעסער טועכץ האָסטו שוין ניט געפונען? ס'פעלט נאָך, זאָלסט מיר ארײַנרוקן א שנויץ אין בענזין-קעסל!"

אזויארום האָט דער פוך מיך אויפגעהערט אינטערעסירן. און די ביימער איניינעם מיטן פוך.

נאָר גאס איז גאס. א פּאָטשט אויף איין עק, א פּאָטשט אפן צווייטן עק. גאָר נאָענט א ברויט-קראָם. א כעמישע רייניקונג, א גרינווארג-שטעלעכל, דרײַ מאגאזינען — „פלייש", „דיעטע", „שפּײַז". נאָך אן אוניווערמאג און א קאָמבינאט פון שטייגער-באדינונג. א מעכײַע! די מאמע שיקט מיך שטענדיק אײַנקויפן אמאָל דאָס, אמאָל יענץ, פינף מינוט — און איך בין פרײַ. אלץ איז נאָענט, באקוועם, פארשטייט זיך.

קינאָ-טעאטערס זײַנען בא אונדז אויף דער גאס צוויי. א קלענער קינאָ-טעאטער און א גרויסער. דאָס איז גאָר ווויל. פאר קינדער — „פרײַנט", פאר דערוואקסענע — „פּיטער". ס'הייסט נאָר אזוי — פאר קינדער און דערוואקסענע, אינדערעמעסן איז עס איינס און דאָס זעלבע. אין קינדערישן דרייט מען פילמען פאר דערוואקסענע, און אינעם דערוואקסענעם — פאר קינדער. און אין ביידע גייען אי די פילמען, אי יענע. אזוי אז מע קאָן גיין אין ביידע. די עלטערן לאָזן. און אפילע פריער, ווען איך בין געווען נאָך א קלענינקער, האָט מען מיר דערלויבט איינעם אליין. ווײַל ס'איז נאָענט, מע דארף די גאס ניט אריבערגיין. און איך שול אויך אזוי, אָט שוין אכט יאָר, אָנגעהויבן פונעם ערשטן קלאס. די שול איז גאָר-גאָר נאָענט, נעענטער ווי „פּיטער".

די גאס איז א ברייטע. מיט איין מאָל היפּערסטו זי ניט אריבער אויף דער אנדערער זײַט. מאשינען, טראָליבוסן, לאסט-לאפעטן אהין און צוריק, אהין און צוריק. אין שכיינעס איז א זאוואָד פון אײַזנבעטאָן-קאָנסטרוקציעס און א קאָמבינאט פון הײַזער-בויונג. באלקאָנס, סטעליעס, ווענט פון הײַזער מיט פארטיקע פענצטער שלעפּט מען אויף לאפעטן.

אלצדינגס. וואָס איז אזוינס אין איר אויסערגעוויינלעכס? אָן א שיר אזעלכע גאסן און געסלעך אין מאָסקווע! מער אינטערעסאנטע! אויף איינער איז לעבן ארויסגעטראָטן, אויף אנדערע האָט פּושקין געוווינט. דאָ איז געווען דער שטאב פון רעוואָלוציאָנערע ארבעטער, דאָרט — קוטוזאָווס שטיבל אָדער גאָרקיס הויז. לערמאָנטאָוו, קאלינין, גריבאָיעדאָוו, פרונזע, אָגאריאָוו, קאָסמאָדעמיאנסקאיא, טאָלסטאָי, טאלאליכין... זיי אלע זײַנען ערגעץ געווען, ארויסגעטראָטן, געוווינט, עפּעס געלייענט, נאָר בלויז ניט אויף אונדזער גאס. און וועגן איינע זײַנען אײַנגעשטעלט געדענק-טאָוולען אויף די ווענט פון די הײַזער, וועגן אנדערע דערציילן די גאסן מיט די נעמען אויף די שילדלעך.

און אונדזערע רופט זיך עפּעס קאָמיש: „די זאמדיקע", און נאָך מיט א צוגאָב — „נײַע". נאָר קיין שום זאמד איז אין גאנצן ארום ניטאָ. ניט קיין נײַס און ניט קיין אלטס. ניט רעכענענדיק דאָס, וואָס מע פירט אָן אין די הויפן אויסשליסלעך פאר קינדער.

אזוי ברענגט מען אומעטום, אויף דער פּרעסניע און אויף דער קוטוזאָווקע. אין אזא זאמד האָב איך זיך געשפּילט, ווען איך בין אלט געווען פיר יאָר און מיר זײַנען אריבערגעפאָרן אהער.

צען יאָר לעבן מיר אָף אָט דער גאַס, און איך בין געוווינט צו איר, ווי צו מײַן דירע און צו דער שול, צוגעוווינט צו אַלץ, צו וואָס מע דאַרף זיך צוגעוווינען.

צי קאָן מען ליב האָבן אַ שול? איך האָב ליב די שול, דעם קלאַס, די לימודים, די לערנביכער, די אַטמעטעקעס... לעכערלעך, עמעס? איך האָב ליב, דו האָסט ליב, ער האָט ליב... מע דאַרף, פֿאַשעט מע דאַרף, און פֿאַרטיק. דאָס איז דיר ניט קינאָ און ניט פֿוטבאָל צי אַ גוט ביכל!

און די דירע? אויך קאָמיש ליב צו האָבן אַ דירע, כאָטש אַ דירע איז ניט קיין שול, און, קאָן זײַן, מיר געפֿעלט אפֿילע אינדערהיים, נאָר ליב האָבן?

און אַ גאַס קאָן מען ליב האָבן?

— פֿונדעסטוועגן מער פֿון אַלץ האָב איך ליב אונדזער גאַס! און וואָס פֿאַר אַ קלוגע זײַנען מיר, וואָס מיר האָבן זיך דעמלט ניט איבערגעפֿעקלט אָף דער לאָמאָנאָסאָווסקע.

אַזוי זאָגט דער טאַטע צו דער מאַמען. שוין אַ סאַך יאָרן.

נאָר לויט מיר, קאָן זײַן אַפֿילע לאָמאָנאָסאָווסקע. איך בין דאָרט געווען. אויך אַ גאַס. און מיט גאָרניט ערגער פֿון אונדזערער.

— איך אָווּנט, ווי נאָר איך פֿאַרבײַג צו אונדז, אַזוי פֿאַרשווינדט די גאַנצע מידקײַט. אָף מײַן ערנוואָרט, קיין בעסערע פֿון אונדזער גאַס איז ניטאָ!

דאָס זאָגט שוין די מאַמע צום טאַטן. אויך אַ סאַך יאָרן נאָכאַנאַנד.

און אין פֿאַבריקן, צי אין פֿאַר-פֿאַבריקן, איך געדענק ניט פּינקטלעך, האָט זיך באַקומען גאָר אינטערעסאַנט.

צום טאַטן איז געקומען צו פֿאָרן אַ כאַווער פֿון פֿילאַדעלפֿיע, מיט וועלכן ער האָט זיך באַפֿרײַנדעט, זײַענדיק אין אַמעריקע. זיי האָבן גערעדט וועגן פֿאַרשיידענע זאַכן. דערנאָך פּלוצעם וועגן אונדזער גאַס. דער אַמעריקאַנער האָט אַלץ זיך נאָכגעפֿרעגט בא מײַן טאַטן, וועגן וואָס ער זאָל שרײַבן. קענטיק, ער איז געווען אַ זשורנאַליסט אָדער אַ שרײַבער. האָט ער געבעטן באַם טאַטן, ער זאָל אים אונטערזאָגן, וויאַזוי און וואָס בעסער אָנצושרײַבן וועגן מאָסקווע.

— צוליב וואָס בעסער? מע דאַרף ניט בעסער, גאַרי. נעם פֿאַשעט אונדזער גאַס. אַ געוויינלעכע גאַס אין מאָסקווע, און דאָך די סאַמע בעסטע. ווילסט, וועל איך זיך אָפּבעטן אָף דער אַרבעט און מיר וועלן גײַן אײַניינעם. מיר וועלן נעמען די סטאַטיסטיק: ווער סע וווינט אָף אָט דער גאַס. דו וועסט זען, וואָס בא אונדז איז שלעכט, וואָס גוט. מיר וועלן באַזוכן וווינונגען, קראָמען, קינדער-גאָרטנער, שולן. דאָס איז דיר ניט דער רויטער פּלאַץ, וועגן וועלכן מע האָט שוין געשריבן הונדערט טויזנט מאָל, און ניט די גאָרקי-גאַס. איך שווער דיר, סע וועלן זײַן אויסגעצייכנטע פֿאַרצייכענונגען פֿאַר אַמעריקע...

— אָ-אָ! דאָס איז זייער אינטריגירנדיק! — האָט אויסגערופֿן דער אַמעריקאַנער.

און ער איז דרײַ מעסלעס געגאַנגען מיט מײַן טאַטן איבער אונדזער גאַס. דרײַ מעסלעס!

מאָדנע מענטשן! נאָר זאָל זײַן אַזוי! מיר איז אַלצייגס. גאַס און גאַס...

איך גיי אַרויס אין גאַס צוליב עפּעס אָן איניען און אויך פֿאַשעט אַזוי.

פֿאַשעט — זעלטענער, ווען ס'איז ניטאָ וואָס צו טאָן. און אָן איניען הייסט שול, קראָם, קינאָ, פֿאָטשט, כעמישע רייניקונג, קאָמבינאַט פֿון שטייגער-באַדינונג, קעדיי פֿאַריכטן די שיך.

פֿאַשעט אַזוי — איז צוליב גאָרניט.

— איך גיי זיך דורך, — האָב איך געזאָגט דער מאַמען.

— גיי, גיי, דו זעסט דאָך ניט די ליכטיקע וועלט, — האָט זי מאַסקים געווען. — נאָר אַכט אַזייגער זאָלסטו זײַן צוריק. דער טאַטע האָט געקלונגען, ער פֿאַרהאַלט זיך ביז אַכט. מיר וועלן עסן אָוונטברויט.

— איך וועל קומען.

אין הויף זײַנען קיין כעווריע ניט געווען, אויסער קליינע. איינעם האָב איך יאָ באַמערקט: דעם פּאָליעריקן וואַלקע קאַרפּאָוו פֿונעם נײַנטן קלאַס, ער האָט פֿאַרקערעוועט אין אַ זײַטיקער גאַס. איך האָב ניט ליב אַזעלכע, ווי ער. אַליין ניט קיין קינד, נאָר וואַלקעס ווערצעלער און אומענדלעכע „מיידעלעך — וואָ!", „אַלע מענטשן זײַנען שיזאָפרעניקער" האָבן מיר דערעסן. ווי עפּעס אַ כונוייבין! גוט כאָטש, וואָס ער לערנט ניט אין אונדזער-שול...

כ'האָב זיך דערמאָנט, אַז איך האָב אַ ביסל קליינגעלט. אָפּגעשפּאָרט פון די פּריש־טיקן. פּונקט אַף מאַראָזשענע. איך לאָז זיך גיין. אפן ראָג הינטער דער פּאָטשט שטייט שטענדיק אַ פאַרקויפערן. קאָן זײַן, אַז אונטערוועגנס וועל איך באַגעגענען עמעצן, אַ מער לײַטישן פון וואָלקן.

דער הויף איז פאַרוואָסערט געוואָרן. אַ גאַנצן ווינטער האָט מען פונעם אַספּאַלט אָנגעוואָרפן אַ באַרג מיט שניי, איצט איז ער צעגאַנגען, צערונען, צעשווומען אונטער די פיס. אַזוי געשעט יעדן פרילינג. די ביימער אין סקווער וואַכן אויף. סע קריכן אַרויס פון אונטערן שניי די אינדיווידועלע אויטאָמאָבילן. דער רויטער פליגן־שוואָם לעבן דעם זאַמד האָט שוין אָפּגעטרייסלט דעם שניי פון זײַן ריזיקער שליאַפּע. און די הוידלקעס, וואָס שטייען אינדערנאָענט. און דער צוים פונעם סקווער קריכט מיט גרינע שטאַכעטן אַרויס פונעם שניי.

אַף דער גאַס איז אינגאַנצן קיין שניי ניטאָ. אַף דער גאַס זײַנען רײנע טראָטואַרן נעענטער צום ראַנד טרוקן, נעענטער צו די הײַזער נאַס. פון די דעכער קאַפּעט, אין די רינוועס פליסן ריטשקעלעך און צעגיסן זיך איבערן אַספּאַלט אין סטרונקעלעך, קאַליושעס, פאַשעט אין נאַסע פלעקן, אַפּרעל איז טריפנדיק.

ווי שטענדיק, שנײַדט מען בײַ אונדז אין פרילינג אונטער די ביימער אַף דער גאַס. פרויען אין בלויע כאַלאַטן איבער די מאַנטלען מיט לאַנגע שערן אין די הענט האַווען אַרום די צווײַגן פון די ביימער, ווי אין פאַבריקמאַכערסקע, אַנדערע שטייען אַף אַ לייטערל און שנײַדן מיט זעגן, ס'פאַלן צווײַגן אַפן טראָטואַר און גאַנצע בערווענעס, און די ביימער אַליין ווערן קליינע אַרומגעהאַקטע פניאַקעס, ענלעכע אַף באַשעפעניש פון קינדער־מײַסע־לעך אָדער אַף פאַרהוילענע מידבר־געוויקסן. ניט קיין באַאָבאַבן, ביכלאַל...

די פרויען אין בלויע כאַלאַטן באַוועגן זיך פאָרויס, צוערשט פון איין זײַט גאַס, פון פּאָטשט צו פּאָטשט, און נאָך זיי בלײַבן איבער באַשניטענע ביימער מיט הויפנס צווײַגן אַפן טראָטואַר, דערנאָך הייבן זיי אָן פון דער אַנדערער זײַט, אויך פון פּאָטשט צו פּאָטשט. נאָר שוין פון דער צווייטער פּאָטשט צו דער ערשטער. און אַפן אַנטקעגנדיקן טראָטואַר באַווײַזן זיך אויך באַשניטענע ביימער און צווײַגן אונטער זיי. און ווען די פרויען דערגייען צו דעם אָנגעהויבענעם עק, פאָרן אָן מאַשינען, אַ סאַך לאַסטמאַשינען, ווי אין די טעג פון גרויסע שנייפאַלן. זיי נעמען צונויף די צווײַגן און בערווענעס, רייניקן אָפּ די טראָטו־אַרן, און אַף דער גאַס ווערט ראַכוועסדיק און ליכטיק...

איך בין פאַרבײַגעגאַנגען די פרויען אין בלויע כאַלאַטן, פאַרבײַ די הויפנס אָפּגע־זעגטע צווײַגן, צו דער פּאָטשט, צו וועלכער זיי זײַנען נאָך ניט דערגאַנגען. הינטער דער פּאָטשט, באַם ראָג, דאַרף שטיין די מאַראָזשענע־פאַרקויפערן.

די פאַרקויפערן איז געווען אַפן אָרט.

איך האָב איבערגעציילט דאָס קליינגעלט און דערלאַנגט:

— „לענינגראַדסקאָיע"!

— עפּשער דיר קויפן? — האָט עמעצער לעבן מיר געפרעגט. — פּריוועטיק!

לעבן מיר איז געשטאַנען אונדזער שכנטע, גאַליע, וואָס וווינט אַ שטאָק נידעריקער.

— ניין, איך האָב געלט, — האָב איך אַרויסגעשטאַמלט.

פאַר גאַליען שעם איך זיך עפּעס. זי איז עלטער פון מיר, קימאַט אַ פּאָליעריקע, לערנט אין טעכניקום און אַרבעט שוין. ווען זי באַגעגנט מיך אַף די טרעפּ אָדער אין הויף, זאָגט זי שטענדיק אָט דעם „פּריוועטיק"! און איך ענטפער ערנסט: „גוט־מאָרגן"!

— גוט־מאָרגן, — האָב איך איצט מיט אַ פאַרשפּעטיקונג אַרויסגעשטאַמלט.

— מיר — פּלאָמביר, — האָט אין אײַלעניש געזאָגט גאַליע און דערנאָך צו מיר: — טו אַ קלער, איך וועל דיר נעמען נאָך, אויב דו ווילסט.

— ניין, מע דאַרף ניט, אַ דאַנק.

— דו גייסט אַהיים?

איך האָב געזאָלט זאָגן „יאָ, אַהיים". וווּהין נאָך דאַרף איך גיין, אויב ניט אַהיים?

— איך גיי אין ברויט־קראָם, — האָב איך גיך אַ מורמל געטאָן. — ניט אַהיים.

איך ווייס אַליין ניט, פאַרוואָס האָב איך אַזוי געזאָגט.

— אַ שאָד, אַניט וואָלט איך דיך פאַרבעטן צו זיך, הײַנט איז מײַן געבורטסטאָג. קײַלעכדיקע זיבעצן...

איך ווייס ניט, וואָס מיט מיר האָט פּאַסירט און פאַרוואָס איך האָב זיך דערשראָקן. אַפילו די מאַראָזשענע ניט אויסגעפּאַקט, און בין אַוועק צו דער ברויט־קראָם, דערנאָך צו דער מעטראָ. און בײַ דער מעטראָ האָב איך זיך דערמאָנט: „געדאַרפט זי באַגריסן". און

זיך געגומען פֿאַרשטעלן, וויאַזוי האָב איך עס געדאַרפֿט טאָן. אַלץ זיך פֿאַרגעשטעלט: וואָס איך זאָג, וואָס זי זאָגט, ווידער וואָס איך, ווידער וואָס זי. און אַפֿילו דאָס, וואָס איך וואָלט קיינמאָל ניט געוואָגט: „מיר געפֿעלט זייער, ווען איך בין בײַ אײַך, גאַליע, איך זע...“ ניין, בעסער אַזוי: „איר געפֿעלט מיר זייער...“ אָדער נאָך בעסער: „און איך...“

די מאַראָזשענע איז זיך צעגאַנגען אין דער האַנט, און איך האָב פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס אַלץ איז אומזיסט, זי איז דאָך אַוועקגעגאַנגען. כ׳וואָלט געדאַרפֿט גיין מיט איר צוזאַמען צו איר דירע, געדאַרפֿט באַגריסן, געדאַרפֿט אַרײַנגיין צו איר, געדאַרפֿט קויפֿן בלומען, אָט דאָ טאַקע בײַ דער מעטראָ...

געדאַרפֿט! אַך, וואָס פֿאַר אַ נאַר איך בין!

די מאַראָזשענע האָט ענדגילטיק זיך צעלאָזט, איך האָב זי פֿאַרשלונגען, אײַנגעגלאַנצט זיך אויסגעשמירט, און זיך אומגעקערט צוריק אַהיים. און ווידער זיך דערמאָנט: „און עפּשער איז זי נאָך ניט דערגאַנגען, זיך פֿאַרהאַלטן?“ איך האָב אָנגעהויבן גיין שטילער, לאַנגזאַמער.

און ווירקלעך, איך האָב ניט וווּהין צו אײַלן. ס׳איז נאָך ליכטיק אין דרויסן. און ביז אַכט איז נאָך מער פֿון אַ האַלבער שעה.

נאָך צוויי ביימער און נאָך צוויי הויפֿנס אָפּגעזעגטע צווײַגן אונטער זיי. די פֿרויען אין בלויע כאַלאַטן רוקן זיך איבער צו דעם ווײַטערדיקן בוים. אַלץ נעענטער צו דער פֿאַטשט.

— און אים וואָס גייט אָן? ווי פֿון אַ גאַנדז אַ פֿעדער! — האָט געזאָגט איינע, שלעפּנדיק דעם לייטער.

— זי איז אויך איר געלט ווערט! — האָט געענטפֿערט אַ צווייטע מיט דער שער אויפֿן שטעקן און מיט אַ זעג אונטערן אָרעם. — דו וואָלסט זיכער פֿאַר אַזעלכן ניט כאַסענע געהאַט...

זיי האָבן געהאַלטן אין איין באַרעדן געוויסע איינאָנים זייערע.

ס׳האָט פּאַמעלעך אָנגעהויבן טונקל ווערן. ניט אַזוי, ווי ווינטער, טייקעף, נאָר ביסלעכווײַז. עמעצער האָט פֿאַרהאַנגען די פֿענצטער אין די הײַזער, עמעצער האָט פֿאַרהאַקט די פֿאַרטקע. אין צוויי, איינער נאָכן אַנדערן דורכפֿאָרנדיקע טראָלייבוסן, האָט מען אָנגעצונדן די שײַן.

די אייגנטימער פֿון הינט זײַנען אַרויס אויף אַ שפּאַציר, און איך האָב באַדויערט, וואָס בײַ אונדז איז ניטאָ קיין הונט. דער טאַטע זאָגט: „ווי נאָר דו וועסט אונטערוואַקסן, איך מיט דער מאַמען האָבן ניט קיין צײַט“. ריכטיק, זיי האָבן ניט קיין צײַט, נאָר איך וואָלט אַפֿילו איצט...

און צי דען זײַנען אַלע די, מיט די הינט, ווייניקער באַשעפֿטיקט? אַלטיטשקע און ייִנגערע, און פֿרויען. עמעס, קיין איין ייִנגל אָדער מיידל זעט מען ניט. צי זײַנען בײַ זיי קיין קינדער ניט פֿאַראַן? און נאָר הינט? דאָס איז ווי אין שוועדן. דער טאַטע האָט דערציילט:

— איר מיינט, אַז דאָרט כאָוועט מען הינט צוליב הינט? ס׳לאָזט זיך ניט אויס! אַ קלוגער שוועד ווייסט, אַז ער דאַרף שפּאַצירן טאָגטעגלעך פֿון פֿיר ביז פֿינף שעה... ס׳איז נוצלעך פֿאַרן געזונט. דער הונט איז אַ גוטע געלעגנהייט. איז אָט, כּלינען אַרויס אויף די גאַסן אין שטאָקהאָלם אַזעלכע הינט-באַזיצער. אייניקע האָבן אַ שפּיל-הינטל, אַ הונט, אַנדערע — אַ גאַנץ פֿאַרשיידנאַרטיק הינטיש געווימל. צוויי, דרײַ, פֿיר הינט. סע פֿירט זיי דער באַלעבאָס, סע פֿירט די באַלעבאָסטע. און זיי זײַנען צופֿרידן. די הינט גייען זיי אָן, ווי דער נעכטיקער טאָג. נאָר זיי זײַנען צופֿרידן, שפּאַצירן און אָטעמען אײַן זויערשטאָף!

איך האָב נאָכאַמאָל אַ קוק געטאָן פֿאַרויס. ניין, גאַליען זעט מען ניט. וואָס איז מיט מיר? גענוג, גענוג צו טראַכטן וועגן איר. און וואָס קאָן זײַן?..

מיר איז אַנטקעגנגעקומען אַ מאַנצבל מיט אַ וואָלפֿהונט — אַ קלוגן, שיינעם, מיט אַ שוואַרץ-גרויער פֿעל, און געקוקט האָט ער נאָר אויפֿן באַלעבאָס.

— הוליע, הוליע, דזשאַנאַ, — האָט אויסגערופֿן דער באַלעבאָס. — בײַ מיר פֿאַרשטייסט, איז אויפֿגעקומען אַ געדאַנק... אויף דער אַרבעט איז דאָ אַ הינטיכע... פֿאַרשטייסט? דו הוליע, הוליע!

ער האָט גערעדט מיט דעם הונט, און געטראַכט, אַוודאי, ניט וועגן אים, ניט וועגן זיך, נאָר אײַנגאַנצן וועגן עפּעס אַנדערש. נאָר גערעדט מיט דעם הונט, מיט דזשאַנאַ.

און גאַליע האָט מיך גערופן. און איך בין ניט געגאַנגען. און איר גאָרניט געזאָגט.

— דו פאַרשטייסט, דאָס איז ניט קיין לינדנביימער, נאָר טאָפּאָלן! עמעסע שמעקנ-דיקע טאָפּאָלן. אַזעלעכס ניט וויסן. נו, שיראַיעוו!

נו איז וואָס שיראַיעוו! יאָ, שיראַיעוו. אַ מעטער מיט איין און זעכציק, אַגעוו, כאַטש מיר לערנען אין איין קלאַס, וואָלסטו אַ באַלן געוווען וויסן, אַז אָט דעם סאַמע שיראַיעוו, אָט יענעם, פֿונעם אַכטן קלאַס, האָט איינע אַ מיידל אײַנגעלאַדן. אַ דערוואַקסענע. זיבעצן יאָר אַלט, ניט אַזוי, ווי דו... און איך בין פּאַשעט ניט געגאַנגען, קיין צײַט ניט געהאַט. און לינדנביימער — טאָפּאָלן...

— אײַגנטלעך, ווייסן אַנדערע אויך ניט, גאָר ניט געפּערלעך. אויב דו ווילסט...

איך האָב ניט געוווּסט. אינגאַנצן ניט געוווּסט. אַ ביזע-ביזאַיען! קאָן זײַן, צען יאָר ווויִן איך אויף אָט דער גאַס און געהאַלטן, אַז דאָס זײַנען לינדנביימער.

— לינדנביימער זײַנען לאַכלוטן אַנדערע. אַפּילע מיט גאָרניט קיין ענלעכע. אָט אויף דער גאָרקי-גאַס, צום בײַשפּיל, שיראַיעוו... האָסט געזען?

וואָס פאַר אַ בושע? נו ליפּע, נו טאָפּאָלן. ניט אַלציינס?

— דו ביסט געווען אויף דער גאָרקי-גאַס?

איך זאָל ניט זײַן אויף דער גאָרקי-גאַס! וויפל מאָל געווען, און אַפּילע אײנמאָל בע-קיוון געפֿאָרן. גאַליע איז אַהין געפֿאָרן, און איך נאָך איר. פּאַשעט אַזוי. צוערשט מיט דער מעטראָ ביז „בעלאָרוסקאַיאַ“, דערנאָך צופֿוס, נאָר אַזוי, אַז זי זאָל ניט זען, ביז צו דער מײַוסקאַיאַ פּלאָשטשאַד. דאָרט איז זי פֿאַרשוווּנדן. און איך האָב געטראַכט זי אַניאָגן און באַגעגענען קלוימערשט צופעליק, נאָר ביז איך האָב געטראַכט, איז זי...

— אוואַדע געווען! נו איז וואָס?

— גאָרניט. פּאַשעט אויף דער גאָרקי-גאַס וואַקסן לינדנביימער, און אויף אַנדערע גאַסן... און בא אונדז — טאָפּאָלן.

— איך ווייס, — האָב איך גלאַט אַזוי אַ זאָג געטאָן. — און דו וואָס טוסט דאָ? צו-ליב וואָס?

איך האָב באַמערקט, אַז זי פּאָרעט זיך אין די הויפּנס אָפּגעשניטענע און אָפּגעזעגטע צווײַגן און ברעכט אָפּ זייערע שפּיצן.

— דיר איז ניט קיין שאָד?

— וואָס? — האָב איך געפֿרעגט אַ בייזער. — אויב דו ווילסט וויסן, האָב איך ליב הינט!

— וואָס פאַר אַ שײַכעס האָבן דאָ הינט! איך רעד וועגן טאָפּאָלן. דיר איז ניט אַ שאָד, וואָס מע שנײַדט זיי אַזוי און מע זעגט?

— דאָס דאַרף מען דאָך, — האָב איך געענטפֿערט. — זיי וואַקסן בעסער, ווען מע שנײַדט זיי אונטער. מע זאָגט...

— בעסער וואָלסטו דײַנע האָר אונטערגעשוירן. זע, אינגאַנצן באַוואַקסן, — האָט זי געזאָגט. — און מיר, זײַ וויסן, טוט זייער לייד. ניט דײַנע האָר, שיראַיעוו, נאָר די טאָפּאָל-צווײַגן! איך ווייס, אַז מע דאַרף זיי אונטערשנײַדן, נאָר פֿונדעסטוועגן אַ שאָד...

איצט האָב איך געטראַכט וועגן איר, וועגן ליזע קופּריקאָווע. וויפל יאָר מיר זיצן אויף איין באַנק, האָב איך אַפּילע קיינמאָל זי ניט באַמערקט, און פּלוצעם דערזען. אויף דער גאַס דערזען און באַמערקט. אָט די טאָפּאָל-צווײַגן און דער „שיראַיעוו“. אין שול רופֿט זי מיך אויך „שיראַיעוו“. דאָרט איז עפּעס אַנדערש, דאָרט איז דאָך אַ שול. נאָר עפּעס אין שול זעט זי זיך ניט אָן (ניט קיין יאַבעדע, ווי אַנדערע מיידלעך, ניט קיין אויסגעצייכנטלערן, נאָר אַזוי זיך...), דאָ האָט זיך פּלוצעם אַנטפּלעקט וואָסערע זי איז. וואָסערע? און אינגאַנצן אַ קליינינקע, ווי ניט אין אַכטן, נאָר אין זעקסטן קלאַס וואָלט זי געלערנט.

„דיר איז ניט קיין שאָד, וואָס מע שנײַדט זיי אַזוי און מע זעגט?“ מיר איז אַ שאָד, דיר איז אַ שאָד, אים איז אַ שאָד...

און וואָס גייט איר אָן מײַנע האָר? מײַנע האָר, דײַנע האָר, זײַנע האָר. בייגונג פֿון ווערב! מיר האָבן עס אין דער קינדהײַט געלערנט...

פֿאַרוואָס האָב איך געטראַכט וועגן איר? געטראַכט, גייענדיק פֿון דער גאַס אין הויף, געטראַכט, ווען איך בין געגאַנגען איבערן הויף, און נאָר אַרײַנקומענדיק אין טויער און אַוועקשטעלנדיק אַ פֿוס אויף די טרעפּ, האָב איך זיך דערמאָנט אין גאַליען. איצט גיי איך דאָך פֿאַרבײַ איר דירע, ווו זי פֿראַוועט אירע זיבעצן יאָר און וווהין זי האָט מיך פֿאַרבעטן...

אַף די טרעפּ איז געווען שטיל. ניט אַזוי, ווי ווען עמעצער פײַערט עפּעס. דעמאָלט הערט זיך אַלץ פֿון אונטן ביז אַרויף. הייסט עס, מע פּראָבירט גאָרניט? צו וואָס זשע האָט זי מיך פֿאַרבעטן? אומפֿאַרשטענדלעך...

איך בין פֿאַרבײַגעגאַנגען איר דירע. קיין שום געהילך. עפּשער אָנקלינגען? די מאַמע אָבער האָט געזאָגט: „אַכט אַזייגער זאָלסטו זײַן צוריק". איצט איז זיכער שוין אַכט...

אינדערהיים האָט מען זיך מיט מײַן קומען זייער דערפֿרייט. דער טאַטע האָט מיך וועגן עפּעס געפֿרעגט, די מאַמע איז געווען פֿאַרנומען אין קיך מיט צוגרייטן אָוונטברויט, צווישן זיך האָבן זיי ניט גערעדט.

איך האָב באַלד פֿאַרשטאַנען, אין וואָס עס גייט.

— וואָס, איר האָט זיך צעקריגט?

— צעקריגט, פֿאַרוואָס? ס'הייבט זיך ניט אָן! — האָט געזאָגט דער טאַטע, עפּעס אומ־באַהאָלפֿן, זיך אױפֿגעהויבן פֿונעם טיש און אַרומגענומען די מאַמע. — עמעס, איראָטשקע?

— עמעס, עמעס, הער אויף, — האָט געענטפֿערט די מאַמע. — און סײַווי ביסטו... עסט בעסער!

— כאַראַקטער! — האָט פֿאַרטרוילעך אַ מורמל געטאָן דער טאַטע, ווען די מאַמע איז אַרויס אין קיך. — נאָר וואָס קאָן מען טאָן!

— וואָס איז געשען באַ אײַך?

— גאָרניט, ס'וועט איבערגיין. אַ מילכאָמע דורכגעמאַכט. און דאָס... גאָרניט. ווייסט, די באַ יענעם פּאָעט: „אַלץ פֿאַרגייט, אַלץ ווערט צעמאָלן..."

— באַ וועמען?

— אַפֿן קאַווקאַז איז דאָ אַזאַ דיכטער, אַ קלוגער פּאָעט! ס'האָט זיך פֿאַרקריצט אין זיקאָרן אַף אויסווייניק:

סע ווייסט, סע ווייסט די מיל:
אַלץ פֿאַרגייט, אַלץ ווערט צעמאָלן.
דאָס וויכטיקסטע איז מעל,
דאָס איבעריקע — פּאָלאָווע.

דאַכט זיך, איך בין אין יענער נאַכט ניט געשלאָפֿן.

כ'האָב געהערט, ווי עס דערוויטערן זיך אַף אונדזער גאַס די לעצטע מאַשינען און טראָלייבוסן און ווי דער טאַטע אין שכייניש צימער זאָגט צו דער מאַמען:

— נו, וואָס איז אַזעלעכס! מיר לעבן דאָך ניט אין קיין לופֿטלאָזן רוים!

איך האָב געזען, ווי סע וויגט זיך דער לאָמטערן איבער די טויערן, געהערט, ווי סע בלאָזט דער פֿרילינג־ווינט אַף יענער זײַט פֿענצטער, און די ווערטער פֿון דער מאַמען צום טאַטן:

— און פֿאַרוואָס ווײַזסטו איר אַרויס אַזויפֿיל אויפֿמערקזאַמקײַט? שענקסט איר מאַטאָ־נעס?

— וואָס פֿאַר אַ מאַטאָנעס? פּאַשעט אַ צייכן פֿון אָפּמערקן דעם אַכטן מאַרט. באַ איר איז דאָך אַ שווערער גוירל. דער מאַן האָט זי איבערגעלאָזט, צוויי קינדער. סאָפּקאָלסאָף איז דער לוין באַ איר דרײַ מאָל ווינציקער, ווי מײַנער... דו ביסט, דאַכט מיר, אייפֿער־זיכטיק?

ווידער אַלץ זעלטענער און זעלטענער גייען אויטאָמאָבילן אַף אונדזער גאַס, און מע הערט שוין ניט די טראָלייבוסן גיין.

— וויפֿל לעבן מיר שוין מיט דיר? דערמאָן זיך, וויפֿל?

— צוויי און צוואַנציק יאָר, וואָס איז? נאָר...

— אַ זון אױפֿגעצויגן, דאָס איז דאָך דאָס וויכטיקסטע. דאָס סאַמע וויכטיקע! פֿאַר־שטייסט? און צי דען...

— איך פֿאַרשטיי, כ'פֿאַרשטיי. איך פֿאַרשטיי אַלץ. ערגער זיך נאָר ניט!

און איך האָב געטראַכט וועגן גאַליען און וועגן ליזען. צוערשט וועגן ליזען, דערנאָך וועגן גאַליען. און מעגלעך, אַז פֿאַרקערט. ערגעץ האָבן זיי זיך צונויפֿגעגאָסן אינייינעם, און איך האָב דעריאָגט ליזען אַף דער גאָרקי־גאַס, און גערעדט מיט גאַליען וועגן טאַפּאָלן, און אַן אַ סאַך האָבן זיך געפּלאָנטערט די געדאַנקען.

„שיראַיעוו, — האָט געזאָגט צו מיר גאַליע, — עפּשער דיר נעמען?" „פּריוועטיק! — האָט געזאָגט ליזע, ווײַזנדיק דעם שול־פֿרישטיק. — מיר — פּלאָמביר!" און פּלוצעם גאַליעס

שוין אינגאנצן ניט פארשטענדלעכע ווערטער: „די הינט גייען זיי אַן, ווי דער נעכטיקער טאָג, און אליין צופרידן — שפּאצירן ארום און אָטעמען זויערשטאָף!“

„צו וואָס דארפסטו די צווייַגן פון די באשניטענע לינדנביימער?“ — האָב איך גע-פרעגט.

„פארן ברויט-קראָם, דו גייסט דאָך אין ברויט-קראָם, און מיט מיר ווילסטו ניט“.

„פארוואָס ביסטו מאסקים, אז דאָס איז ליפּע, ס׳איז דאָך טאָפּאָל! דו האָסט דאָך אליין געזאָגט“.

„סאַמע עכטע שמעקנדיקע טאָפּאָלן! נאָר מיר ווילט זיך מיט דיר הייַנט ניט שפּאַרן. בא מיר איז דער געבורטסטאָג... א ליפּע איז אנדערש. פּאַשעט מיט גאָרניט ענלעך. אָט אַף דער גאָרקי-גאַס... נאָר אַף מייַן ערנוואָרט, בעסער פון אונדזער גאַס איז ניט פאַראַן... און וואָס פאר א קלוגע מיר זייַנען געווען, וואָס מיר האָבן דעמאָלט זיך ניט אריבערגעפּעקלט אַף לאָמאָנאָסאָווסקע!“

„וויפל לעבן מיר מיט דיר? דערמאָן זיך, וויפל?.. א זון אופגעצויגן... דאָס איז דאָך דאָס וויכטיקסטע. דאָס סאַמע וויכטיקע! פארשטייסט?“

אפן אנדערן טאָג בין איך געגאנגען אין שול אזוי, ווי איך בין נאָך קיינמאָל ניט גע-גאנגען. מיר האָט זיך געוואָלט גיין אין שול. איך האָב געוווּסט, אז עפּעס וואַרט אַף מיר דאָרט, אויסער לימודים, אויסער אָטמעטקעס, אויסער...

אָנשטאָט צו גיין דורכן הויף, בין איך ארויס אַף דער גאַס צו די אָפּגעזעגטע טאָפּאָלן. איך בין שטענדיק געגאנגען דורכן הויף, אזוי איז א סך נענטער.

די הויפנס צווייַגן האָט מען נאָך ניט אָפּגעראַמט. און די, פון וועלכע ליזע האָט אָפּ-געבראָכן די שפּיצן, זייַנען געווען גאַנץ. קיינער, מיסטאָמע, האָט זיי ניט אָנגערירט, ניט צעטרייסלט.

נאָר ליזע איז דאָ ניט געווען. צוויי הונדערט מעטער דורך דער גאַס, און איך האָב ווידער פארקערעוועט אין אונדזער הויף, פּונקט אנטקעגן דער שול.

איך האָב געזוכט ליזע קופּריקאָווא, כאָטש דאָס איז געווען נאריש. אלצייַנס וועט זי קומען און זיך זעצן אַף דער באַנק לעבן מיר, ווי א סך, א סך יאָרן.

איך האָב זיך דורכגעשמועסט וועגן עפּעס מיט די שילער באַם אַרייַנגאַנג אין שול. אין גאַרדעראָב און פארן קלאַס — אין קאָרידאָר אפן דריטן שטאָק האָב איך זי אַלץ גע-זוכט מיט די אויגן.

אוודאי האָב איך שוין פארפריִער געוווּסט, וועגן וואָס איך וועל זי פרעגן.

פּאַשעט אזוי, ווי בייַלויפיק, ווען זי וועט זיך זעצן אַף דער באַנק, אָדער אפילו בע-שאַס די לימודים:

„צו וואָס דארפסטו די צווייַגן?“

„וואָסערע צווייַגן?“ — וועט זי פרעגן. און קאָן זייַן אויך צוגעבן: „שיראַיעוו“.

און דאָ וועל איך זיך שוין ניט טויע זייַן.

„טאָפּאָלן, וועלכע דו האָסט נעכטן צונויפגעקליבן“.

ס׳האָט זיך צעקלונגען דער גלאָק, און זי איז אַלץ ניט געווען. איך בין געזעסן אַף דער באַנק אייַנער אליין. און צווישן די פארשפּעטיקטע, — בא אונדז פארשפּעטיקט שטענ-דיק עמעצער, — איז זי אויך ניט געווען.

אין איבערייַס האָב איך געפרעגט אייַנע פון די שילערנס:

— פארוואָס איז הייַנט קופּריקאָווא ניטאָ?

— ווייַזט אויס, קראַנק געוואָרן, — האָט זי גלייַכגילטיק געענטפערט. — קימאַט א האַלבער קלאַס פעלט. דו ווייסט דאָך: עפּעס א ווירוס-גריפּ, מיט קאָמפּליקאַציעס. אָט איז בא טאַניע אַנטיפּאָווא א לונגען-אָנצינדונג...

א האַלבער קלאַס האָט מיך ניט אינטערעסירט. טאַניע אַנטיפּאָווא אויך ניט. און די לימודים אין דעם טאָג אויך ניט.

נאָכן פינפטן לימעד בין איך געגאַנגען שוין ניט מיט דער גאַס, נאָר ווידער דורכן הויף.

אין טויער האָב איך אומדערוואַרט זיך אָנגעשטויסן אַף גאַליען.

— דו? אָט, זייער גוט! פּריוועטיק! איך קאָן בעשום-אופן ניט עפענען דעם שלאָס.

איך בין רויט געוואָרן. זיך דערמאָנט, אז א גאַנצן טאָג האָב איך געטראַכט וועגן איר.

— גיט נאָר אהער, איך וועל פּרוּוון.

איך האָב באַ איר גענומען דעם שליסל, אַרײַנגעשטעלט אין שלאָס. געדרייט אַף לינקס, אַף רעכטס, ניין.

— אַ טאַמעוואַטער שלאָס, — האָט זי געזאָגט. — און אַזעלכע טראַכט מען אויס!

— סע באַקומט זיך ניט, — האָב איך אָנערקענט און נאָך מער רויט געוואָרן פונעם דורכפאַל. — בעשום־אויפן ניט!

— נו, כאַפּט אים דער טײַוול! זאָל מײַן טײַער מאַמעלע זיך אַפּמוטשען. ס'איז איר אײַנפאַל! אַפילע בעסער אַזוי! — האָט גאַליע בייז געפּײַערט, און איך האָב זיך אײַנגאַנצן פאַרלוירן. מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז הײַנט איז זי עפּעס אַ מאָדנע, ניט ענלעך אַף זיך...

— איך גיי, — האָב איך געזאָגט.

— מע קאָן פון דיר אָנקלינגען? — האָט געפרעגט גאַליע.

— מע קאָן, פאַרוואָס ניט...

מיר האָבן זיך אָפּגעהויבן אַ שטאָק העכער, צו אונדז. איך האָב טייקעף געעפנט די טיר.

— דו ביסט אַליין?

— אַליין, דער טאַטע און די מאַמע זײַנען אַף דער אַרבעט... אָט איז דער טעלעפאָן.

— איך טו זיך אויס, ס'איז הייס אַזוי.

גאַליע האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם מאַנטל, זיך געזעצט צום טעלעפאָן, און איך האָב ניט געוווּסט ווו זיך אַהינצוטאָן, אַוועקגעלייגט דעם פּאַרטפעל, צוליב עפּעס געגאַנגען אין קיך, זיך אומגעקערט, אין עסצימער זיך אויסגעטאָן און ווידער אין קיך.

איך וועל זיך דאָך ניט צוהערן צו איר שמועס אין טעלעפאָן.

נאָר כ'האָב סײַווי געהערט, אַן אומפאַרשטענדלעכן שמועס, וועלכן סע פירן געווייניק יינגלעך, אַזעלכע ווי וואַלקע קאַרפּאָוו. נאָר דאָס וואָרט „פּריוועטיק" איז געווען איינס, און זי האָט עס אַף פאַרשיידענע אופנים איבערגעכאַזערט דרײַ מאָל: אָט לעכערלעך, אָט בייז, אָט פאַרוואונדערט.

— גוט, איך גיי, — האָט זי צו עמעצן געזאָגט, און צום סאָף, — ביזן אָוונט, יאָ? נאָר דו טראַכט עפּעס צו, אַזוי ווי מיר האָבן אָפּגערעדט...

אַראָפּלאָזנדיק דאָס טרײַבל, האָט זי מיך אַ רוף געטאָן:

— ווו ביסטו?

— דאָ.

איך בין אַרויס פון קיך.

— כ'האָב געהוליעט, — האָט זי זיך מודיע געווען לעבהאַפטיק־פרײלעך. — און אײַנדערהיים ניט געגענעכטיקט, און אַף דער אַרבעט ניט אַרויסגעגאַנגען. און וועל הוליען! באַ דיר איז צופעליק ניט פאַראַן עפּעס אויסצוטרינקען?

— אויסטרינקען? וואָס?

— ניט קיין וואַסער, פאַרשטייט זיך, — האָט זי זיך צעלאַכט. — איר גיט שטענדיק אַפּ אַ סאַך ליידיקע פלעשער, איך ווייס, טו אַ קוק...

— דאָס איז, ווען געסט...

— זוך, זוך.

— אָט וועל איך אַ קוק טאָן אין קעלטער, — האָב איך מיט גרייטקייט צוגעזאָגט.

זי איז אַוועק מיט מיר אין קיך.

אין קעלטער איז עפּעס געווען. איך האָב אַרויסבאַקומען און אָנגעהויבן פלעשל קאָניאַק, איר געוויזן.

— אָט דאָס איז אַ זאַך! — האָט זי זיך דערפרייט. — און מיר האָבן אַ גאַנצע נאַכט געכליעשטשעט בראַנפן.

און זי האָט אַליין אַראָפּגענומען פון דער פּאָליצע צוויי גלעזער:

— גיס אָן!

— נאָר... דאָס צווייטע צו וואָס?

— וואָס הייסט צו וואָס? דיר!

— וואָס רעדט איר! איך... מיר...

באַ מיר האָט זיך שיר פון דער צונג ניט אָפּגעריסן, אַז איך וועל אַזוי איך מײַן בײלעך באַקומען, אויב די עלטערן וועלן באַמערקן, און איך זאָל נאָך אַליין אויך...

— נו, פּריוועטיק! זײַ געזונט! — האָט זי געזאָגט. — פּאַיעכאַלי! פאַר אונדזער שול! איך האָב אויך אין איר זיך געלערנט. און פאַר דיר!

גאַליע האָט אַרײַנגעצויגן אין זיך לופט, גלײַך ווי פאַרן אונטערטונקען זיך אין וואַסער, און אין איין אָטעם־צוג אויסגעטרונקען קימאַט די גאַנצע גלאָז.

איך בין געוואָרן געפּלעפט.

דערנאָך האָט זי זיך צוגעזעצט, טאַקע דאָ, אין קיך, באַם טיש און לאַנג ניט אוועקגעגאַנגען. און איך בין געשטאַנען לעבן איר, געשטאַנען מיט דער פלאַש אין האַנט און ניט געוווּסט, וואָס צו טאָן.

גאַליע האָט געשוויגן. מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז איר איז שלעכט געוואָרן, נאָר פּלוצעם האָט זי אַ קוק געטאָן אויף מיר, זיך צעשמייכלט און געזאָגט:

— גאָט, אוי, ווי ס'איז גוט, האַ! און איך געפעל דיר? זאָג, איך געפעל דיר?

— איך ווייס ניט, — האָב איך געענטפערט.

— איך ווייס, איך געפעל דיר! איך געפעל, געפעל, געפעל! און דו גייסט מיר נאָך, דו לויפסט, דו קוקסט, און מיר געפעלט עס. איך זאָג דיר אַפילע, אַז ביכלאַל ביסטו נישקאָשע... נישקאָשע, נאָר ווען בלויז אַ ביסעלע עלטער. נאָר דו ביסט שוין ניט קיין קלייניקער. איך אין דײַנע יאָרן...

— איך ווייס ניט! — האָב איך ווידער אַרויסגעשטאַמלט.

— און איך ווייס! — האָט זי אַנטשלאָסן אויסגערופן. — און דערפאַר גיי צו צו מיר, שטעל זיך אויף די קני און טו אַלץ, וואָס דו ווילסט! איך דערלויב דיר אַלצדינג! איך, אויב דו ווילסט אַפילע וויסן... דו געפעלסט מיר אויך!..

— וואָס ביסטו הײַנט עפּעס שוואַרצער פון אַ וואָלקן? — האָט געפרעגט דער טאַטע. — געכאַפּט אַ צווייער?

— און ווירקלעך, וואָס איז מיט דיר, זון? — האָט געפרעגט די מאַמע, דער טאַטע איז גערעכט...

זיי האָבן זיך שוין איבערגעבעטן, און איך בין געווען דערפון צופרידן, נאָר מיר האָט זיך געוואָלט זיי זאָגן איצט, אַז בעסער וואָלט געווען, ווען איך באַקום אַ צווייער, און וואָס זײַנען ביכלאַל צווייער, אײנסער, דרײַער, פירער, פינפער, וואָס פאַר אַ ווערט האָבן זיי, און ס'איז ניט אַזוי וויכטיק, ווער וויאַזוי עס לערנט, וויכטיק איז עפּעס אַנדעריש, מער באַדײַטנדיקס...

איך האָב עס ניט געזאָגט.

געזאָגט עפּעס אַנדערשס:

— ניין, הײַנט זײַנען קיין אָטמעטקעס ניט געווען.

און בײַ זיך האָב איך געטראַכט: און ליזע איז הײַנט ניט געווען. און קיינער האָט זיך ניט געוווּנדערט. מע פאַרופט זיך אויף עפּעס אַ „גריפּ".

— אייגנטלעך, — האָט געזאָגט דער טאַטע, — הײַנט איז דאָ פאַר דיר אַ זייער וויכטיקע באַשטימונג, האָסט געהערט?

— ניין, וואָס פאַר אַ באַשטימונג?

— דאָס האָט אויך אַ שײַכעס צו דיר, און ביכלאַל צו אַלע אונטערגעוואַקסענע, — האָט דערקלערט דער טאַטע. — אויף אײַך איז איצט די גאַנצע אויפמערקזאַמקײַט. ביכער וועט מען פאַר אײַך אַרויסלאָזן מער, פילמען, פיזקולטור און ספּאָרט, און דאָס סאַמע וויכטיקע, פאַרשטייט זיך, דערציִונג. מיט דערציִונג הייבט מען זיך אָן פאַרנעמען ערנסט...

— אונדז דערציט מען אַזוי אויך...

— מע וועט נאָך בעסער. אַגעוו... — האָט ער צוגעגעבן און ניט דערעדט.

אין אָט דעם אָוונט האָב איך זיך פרי געלייגט שלאָפן. ס'איז צוגעגאַנגען די מאַמע, געווונטשן אַ גוטע נאַכט און ווידער געפרעגט:

— עפּעס געפעלסטו מיר ניט הײַנט. וואָס איז געשען?

— ס'איז גאָרניט געשען. נאָר... זיץ אַ ביסל לעבן מיר, — האָב איך געבעטן. — און ווייסט וואָס? זאָג, פאַרוואָס דו, ווען דו רעדסט מיטן טאַטן וועגן אונדזער גאַס, אַז זי איז די סאַמע בעסטע, דערמאָנסטו שטענדיק דעם לאָמאָנאָסאָווסקי פּראָספּעקט פאַרוואָס? און ווען מיר וואָלטן אַהין אַריבערגעפאָרן דעמלט?

די מאַמע האָט זיך פאַרלוירן.

— דאָס איז קאָמפּליצירט, זון. און ניט פאַר...

— איך בין שוין ניט קיין קלייניקער, — האָב איך געזאָגט, — און גלייב, מיר איז זייער, זייער וויכטיק צו וויסן, פאַרוואָס...

— יאָ, דו ביסט שוין ניט קיין קלײנינקער, — איז די מאַמע מאַסקים געווען, — וויאַזוי זאָל איך עס דיר אַלץ דערקלערן? ביכלאַל טרעפט זיך אַן איבערשלאַג אין יעדן מעכאַניזם, איז אַט צווישן מיר מיטן טאַטן געווען דעמלט אַן איבערשלאַג. אויב אויף לאַמאַנאַסאַווסקע, וואָלט ער אַהין אַליין אַריבערגעפאָרן. אָן מיר מיט דיר. נאָר ער האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר זייער אַ קלוגן און גוטן, דײַן פּאַטער, און דערמאָנט מיר ניט... וועגן גאָרניט... ער וואָלט געקאָנט!

— און איר קריגט זיך? — האָב איך זיך דערמאָנט.

— דאָס איז אַזוי! צוליב נאַרישקײַטן. — האָט געזאָגט די מאַמע, — איך בין שולדיק און פאַרשטיי אַלץ. מער וועל איך קיינמאָל ניט. און איך טאָר ניט אויף אַט דער גאַס זיך קריגן מיטן פּאַטער... די גאַס איז דאָך מײַנע... נו, וויאַזוי זאָל איך דיר זאָגן?.. פּאַשעט געפונען דאָס פאַרלוירענע גליק און...

— וואָס, „און”?

— מע דאַרף ניט זונעלע, גוט? שלאָף! נאָר וועגן אונדזער שמועס זאָג ניט דעם פּאַפּאַ גאָרנישט... דו ביסט דאָך אַ דערוואַקסענער!

נאָך צוויי טעג בין איך געווען אין שול, און דערנאָך איך קראַנק געוואָרן. אויף דעם זעלבן גריפּ מיט קאָמפּליקאַציעס. קראַנק געוואָרן ניט צו דער צײַט — אין סאָף פֿונעם לערניאָר, מע דאַרף אונטערצײַען דאָס לערנען פאַר די עקזאַמענעס. אין אַכטן קלאַס, אַזוי ווי אומיסטן, זײַנען געבליבן די עקזאַמענעס, כאָטש ניט פאַרשטענדלעך צוליב וואָס, אַלציינס נאָך צוויי יאָר זיך לערנען.

מע זאָגט, אַז אין אַ קרענק וואַקסן מענטשן גיך. איך ווייס ניט, צי בין איך אויסגעוואַקסן, צי ניט, נאָר איך האָב אַ סאַך געטראַכט, בעשאַס איך בין געלעגן דרײַ וואָכן. וועגן וואָס? וועגן טאַטע-מאַמע, באַ וועלכע ס'האָט עפּעס געטראָפן, ווען איך בין נאָך געווען אַ קלײנינקער, וועגן אונדזער שול, ווו אַלץ ווערט געמאָסטן לויט די אָטמעטקעס, צו וואָס מ'איז שוין צוגעוווינט, נאָר מע באַמערקט ניט, קאָן זײַן, דאָס סאַמע וויכטיקע. אַזעלכע, ווי איך, ווי ליזע, גאַליע. און גאַליע האָט אויך געלערנט אין אונדזער שול. זאָל זײַן פריִער, נאָר געלערנט... און וועגן די סאַמע אונטערגעוואַקסענע, וועלכע מע דאַרף דערציִען. און וועגן די טאָפּאָלן אויף אונדזער גאַס... און וועגן...

דעם דריטן מײַ האָט מען מיר דאָס ערשטע מאָל דערלויבט אַרויסגיין אויף אַ שפּאַציר.

איך בין אַרויסגעגאַנגען, דער קאָפּ האָט זיך געדרייט, אַלץ איז שוין געווען גרין: די טאָפּאָלן אויף דער גאַס, די עפּלביימער אין סאָד לעבן „פּיטער”, און די גראָזן...

צי נאָך דער שלאָפקײַט, צי דערפאַר, וואָס איך בין געוואָרן קליגער, נאָר מיר איז אַלץ געפעלן, און איך האָב זיך דערמאָנט, אַז אונדזער גאַס איז אַן אויסערגעוויינלעכע גאַס — די בעסטע און די שענסטע, און, קאָן זײַן, איך בין פּאַשעט געווינט צו דעם, וואָס עס רעדט דער טאַטע מיט דער מאַמען. פאַר זיי, איצט פאַרשטיי איך, איז אונדזער גאַס... אָבער נאָר פאַר זיי? און פאַר מיר?

איך האָב פאַרקערעוועט פון דער גאַס אין הויף און זיך געלאָזט צו דער שול, ווו איך בין אַזוי לאַנג ניט געווען. פאַרוואָס אַהין, ווייס איך ניט.

אַלץ איז געווען אָן קיין שום ענדערונגען. אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָבן פון די שולטירן אָנגעהויבן אַרויסשיטן שילער פון די עלטערע קלאַסן. און אויך אונדזערע.

איך האָב לאַנג און אויספירלעך דערקלערט, וויאַזוי איך בין שלאָף געווען, מיט וואָס זיך געהיילט, דערציילט, אַז כ'האָב צוביסלעך געמאַכט די לימודים, קעדיי ניט בלײַבן הינטערשטעליק, אַז מאָנטיק קום איך שוין אין שול. אַזוי האָט געזאָגט די דאָקטערשע.

עמעצער האָט באַמערקט, אַז איך בין געוואָרן אָפּגעצערט, עמעצער — אַז איך בין בלייך, אַנדערע האָבן גאָרניט געזאָגט, און מיר איז געווען אַלציינס.

— און וואָס, קופּריקאָווא איז נאָך קראַנק? — האָב איך געפרעגט אַזוי, בײַלויפיק.

— קופּריקאָווא? זי דעזשורעט אין קלאַס. אָט וועט זי אַלץ אופראַמען און וועט אַרויסקומען...

איך האָב זיך נאָך לאַנג אַרומגעדרייט איבערן שול-הויף, ביז כ'האָב ענדלעך דערהערט:

— שיראיעוו? וואָס טוסטו דאָ?..

— איך וואַרט אויף דיר, — האָב איך זיך ניט געשעמט צו זאָגן. — אָט האָט מען מיך אַרויסגעלאָזט, און איך בין געקומען.

— שיראיעוו!

דאָ האָב איך, דאַכט זיך, אײַנגאַנצן זיך אָנגעגומען מיט מוט:

— בעשאַס איך האָב זיך געוואַלגערט אין בעט, האָב איך אַ סאַך געטראַכט. וועגן דיר און... זאָג, צו וואָס האָסטו דעמלט צוגיפּגענומען די טאָפּאָל־צווײַגן? כ׳האָב אַלץ געוואָלט בא דיר פֿרעגן.

— און אויף זיי זײַנען שוין דאָ קנאָספּן: בלעטעלעך און וואָרצלען, — האָט געזאָגט ליזע. — איך וויל זיי אין פּאַרק לעבן „פּיטער" פֿאַרזעצן. זאָלן זיי וואַקסן, די ביימער! זיי וועלן אויסוואַקסן, און איך וועל זיך דערמאָנען — זיי זײַנען מײַנע! ווילסט, וועלן מיר אינייינעם זיי פֿאַרזעצן?

— איך וויל, — בין איך מסכים געווען. — נאָר ווען?

— כאָטש מאָרגן. מאָרגן איז פּונקט אַן אַפּרו־טאָג!

מיר האָבן נאָך וועגן עפּעס גערעדט, און איך האָב אַליין זיך געוווּנדערט אויף מײַן דרייסטקייט און נאָך מער דרייסט געוואָרן, ווען ליזע האָט געזאָגט, אַז זי האָט געוואָלט קומען צו מיר אַהיים, נאָר זיך פּאַשעט געשעמט.

— מאָרגן, ווילסט, קום, — האָב איך פֿאַרגעלייגט. — מיר וועלן פֿאַרזעצן דײַנע צווײַגן, און דערנאָך צו מיר. איך וועל דיך באַקאַנען מיט מײַנע עלטערן...

פֿאַרוואָס האָב איך אַזוי געזאָגט?

— מיך ווערט זייער פֿרייען, — האָט אָנערקענט ליזע. — הייסט עס, צוועלף אַזייגער בא יענעם טאָפּאָל, יאָ?

— בא יענעם...

איך האָב ניט באַמערקט, וויאַזוי איך האָב ליזען באַגלייט ביז צו איר דירע, און בעשאַס מיר זײַנען געגאַנגען, האָב איך קימאַט גאָרניט געזען. ערשט אומקערנדיק זיך, האָב איך דערזען די גאַנצע גאַס אונדזערע און די טאָפּאָלן מיט אָפּגעשניטענע צווײַגן, אויף וועלכע סע זײַנען שוין געוואַקסן פֿרישע קנאָספּן.

אַ גאַס ווי אַ גאַס. זי וואַרפֿט זיך מיט גאָרניט אין די אויגן. הײַזער — ליִנקס, הײַזער — רעכטס. הײַזער פֿון גרויע ציגל. דאָס איז אַ סאַך בעסער, ווי פֿון בלאָקן. ביימער לענגאויס די טראָטואַרן מיט יונגע פֿרישע טאָפּאָלן... זיי זײַנען בעסער ווי לינדנביימער. הייבן ערשט אָן שפּראָצן, און די טאָפּאָלן, אַפֿילו אונטערגעזויגטע, גרינען שוין. און אַלץ איז דאָ אויף דער גאַס נאָענט...

— בא אונדז איז אַ געשעעניש, — האָט אין אָוונט געמאָלדן דער טאַטע. — געדענקסט מײַן פֿרײַנט, דעם אַמעריקאַנער פֿון פֿילאַדעלפֿיע? האָט ער אונדז צוגעשיקט זײַן בוך: „אוואַן ענד אַ האַף מײַלז ביי פֿוט אַלאָנג אַ ראַשן סטריט. מעמוואַז אָף אַן אַמעריקן טרעוועלער"¹. מאַלאַדיעץ, גאַרי! אַ זייער אָביעקטיווו און גוט בוך אָנגעשריבן. דאָרט איז עפּעס פֿאַראַן אויך וועגן מיר מיט דער מאַמען, ווי וועגן מענטשן, וועלכע זײַנען פֿאַרליבט אין אונדזער גאַס. און אַפֿילו וועגן דיר, אין דעם פּראָט, אַז דו, ווי אַלע קינדער, באַציסט זיך גלײַכגילטיק צום אָרט, וווּ דו וווינסט...

— איך האָב אויך ליב אונדזער גאַס, — האָב איך געזאָגט, — פֿונוואַנען ווייסט ער? איך בין ניט גלײַכגילטיק, נאָר זייער...

— און נאָך שרײַבט גאַרי, אַז כאָטש אונדזער גאַס איז היסטאָריש מיט גאָרניט אויסגעצייכנט, איז זי אָבער אין דער ווירקלעכקײַט אונדזער געשיכטע אַליין. אויסגעוואַקסן דאָרט, וווּ ס׳איז פֿריִער גאָרניט געווען. באַזוצט מענטשן נײַע, געבוירענע בא אונדזער מאַכט. און אונדזער גאַס איז אַ בײַשפּיל...

— פֿאַפֿאַ! אויב איך וועל דיך בעטן, — האָב איך איבערגעשלאָגן, — זאָלסט מיר געבן אַ רובל, וועסטו געבן?

— אַוודאי וועל איך געבן, נאָר צו וואָס?

— איך וויל איצט אַ לויף טאָן אין פֿאַבריקמאַכערסקע, קאַלזמאַן ס׳איז נאָך אָפֿן, איך בין דאָך אײַנגאַנצן באַוואַקסן.

— וואָס, מאַמע? — האָט געזאָגט דער טאַטע. — אָפּלאָזן אים, דעם זון אונדזערן?

— אָפּלאָזן, — איז מסכים געווען די מאַמע. — ער איז שוין בא אונדז אַ דערוואַקסענער. זאָל ער אַליין פֿאַר זיך זאָרגן!

ייִדיש — י. בורג

■ ■ ■

¹ אַנדערהאַלבן מײַל צופֿוס איבער איינער אַ רוסישער גאַס. נאָטיצן פֿון אַן אַמעריקאַנער רײַזנדער.

דמיטרא פאַוולִיטשקאָ,

אוקראַינישער דיכטער

לידער וועגן טרייַשאַפט

* * *

מיטן דניעפּער איך וואַש זיך, מיט אים
כ׳טרינק זיך אָן,
ער נעמט אַף דער פּלייצע מיַין לאַסט.
ווען כ׳זיץ בא זיַין ברעג אין מאַכשאָוועס
פאַרטאָן,
עס קוקט מיר אין פּאָנעם טאַראַס.

כוואַליעס שמעקן מיט היי און מיט בינען,
פונעם דניעפּער איז בלוי אַזש דער סטעפּ.
אוקראַינע, מיַין אוקראַינע,
אין זכוס פון דיַין לעבן איך לעב!

ווען דער סוינע האָט אָנגעשיקט אומגליק
און גרויל
און געקרעכצט פונעם ווייטיק דו האָסט,
איז דיַין טרער דורכגעלאָפן דורך מיר,
ווי א קויל,
און מיך שטאַרבן זי האָט ניט געלאָזט.

כוואַליעס שמעקן מיט היי און מיט בינען,
פונעם דניעפּער איז בלוי אַזש דער סטעפּ.
אוקראַינע, מיַין אוקראַינע,
אין זכוס פון דיַין לעבן איך לעב!

אַלע פעלקער און שוואַטים איך נעם היַינט
אַרום,
און ס׳איז זייער פאַרמעג מיַין פאַרמעג,
און ווען אַלע זיי רופן און זאָגן מיר: „קום״,
דאַן גיי איך אַרויס אַפן וועג.

כוואַליעס שמעקן מיט היי און מיט בינען,
פונעם דניעפּער איז בלוי אַזש דער סטעפּ.
אוקראַינע, מיַין אוקראַינע,
אין זכוס פון דיַין לעבן איך לעב!

* * *

ווידער דאַכט זיך מיר אויס,
אַז יאָרטויזנטער
שטייען הינטער מיַין פּלייצע.
איך קוק זיך איַין אין דער קרענעצע
פון מיַין אייגענעם לעבן,
נאָר אַפן דעק
כ׳קאָן ניט געפינען
דאָס קישעפדיק שפּיגעלע
מיטן אָפּבילד פון מיַין פּאָנעם.
וויַיזט אויס, אַז דאָס לעבן
איז טאַקע טיף ווי א טהאָם.

און ווען איך פאַרמאַך די אויגן
און וויל זיך דערמאָנען
דאָס, וואָס איז אין מיַין האַרצן
טיפער פון אַלץ דערגאַנגען, —
דאַן זע איך דיך ווידער, מיַין טיַיערע,
דיך, שטילע נעשאָמע מיַינע.

אפילע די קינדהיַיט
אינעם זיקאָרן פאַרשווינדט,
אפילע דאָס שטעגעלע,
מיט וועלכן אהיים איך פלעג גיין,
פאַרוואַקסט שוין מיט גראָזן,
אַפילע די אייגענע שפּורן
אין טיפקיַיט פון לעבן
ווערן פאַרלאָרן, —
און בלויז דו, מיַין טיַיערע,
דו, שטילע נעשאָמע מיַינע,
וועסט אין וואָרט מיַינעם זיך צעשמייכלען
אַפן פלאַך פון דעם טונקעלן וואַסער,
ווו דער ברונעם אַליין טאַפּט זיַין דעק.

* * *

זאָל דיר, מײַן טײַערע, ס'האַרץ דײַנס דערפרייען
אַלץ אינעם הימל: די זון און די שנייען,
אַלץ אַף דער ערד: דער בוריאַן און די קווייטן,
אַלץ אינעם מענטשן: דער ווײ און די פריידן.

זאָלן דיך פרייען פון ליבע די קלאָגן,
נעם און צעשטעל אומעטום אַף די ראָגן
וועכטער געניטע, זײ זאָלן זי היטן
און זי ניט לאָזן אַליין אין דעם מיטן...

דער טײַך

פונקט ווי א באַרג-טײַך לעב איך הײַנט,
דעם טאָל איך שפּרינג אַריבער.
כ'ווער מאַמעש בלינד פון זונען-שײַן
און פון די נעפּלען טריבע.

די פעלדזן האַלטן אויס, ווען כ'פאַל
אַף זײ אַרוּף מיט קויער.
אין מײַנע אָדערן עס שאַלט,
ווי בלוט, דער שטראָם דער בלויער.

און ס'בײַט זיך אַלעמאָל אין מיר
און בלײַבט אַף אייביק איבער
די ליבע, וואָס זי האָט קיין שיר,
קיין ברעג, קיין דנאָ — די ליבע...

די ליבע וואַרפט אַרײַן א פונק
אין טײַך, וואָס ווערט פאַרפאַלן,
נאָר ס'האָט דער פונק זיך שוין געטונקט
אין טײַכס געהיימע קוואַלן.

א ליד

מיידל, הייב אויף דײַנע פליגל די ווייכע,
העכער פון וואָלקנס זיך שפּרייטן די הייכן.
ס'איז שוין געקומען די צײַט, זאָלסט פאַרלאָזן
היימישע פעלדער מיט היימישע גראָזן.

כ'האָב דיר פאַרגרייט שפּאָגל-נײַע מעקוימעס
אַף צעלינא, אין די קאָסמישע רוימען.

זײַן וועלן דאָרטן סײַ קווייטן, סײַ זאַנגען,
טרייסטן איך וועל דיך מיט ליבע-געזאַנגען.

היימישע טעלערלעך וועלן דאָרט פליִען,
ערדישע אַעראָפּלאַנען — זיך מיִען.
אײַזן וועט קלינגען דאָרט אין די מאַגניטקעס,
און דו וועסט רײַסן אין פעלד מאַרגאַריטקעס.

יידיש — א. ווערגעליס

טאַשלי קורבאַנאָוו,

טורקמענישער שרײַבער

אין א פאַרוואָרפֿן ווינקל

מיר האָט זיך אַלץ פאַרגעדענקט, גלײַך ווי עס איז ערשט נעכטן געשען, כאָטש פון יענער צײַט איז שוין פיל מאָל די זון אופגעגאַנגען אפן האָריזאָנט און אַן א שיר באַרכאַנען האָבן איבערגעטראָגן זייערע קלינגענדיקע זאַמדן פון די מידבער-וויסטענישן און זיי צע-שפּרייט צופוסנס פון די מענטשלעכע יישובים. קיין אויסערגעוויינלעכע זאַכן זײַנען אין מײַן געשיכטע ניט פאַראַן, נאָר מיר ווילט זיך אײַך דערציילן וועגן יענעם ווײַטן פרילינג פון מײַנע יונגע יאָרן.

דער פרילינג האָט זיך אויסגעגעבן אין יענעם יאָר אַן אויסערגעוויינלעך שיינער. צוערשט, ווען די ערד האָט זיך אויסגעווישט די אויגן פונעם ווינטערדיקן שלאָף, האָט אַרום און אַרום געהערשט א טיפע שטילקײַט. דערנאָך האָבן רעגנס געגאָסן טאָג-אײַן, טאָג-אויס, און עס האָט ניט אופגעהערט צו דונערן. די לופט איז געווען אָנגעזאָפּט מיט קאַלערליי קלאַנגען, און עס האָט זיך געדוכט, אז מע הערט, ווי עס שאַלט און זינגט די נאַטור גופא אונטער די העל-בלויע הימלען.

דער פרילינג האָט געשטורעמט פון אַלע זײַטן, אָבער אין אונדזער אָרעמער קיביטקע האָט ער קיין פרייד ניט געבראַכט. איך בין דאַן אַלט געווען זעכצן יאָר, מײַן שוועסטער קאַראַגיז — זיבעצן. אינצווייען האָבן מיר פּיטש-נאַסע, דורכגעווייקטע ביזן לײַב, געשעפּט די קאַלעמוטנע וואַסער, וואָס האָט זיך אָנגעזאַמלט אין די גריבער און ערד-שפּאַלטן, און די פולע עמערס געגאָסן אין א גרויסן קעסל. דאָס רעגנוואַסער האָט געהאַט עפּעס א באַזונדערן רייעך, געשמעקט מיט ערד און הימל. אַלע אונדזערע פעסלעך זײַנען שוין גע-ווען פול מיטן אויג, און איצטער האָבן מיר געדאַרפט אָנפילן דעם קעסל. מיר זײַנען שוין געווען זייער מיד, און עס האָט זיך אונדז אויסגעוויזן, אז דער גרויסער קעסל איז אָן א דנאָ און וועט קיינמאָל ניט פול ווערן. מיר האָבן בעפּיירעש ניט פאַרשטאַנען נאָך וואָס מע דאַרף האָבן אַזויפיל וואַסער, אז מיר האָבן א ברונעם ניט ווײַט פון דער שטוב. נאָר אונדזער פאָטער איז געווען א מענטש א גירייקער, ליב געהאַט גרויסע זאַפּאַסן, און ער האָט די גאַנצע צײַט אונדז אונטערגעטריבן מיט געשרייען. ביכלאַל האָט ער אונדז קיינמאָל ניט געלאָזט רוען. אַלעמאָל געפונען פאַר אונדז עפּעס אַן אַרבעט. ער האָט די מאַמע אויך פאַר-טריבן אין קיווער אַרײַן מיט זײַן זשעדנעקײַט — זי איז געווען א שלאַפע, ער האָט איר אָבער ניט דערלויבט אָפּצוטרעטן פון דער וועבשטול, געוואָלט האָבן וואָס מער טעפּיכער. וויפל ער האָט געהאַט, איז אים אַלץ ווייניק געווען.

אַרום דעם ברונעם זײַנען אַכוץ אונדזערער געשטאַנען נאָך פיר קיביטקעס. דאָרט האָבן געוווינט פיר מישפּאָכעס, אונדזערע קרויווים פון דער מאַמעס צאַד. די באַציִונגען מיטן פאָטער זײַנען ניט געווען קיין פרײַנטלעכע. ווען די מאַמע האָט געלעבט, האָבן זיי זיך באַצויגן צו אים מיט געדולד. אז זי איז געשטאָרבן האָבן זיי זיך מיטאַמאָל פון אים דערווײַטערט, אַפילע צו מיר און קאַראַגיזן קיין באַזונדערע פרײַנטשאַפט ניט אַרויסגעוויזן. ווען מיר האָבן דעם פאָטער אף דעם אופמערקזאַם געמאַכט, האָט ער א מאַך געטאָן מיט דער האַנט: „ווער עס האָט קיין מוטער ניט, דעם איז דער פעטער אויך קיין קאָרעוו ניט". נאָר איך האָב פאַרשטאַנען די עמעסע סיבע פון זייער אָפּגעפרעמדטקײַט. זיי האָבן

ניט געקאָנט לײַדן דעם פּאָטערס קאַמצאָנעס, וועלכע איז טײלמאָל דערגאַנגען ביז צו קלײנלעכער שאַקאַלישער גײַציקײַט.

האָט ניט אַף מיר קײן פאַריבל, וואָס איך רעד אַזוי וועגן מײַן אײגענעם טאַטן, דעם עמעס קאָן מען ניט באַהאַלטן. ניט אײן מאָל איז מיר אױסגעקומען צו הערן, ווי דער פּעטער מאַמעד האָט זיך געקריגט מיטן פּאָטער, אים פאַרגעוואָרפן, אַז ער איז אַן אַכזער לעגאַבע דער מאַמען, נאָר איבערצײַגן דעם פּאָטער איז געווען פּונקט אַזוי שווער, ווי אײַנבויגן אַן אַלטן סאַקסאַול־קוסט — איבערברעכן יאָ, נאָר אײַנבויגן ניט. „מײַן ווײַב איז מײַנע, — האָט ער אַקשאָנעסדיק געטײַנעט, — וואָס איך וויל, קאָן איך מיט איר טאָן. דעם מאַנס ראָצן איז גאָטס ווילן. אַז איך וועל וועלן, וועט זי אַרבעטן פון פרי ביז שפּעט אין דער נאַכט אַרײַן; וועט זיך מיר פאַרגלוסטן, וועל איך זי אינגאַנצן פון שטוב אַרויסטרײַבן”. פאַרשטײט זיך, אַז עס וואָלט עפּשער טאַקע בעסער געווען, ווען ער טרײַבט זי אַרויס — די ברידער אירע וואָלטן זי ניט געלאָזט פאַרפאַלן ווערן, אָן ברויט ניט געלאָזט. נאָר ער האָט נאָר גערדראָעט. אַזוי לאַנג גערדראָעט, ביז די מאַמע איז אױסגעגאַנגען ווי אַ ליכט באַם פאַרשאָלטענעם וועבשטול. אין קיביטקע זײַנען מיר געבליבן זאַלבעדריט: דער טאַטע, קאַראַגיז און איך.

ווי איך האָב שוין געזאָגט, זײַנען די קרויווים נאָך דער מאַמעס לעוויע צו אונדז אָפּגעקילט געוואָרן, זיך געהאַלטן פונדערווײַטנס. ניט לאַנג ערעוו פרילינג האָבן זײ צענומען אונדז צונױפגעפּאַקעוועט זײערע קיביטקעס, און עס זײַנען פאַרבליבן נאָר שוואַרצע פלעקן אַף דער רויער ערד אַפן אָרט, ווו די איווונס זײַנען געשטאַנען. אַלע זײַנען אַוועקגעפאָרן, אַפילע דער פּעטער מאַמעד, וועלכער האָט זיך געשווירן בײַ דער באָרד פון מאַגאַמעטן, אַז ער וועט זיך פון אָרט ניט רירן, אַז זײַן קיווער וועט זיך געפינען לעבן אָט דעם ברונעם. נאָר, ווײַזט אויס, איז דאָס לעבן שטאַרקער פונעם נײדער. דער פּאָטער האָט זיך געהאַט זײַנע גײַציקע באַלעגופישע כעזשבוינעס, דערפאַר טאַקע האָט ער זיך פאַרקליבן אַזוי ווײַט, קעדײ צו זײַן וואָס ווײַטער פון קאָלווירטן, אָפּגעשײדט פון מענטשן. דער פּעטער מאַמעד און די אַנדערע מישפּאָכעס זײַנען אים דעמלט נאָכגעגאַנגען. איצט אָבער, דאַרף מען זיך מעשאַער זײַן, האָבן זײ זיך מעיאַשעוו געווען, צום סײכל געקומען און אײַנגעזען, אַז נאָר באַרסוקעס קאָנען לעבן אין אײנזאַמקײַט, מענטשן אָבער דאַרפן לעבן צווישן מענטשן, מיט מענטשן גלײַך.

אַ סאַך פון די, וואָס האָבן דעם ברונעם פאַרלאָזט, האָבן דערבײַ געוויינט, דעריקער די ווײַבער. זײ האָבן געבעטן גאָט, ער זאָל זײ ווידער צונױפנעמען אינײנעם צום קײווער פון דער אָרעמער אײַדזשעדזשעק (אַזוי האָט געהײסן מײַן מאַמע), נאָר זײ האָבן אַלײן אין דעם ניט געגלײבט, ווײַל זײ זײַנען אַוועק צו אַן אַנדער נײַ לעבן, וואָס איז לאַכלוטן ניט ענלעך געווען אַפן לעבן פון די וואַנדערנדיקע פאַסטעכער פּיציכטלער.

צווישן די, וועלכע זײַנען אַוועקגעפאָרן, איז אויך געווען מײַן אײנציקע טרײסט אַף דער וועלט — גולטשעטשעק. ווען איר וואָלט געקאָנט זען, ווי זי האָט אַף מיר געקוקט בײַסן געזעגענען זיך! ווי עס זײַנען איר פאַרלאָפן טרערן אין די אויגן! אונדז בײדע איז נאָך שווערער געווען, ווײַל מיר האָבן ניט באַוויזן ביז יענעם טאָג וועגן אונדזער ליבע קײן וואָרט אַרויסצורײדן.

זי איז אַוועקגעפאָרן, מײַן טײַערע גולטשעטשעק, און אַוועקגעפירט מיט זיך די שווערע לאַסט פון ניט אַרויסגעזאָגטער ליבע. מיך האָט די בענקשאַפט געדריקט צו דער ערד, ניט געלאָזט צורו טאָג און נאַכט.

ווען מיר זײַנען קינדער געווען, האָבן מיר געפּאַשעט שאָף: זי — דעם פּעטער מאַמעדס, און איך — מײַן פּאָטערס שאָף. די שאָף האָבן זיך אױסגעמישט אין אײן טשערעדע, און מיר זײַנען אַרומגעלאָפן אַפן גראָז און געלאַכט, געריסן בלומען און געשענקט אײנער דעם אַנדערן. זי איז קײנמאָל ניט מיד געוואָרן, ניט אױפגעהערט רײַסן בלימעלעך און לאַכן אָן אַן עק, טאָמיד מיך געטומען אַף געלעכטער, ווען איך בין אָפּגעשטאַנען אָדער זיך פאַרסאָפּעט און ניט געקאָנט כאַפּן דעם אָטעם. נאָר איך האָב זיך ניט באַלײדיקט — פון איר געלעכטער איז שטענדיק פרײלעכער געוואָרן אַפן האַרצן.

קאָן זײַן, אַז דעמלט טאַקע איז געבוירן געוואָרן דאָס, וואָס מענטשן, ווען זײ ווערן עלטער, רופן אָן „ליבע”? און עפּשער איז די ליבע שפּעטער געבוירן געוואָרן, ווען מיר פלעגן זיך האַלטן בײַ די הענט און קוקן אַף די שטערן אין די זומערדיקע אָפּדערנאַכטן?

דער פּעטער מאַמעד האָט קײנמאָל אַפילע ניט כוישעד געווען, אַז איך וואָלט געקאָנט מיט עפּעס באַוואָלען זײַן טאָכטער, און ער איז אַוואַדע געווען גערעכט. פאַר מיר איז געווען גענוג, וואָס גולטשעטשעק געפינט זיך לעבן מיר, וואָס איך קאָן זי זען צו יעדער

צײַט. זי האָט געהאַט דעם זעלבן פאַרלאַנג, און דערפאַר פלעגט זי אַלעמאָל קומען צו לויפן צו אונדז גלאַט אַזוי, קלוימערשט געקומען זיך דורכשמועסן מיט קאַראַגיז. האַגאַם דאָס איז ניט טאָמיד מעגלעך געווען — אונדזער פּאָטער האָט ניט גערן געהאַט, זײַנע קינדער זאָלן אומגיין פוסט-און-פּאַס, ווי איך האָב שוין פריִער דערציילט וועגן דעם.

נו אָט, ניטאָ מער גולטשעטשעק. זי איז אַוועקגעפאָרן, און אַ בייזער האַרבסטיקער ווינט האָט פאַרווישט די שפּורן פונעם סיווע אייזעלע, אויף וועלכן זי פלעגט פאָרן רײַטנדיק, פאַרווישט די שפּורן פון די קעמלען, וועלכע האָבן אַוועקגעפירט דאָס האָב-און-גוטס פון אונדזערע קרויווים.

פיר כאָדאָשים זײַנען פאַריבער. אונדזער קיביטקע איז געבליבן איינזאַם שטיין איינע אַליין אויף דער לאָנקע באַם ברונעם. איך און קאַראַגיז שעפּן אַלץ און גיסן דאָס וואַסער אין קעסל אָן אַ דנאָ. איך דריי אַלעמאָל אויס דעם קאָפּ און כאַפּ אַ קוק אין יענער זײַט, וווּ מיט הונדערט און צוואַנציק טעג צוריק איז אַוועק דער קליינער קאַראַוואַן און אונדז געלאָזט אַליין אין דעם מידבער. „איך זע, דו בענקסט, — זאָגט קאַראַגיז מיט מיטגעפיל, — איך קאָן אויך מײַנע כאַווערטעס ניט פאַרגעסן".

זי האָט גערעדט וועגן כאַווערטעס, נאָר געמיינט האָט זי עפּעס אַנדערש. זי איז געווען אַ פילבאַרע און טאַקטפולע שוועסטער, מיט אַן איידל האַרץ. זי האָט זייער גוט געוווּסט וועגן אונדזער ליבע, נאָר קיינמאָל ניט געגעבן אָנצוהערן, אַז זי ווייסט וועגן דעם. טיילמאָל האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז זי וויל עפּעס זאָגן, און איך בין ווי פאַרגליווערט געוואָרן אין דערוואַרטונג, נאָר זי פלעגט אַוועקדרייען דעם קאָפּ, געקוקט אין אַ זײַט, און אַ גוטער שמייכל פלעגט זיך באַווײַזן אויף אירע ליפּן. איך פלעג אַ גלעט טאָן איר האַנט, און זי איז טאָמיד דאַנקבאַר געווען פאַר דער צערטלעכקײַט, זיך גערויטלט פון פרייד. קיין מאַנצבל אויף צו פאַרליבן זיך אין איר איז ניט געווען, און איך בין באַ איר (אַכי'ק דעם טאַטן, פאַרשטייט זיך) געווען דער איינציקער, וועלכער האָט געהאַט דאָס רעכט זיך צורירן צו איר האַנט.

אין יענעם טאָג האָט דער ווינט זיך אײַנגעשטילט, ערשט ווען עס איז שוין געווען גיט פינצטער אין דרויסן. מיר זײַנען אַלע דרײַ געזעסן אין דער קיביטקע. איך האָב אָנגעצינדן דעם לאָמפּ. דער טאַטע האָט טייקעף אײַנגעדרייט דעם קנויט, און דאָס פלעמל האָט קוים געברענט ווי אַ קאַנעצל מיט אַ געל פײַערל.

ער האָט אויף מיר אַ געשריי געטאָן:

— דו פאַרגעסט, אַז עס איז אַזוי שווער צו קריגן נאַפט!

איך האָב אָפּגעשוויגן. קריגן קעראָסין איז טאַקע געווען שווער, נאָר ווי איך האָב פאַרשטאַנען, האָט ער מער מוירע געהאַט, אַז עס קאָן עמעצער באַמערקן ש‍ײַן אין שטוב, און מיר האָבן זיך דאָך באַהאַלטן פאַר מענטשן.

קאַראַגיז האָט אײַנגעהייצט דאָס אויוונדל, געשטעלט דאָס קעסעלע. נאָך דער וועטשערע האָט זי בעריִעש אויסגעוואַשן דאָס געפעס און זיך געלייגט שלאָפן. אַלץ איז דורכגעגאַנגען שווײַגנדיק, וואָרעם דער פּאָטער האָט ניט גערן מיט אונדז געשמועסט, און מיר ביידע האָבן געהאַלטן פאַר בעסער צו שווײַגן אין זײַן אָנוועזנהייט.

די שוועסטער איז געשמאַק געשלאָפן, נאָר איך האָב ניט געקאָנט אײַנשלאָפן ווערן. די אויגן האָבן געשמאַרצט, גלײַך ווי עמעצער וואָלט אין זיי מיר אָנגעשאָטן זאַמד. איך האָב געטראַכט וועגן גולטשעטשעק. עס האָט זיך מיר אַלץ אויסגעדוכט, אַז עס טוט אַ סקריפּע די טיר — אָט וועט זי אַרײַנקומען מיט פאַרויטלטע באַקן און מיט אַ שמייכל אויף די שיינע ליפּן. איך האָב זיך אַזוי אײַפערדיק אײַנגעהערט, אַז עס האָבן מיר אַזש די ציין אָנגעהויבן ווײ טאָן, אַזוי שטאַרק האָב איך זיי צונויפגעקלעמט. אויף די טריט פון מײַן געליבטער האָב איך זיך ניט געקאָנט דערוואַרטן. איך האָב נאָר געהערט מײַן פּאָטערס געמאָסטענע ווערטער:

— פינף הונדערט... פינף הונדערט פערציק... זעקס הונדערט...

דאָס האָט ער, איבערבייגנדיק זיך איבערן לעמפּל, געציילט זײַן געלט יעדן אָוונט.

נאָך דעם ווי די קרויווים האָבן אַוועקגעוואַנדערט, האָב איך און מײַן שוועסטער זיך געפילט נאָך איינזאַמער. דעם פּאָטער האָט דאָס ניט געאַרט, און מיר האָבן געליטן. איר האָט זיך געוואָלט פלאַפּלען מיט אירע כאַווערטעס, זיך טיילן מיט פאַנטאַזיעס, דערציילן אירע כאַלוימעס. מיידלעך קאָנען אָן פאַנטאַזיעס ניט לעבן. נו, און מיר איז אויך שווער געווען אויסקומען אָן כעווערע פון מײַן עלטער. ס'איז ניט געווען מיט וועמען אַ וואָרט צו ריידן. מיט דער שוועסטער לאַנג שמועסן איז ניט געווען וואָס. נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל וועגן אונדזער טרויעריקן גוירל. קיין אַנדערע טעמעס האָבן זיך ניט באַקומען. פאַרשיידן

נעמען אויף די ארומיקע וועלט ייִנגלעך און מיידלעך, ווען זיי טרעטן אריבער די שוועל פון זייער קינדהייט.

קאראגיז האָט אָנגעהויבן אַפּט אוועקצוגיין אין די זאַמדן און פלעגט אויף לאַנג דאָרט פאַרפאַלן ווערן. ווען זי פלעגט זיך אומקערן אהיים, זײַנען אירע אויגן געווען רויט און אָנגעשוואָלן, און מיר איז קלאָר געוואָרן, אַז זי האָט דאָרט געוויינט, אויסבאהאלטנדיק אירע טרערן פון מיר און פונעם פאָטער. איך האָב זי ניט געטרייסט, ניט באַרויִקט, זיך געמאַכט, אַז איך האָב, קלוימערשט, גאָרניט באַמערקט. מיר זעלבסט האָט זיך אויך ניט איין מאָל געוואָלט וויינען פון בענקשאַפט און אויסזיכטלאָזיקייט. אַזוי איז צוביסלעך אַנט-שטאַנען דער זינדיקער געדאַנק: אַלץ וואַרפן און אַנטלויפן, קאַלוזמאַן עס איז נאָך איינגאַנצן ניט פאַרווישט געוואָרן דער שפּור פונעם קאַראוואַן מיט די קרוויוים, וועלכע האָבן אונדז פאַרלאָזט. אויף דעם זיך צו באַשליסן האָט מען געדאַרפט האָבן מוט און געוואַגטקייט. דער פאָטער האָט אויף אונדזערע איבערלעבענישן קיין שום אכט ניט געלייגט, זײַנע פאָטער-לעכע געפילן קיינמאָל ניט אַרויסגעוויזן, און זײַן האַרץ האָט מער געהערט די שאָף (מיר האָבן פאַרמאָגט א דרײַסיק-פערציק שאָף). אָבער זײַן מאַכט איבער אונדז איז גאָר שטאַרק געווען, און אונדז האָט זיך געדוכט, אַז מע קאָן זי ניט גיווער זײַן, ווי א סטיכיע.

די טיי און דאָס מעל האָבן זיך געענדיקט, און דער פאָטער האָט מיך געשיקט אײַנ-קויפן פּראָדוקטן אין מאַגאַזין אין איינעם פון די אָפּטיילונגען פונעם סאָווירט „סאַוואַקלי”. דאָס איז געווען דאָס נאָענטסטע אָרט פון אונדזער פאַרוואָרפן ווינקל, ווו עס האָבן געוווינט ניט קיין דזשינען, נאָר געוויינלעכע מענטשן. דער וועג אַהין האָט געדויערט א מעת-לעת. איך בין געווען שטאַרק צופרידן מיט דער שליכעס, נאָר זיך געסטאַרעט מײַן פרייד מיט גאָרנישט ניט אַרויסצווײַזן איבער די פאַרטרויערטע אויגן פון מײַן שוועסטער — זי האָט דאָך, נעבעך, אויך געוואָלט גיין און זען און רעדן מיט א לעבעדיקן מענטשן. זי האָט גע-בעטן דעם פאָטער עפּעס געלט, איך זאָל איר קויפן פאַריינוועגס זײַדענע פאָדעם אויף אויס-צונייען, נאָר דער פאָטער האָט געזאָגט:

— אין שטוב איז, דאַנקען גאָט, פאַראַן וואָס צו טאָן אָן אויסנייעכץ.

א האַרטהאַרציקער, גײַציקער מענטש איז ער געווען. ניט געוואָלט פאַרשטיין דאָס, וואָס אפילע איך, א קליין ייִנגל, האָב פאַרשטאַנען — אויסנייען וואָלט געווען די איינציקע פרייד, דער איינציקער ליכטיקער שטראַל אין קאַראגיזס גרויער, פאַרגליווערטער עקזיס-טענץ.

זי האָט האַכנאָעדיק אויסגעהערט דעם אָפּזאָג, רויט געוואָרן פון בושע, גלײַך זי וואָלט געווען געבעטן אַזוינס, וואָס עס איז שטרענג פאַרבאָטן, אָדער אָפּגעטאָן עפּעס א מיִעסע זאַך. איך האָב געפרוּווט זיך אָנעמען איר קריוודע, אָבער דער פאָטער האָט אפילע מײַנע רייד הערן ניט געוואָלט, גלײַך ווי א הונט האַוקעט. ער האָט מיך געוואָרנט:

— קער זיך אום אהיים וואָס גיכער. אויפן וועג מיט קיינעם זיך ניט אָפּשטעלן. קיין געסט זאָלסטו מיר ניט ברענגען. אין סאָווירט זאָלסטו זיך ווייניקער וואַרפן די מענטשן אין די אויגן; קויף, וואָס מ'האָט דיר אָנגעזאָגט, און גלײַך צוריק אהיים. איך האָב פײַנט, ווען עס הייבט זיך אָן: ווען, ווער, וואָס, ווו.

איך האָב זיך געלאָזט אין וועג אַרײַן קאַיאַר, ווען ס'האָט נאָר אָנגעהויבן צו טאָגן. דאָס אייזעלע איז געלאָפן לענגויס דעם שמאָלן וועג, און איך האָב זיך געהאַלטן אין איין אַרומקוקן און האַנאָע האָבן. די נאַטור ארום איז געווען די זעלבע, וואָס אין אונדזער פאַרוואָרפן ווינקל, און דאָך א ביסל אַנדערש, א ביסל ברונטער, קאָנטראַסטנער, א קאַפּעלע פריידיקער. עס האָט זיך לײַכטער געאָטעמט. איך האָב זיך ניט פאַרטראַכט, פאַרוואָס עס איז אַזוי, פּאַשעט געאָטעמט מיט דער פולער ברוסט, געווען דערמיט צופרידן. איך האָב קיינעם אויפן וועג ניט באַגעגנט, נאָר מיר איז אַזוי אויך גוט געווען, גלײַך ווי די אײַגן האָבן זיך מיר געעפנט און איך האָב מיטאַמאָל דערזען, ווי פּרעכטיק-שיין און ראַכוועסדיק עס איז די וועלט.

איך האָב געטאָן אַלץ אַזוי, ווי דער טאַטע האָט אָנגעזאָגט. נאָר מיט איין זאַך האָב איך איוועור געווען אויף זײַן פאַרבאָט: אַזויוי קיין פעדעם זײַנען אין דער סאָווירטישער קראָם ניט געווען צו קריגן, בין איך אַרײַנגעגאַנגען אין עטלעכע שטיבער, קעדיי זיי אײַנ-קויפן בא די אײַנוווינער. אוואדע איז עס געווען ניט קיין באַוווסטזיניקער, נאָר דאָך א בונט, א רעאַלער בונט. עס איז פאַר מיר אומעגלעך געווען זיך אומקערן אָן זײַדענע פעדעם פאַר דער שוועסטער. זאָל זײַן ווייניקער צוקער, ווייניקער מעל, נאָר א שטיקל פרייד פאַר קאַראגיזן. אַזוי האָב איך באַשלאָסן און אַזוי געטאָן, געווען גרייט צו נעמען די שולד אײַנ-

גאַנצן אַף זיך. דער פאָטער האָט זעלטן אונדז געשלאָגן, נאָר א האַנט האָט ער געהאַט א שווערע.

אַפן וועג צוריק, ווען איך האָב שוין געהאַלטן באַם פאַרקערעווען צו אונדזער ברונעם, האָבן מיך אָנגעיאָגט צוויי גדעקטע לאַסטמאַשינען. מײַן אייזעלע, וואָס האָט קיינמאָל ביז איצט אזעלכע בריִעס ניט געזען, האָט זיך שטאַרק דערשראָקן, געבריקעוועט און זיך צעהירזשעט פון שרעק. כ'האָב געמאַכט דעם אָנשטעל, אז איך האָב גאַרניט געזען, האָב דאָס אייזעלע באַרויִקט און ווײַטער געפאָרן מײַן וועג. נאָר פון דער מאַשין האָט עמעצער א געשריי געטאָן:

— היי, דו, באָכערל, וואַרט אויס!

איך האָב זיך געמוזט אָפּשטעלן, וואָרעם ס'איז דאָך ניט מעגלעך געווען צו אַנטלויפן אַף מײַן אייזעלע, וואָס איז דערצו נאָך געווען נישקאָשעדיק אָנגעלאָדן. איך האָב זיך העפלעך באַגריסט מיט די מענטשן אין די מאַשינען, אַלעמען געדריקט די האַנט. זיי האָבן מיך מיט נײַגעריקײַט באַטראַכט, ווי פאַר זיי וואָלט געשטאַנען א פּיפּערנאָטער און ניט קיין פּאַשעטער באָכער. איינער פון זיי, א דיקלעכער און קורצוויקסיקער, מיט בלאָנדע האָר און מיט פרייע בלויע אויגן, איז מיר גלײַך געפעלן געוואָרן. מע האָט באַלד דערקענט, אז ער איז א רוסישער, נאָר גערעדט האָט ער אַף אונדזער לשון, געקנאַקט ווי א סאָלאָוויי. ער האָט זיך נאָכגעפרעגט, צי עס איז נאָך ווײַט צו אונדזער שטוב, און געבעטן אים ווײַזן דעם וועג. איך האָב געפּרוּווט זיך אויסדרייען, געכיטרעוועט, נאָר עס האָט זיך בא מיר גאַרניט באַקומען, און איך האָב זיי אָוועקגעפירט צו אונדזער קיביטקע.

איינעם פון זיי האָב איך געקענט — דאָס איז געווען אַן ארבעטער פונעם סאָווירט. פון דעם שמועס האָב איך פאַרשטאַנען, אז צוויי פון זיי זײַנען פונעם ראַיאָן. איך בין נײַגעריק געווען צו וויסן, וואָס זיי האָבן געדאַרפט האָבן פון אונדזער פאַרוואָרפן ווינקל. מיסטאָמע האָט זיי אינטערעסירט אונדזער ברונעם פאַר די סאָווירטישע טשערעדעס.

אַף מײַנע ספּייקעס האָט דער זעלבער בלוי-אויגיקער פאַרשוין, וועלכער איז מיר געפעלן געוואָרן, אויפגעקלערט. ער האָט מיך א פרעג געטאָן, צי איך וואָלט געוואָלט לעבן אזוי ווי אַלע מענטשן לעבן. איך האָב געענטפערט, אז דאָס וויל איך טאַקע. און צי האָב איך עפּעס קעגן דעם, איך זאָל זיך איבערפירן אין סאָווירט און דאָרט ארבעטן?

— וואָלט אויך געווען גוט, — האָב איך געענטפערט.

— נו, און דײַן שוועסטער?

הייסט עס, אז זיי איז באַוווּסט, אז איך האָב א שוועסטער, און זיי אינטערעסירט איר מיינונג. זײַנען זיי מיר נאָך מער געפעלן געוואָרן, און איך האָב געענטפערט, אז מײַן שוועסטער וויל דאָס זעלבע, וואָס איך.

— אַזויאַרום, — האָבן זיי ווײַטער געזאָגט, — באַקומט זיך, אז קעגן דעם איז נאָר אײַער פאָטער?

דערמאָנענדיק דעם פאָטער, האָב איך מיר טייקעף פאָרגעשטעלט, וויאַזוי ער וועט מיך מעקאַבל-פּאָנעם זײַן מיט די אומגעבעטענע געסט, און איך האָב פאַרלוירן דעם כיישעק פאָרצוזעצן דעם שמועס.

פאַרשטייט זיך, אז אין דער אָנוועזנהײַט פון די געסט האָט ער צוגעשוויגן, נאָר געוואָרפן אַף מיר צאָרנדיקע בליקן. די געקומענע האָבן זיך געקוויקט מיט דער טיי, האָבן געשמאַק געגעסן דעם פרישן טשורעק, וועלכן קאַראַגיז האָט אָפּגעבאַקן פונעם מעל, וואָס איך האָב אַקאָרשט געבראַכט צו פירן. זי האָט אַף מיר געקוקט מיט וואַרעמקײַט און דאַנקבאַרקײַט, און איך האָב זיך געטראַכט: פיל גוטס דאַרף א מענטש טאָן דעם צווייטן, קעדיי צו פאַרדינען אזא מין אומבאַגרענעצטע אָנערקענונג. און איך האָב דאָך געטאָן ניט מער, ווי געבראַכט עטלעכע מעטער פון פאַרביקן זײַדענעם גאַרן!

די געסט האָבן געמיטלעך געפירט דעם שמועס, דעריקער וועגן דעם סאָווירט, דערציילט וועגן דעם ווילשטאַנד און אײַנגעזעסענעם לעבנסשטייגער, וועגן די גלענצנדע פּערספּעקטיוון פון דער ווירטשאַפט, און זיי האָבן זיך יעדעס מאָל געווענדט צום פאָטער, ער זאָל עס באַשטעטיקן, ווי ער וואָלט געווען אַמבעסטן אינפאָרמירט מער פון אַלע אַנדערע, באַהאַוונט אין די איניאַנים פונעם סאָווירט, פּונקט ווי ער וואָלט זיך ניט אויסבאַהאַלטן עטלעכע יאָר אין די זאַמדן פונעם קאַראַקומער מידבער. דער פאָטער האָט זיך געפילט אומבאַקוועם, אונטערגעקרעכצט, געזעסן מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן, ציטירט אַף אויסוווייניק פּסוקים פונעם קאָראַן, פאַרזיכערנדיק די בעקאָוועדיקע געסט, אז די אויערן זײַנע און דאָס האַרץ זײַנס זײַנען אָפן פאַר זייערע רייד, אָבער ווי נאָר מע איז איבערגעגאַנגען אַף קאָנקרעטע איניאַנים, איז ער באַלד אָפּגעקילט געוואָרן, אײַנגענומען שטומעניש. די געסט האָבן העפלעך אים

געגעבן אָנצוהערן, אַז עס וואָלט געווען רעכט, ער זאָל זיך איבערפירן אין איינער פון די פּערמעס פונעם סאָווירט, און וואָס גיכער ער וועט אַזוי טאָן, אַלץ בעסער: ער וועט פאַרשפּאָרן זאָרג און מי סײַ זיך, סײַ אַנדערע, ווײַל דאָס אָרט ארום דעם ברונעם וועט ווערן אויסגענוצט אַלס פּאַשע-פעלד פאַרן סאָווירט.

דער פּאַטער האָט צוגעזאָגט, אַז ער וועט זיך מעיאשעוו זײַן, אָבער ווי נאָר די געסט האָבן פאַרלאָזט אונדזער קיביטקע, האָב איך אין דער פולער מאָס „באַקומען באַצאָלט" אי פאַר די אומגעבעטענע אָרכים, אי פאַר די זײַדענע פעדעם, וואָס מיר האָבן פון אים ניט געקאָנט אויסבאַהאַלטן. די שוועסטער האָט אויך פאַרײַנוועגס באַקומען איר כײַלעק, און איך — נאָך א פּאָרציע „פון אויבן": איך זאָל ניט וואַגן זי צו פאַרטיידיקן. נאָר איך האָב אַלץ אויסגעהאַלטן. דער אונטערבאַוווּסטזיניקער פּראָטעסט איז אַלץ רײַפער געוואָרן, און דער פאַרלאַנג אוועקצוגיין פון אונדזער פאַרוואָרפן ווינקל איז אַלץ שטאַרקער געוואָרן. איצט איז עס שוין געווען אַ פראַגע פון צײַט. און די צײַט האָט ניט געלאָזט אַף זיך לאַנג וואַרטן.

אַ קעמל איז בא אונדז פאַרפאַלן געוואָרן. דעם פּאַטערס באַליבטער קעמל. אונדז האָט אַלעמען באַנג געטאָן, אָבער דער פּאַטער האָט זיך קיין אָרט ניט געקאָנט געפינען. אין יענעם טאָג, ווען דער קעמל איז פאַרפאַלן געוואָרן, איז ער אינדערהיים ניט געווען, ערגעץ געהאַט אוועקגעפאָרן. מיר האָבן ניט געוווּסט וווּהין. איך בין, הייסט עס, געווען דער עלטסטער אין שטוב, און די גאַנצע שולד איז געפאַלן אַף מיר.

צוערשט האָבן מיר געהאָפט, אַז דער אַנטלאָפענער וועט זיך אַליין אומקערן — עס איז שוין פריִער אַזוינס געשען. איז אָבער פאַריבער אַ טאָג, צוויי, ס'איז אוועק אַ וואָך, און דער פּאַטער האָט געמאָלדן: גיי וווּהין דו ווילסט, נאָר אָנעם קעמל זאָלסטו זיך ניט דערוועגן צוריקצוקומען, וועסט זיך סײַווי־סײַ פאַרשעלטן דאָס לעבן! און האָב אין זינען — קיין סאַך וואַרטן וועל איך אַף דיר ניט.

ס'איז קלאָר געווען, אַז דער פּאַטער טראַכט אַפילע ניט וועגן דעם סאָווירט, ווי ער האָט צוגעזאָגט די געסט, אַז ער קלײַבט זיך אַנטלויפן ערגעץ ווײַטער אין דער טיף פון דעם מידבער. איך האָב ניט געקאָנט שלאָפן דורך די נעכט, אַלץ געטראַכט וועגן דעם טרויעריקן גוירל אונדזערן, אַף וועלכן דער פּאַטער האָט אונדז פאַרמישפּעט מיט זײַן שווערן כאַראַקטער. כ'האָב געטראַכט וועגן מײַן אומעטיק לעבן, און דער פאַרפאַלענער קעמל האָט מיר שוין מער קיין דײַגעס ניט פאַרשאַפט. איך האָב פעסט באַשלאָסן אינדערפרי צו ריידן מיטן טאַטן אַזויווי אַ מאַנצבל מיט אַ מאַנצבל, אים איבערצײַגן, אַז אין איינזאַמקײַט, אָן שכיינים, אָן אַ געזעלשאַפט, אָן אייגענע קאָן מען זיך גאָרניט דערשלאָגן. מע דאַרף גיין ניט אַף פאַרוואָרפענע קאַראַוואַנען-שטעגן, נאָר אַף די שפּורן פון די, וועלכע האָבן בעסער פאַרשטאַנען און באַצײַטנס אַרויס אַפן גרייטן שליאַך.

און אַזוי האָב איך טאַקע צו אים גערעדט, נאָר מײַנע ווערטער האָבן אַף אים ניט געמאַכט דעם מינדסטן אײַנדרוק. ער האָט נאָך אַף מיר אָנגעשריגן, איך זאָל ניט פּלאַפּלען אין דער וועלט אַרײַן און זאָל בעסער גיין זוכן דעם קעמל.

איך האָב זיך געלאָזט אין וועג אַרײַן און געהאַט דאָס געפיל, אַז באַלד נאָך מײַן אוועקגיין וועט ער זיך נעמען אַראָפּנעמען די קאָשמע פון דער קיביטקע. עפשער האָט זיך מיר אַזוי אויסגעוויזן דערפאַר, ווײַל ער האָט מיר ניט דערלויבט צו נעמען קיין אייזל מיט זיך. צי עפשער גאָר האָב איך געהאַט אַזאַ פאַרגעפיל, ווײַל ער האָט ניט געקאָנט אײַנזיצן אַפן אָרט, אַלץ זיך אַרומגעקוקט מיט אומרויִקע אויגן. שטערן האָב איך אים סײַווי ניט געקאָנט.

פון זינט איך בין צו מײַן סייכל געקומען, האָב איך ניט געקאָנט פאַרטראָגן קיין זשעדנעקײַט, איך האָב ניט געמאָסטן די גרייס פון דער וועלט מיט דער מאָס פון דער אייגענער טשערעדע שאָף. איך האָב ניט געקאָנט פאַרשטיין, פאַרוואָס עס דאַרפן בא מענטשן ציטערן די הענט, ווען זיי ציילן געלט.

עמעצער האָט מיר נאָכגעשריגן:

— טשערקעז!.. טשערקעז!..

איך האָב זיך אומגעקוקט — דאָס איז קאַראַגיז מיר נאָכגעלאָפן.

אַ פאַרסאָפּעטע, האָט זי מיך אָנגעכאַפּט באַם אַרבל. איר ברוסט האָט זיך שווער געהויבן. מיט פאַרלוירנקײַט, מיט שרעק און מיט טרערן אין די אויגן האָט זי קוים אַרויסגערעדט:

— דו האָסט אַפילע קיין לעפּיאָשקע אין וועג ניט מיטגענומען.

— איך האָב יאָ מיטגענומען, — האָב איך געענטפערט, ניט פאַרשטייענדיק די עמעסע סיבע, פאַרוואָס זי איז מיר נאָכגעלאָפן, — א גאַנצן טשורעק האָב איך מיטגענומען, זאָרג זיך ניט, עס וועט קלעקן אַף דריַי-פיר טעג.

— ניין, — האָט זי באַשטאַנען אַף אירן, — אַלץ האַלטנדיק מיך באַם אַרבל, — יענער טשורעק איז אַלטגעבאַקן. איך האָב א פרישן אָפּגעבאַקן...

— מאַכטעייסע, — האָב איך געזאָגט, — א דאַנק דיר, גיב אַהער...

זי האָט מיר געגעבן א קלומעקל מיט שפּיַיז.

— טשערקעז, גיי ניט אַוועק, — האָט זי מיך געבעטן, — לאָז מיך ניט איבער אַליין. איך האָב געענטפערט, אַז איך וועל זיך אומקערן אין צוויי-דריַי טעג אַרום.

— ניין, ניין, — האָט זי געוויינט, מיך ניט אָפּגעלאָזט, — טשערקעז, דאָס האַרץ זאָגט מיר, אַז מיר וועלן זיך שוין מער ניט זען... נעם מיך מיט זיך, ברודער! — האָט זי פּלוצעם אויסגעשריגן, — נעם מיך מיט, לאָז מיך ניט איבער איינע אַליין! ווילסט, וועל איך זיך אַף די קני שטעלן פאַר דיר!..

און זיך באַלד געשטעלט אַף די קני.

איך האָב שנעל זי אויפגעהויבן פון דער ערד, ניט באַמערקט, אַז פון מײַנע אויגן גיסן זיך אויך טרערן.

מיר האָבן זיך אַרומגענומען און אַזוי געשטאַנען באַוועגלאָז עטלעכע מינוט. איך האָב געפילט, ווי זי ציטערט, און עס איז מיר געוואָרן היים. האָב איך זיך פּאַמעלעך אָפּגערוקט, כאָטש אַרום אונדז איז קיינער ניט געווען, וואָס וואָלט געקאָנט טראַכטן עפּעס שלעכטס, זעענדיק דעם ברודער מיט דער שוועסטער אין אַזא פּאָזע.

— ערגער זיך ניט, — האָב איך געזאָגט, — איך וועל זיך אומקערן. צי איך וועל געפינען דעם אַנטלאָפענעם קעמל, צי ניט, נאָר אומקערן וועל איך זיך געוויס. האָב גע-דולד. ווי עס זאָל ניט זײַן, איז ער דאָך אונדזער לײַבלעכער פאָטער, און מיר טאָרן אים ניט פאַרלאָזן איינעם אַליין.

— ער האָט אונדז אַליין פאַרלאָזט, — האָט קאַראַגיז פאַרפינקטלעכט, — נאָר אויב דו זאָגסט מיר צו, אַז דו וועסט צוריקקומען, וועל איך אַלץ אויסהאַלטן. זאָלסט מיך נאָר ניט פאַרגעסן.

— איך שווער דיר, שוועסטער מײַנע! — האָב איך לײַדנשאַפטלעך צוגעזאָגט.

זי האָט א זיפץ געטאָן, אײַנגאַנצן געציטערט און האַכנאָעדיק געשאָקלט מיטן קאָפּ. נאָך איצט, אַז איך דערמאָן זיך, פאַרקלעמט מיר דאָס האַרץ.

— יאָ... יאָ... איך גלייב דיר, איך וועל שוין וואַרטן... זײַ מיר מויכל, אויב איך האָב מיט עפּעס דיך באַליידיקט...

אירע לעצטע ווערטער האָבן מיר אויסגעוויזן ווי איבעריקע, גלײַך ווי זי רעדט ניט צו דער זאַך, נאָר איך האָב זיך מער ניט פאַרהאַלטן, מירע געהאַט, אַז דער פאָטער זאָל אונדז ניט באַמערקן און עס וועלן זיך ווידער אָנהייבן געשרייען און פאַרוואורפן, אַז מיר זײַנען פּאַראַזיטן, זיצן אַף זײַן קאַרק. ווער זשע האָט נאָך פאַרדינט זײַן ברויט ערלעכער, מיט שווערער פּראַצע, ווי איך מיט מײַן שוועסטער?

מיט מײַן רײַזע האָט זיך באַקומען ניט אַזוי, ווי איך האָב זיך פאַרגעשטעלט: איך בין פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן אין די זאַמדן. כ'קאָן אַפילע ניט זאָגן גענוי, וויפל טעג איך האָב אַרומגעבלאָנדזשעט, ביז איך בין גאַנץ צופעליק אָנגעקומען צום ברונעם מידאַר. ערשט איז מיר קלאָר געוואָרן, וווּ איך געפין זיך אין דעם קאַראַקום-מידבער, וואָרעם דער ברו-נעם איז מיר געווען באַקאַנט. דאָ זײַנען אויך געשטאַנען אין א שערענגע אַן אַנדערהאַלבן צענדליק קיביטקעס. דריַי פרויען האָבן געוואַשן וואָל באַם ברונעם. איך האָב באַשיידן זיך געגריסט. צוויי פון זיי האָבן גלײַכגילטיק געענטפערט אַף מײַן גרוס. די דריטע האָט גע-שוויגן. זי האָט נאָר אויפגעהויבן דעם קאָפּ. אַף מיר האָבן געקוקט גולטשעטשעקס אויגן. מיר זײַנען אַזוי געשטאַנען ביידע און געקוקט איינער אַפּן אַנדערן, ביז זי האָט זיך ניט צעשמייכלט אומאַנטשלאָסן:

— גאָט מײַנער, דאָס איז דאָך טשערקעז! — און באַלד פאַרדעקט דאָס מויל מיטן יאַשמאַק.

און איך בין געשטאַנען, גלײַך ווי א דונער וואָלט מיך געטראָפן, — עס איז נאָך קיין יאָר ניט פאַריבער, און גולטשעטשעק איז שוין א כאַסענע געהאַט!

ווײַטער איז אַזוי געשען:

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אַלע מײַנע קרויווים האָבן זיך באַזעצט לעבן מידאַר, וועלכער האָט געהערט צום סאָווירט. זיי האָט מען אָנפאַרטרויט די אַרבעט פון אַנטרינקען

די טשערעדעס שאַף פונעם סאָווירט און אכטונג צו געבן אַף דער בעסטער באַכטשע מיט די קאַוועגעס און דיניעס, וועלכע האָבן געהאַט אַ שעם מיט זייער זיסקייט אין דער גאַנצער געגנט. מיר האָבן אַמאָל אויך, פון זיי פאַרזוכט, ווען דער פּאַטער האָט זיך צעביי̆טלט און געבראַכט צו פירן אַ פּאָר פּאָר אַ נאָווינע. געקאָסט האָבן זיי שפּאָט-ביליק.

דער פּעטער מאַמעד האָט מיך אופגענומען פריי̆נטלעך. פּאָר מיר אפילע אַ קיביטקע אוועקגעשטעלט לעבן זיי̆ן ווינונג און אַזויאַרום באַשטעטיקט אונדזער קרוויוועשאַפט. ער האָט זיך נאָר אינטערעסירט, צי איך קלייַב זיך אומקערן צום פּאָטער. דערהערט אַ נעגאַ-טיוון ענטפער, איז ער גאָר גוט געוואָרן צו מיר און געזאָגט, אַז מוירע האָבן איז ניטאָ וואָס, ווייַל לעבן וועל איך צווישן אייגענע, און יעדער איינער וועט גערן מיר בעהילפיק זיין.

מיך האָט אָבער זייער היליף ווייניק-וואָס אינטערעסירט. מיר איז גולטשעטשעק געווען אַפן זינען. איך בין געווען אייפּערזיכטיק אַזוי שטאַרק, אַז איך האָב קיין רו נישט געהאַט ניט באַטאָג און ניט באַנאַכט. זי האָט נאָך דערווייַל געוווינט באַם פּאָטער אין שטוב, לויטן מינהעג פון קאַטאַרמאַ, נאָר אינגיכן האָט זי שוין געזאָלט ענדגילטיק זיך באַזעצן אינעם הויז פון איר מאַן. מיך האָט נאָך געמוטשעט דאָס געוויסן, וואָס איך האָב, האַגאַם ניט-ווילנדיק, אָפּגענאַרט מיין שוועסטער קאַראַגיז. איך האָב דאָך איר צוגעזאָגט זיך אומקערן. אוודע וואָלט איך נאָך געקאָנט, האַלטנדיק זיך אָן אייצע מיטן פּעטער מאַמעד, זיך אומ-קערן און זי ברענגען אַהער, נאָר גולטשעטשעק... איך האָב זי דאָך געקאָנט פאַרלירן אַף אייביק!

עס קלינגט געוויס לעכערלעך, ווען איך זאָג „כ'וואָלט געקאָנט". איז זי שוין פּאַקטיש ניט געווען פאַר מיר פאַרלוירן? נאָר אין מיר האָט נאָך געלעבט עפּעס אַ פאַרשיי̆טע האָפענונג. אַף וואָס איך האָב געהאָפט, האָב איך אליין ניט געוווּסט, נאָר די האָפענונג האָט מיך ניט פאַרלאָזט, און כ'האָב געהאַט צו לאָזן גולטשעטשעקן אָן מיין אופזיכט. יעדע מינוט האָט געקאָנט געשען דאָס אומדערוואַרטע. און געשען איז אַלץ פּאַשעט, אָן אויסערגעוויינלעכע איבערלעבענישן.

איך האָב געטרונקען טיי אין מיין קיביטקע, ווען גולטשעטשעק איז אַריי̆נגעקומען אופראַמען, ווי עס איז דערלויבט אַ קרויווע. און איך, גלייַך ווי עמעצער וואָלט מיך אַ שטויס געטאָן, האָב זי אַ פרעג געטאָן, וויאַזוי האָט עס געקאָנט געשען, וואָס זי איז שוין אַ כאַסענע געהאַטע. זי האָט גאָרניט געענטפערט, געצויגן מיט די אַקסלען, און איך האָב באַלד פאַרשטאַנען, אַז אַלץ איז פאָרגעקומען ווי אין די אַלטע צייַטן: די מעכוטאָנים זייַנען געקומען צום פּעטער מאַמעד, מע האָט זיך געדונגען וועגן „קאַלים" און מע האָט די שוויַיגנדיקע קאַלע אוועקגעפירט אין דער שטוב פונעם כאָסן, וועלכן זי האָט ביז דאַן אין די אויגן קיינמאָל ניט געזען, אפילע קיין אַנונג ניט געהאַט, אַז ער עקזיסטירט.

באַ גולטשעטשעק האָט זיך באַקומען נאָך ערגער: די מעכוטאָנים האָבן אָפּגענאַרט — ניט אַרויסגעזאָגט דעם עמעס, אַז דער כאָסן איז אַ טויב-שטומער קאַליקע. דאָס איז באַ-וווּסט געוואָרן ערשט נאָך דער כאַסענע, ווען אַלץ איז שוין געווען פאַרפאַלן.

— און וואָס ווייַטער, — האָב איך זי געפרעגט, — וואָס טראַכסטו טאָן ווייַטער? וועסט זיך אומקערן צו אים, ווען די קייַטאַרמאַ וועט זיך ענדיקן?

— וואָס זשע בלייַבט מיר צו טאָן? — האָט זי נאָכאַמאָל געצויגן מיט די אַקסלען.

— לאָמיר בעסער אַנטלויפן זאַלבעצווייט, — האָב איך פאָרגעלייגט.

צוערשט האָט זי זיך דערשראָקן. זי האָט זיך אוועקגעזעצט לעבן מיר און זיך צע-וויינט. איך האָב מיט די פינגער געווישט די טרערן אַף אירע באַקן, געגלעט אירע שוואַר-צע, האַרטע, געקרייַזלטע האָר. זי האָט מיך ניט אָפּגעשטופּט פון זיך. פאַרקערט, זי האָט אָנגעכאַפּט מיין האַנט, צוגעקוועטשט צו זיך און לאַנג ניט אָפּגעלאָזט.

שפּעטער מיט עטלעכע טעג, ווען דער פּעטער מאַמעד איז ניט געווען אינדערהיים, זייַנען מיר באַנאַכט אוועקגעגאַנגען פונעם ברונעם מידאַר. צוויי מעסלעס זייַנען מיר געגאַנגען ביז דעם צענטער פונעם סאָווירט, דאָרט אַלץ דערציילט און געבעטן, מע זאָל אונדז העלפן. מע האָט אונדז מעקאַרעוו געווען, באַשטימט אַף אַרבעט, אונדז געגעבן אַ ליים-שטיבל אַף צו ווינען, צוגעזאָגט צו פאַרטיידיקן קעגן דעם פּעטער מאַמעדס צאָרן. צו זיין ליב, דאַרף איך זאָגן, אַז ער איז ניט באַשטאַנען אַף דעם, זיין טאָכטער זאָל זיך אומ-קערן צום טויב-שטומען מאַן, און מיר האָט ער נאָר פונדערווייַטנס געדראָאַט מיטן פויסט, ווי עס האָט זיך אויסגעוויזן, נאָר אין שפּאַס, וואָרעם ווען גולטשעטשעק האָט מיך באַ-גליקט מיט אַ ווויל טעטערל סאַנע — סאַניעטשקע, ווי מיר האָבן איר אַ נאָמען געגעבן נאָך מיין פרויס באַליבטער כאַוערטע, איז דער פּעטער מאַמעד געקומען צו גיין אַ צע-

שטראַלטער מיט מאַטאָנעס. נאָך אים זײַנען די אַנדערע קרויווים אויך געקומען אונדז באַגריסן. באַם ברונעם מידאַר האָבן מיר געפּראַוועט אַ טאָי פאַרן גאַנצן אוילעם.

אַלץ וואָלט געווען גוט, ווען ניט דאָס כאַראַטע־ווערעמל, וואָס האָט מיך ניט אופגעהערט צו טאָטשען. ווען איך וואָלט געקאָנט פאַרגעסן מײַן שוועסטערל קאַראַגיז. ווי האָב איך געקאָנט זײַן גליקלעך, אַז איך האָב געבראָכן מײַן שוווּע? לעסאָף האָב איך זיך אָפּגעבעטן באַ נאַטשאַלסטווע און אַראָפּגעפאָרן צום ברונעם אַף דער לאַנקע. איך האָב אָבער דאָרט קיינעם ניט געטראָפן. אַפן אָרט, וווּ עס איז פריִער געשטאַנען אונדזער קיביטקע, האָבן פון דער ערד אַרויסגעשטאַרצט די קראַקוועס פונעם געשטעל און עס האָט זיך געשוואַרצט דאָס אָרט, וווּ דער אויוון איז פריִער געשטאַנען. פאַרוואָס האָט דער פאָטער די קראַקוועס איבערגעלאָזט? מעגלעך, אַז ער האָט זיך שטאַרק געײַלט, קיין צײַט ניט געהאַט? ווען איך האָב זיי דערזען שטאַרצן, בין איך פאַרציטערט געוואָרן: זיי זײַנען זייער ענלעך געווען אַף די אָפּגעהריזעטע ביינער פון אַ טויטן קעמל, וועלכע זײַנען געבליבן ליגן אַף דער זון אין דעם מידבער.

איך האָב זיך אַרומגעקוקט, דערזען אַ קיִיוער־בערגל און פאַרשטאַנען, אַז ניט אומזיסט האָט מיר פאַרקלעמט דאָס האַרץ. לויט געוויסע סימאָנים האָב איך פעסטגעשטעלט, וועמענס קיִיוער דאָס איז געווען. הייסט עס, אַז דער פאָטער האָט זיך ניט געײַלט אין ערגעץ אַוועקצוגיין. ער איז אין ערגעץ ניט אַוועקגעפאָרן. פרעמדע הענט האָבן צענומען אונדזער קיביטקע, און די קראַקוועס האָט מען איבערגעלאָזט אומבאַרירט. קאָן זײַן אַלס אַן אָנדענק פון זייער באַלעבאָס?

לאַנג בין איך געשטאַנען לעבן דעם איינזאַמען בערגל, וואָס וועט געוויס גיך זיך אויסגלײַכן מיט דער ערד. געשטאַנען און געטראַכט, אַז דער דאָזיקער מענטש האָט אָפּגעלעבט אַ האַלב־הונגעריק לעבן, זיך אַליין און די מישפּאָכע זײַנע פאַרמוטשעט. זיך געוואָרפן אין אַלע זײַטן, געכיטרעוועט און אַלץ געזוכט מיט אַלע קויכעס אײַנצושפּאָרן און אָפּצושפּאָרן וואָס מער.

אָפּזוכן די שפּורן, וווּהין קאַראַגיז איז פאַרפאַלן געוואָרן, האָב איך ניט געקאָנט, נאָר דאָס איינציקע, וואָס איך בין יאָ געוווירע געוואָרן, איז, אַז דער פאָטער האָט זי ניט לאַנג פאַר זײַן טויט פאַרקויפט, קיינער זאָל ניט וויסן, און קיינער האָט מיר ניט געקאָנט זאָגן, צו וואָס פאַר אַ ברונעם מע האָט אַוועקגעפירט מײַן אומגליקלעכע שוועסטער.

ביז אַף הײַנטיקן טאָג גיי איך אַרום אַ שולדיקער, און די לאַסט פון דער ניט־אויסגעפּילטער האַפטאָכע שטערט מיר האַנאָע צו האָבן פון מײַן לעבן. ניט זעלטן, אין די פאַרטאָגן, ווען די שפּיצן פון די בערגלעך באַדעקן זיך מיט קאַיאָריקן נעפּל און דער ווינט שפּילט מיט דעם מאָרגנשטערן, ווי אַ קעצעלע מיט אַ פאַרביק שמאַטקעלע, פרעג איך דעם ווינט און דעם זאַמד:

— וווּ איז אַהינגעקומען מײַן שוועסטער קאַראַגיז?

נאָר דער ווינט ענטפערט מיט אַ פײַף, די זאַמדן ענטפערן ביכלאַל גאָר ניט, און די זאַמדיקע שטאָכים פון די קאַראַקומען זײַנען אומגעהייער גרויס, פּונקט ווי דאָס מענטשלעכע לעבן.

פונדעסטוועגן פאַרליר איך ניט די האָפענונג, אַז מיר וועלן זיך נאָך מיט איר באַגעגענען. ווי שוואַך די האָפענונג זאָל ניט זײַן, וואַרעמט זי מיר, ווײַל אַ מענטש טאָר ניט פאַרענדיקן זײַן לעבנסוועג אַלס שוווּע־ברעכער. אַז איך וועל זי געפינען, וועל איך איר זאָגן: „שוועסטערל טײַערע, זײַ מיר מויכל, וואָס איך האָב זיך אַזוי פאַרזאַמט", און וועל זיך שטעלן פאַר איר אַף די קני, ווי זי האָט זיך פאַר מיר געשטעלט, דעמלט, ווען זי האָט מיך געבעטן זי ניט פאַרלאָזן און איך האָב זיך ניט צוגעהערט צו איר געבעט...

גרויע בערג

סערדאַרס אַלט הויז איז געשטאַנען איינזאַם אַפן שפּיץ פון אַ פעלדז און איז ענלעך געווען אַף אַ פעסטונג, וועלכע איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן באַ דער גרענעץ, קעדיי צו געבן דעם ערשטן ווידערשטאַנד דעם סוינע. דאָס הויז איז געווען געבויט פון גרויסע גרויע שטיינער, און עס האָט זיך געדוכט, אַז עס איז ווי אַרויסגעוואַקסן פון די בערג, דורכברעכנדיק די שווערע גראַניט־פּלאַסטן.

אזוי, יעדנפֿאַלס, האָט זיך אויסגעוויזן די מענטשן, וועלכע זײַנען געקומען סערדאָרן מעוואקער-כּוילע זײַן. דעם אַלטנס אַ קאַרעוו איז געזעסן באַם קראַנקן צוקאָפּנס און מיט אַ טיכל געפֿאַכט איבער זײַן פּנים. אויף די פֿראַגעס פֿון די געקומענע האָט ער גאָרניט געענטפֿערט, בלויז שטום געשאָקלט מיטן קאָפּ. די געסט האָבן זיך צוגעזעצט אויף אַ ווײַל, געזאָגט, ווי עס פּירט זיך, טרייסט-ווערטער, אויסגעדריקט מיטגעפֿיל.

צי האָט סערדאָר געהערט זייערע רייד? ווײַזט אויס, אַז יאָ, ווײַל ער האָט טיילמאָל אופֿגעמאַכט די אויגן-לעפֿלער, און עס האָט אַ בליץ געטאָן אַ שאַרפֿער דורכדרינגענדיקער בליק, פֿול מיט לעבן און פֿאַרשטאַנד, זײַנע פֿאַרטריקנטע אַש-גרויע ליפּן האָבן עפּעס געשעפּטשעט, נאָר וואָס ער זאָגט, האָט מען ניט געקאָנט פֿאַרשטיין. די מענטשן האָבן זיך מעשאַער געווען, אַז דאָס דאַנקט ער זיי פֿאַר זייער מיטגעפֿיל.

סערדאָר איז געווען אַ שטאַלצער אייגנליביקער מענטש. ער האָט ניט מוירע געהאַט פֿאַרן טויט, אָבער באַדויערט, וואָס ער האָט אים ניט געטראָפֿן אָפּן שלאַכטפֿעלד, נאָר זיך גנייוויש דערגנענטערט צו אים שטילערהייט, ווי אַ נאַכט-גאַנעוו. סערדאָר האָט ליב געהאַט די ראַכוועס פֿון די בערג, נאָך פֿון די יונגע יאָרן אומגעוואַנדערט און פֿרײַ געאָטעמט אויף די קאַפּשווינדלענדיקע באַרגיקע סטעזשקעס, טיף געפֿילט, ווי גוט עס איז צו זײַן פֿרײַ, און די פֿרײַהייט געשעצט העכער פֿון אַלע בראַכעס אויף דער וועלט. ער איז געווען שרעקלאָז און קיינמאָל ניט אַנטלאָפֿן, באַגעגנענדיק אַ ווילדע פּאַנטערע אין די בערג. אַפֿילע פֿאַרן גרויזאַמען כאַן, וואָס באַ פֿיל טאַקיפֿים, כאַשעווע לײַט האָבן געציטערט די קני, ווען מע האָט נאָר זײַן נאָמען דערמאָנט, האָט ער אויך ניט מוירע געהאַט.

ער גופֿע האָט ניט געהערט צו דער צאָל פֿון אָט די כאַשעווע לײַט, און זײַנע קני האָבן זיך פֿאַר קיינעם ניט געבויגן. דאָס הויז, וואָס ער האָט אויסגעבויט ניט ווײַט פֿונעם יישעוו מיט די אייגענע הענט, דאָס פֿערד, די שווערד און די אַלטערטימלעכע ביקס זײַנען געווען זײַן גאַנץ פֿאַרמעגן. צו דעם דאַרף מען נאָך צורעכענען די אומאָפּהענגיקײַט, וועלכע ער וואָלט ניט אַוועקגעגעבן פֿאַר אַלע אוצרעס פֿון דער וועלט, ווײַזט אויס, דערפֿאַר טאַקע האָט מען אים נאָך אין די יונגע יאָרן געגעבן דעם צונאָמען „סערדאָר“. קאָן זײַן, אַז דערפֿאַר האָבן זיך מיט אים גערעכנט אַלע אָרטשינען און באַיען און אַפֿילע סיידולאַ-אישאַן זעלבסט, וועלכער פֿלעגט טיילמאָל זיך באַווײַזן אינעם יישעוו, קעדיי צו פֿאַרפּעסטיקן דעם קויעך פֿון גלויבן באַ די אײַנוווינער פֿונעם אַאול, האָט אויסגעמיטן אים צו פֿאַרטשעפּען אין זײַנע דראָשעס, כאָטש סערדאָר איז קיין גאָר פֿרומער מוסולמענער ניט געווען.

פֿינף און זיבעציק יאָר האָט סערדאָר אָפּגעלעבט אויף דער וועלט, קיינעם אונטערטעניק ניט געווען, באַ קיינעם קיין הילף ניט געפֿאָדערט, באַם סוינע קיין שוינונג ניט געבעטן און אַליין דעם סוינע ניט געשאָנעוועט. ער איז געווען אומאָפּהענגיק, אָבער ניט גלײַכגילטיק צו מענטשן, און, ניט פֿאַרטראַכטנדיק זיך, טאָמיד זיך געשטעלט אויף דער זײַט פֿונעם שוואַכערן, פֿאַרטיידיקט דעם באַליידיקטן, ניט געוואָלט וויסן, מיט וואָס די דאָזיקע פֿאַרטיידיקונג קאָן זיך ענדיקן פֿאַר אים זעלבסט. אומאָפּהענגיקײַט און גערעכטיקײַט זײַנען געווען די צוויי געטער, וועמען ער האָט געדינט אין מעשעך פֿון זײַן גאַנץ לעבן. און מענטשן האָבן אים ליב געהאַט, אים מויכל געווען זײַן פּריקרע כאַראַקטער. מע האָט זיך צו אים געצויגן און גערן געקומען צו אים נאָך הילף.

פֿאַר די 75 יאָר, וואָס ער האָט אָפּגעלעבט אין די בערג, איז אַלץ געווען — אי גוטס, אי שלעכטס, קאַלטס און וואַרעמס, געווען ביטערע טעג און פֿריידיקע שאָען. פֿינף און זיבעציק יאָר... צי איז מעגלעך זיי דורכצוזיפּן דורך דער זיפּ פֿונעם זיקאָרן אין מעשעך פֿון די צען טעג, וואָס ער ליגט צוגעשמידט צום בעט? צי קאָן מען אויף דער וואָג פֿון די דלאָניעס אָפּוועגן דאָס גוטע און דאָס שלעכטע אין זײַן לעבן, ניט וואַרטנדיק, אַז דאָס זאָל געטאָן ווערן אינעם יוים-האַדין, אין טאָג פֿון מישפּעט איבער מענטשלעכע נעשאָמעס אויף יענער-וועלט?

עס איז נאַכט. אַ פֿינצטערע און טויבע נאַכט. פֿונעם צווייטן צימער רינט אַרײַן דורך דער האַלב-אָפּענער טיר אַ שוואַך ביסל שײַן פֿונעם אײַנגעדרייטן נאַפֿט-לעמפּל אָפּן טיש. סערדאָר האָט געבעטן, מע זאָל עלעקטרישע שײַן ניט אײַנשליסן, נאָר אָנצינדן דאָס לעמפּל, וואָס האָט אים געטרײַ געדינט נאָך פֿון די יונגע יאָרן.

דער אומרו פֿונעם וואַנטזייגער קלאַפּט שטיל. דער זייגער איז אויך אַן אַמאָליקער, געקויפֿט אין שטאָט באַ אַ סוחער אַן אַרמענער פֿאַר זעקס פּאַנטערע-פֿעלן. טיק-טאַק, טיק-טאַק, טיק-טאַק... און עפּשער איז עס גאָר ניט דער זייגער, נאָר דאָס פֿאַלן פֿון די טראָפּנס וואַסער פֿונעם אַלטן, פֿאַרלאַטעטן בורדיוק? וואַסער דאַרף מען היטן — אַן וואַ-

סער קאָן מען ניט אויסקומען אין אַ ווײַטן וועג, אָן איר קומען אום מענטשן און פֿערד, די קוילנוואַרפֿערס גליִען זיך אָן און הערן אויף צו שיסן.

און עפּשער איז עס ניט קיין וואַסער, נאָר דאָס הערט ער גאָר קאַפּען די סעקונדעס פֿונעם לעבן אין דער שטיינערנער שאָל פֿון די בערג? קאַפּ... קאַפּ... איז עס אַ מעגלעכע זאַך, אַז אַלע פֿינף און זיבעציק יאָר זײַנע באַשטייען פֿון אָט די טראָפּנס, וועלכע פֿאַלן בעכיפֿאַזן איינע נאָך דער אַנדערער?..

דער ווינט אין דרויסן ווילדעוועט מיט גרימצאָרן, שמײַסט אין פֿענצטער מיט קליינע שטיינדעלעך, קלאַפּט אין די פֿענצטער־ראַמען, און דאָרט, פֿון יענער זײַט גלאָז, זעט ער, ווי עס באַווײַזט זיך אומקלאָר אַ געזיכט, דער שאָטן פֿון אַ פּאָנעם. דאָס ביסטו, אײַלי מערגען, צו מיר געקומען? נאָך וואָס ביסטו געקומען? צי האָב איך זיך דען פֿאַר דיר ניט ריינגעוואַשן? צי האָב איך ניט געווידמעט מײַן לעבן דעם ציל, צו וועלכן די האָסט מיך גערופֿן? אָדער עפּשער איז ביכלאַל קיין פֿרײַז ניט פֿאַראַן, ניט פֿאַראַן אַזאַ פֿײַער, וואָס זאָל זײַן אימשטאַנד אָפּצורייניקן דעם מענטשנס געוויסן, אַפֿילע אויב דער פֿעלער איז ניט בעקיוון באַגאַנגען געוואָרן?

...כאַדזשימוראַד איז נאָך קיין פֿולע פֿינף און צוואַנציק יאָר ניט אַלט געווען, ווען די בערג האָבן געציטערט פֿונעם ווײַטן דונערן פֿון קאַנאָנען. פֿאַרשיידענע אויסטערלישע קלאַנגען האָבן זיך אַרומגעטראָגן איבער דעם באַרגיקן אַאול, און די מענטשן האָבן ניט געוווּסט, וואָס דאָס איז אַזוינס. זיי זײַנען אַרומגעגאַנגען פֿאַרלוירענע, פֿול מיט ספּייקעס. נאָר כאַדזשימוראַד האָט זיך ניט זייער צוגעהערט צו די אַלע גערײדערײַען. פֿויגל־פֿרײַ איז ער אַף גאַנצע טעג פֿאַרפֿאַלן געוואָרן אין די טאָלן צווישן די בערג. האָט עמעצער געפּרוּווט אים אַרײַנציִען אין אַ שמועס, האָט ער זיך ניט געלאָזט. „וואָס איז מיר דער כילעק — באָלשעוויקעס צי עמעצער אַנדערש? וואָס קער איך זיך אָן מיט זיי, און וואָס קערן זיי זיך אָן מיט מיר? איך האָב מיר מײַן פֿערד, מײַן געווער, מײַנע בערג, און וואָס נאָך דאַרף אַ דזשיגיט האָבן?" און אַזוי, לאַכנדיק, זיך אויפֿגעזעצט אַפֿן פֿערד און ווײַטער געפֿאָרן. סמוטנע ספּייקעס פֿלעגן זיך דאָך אַרײַנגאַנווענען אין קאָפּ, געשטערט זײַן געמיטלעך לעבן, און ער האָט זיך באַמיט פֿון זיי פּאָטער צו ווערן, שפּילנדיק זיך מיט טויט־סאַקאָנעס, דראַפּענדיק זיך אַף אומצוטריטלעכע באַרג־שיפּועים, אַרויסגייענדיק קעגן דעם לעאָפּאַרד מיט אַ הוילן מעסער אין דער האַנט.

ער האָט געהיט זײַן אומאָפּהענגיקײַט, ווי אַ קאַמצן היט אָפּ אַן אָפּגעריבענע גאָלדענע מאַטבייע, וועלכע איז איבערגעוועזן אין טויזנטער הענט. ער האָט אָבער געלעבט צווישן מענטשן, און די מענטשן האָבן אין איינעם אַ טאָג אָנגעקלאַפּט אין זײַן פֿענצטער.

— שטיי אויף, זון, מע איז דיך געקומען רופֿן, — האָט אים זײַן פֿאָטער אויפֿגעוועקט.

אָן אומצופֿרידענער, איז ער אויפֿגעשטאַנען, געגעצנדיק און וואָרטשענדיק אַרויסגעגאַנגען אין דרויסן. אַ קאַלטער ווינט האָט געשמיסן אין פּאָנעם אַרײַן. ער האָט געפֿרעגט:

— וואָס באַאומרויִקט איר מענטשן אין מיטן דער נאַכט? וואָס איז געשען, סאָנים זײַנען אַף אונדז אָנגעפֿאַלן?

— דיך רופֿט דײַן פֿרײַנט אײַלי מערגען, — האָט מען אים געענטפֿערט.

— פֿאַר אײַלי מערגען איז דער טאָג צו קורץ? צי האָט ער אײַך געשיקט מיך פֿאַרבעטן אַף אַ טאָי, אַף אַ סימכע?

— אײַלי מערגען פֿאַרבעט דיך אַף אַ וויכטיקן שמועס.

אין שטוב בא אײַליִען האָט כאַדזשימוראַד געטראָפֿן זיצן צוויי אומבאַקאַנטע לײַט.

— דאָס זײַנען מײַנע פֿרײַנט, — האָט אײַלי געזאָגט.

כאַדזשימוראַט האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און געדריקט די מענטשן די האַנט: דער פֿרײַנט פֿון מײַן פֿרײַנט איז אויך מײַן פֿרײַנט.

אײַלי האָט אוועקגעשטעלט פֿאַרן גאַסט אַ פּיִאַלע און אַ טשײַניק מיט גרינער טיי און אים אַ פֿרעג געטאָן:

— דו ווייסט כאָטש עפּעס־וואָס פֿון דעם, וואָס עס טוט זיך אַף דער וועלט?

— וואָס דאַרף איך וויסן? — האָט כאַדזשימוראַד געענטפֿערט מיט אַ פֿראַגע אַף אַ שײַלע.

— צי איז דיר כאָטש באַוווּסט, אַז די רוסן האָבן אַראָפּגעוואָרפֿן דעם צאַר?

— דאָס ווייס איך, שוין לאַנג צײַט געווען.

— מאָלאָדיעץ! — האָט זיך אײַלי דערפֿרייט. — דו טראַכסט ריכטיק! איצט זײַנען די באָלשעוויקעס געקומען צו דער מאַכט. זיי ברענגען פֿרײַהײַט און אַ נײַ לעבן פֿאַר אַלע

פעלקער, נאָר די רײַכע לײַט פון קאַלערלייִסאַנים פון דער פרעמד לאָזן ניט צורו. די איַינווינער פון די אַאולן אין די בערג זאמלען זיך צונויף, קעדיי צו פּאַרטיידיקן די נײַע מאכט, זיי נעמען געווער אין די הענט, פאַרייניקן זיך מיט די באָלשעוויקעס. אָט די צוויי כעוורע קומען פון דאָרט. זיי אייצענען אונדז, מיר זאָלן אויך ניט זיצן מיט פאַרלייגטע הענט, נאָר קעמפן קעגן מאָוולאַם-באַיען און זײַנע אָנהענגער.

— כ'פאַרשטיי, — כאַדזשימוראַד האָט א ווונק געטאָן אין דער זײַט פון די אומבאַ-קאַנטע: — און ווער זײַנען די דאָזיקע יאַטן? מוסולמענער?

— זיי זײַנען באָלשעוויקעס, — האָט אײַלי מערגען געזאָגט.

„פרעמדגלויביקע", — האָט מיט שאַדנפרייד א טראַכט געטאָן כאַדזשימוראַד. — ווילן מיט פרעמדע הענט שאַרן קוילן צו זייער פײַער!" אָבער אַף א קאָל האָט ער געזאָגט:

— איז ווען וואָס פאַר אַן ערנסטן איניען האָסטו עס געוואָלט מיט מיר שמועסן אין מיטן דער נאַכט, אײַלי?

— לאָמיר רעדן צו דער זאַך, — האָט אײַלי געזאָגט. — מיר ביידע, איך מיט דיר, דאַרפן צונויפנעמען יונגע כעוורע פון די שכיינעסדיקע אַאולן און אָרגאַניזירן א רויטן אָטריאַד.

כאַדזשימוראַד האָט לאַנגזאַם געזופּט צווישן די ציין די קאַלטגעוואָרענע טיי, קעדיי אײַנצושטילן זײַן אופגערייצקייט. ער האָט זיך באַמיט רויִק צו ענטפערן:

— איך וויל נישט זײַן ניט קיין רויטער, ניט קיין ווײַסער. איך וויל בלײַבן אַזאַ, ווי איך בין. און פרייהייט וועל איך קריגן אין די בערג, וויפל מײַן האַרץ גלוסט.

איינער פון די אומבאַקאַנטע האָט גיך אויסגעהאַלטן:

— דו באַגייסט א פעלער, ליבער פרײַנט, — האָט ער געזאָגט, — אין אָט דעם גרויסן קאַמף פונעם פאָלק פאַר זײַן צוקונפט קאָן מען ניט שטיין אין דער זײַט. צי דו ווילסט, צי ניט, וועט דאָס לעבן גופע דיך צווינגען. נו, לאָמיר זאָגן, דו ביסט ערלעך, יוישערדיק, א געוואָגטער מענטש, נאָר ווער האָט א נוץ דערפון? גיב א קוק אַף דײַן הויז, דו האָסט ניט קיין שאָף, ניט קיין טעפּיכער, ניט קיין קעמלען. און מאָוולאַם-באַיס טשערערעס שאָף און רינדער פּאַשען זיך אַף אַלע בערגלעך אַרום און אַרום. אויב דו האָסט סייכל און א קאָפּ אַף די פּלייצעס, מוזסטו פאַרשטיין, אַז דאָס איז ניט יוישערדיק. און ווי א מענטש, וועלכער האָט ליב גערעכטיקייט, דאַרפסטו פאַר איר קעמפן, און זיך ניט אויסבאַהאַלטן הינטערן איווון.

כאַדזשימוראַד האָט אַלץ אויסגעהערט און איז אופגעשטאַנען:

— איך פאַרשטיי דיך ניט, פרײַנט אײַלי. אויב דו האָסט מיך אופגעוועקט פונעם שלאָף, קעדיי איך זאָל אויסהערן די דראָשעס פון א באָלשעוויק, איז דאָס אוודע ניט קיין זייער געלונגענער שפּאַס פון דײַן זײַט.

אין מעשעך פון עטלעכע טעג נאָך דעם איז ער אַרומגעגאַנגען אָן אָנגעכמורעטער, באַרויגעז געקוקט אַף אײַלי מערגענס שטוב. עפּעס אַן אומצופרידנקייט, א שלעכטער בײַגעשמאַק איז פאַרבליבן נאָך יענעם באַנאַכטיקן שמועס. עפּשער איז ער, כאַדזשימוראַד סערדאַר, ניט ריכטיק, ניט געווויסנהאַפט זיך באַגאַנגען? ער האָט געפּרווט נאָכאַמאָל זיך פאַנאַנדערקלײַבן אין דעם, וואָס ס'איז געשען. וויפל ער האָט ניט געקלערט, האָט ער זיך אין גאַרניט געקאָנט באַשולדיקן, נאָר אַף דער נעשאָמע איז געווען אָנגעזאָלצן, דער רויך ווייסט פאַרוואָס, און כאַדזשימוראַד האָט זיך געבייזערט און אויסגעלאָזט דעם קאַס אַפן פערד זײַנעם, געשמיסן אָן ראַכמאָנעס, אָבער דערנאָך געגלעט און געצערטלט זײַן אַט-לאַסענע דערהיצטע פעל מיט ציטערדיקע הענט.

ער האָט זיך אַליין ניט געוואָלט מודע זײַן, אַז ער האָט שטילערהייט געוואָרט, דער שמועס זאָל זיך אָנהייבן פונסנײַ. אײַלי מערגען האָט אָבער געשוויגן, נאָך מער — ער האָט אומיסטן אויסגעמיטן זיך צו באַגעגענען מיט כאַדזשימוראַדן, און אויב זיי האָבן זיך צו-פעליק געטראָפן אין אַאול, האָבן זיי זיך טרוקן באַגריסט, זיך ניט אָפּגעשטעלט כאָפּן א שמועס.

דער ווינטער האָט זיך דערנעענטערט, מע האָט געדאַרפט אָנגרייטן הייצוואַרג. כאַד-זשימוראַד האָט בייז געהאַקט די שטאַמען פון די האַרטע אַרטשי-קוסטעס, מיט אָנגע-שטרענגטע מוסקולן געבראָכן די טרוקענע צווײַגן פונעם נוסנבוים, אָנלאָדנדיק די בינטלעך האָלץ ניט בלויז אַפן פערד, נאָר אַף זיך אַליין אויך. ער פלעגט זיך אומקערן אהיים, ווען ס'איז שוין געווען גוט פינצטער, עפּעס-וואָס איבערבײַסן, זיך באַלד געלייגט שלאָפן און גאַנצפרי זיך ווידער געלאָזט האַקן די אַרטשי-קוסטעס און דעם נוסנבוים. דאָס לעבן איז עפּעס ווי אָפּגעבליאַקעוועט געוואָרן, פאַרלוירן דעם טאַם, האַגאַם עס האָט זיך אַלקאַלפּאַ-

נעם גאָרנישט ניט געביטן. סײַדן עפּשער דאָס, וואָס אײַליי מערגען האָט זיך פֿון אים אַלץ מער דערווײַטערט. מײַלע, האָט דען אײַליי ווירקלעך פֿאַרנומען אַזאַ כאַשעוו אָרט אין כאַדזשימוראַדס לעבן, אַז דער הוויגעז מיט אים זאָל זײַן די סיבע פֿון אַגמעסנעפּעש? און ווידעראַמאָל זײַנען מענטשן געקומען צו כאַדזשימוראַדן. דאָס מאָל זײַנען עס געווען צוויי פֿון מאָוולאַם-באַיס נוקערס.

— וואָס וויל פֿון מיר מאָוולאַם-באַי? — האָט כאַדזשימוראַד געוואָלט וויסן. עס האָט זיך אים זייער געגלוסט אויספּאַטשן די אומגעבעטענע געסט.

— בייזער זיך ניט אויף אונדז, סערדאַר, אונדז האָט מען געהייסן גיין צו דיר, זײַנען מיר געגאַנגען. מיין ניט, אַז אונדז איז אַזוי אָנגענעם זיך אַרומצושלעפּן באַנאַכט, — האָט פֿרידלעך געזאָגט איינער פֿון די באַטראַקעס.

דער באַי האָט זיך אופגעהויבן און איז אַנטקעגנגעגאַנגען כאַדזשימוראַדן, פֿרײַנטלעך אוועקגעזעצט זיך אויפֿן טעפּיך, צוגערוקט אַ פּאָר סאַמעטענע קישעלעך. אין צימער האָבן זיך געפֿונען נאָך צוויי מענטשן — דער אַלטער אויסגעדאַרטער סײַדולאַ-אישאַן און דער געזעצטער, דיקער קורבאַנמוראַד-בעק מיט גרויסע וואָנצעס. זיי האָבן געדריקט כאַדזשימוראַדן די האַנט, ווי זייערס גלײַכן. ער האָט ניט אַרויסגעוויזן קיין כידעש, נאָר פֿאַרשטאַנען, אַז מע דאַרף זײַן פֿאָרזיכטיק.

באַלד האָט מען געבראַכט טיי און פֿאַרבײַסעכץ. כאַדזשימוראַד האָט מיט פֿאַרגעניגן אײַנגעאָטעמט דעם רייעך פֿונעם הינערשן פּלאָוו, פֿאַרקאַטשעט די אַרבל פֿונעם כאַלאַט, זיי זאָלן ניט שטערן באַם עסן, און געשמאַק געקײַט. באַלד האָט ער אָבער באַמערקט, אַז אַלע אַנדערע עסן פֿויל דאָס געשמאַקע מײַכל. קענטלעך, אַז זיי זײַנען געווען זאַט איבערן האַלדז. האָט ער, ווי אַ מעפּונעק, אָפּגערוקט פֿון זיך דעם טעלער מיטן פּלאָוו, אָפּגעווישט די פֿינגער אינעם עק פֿון דעם טישטעך — ער איז ניט קיין אָרעמאַן צו פּאַסמאַקעווען די באַישע שיראַיִם.

נאָך אַ קורצער טפֿילע האָט מאָוולאַם-באַי אָנגעהויבן ריידן:

— די וועלט איז אײַנגעטונקען אין זינד און אין שלעכטס. זי ברענט אין פֿײַער, און די סרייפֿע דערנעענטערט זיך אַלץ מער צו אונדזערע אַאולן אין די בערג. די רעשאָיִם — באָלשעוויקעס האָבן אָנגעצונדן דעם פֿלאַם פֿון גרויסע לײַדן, פֿון דעם דאָזיקן געגנעם האָט זיך אָלפּי נעס אַרויסגעריסן אונדזער כאַשעווער גאַסט קורבאַנמוראַד-בעק, און ער פֿאַרזיכערט, אַז דער צאָרן קאָן זיך אין אַ באַליביקער מינוט אַריבערוואַרפֿן צו אונדז אין אַאול. יעדער דאַרף באַצײַטנס גלײַך פֿאַרנעמען זײַן אָרט, קעדיי זיך אַקעגנשטעלן דער סאַקאָנע. וואַרטן טאָר מען ניט, עס קאָן זײַן צו שפּעט. וויאַזוי מיינט איר, אישאַן-אַגאַ?

— אַלאַך איז דערבאַרעמדיק, — האָט היסלײַוועסדיק געמורמלט סײַדולאַ-אישאַן.

— דער טורקמענישער ערד, דאַנקען גאָט, פֿעלן ניט קיין בראַווע שלאַכטלײַט, — האָט קורבאַנמוראַד צוגעלייגט אַ וואָרט.

— און ווי איז דײַן מיינונג, כאַדזשימוראַד? ניט אומזיסט האָט מען דיר דאָך אַ נאָמען געגעבן „סערדאַר”...

— איך בין צופֿרידן מיט דעם, וואָס איך פֿאַרמאָג, באַי-אַגאַ, — האָט כאַדזשימוראַד געענטפֿערט, און עס האָט אים טיף אין האַרצן באַנג געטאָן, וואָס ער האָט אָנגענומען דעם באַיס אײַנלאַדונג. קלאָר, אַז מע פֿאַרבעט דאָס אייזל צו דער סודע נאָר מיט איין קאַוואָנע — עס זאָל פֿירן האָלץ און וואַסער.

— די ביינער פֿון דײַנע אורעלטערן רוען אין די דאָזיקע הייליקע בערג, — איז מאָוולאַם-באַי ניט אָפּגעשטאַנען. — איז דען מעגלעך, אַז דו וועסט דערלאָזן, די פֿרעמד-גלויביקע זאָלן שענדן זייערע הייליקע קוואָרים?

— ניין! — האָט כאַדזשימוראַד געזאָגט. — איך וועל עס ניט דערלאָזן!

— אַזוי רעדט אַן עמעסער סערדאַר, — האָט מיט אַ גרעבץ אַ צופֿרידענער געזאָגט קורבאַנמוראַד-בעק און זיך אַ ציִ געטאָן צום טשײַניק. — מענטשן האָבן טאַקע קיין טאָעס ניט געהאַט, געבנדיק דיר אַזאַ נאָמען. און מיר האָבן זיך אויך ניט טויע געווען.

— און ער וועט טאַקע זײַן אַן עכטער סערדאַר! — האָט פּאַטעטיש אויסגערופֿן מאָוולאַם-באַי. — הער זיך אײַן, כאַדזשימוראַד-סערדאַר, וואָס איך וועל דיר זאָגן: מיר האָבן זיך אָן אייצע געהאַלטן און אָנגענומען אַ באַשלוס, אַז דעם סוינע דאַרף מען באַגעגענען ניט מיט געהאָרכזאַמקײַט, נאָר מיט געווער אין די הענט. אין יעדן אַאול וועלן זיך אָפּזוכן אַ צענדליק מוטיקע דזשיגיטן, וועלכע זײַנען גרייט ביזן סאָף צו פֿאַרטיידיקן דעם קאָוועד פֿון זייערע פֿאָטערס, פֿון זייער ערד. אָבער נאָר דער מוטיקסטער פֿון אַלע מוטיקע איז ראָוע צו נעמען אין די הענט די גרינע פֿאָן פֿונעם נאָווי און פֿירן די העלדן אויף גאַזאַ-

וואָס — אין היילִיקן קריג. דיך, כאַדזשימוראַד-סערדאַר, האָט דער גורל באַשטימט עס צו טאָן!

כאַדזשימוראַד האָט לאַנג געשוויגן. ביין, אים האָט זיך ניט פאַרדרייט דער קאָפּ פון דעם גרויסן קאָוועד, וועלכן מע האָט אים אַרויסגעוויזן, ער האָט ניט שטאָלצירט מיטן צוטרוי פונעם באַי, פונעם בעק און אישאַן. ער האָט נאָר באַטראַכט, אין וועלכער פאָרם ער זאָל זיי ענטפערן און זאָל ניט אויסזען ווי אַן אומדאַנקבאַרער גראָבער-יונג.

— מיט אַ כוידעש צוריק, — האָט ער געזאָגט, — האָבן די באָלשעוויקעס בא איינ-לי מערגענען אין שטוב מיר פאַרגעלייגט, איך זאָל זיך שטעלן בעראָש פון אַ רויטן אָטריאַד. בא די ווערטער האָט קורבאַנמוראַד-בעק ושאַרף אַ קוק געטאָן אויף מאָוולאַם-באַיען און פאַרזיכטיק באַמערקט:

— מיר האָבן געהערט דערפון און ווי געהעריק אָפּגעשאַצט דיין אָפּזאָג.

— יאָ, איך האָב זיך אָפּגעזאָגט, — האָט כאַדזשימוראַד באַשטעטיקט. — איצט הער איך פון אייך דעם זעלבן פאָרשלאָג. נאָר איר לייגט מיר פאָר אָנצופירן מיט אַן אָטריאַד דזשיגיטן קעגן די רויטע. איך האָב נאָך צו ווייניק געלעבט אויף דער וועלט און האָב ניט קיין רעכט צו צווייפלען אין אייערע רייד. איך בין אָבער גענוג דערוואַקסן אויף צו האָבן מיין אייגענע מיינונג. איך האַלט, אַז מענטשן מוזן ניט דאַפקע האַקן די קעפּ איינער דעם אַנדערן, קעדיי אויסצוגעפינען דעם עמעס אין אַ שטרייט. עס איז שטענדיק פאַראַן אַ מעגלעכקייט פּאַשעט זיך צונויפצורעדן. אייב די פלאַג וועט קומען צו אונדזער שוועל, וועלן אונדזערע שווערדן ביז דאַן ניט פאַרזשאַווערט ווערן. דערווייל קאָן איך ניט אָננעמען אייער פאָרשלאַג, באַי-אַגאַ.

ווי דאָס וואָלט ניט געווען אויסטערליש, נאָר נאָך דעם שמועס איז אים געוואָרן גרינ-גער אויף דער נעשאָמע. הייסט עס, — האָט ער מיט צופרידנקייט געטראַכט, — איילי מער-גען שלעפּט צו זיך, מאָוולאַם-באַי — צו זיך. ווי קליינע קינדער ווילן זיי דעם שטאַרקן שפּילער איבערציִען אויף זייער זייט? נישקאָשע, עס וועט שוין זיין רעכט, אַלץ וועט קומען אויף זיין אָרט!..

כאַדזשימוראַד האָט זיך ניט פאַרגעשטעלט, אַז דאָס איז גאָר ניט קיין קינדער-שפּיל, אַז ניט מיטאַמאָל און ניט אַזוי פּאַשעט געפינען די זאַכן און די באַגריפן זייער אָרט אין לעבן, ווען עס גייט אַ רייד וועגן גרויסע סאָציאַלע ענדערונגען. דאָס האָט ער צום ערשטן מאָל דערפילט ערשט אין יענעם טאָג, ווען ער האָט, אומקערנדיק זיך פון יאַגד, דערהערט אַ פאַרצווייפלטן געשריי און געיאָמער פון פרויען. ער האָט אַ טרייב געטאָן דאָס פערד און דערזען אַ מאַסע מענטשן לעבן איילי מערגענס הויז, דערזען איילִיס מוטער ליגן אַן באַוווסטזיין אויף דער ערד מיט אַן אָפּגעדעקטן קאָפּ, געזען די וויינענדיקע ווייבער און די אַנגעכמורעטע פּנעמער פון די מאַנצבלען.

אָט איז דער אומגליק אריבערגעטראָטן די שוועל פונעם אַאול! און אָט דער אומגליק איז דערשינען פאַר כאַדזשימוראַדן אין געשטאַלט פונעם טויטן איילי מערגענען.

איילי איז געלעגן בא זיך אין קיביטקע נאָוזנדיק, מיט ברייט פאַנאַנדערגעשפּרייטע קרעפּטיקע הענט, און די קאַשמע אַרום אים איז געווען טונקל—רויט און קלעפּיק. אין דער ברוסט פונעם מוטיקן יעגער איילי מערגענען, דאָרט, ווו עס האָט געקלאַפּט זיין גרויס און מוטיק האַרץ, האָט געשטאַרצט אַ ביינערן הענטל פון אַ גאָזלאָנישן מעסער.

— ווער?! — האָט אין איין אָטעם געפרעגט כאַדזשימוראַד.

די מענטשן האָבן געשוויגן, אָפּקערנדיק די אויגן אין דער זייט.

עס זיינען פאַריבער איינגאַנצן פיר טעג, און דער נאָמען פונעם מערדער איז באַוווסט געוואָרן. מאָוולאַם-באַי איז אַוועק אין די בערג מיט אַלע זיינע טשערעדעס און מיט דער גאַנצער מישפּאָכע. בא אים אין הויף האָט מען געפונען אַ געקווילעטן נוקער, וועלכער האָט באַך געגוויסעט. ער האָט נאָך געלעבט און באַוויזן צו דערציילן, אַז דאָס האָט ער, לויטן באַפעל פון מאָוולאַם-באַיען, דערהארגעט איילי מערגענען און אַז דער באַי האָט דערנאָך געהייסן אים אָפּראַמען, מוירע האָבנדיק, מע זאָל ניט געוווירע ווערן דעם עמעס.

אַז כאַדזשימוראַד האָט זיך דערפון דערוווסט, האָט ער אָנגעזאָטלט דאָס פערד און איז נעלעם געוואָרן פונעם אַאול. אַ גאַנצע וואָך האָט מען פון אים גאָרניט געהערט. אויפן אַכטן טאָג פאַרנאַכט איז אַ פאַרשטויבטער רייטער צוגעריטן צו איילי מערגענס הויז און אויסגערופן:

— טומאַר-עדזשע, קום אַרויס!

איילִיס מוטער, אַן אויסגעצערטע, אַ פאַרכווישעכטע פון צאַר און פון טרערן, האָט זיך

באוויזן אַף דער טיר פון דער קיביטקע. צו אירע פיס איז אַראָפּגעפאַלן א פּאַפּאַכע, און דער שטויב האָט זיך געקנוילט נאָכן רײַטער, וועלכער איז באַלד פאַרשוווּנדן געוואָרן.

א דערשטוינטע, האָט טומאַר-עדזשע זיך אָנגעבויגן און אופגעהויבן די אומפאַרשטענדלעכע מאַטאַנע, א גלעט געטאָן די האַרטע קרויזן פונעם טײַערן פעלכל. מיט די פינגער האָט זי דערשפּירט א לעכל אין דער פּאַפּאַכע, זיך צוגעקוקט און דערזען, אַז די גאָלדפאַרביקע ראַנדן אַרום דעם זײַנען טונקל געוואָרן פון בלוט, דער טונקעלער פלעק האָט זיך צעשוווּמען אויך אפן אונטערשלאַק. ערשט דעמלט האָט די אַלטע אַלץ פאַרשטאַנען, זיך דערמאָנט, אַף וועמענס קאָפּ זי האָט ערשט מיט א וואָך צוריק געזען די שיינע פּאַפּאַכע. „פון אַזא טײַערער זאַך האָט ער א טעל געמאַכט, דער שאַלטיק", — האָט זי א טראַכט געטאָן וועגן כאַדזשימוראַדן. זי האָט גלײַכגילטיק געלאָזט די פּאַפּאַכע פאַלן אין דעם גרויען שטויב אפן וועג און שווער א זיפץ געטאָן: דער מאַמעס האַרץ האָט ניט געקאָנט פאַרטראָגן קיין גוואַלדטאַט, אַפילע אויב דאָס איז געווען גערעכטע נעקאָמע.

...פון דעמלט אָן האָבן די בערג מער כאַדזשימוראַדן ניט געזען. נאָר פון אַאול צו אַאול האָט זיך געטראָגן דער רום וועגן דעם שרעקלאָזן דזשיגיט, וועגן דעם רויטן רײַטער כאַדזשימוראַדן...

דער האַרבסטיקער ווינט בושעוועט פון יענער זײַט פענצטער, וואַרפט קליינע שטיינדעלעך און מאַכט ציטערן די שויבן. דער אַלטער סערדאַר הערט שוין אָבער גאָרניט, ער איז פאַרזונקען אין זיכרוינעס. פאַר זײַנע ברייט-צעעפנטע אויגן שווימען פאַרבײַ די געשעענישן פון פאַרגאַנגענע יאָרן.

— זון מײַנער, שטיי אוף, מע איז נאָך דיר געקומען...

— כ'ווייס, פאָטער... דאָס איז אײַלי מערגען נאָך מיר געקומען. דאָס האָב איך דערמאָנט זײַן נאָמען מאָוולאַם-באַיען, און איך האָב, אַזויאַרום, א כיילעק אין זײַן מאָרד.

— ניין, זונעלע, דער באַי האָט סײַוויסײַ געשאַרפט זײַן מעסער אַף אײַלי מערגענען. דו ווייסט דאָך, אַז אײַלי האָט פאַר קיינעם קיין סאָד ניט געמאַכט פון זײַנע איבערצײַגונגען און פון זײַנע מײַסים.

— כ'ווייס עס, נאָר דאָך האָט מען ניט גענדאַרפט אָנרופן זײַן נאָמען... כ'גיי, אײַלי!

סערדאַר האָט זיך אופגעזעצט אין בעט, דערנאָך, האַלטנדיק זיך בא דער וואַנט, לאַנגזאַם זיך געשטעלט אַף די פיס. קיין ווייטעק אינעם צעשעדיקטן רוקנביין האָט ער קימאַט ניט געפילט, נאָר די קני האָבן זיך געבויגן פון שוואַכקײַט.

א קאַלטער רעגן האָט אים א שמײַס געטאָן אין די אויגן, נאָר ער האָט זיי אַפילע ניט פאַרזשמורעט. א ווינט האָט א ריס געטאָן די פּאָלעס פונעם כאַלאַט, גלײַך ווי ער וואָלט אים געוואָלט אָפּשטעלן, נאָר דער אַלטער האָט, שווער אָנשפּאַרנדיק זיך אפן שטעקן, זיך אַרויסגעשלעפּט אפן וועג, אַף וועלכן יעדער שטיין, יעדער קוסט איז אים אַזוי גוט געווען באַקאַנט.

ענדלעך האָט ער דערזען דעם פעלדז, אַף וועלכן עס שטייט דער אָבעליסק מיטן פינפעקיקן שטערן אפן שפּיץ. סערדאַר האָט זיך געשטעלט אַף די קני. זײַנע פינגער האָבן אָנגעטאַפּט די פאַרטיפונגען פון די אויסגעקריצטע אויסיעס אפן גראַניט פונעם אָבעליסק. ס'איז געווען פינצטער, אָבער סערדאַר האָט מיט די פינגער איבערגעלייענט יעדן אָס פונעם אופשריפט: „דאָ איז באַערדיקט דער באָלשעוויק אײַלי מערגען".

— איך בין געקומען, ברודער... — האָט אַרויסגעשעפּטשעט סערדאַר און זיך צוגעטוליעט מיט דער באַק צום נאַסן, קאַלטן שטיין.

בערג שטאַרבן פונקט אַזוי, ווי מענטשן: עס האָט טויב אָפּגעהילכט ערגעץ אין דער ווײַט, דער פעלדז האָט א ציטער געטאָן, ס'האָט א קרעכץ געטאָן די נאַכטישע לופט, זיך געקלאָגט און געצאָרנט, נאָר סערדאַר האָט שוין גאָרניט געהערט. ער איז געלעגן אונטערן רעגן, אַרומנעמענדיק דעם צופוסנס פונעם אָבעליסק, און זײַן פּאָנעם איז געווען שטרענג און רויִק.

יידיש — ב. רויזען

איוואַן דראַטש,

אוקראַיִנישער דיכטער

פליגל

(אַ נײַ־יאָר־באַלאַדע)

איבער פעלדער, איבער וועלדער,
איבער בערג און איבער פלײַנען
האָט דאָס נײַע יאָר געטראָגן
אַ געשאַנק פאַר יעדן אײנעם:
וועמען — אַ נײַ רעקל,
וועמען — שפּילעכלעך אַ זעקל,
וועמען — מעסערס און קאַסטעטן,
וועמען — באָמבעס און ראַקעטן,
וועמען — זאַלץ פאַר די קאַרטאָפל,
וועמען — וואַרעמע פּאַנטאָפל,
וועמען — וואָנצעלעך אין שפּיגל,
און דעם פעטער קיריל — פליגל.

מיט אַ טראַסק האָט עפּעס שטאַרק זיך צעפּלאָצט,
די קופּײַקע, ווי אַ מעסער, דורכגעשניטן,
און עס האָבן אויף דער פּלײצע זיך צעפּאָכעט
צוויי בלויע פליגל — פּונקט באַטאָג אינמיטן.
זיך אויסגעשטרעקט, אַ צי געטאָן מיט ציטער,
ווײַזט אויס, פון לאַנג אין הימל ניט געפלויגן.
איז באַ דעם פעטער אויפן האַרצן ביטער,
און באַ דעם פעטער — שאָטנס אין די אויגן.
(וועמען — אַ בראָכע אין קעפּל,
וועמען — די זון, ניט קיין נעפּל,
וועמען — צוויי מיידלשע בריסטן,
וועמען — אַ טויט אַ וויסטן,
וועמען — אַ וואָגן מיט ציגל,
און אים, קירילן, — גאָט זאָל אויסהיטן! — פליגל).
דאָס ווײַב האָט געיאָמערט: „מענטשן ווי מענטשן:
אײנעם דאָס מאַזל שפּילט נאָך פונעם וויגל,
אַ צווייטן — וואָליקעס, אַ דריטן — פּרענטשן,
אַ פערטן — זשאָם פאַר דער בעהיימע,
און באַ דעם מענוּוול — ס׳כאַפּט אָן אַזש אַן אײמע,
נאַ דיר גאָר — פליגל!

געכאַפּט פון דער פלווינעסטע דעם עמעסן פּסאַק,
האָט קיריל — ווײ איז אים! — ניט לאַנג געקלערט,

גענומען און אָנגעשארפט גוט די האַק,
טראַך! — און עס ליגן שוין די פליגל אַף דער ערד.

ניט געזען, ווי עס האָבן די שטערן פון אים געלאַכט,
האָט קיריל זיך א וואַלגער געטאָן אין בעט א מידער,
נאַר, דורכגעבראָכן דאָס העמד, באַנאַכט
האָבן די פליגל זיך באַוויזן ווידער.

און קיריל האָט באַשלאָסן: ס'א נוצלעכע זאַך,
מע קאָן פון זיי האָבן א רעווער א שטאַרקן,
ער האָט מיט די פליגל באַדעקט דעם דאַך,
געמאַכט פון די פליגל ארום שטוב א פּאַרקן.
נאַר עס האָבן די פליגל צעגאַנוועט פּאַעטן,
עס זאָל ניט באַדעקן זייער מוזע קיין שימל,
עס האָבן באַזונגען די פליגל עסטעטן, —
אָבער אַליין די פליגל האָבן זיך געריסן אין הימל.

(וועמען — טויערן שיינע,
וועמען — מאַכשאָוועס געמיינע,
וועמען — א סיניצע אין שטײַג,
וועמען א וואָלוועלע פײַג,
ער זאָל אין געהאַקטע ווונדן ליגן,
און קירילן — אָט א ביטער מאַזל! — פליגל).

יידיש — כ. ביידער

א באַלאַדע וועגן דער זונרויז

באַ דער זונרויז זײַנען געווען הענט און פיס,
איר לײַב איז געווען גרין און שאָרסטקע,
זי פלעג ליפן אַף וויפערדיקעס מיטן ווינט,
קלעטערן אַף באַרנביימער נאָך פּיירעס —
רײַסן און שטופּן באַרלעך אין בוזעם ביזן
ראַנד,

דערנאָך
ליגן מיט פאַרגעניגן
אָפּן זאַמד
און פון ראָגאַטקעס אין שפּערלעך שיסן.

באָדן זיך האָט זי ליב געהאַט לעבן דער מיל
און שפּרינגען באַם ברעג א נאַסע
אַף איין פיסל —
ס'זאָל פונעם אויער דאָס וואַסער
זיך גיסן.

פלוצעם האָט זי דערזען די זון —
א פּראַכטפולע און אומדערוואַרטע,
מיט גינגאָלדענע קוטשערן צאַרטע,
פאַרדרייטע אין פאַרבן-שפּיל רײַכער.

די זון — מיט א פּורפּור-העמדל איבערן
בײַכל —
איז געפאָרן אַף א וועלאָסיפּעדל
פאַרבײַ די וואָלקנס אין הימל.

איז די זונרויז פאַרגאַפט
און דערשטוינט געוואָרן,
פאַרשטומט און פאַרכאַפּט
פונעם גאָלדענעם ווונדער געוואָרן —
אַף לאַנגע יאָרהונדערטער,
ניט אַף געציילטע יאָרן.

— לאָזט מיר, מומע, אויך א ביסל זיך קאַטײַען
אָפּן וועלאָסיפּעדל.
טאָמער ניין, איז נעמט מיך כאָטש אַף דער
ראַמע.
צי דען וועט אײַך, מומעשי, אַרן?

פּאָעזיע, זון מײַנע אָראַנזשעווע,
וואָס טוט מען מיט דיר, טײַערע?
יעדע רעגע אַנטדעקט דיך פאַר זיך
א וואָסער-ניט-איז פאַרכאָלעמטער באָכער —
און ווערט אַף אייביק א זונרויז.

יידיש — ב. מאָגילנער

יורי באָנדאַרעוו,
רוסישער שרײַבער



פונעם בוך „רעגעס"

א פרוי דערציילט

ווען כ'האָב דעם זון מײַנעם באַגלייט אין דער אַרמיי, האָב איך אָנגעטאָן א פּאָר טונקעלע ברילן, טאָמער, טראַכט איך, וועל איך זיך פּלוצעם צעוויינען, זאָל ער מיך ניט זען קיין וויינענדיקע. כ'האָב אים געוואָלט בלײַבן פאַר די אויגן א שיינע...

א האַרמאָשקע האָט געשפּילט, באַקאַנטע כעוורע זײַנען געווען, אַרומגענומען זיך, געזעגנט זיך, און דער פּעטער איז געקומען, ניקאָלײַ מיטריטש, פּערצן מעדאַלן פאַרמאָגט ער פון דער מילכאָמע, און ער איז שוין א ביסל געווען אונטערן גלעזל. קוקט ער און קוקט אויף די כעוורע, אויף די ייִנגלעך און מיידלעך, אויף מײַן וואַניעטשקען, און טוט זיך א צעכליפּע, טאַקע נאָר ווי א קינד. איך וויל דעם זון ניט ערגערן, טראָג טונקעלע ברילן, האַלט זיך אײַן מיט אַלע קויכעס, און ער — בליפּעט. און איך טו א זאָג וואַניעטשקען: „קוק ניט, זאָג איך, אויפן פּעטער, ווייסט דאָך: ער האָט ליב דעם טרונק, האָבן זיך אים צעפלייצט די טרערן. דו, זאָג איך, גייסט אין דער סאָוועטישער אַרמיי, כ'וועל דיר שיקן פּעקלעך, אַמאָל עפּעס געלט, קוק ניט אויפן פּעטערל..."

און ער — ער האָט א צי געטאָן מיט דער האַנט דאָס רוקזעקל זײַנס און איז אַוועק; אויסגעדרייט זיך צו מיר מיט דער פּלייצע, כ'זאָל ניט זען די נערוון זײַנע, דאָס אופּגערעגטקייט זײַנס. און האָט זיך אַפילע ניט צעקושט מיט מיר, ס'זאָל עפּעס ניט געשען. אַזוי האָב איך אים באַגלייט, וואַניעטשקען... ב'שיק אים יעדעס מאָל א צענערל, שיק איך אים...

ער איז בא מיר א שיינער, מיידלעך פלעגן אים טאָמיד שענקען הענטשקעס. איינמאָל קומט ער צו גיין און טוט מיר א זאָג: „ס'האָט מיר לידקע געגעבן א פּאָר הענטשקעס, באַצאָלן איר פאַר זיי, מאַמע, צי ניט באַצאָלן?" „שענק איר דו, זאָג איך, אויך עפּעס, וועט זײַן וויל און גוט".

באַם אָנהייב איז ער געווען א טאָקער, איז אים א שטאָלענע סטרוזשקע אַרײַן אין אַן אויג. געוואָרן דערנאָך א שאָפער, האָט די מאַשין זײַנע צעלייגט א טויער אויפן סאַמע טראָטואַר. געווען נאַריש און שלימאַזלדיק, און ט'האָסטו דיר — מע נעמט אים אין דער אַרמיי. א סאָלדאַט איז ער איצטער אַן ערנסטער, שטייט אויפן פּאָסט שטייט ער. אין די בריוו זײַנע שרײַבט ער מיר: „מאַמע, איך שטיי אויפן פּאָסטו!"

ניט קיין גלײַך מאַזל

— וועסט טאָמיד זײַן א ווילער, האַ? וועסט מיך ניט באַוואָלען? ווייסט, כ'האָב אויף איר שטאַרק ראַכמאָנעס!

— אויף וועמען?

— אויף זיך.

— איך האָב דיך דאָך ליב, איין־און־איינציקע מײַנע.

— און וועסט מיך טאָמיד ליב האָבן? אויב ס'וועט מיט מיר עפּעס געשען, וועסטו מיך געדענקען?

— ס'וועט מיט דיר גאָרניט געשען.

— און אויב יאָ?

— טאָמיד, ס׳גאַנצע לעבן. נאָר ס׳וועט מיט דיר גאָרניט געשען.

— ווייסט, אין דער ליבע איז אויך פאַראַן אומיוישערדיקייט. דאָס מאַזל טיילט זי ניט אײַן גלײַך אַף גלײַך. מ׳האָט ניט קיין אַלציינעם מאַזל אין דער ליבע.

— כ׳פאַרשטיי ניט, וואָס דו מיינסט.

— מיר איז געשענקט געוואָרן א גרעסער שטיק מאַזל, דיר — א קלענערס. דו מיך האָסט ווייניקער ליב.

— מאַכסט עפּעס מאָדנע כעזשבוינעס!

— ניין, ניין, דאָס שרעקלעכסטע איז — ווען מע דערעסט זיך איינער דעם אַנדערן. דיר איז דאָס קאָמיש, און איך טראַכט וועגן דעם אָפט. אויב כ׳וועל דיר דערעסן, זאָלסטו באַלד אוועקגיין פון מיר, ניט רעדן קיין איין וואָרט און אוועקגיין, הערסט?

מײַן דאָר

ווען מיר זײַנען דורכגעגאַנגען די פּוילישע פלאַכלאַנדן און צוגעקומען צו דער גרענעץ פון דער ערשט ניט לאַנג ווײַטער טשעכאָסלאָוואַקיע, האָט זיך צו אונדז מיטאַמאָל דערנעענטערט די האַלב-פאַרגעסענע גרינע וועלט פון אונדזער יוגנט. זי האָט אונדז אָנגעהויבן קומען צו כאָלעם אין די טויבלעכע אָסיענדיקע נעכט, אונטער דער כמורנער סקריפּערײַ פון סאָסנעס, אונטער פּולעמיאָטן-שטעפּערײַ ערגעץ אַף הייכקײַטן. ס׳האָבן זיך מיר דעמלט געכאָלעמט איינע און די זעלבע כאָלוימעס — אַלצדינג אין זיי איז פאַרגעקומען „אַמאָל”.

כ׳פלעג זיך אויפכאַפּן אין טוי-פײַכטן אַקאָפּ, אַן אָפּגעשאָטענער מיט געלע אַראָפּגעפאַלענע בלעטלעך, פלעג פילן, ווי עס ציט א פאַרטאָגיקע קילקײַט פון די אײַז-שפּיצן אַף די קאַרפּאַטן, ווי אונטערן טומאַן האָט זיך אָפּגעקילט די ערד, א צערײַעטע פון סנאַריאַדן. כ׳האָב געקוקט אַף די שלאָפנדיקע סאָלדאַטן לעבן זייער געווער, און דעם כאָלעם מײַנעם קוים דערמאָנט זיך: אין וואַרעמען גראָז האָבן פריילעך געגרילט גרילן, אין א מיט שפּינוועבס אַרומגעוויקלט יעל-וועלדל איז געשטאַנען א צעפּאַרעטע יול-דושנעקײַט; א ווינטל האָט אונטער די וואָלקנס, וואָס די זון האָט אַראָפּגענידערט, געבלאָזן די שפּיצן פון שורשענדיקע בערעזעס; דערנאָך האָט מיט א דונערל און מיט א פּאָר לײַכטע בליצלעך א גאָס געטאָן א קורץ רעגנדל; דערנאָך, אַף א זאַפטיק גרין געוואָרן שטיק פעלד — א נאַסע וואָלייבאָל-נעץ, אין דער לופט — די פרישקײַט פונעם וואַרעמען שלאַקסרעגנדל, לעבן פלויטן — צווײַגן שוואַרץ-געוואָרענע מיט פײַכטקײַט, בלאָע רויכלעך פון סאַמאָוואַרן אין הינטערמאָסקווער דאַטשעס.

און א צווייטער כאָלעם, וואָס פאַרט זיך אײַנגאַנצן ניט מיטן ערשטן: א געדיכטער שניי פאַלט פּאַמעלעך אַרום די ווײַסע לאַמטערנס בא די פלויטן אין די שטילע זאַמאָסקוואַרעטשיער ליקלעך, הויפנס שניי אַפן קאַלנער פון דער, וועמענס נאָמען איך געדענק ניט, דער שניי מאַכט ווײַס די ברעמען אירע, די וויִעס, איך זע גוט איר אָנגעפּרווירן פאַרוויטלט פּנים; אין די הענט טראָגן מיר גליטשערס. מיר האָבן זיך נאָרוואָס אומגעקערט פונעם גליטש. מיר שטייען ביידע אַפן ראָג גאַס, איך ווייס: אין עטלעכע מינוט אַרום דאַרפן מיר זיך צעשיידן.

די דאָזיקע צעשויבערטע זעונגען זײַנען ניט געווען קיין פאַרענדיקטע כאָלוימעס, דאָס איז געווען א קרענקלעכע און ניט-איבערגייענדיקע בענקשאַפט נאָך רוסלאַנד, נאָך דער היים, א געפיל, וואָס מע קאָן פאַרגלײַכן מיטן סאַמע שטאַרקסטן ליבע-געפיל צו א פרוי, צו א ווײַב, צו קינדער. און אָט דאָס געפיל איז, ווי אַן אָפּגלאַנץ, אויפגעקומען אין מיר אין די סאַמע געפערלעכע, סאַמע פאַרצווייפלטע שלאַכט-רעגעס, ווען ס׳האָבן אונדז פאַרטויבט אויפרײַסן פון סנאַריאַדן, שנײַדנדיקע גרילצן פון שפּליטערס, אַווטאָמאַטן-שטעפּערײַ. ווען אונדזערע מויכעס זײַנען פול געווען נאָר מיט דער אײַזערנער טראַסקערײַ פון די פויזענדיקע דײַטשישע טאַנקען; מיט דער פּיִאַלעטאָווער אָנגעגליטקײַט פון די האַרמאַטן-רערן, שוואַרץ-געוואָרענע בא די מײַלער פון פולווער-סאַזשע; מיט די פאַרשוויצטע פּנימער בא די סאָלדאַטן, מיט דער סוטולער פלייצע פונעם נאַוואָדטשיק, וואָס שטייט צוגעבויגן צום גומענעם פּאַנאָראַמע-אייגל; מיט די הייזעריקע קאָמאַנדע-באַפעלן; מיט די שוואַרצע רויכלעך פונעם ברענענדיקן גראָז לעבן די פײַער-פּונקטן.

וואָס מער מיר האָבן זיך פון דער היים דערווײַטערט, אַלץ מער האָבן מיר, שווער און פאַראַקשנט, צו איר זיך דערנעענטערט. וואָס נעענטער ס׳האָט אָנגעהויבן זײַן דײַטשלאַנד, אַלץ נעענטער איז געוואָרן די היים אונדזערע, אַלץ גיכער האָבן מיר זיך צוריקגעקערט צו אונדזער איבערגעריסענער יוגנט, וואָס מירן דערנאָך קענען, האָבן מיר געמיינט, פאַרזעצן.

מיר זײַנען אין איין און דער זעלבער צײַט אַלט געווען אי צוואַנציק יאָר, אי פערציק יאָר.

מיר האָבן געטרוימט אומצוקערן זיך אין יענער זוניקער פאַרמילכאָמעדיקער וועלט, פון וועלכער מיר זײַנען אוועק, גוט געדענקענדיק

איר ווונדערלעכע פרימאָרגעדיקע העלקײַט און שטילקײַט. די זון האָט אונדז אויסגעזען א יאָמטעוודיקע זון, וואָס צעשײַנט זיך יעדן טאָג אַף דער ערד לויט איר אומאָפּפרעגלעכער געזעצמעסיקײַט; דאָס גראָז איז געווען גראָז, וואָס איז באַשטימט געוואָרן צו וואַקסן, צו זײַן גרין; די לאַמטערנס — צו באַלײַכטן דעם טרוקענעם אַפּרעל-טראָטואַר לעבן די פּאַרקן, ווו עס גייען אָפּ-און-אויף שפּאַצירנדיקע, און דו ביסט אויך צווישן זיי, דו, אַן אַכצניאָריקער, אַן אָפּגעברענטער, א קרעפּטיקער. אַלע רעגנס האָבן געגאָסן אַף דײַן קאָפּ, און דו האָסט זיך נאָר געפרייט מיטן בליאַסק פון די בליצן, מיטן קײַקלען זיך פון די דונערן און מיט די וואַרעמע טראָפּנס פײַכטקײַט אַף דײַנע ליפּן; אַלע שמייכלען פון דער וועלט זײַנען געווען נאָר פאַר דײַנטוועגן; דײַן פרײַנטשאַפט איז געווען א פּראָסטע און א קלאָרע; אַלע טויטן און אַלע טרערן האָבן מיט דיר ניט געהאַט קיין שײַכעס; אַלע ניט-אָנגעשריבענע לידער האָבן געזאָלט זייער גרינג אָנגעשריבן ווערן, אַלע ניט-געשאַפענע מאָל-בילדער האָבן נאָר געוואַרט אַף די לײַוונטן; די ניט-אויסגעבויטע מאַשינען — נאָר אַף דער צײַט. די גאַנצע וועלט, א וואַרעמע, א ווייכע, א דורכזיכטיק-לויטערע, איז געלעגן בא דײַנע פיס אין יענעם פרי׳ען בליִען אַפּרעל, געוואַרעמט דיך מיט גוטסקײַט, מיט פרייד, מיט ליבע-וואַרטענישן. דאָרט, הינטער דעם, איז ניט געווען קיין פאַרביטערטע ניט-צונויפגעלעבטקײַט, קיין סינע, אומעטום האָט זיך צעגאָסן אין דער לופט א העל-גרינבלעכער אַקוואַרעל; און ניט קיין האַרטע שוואַרצע פאַרבן פון ווייטעק און פאַרלוסט.

אין די פיר לאַנגע מילכאָמע-יאָר, פילנדיק יעדע שאָ לעבן דײַנע אַקסלען דאָס פײַער-אָטעמען פונעם טויט, פאַרבײַגייענדיק שווײַגנדיקע די פרישע בערגלעך מיט די נעמען פון די געפאַלענע אַף די הילצערנע טאָוולען, האָבן מיר אין זיך ניט פאַרלוירן די פרי׳עריקע וועלט פון אונדזער יונגשאַפט, מיר זײַנען נאָר אַף גאַנצע צוואַנציק יאָר עלטער געוואָרן, און די דאָזיקע פיר יאָר, האָט זיך געדאַכט, האָבן מיר דורכגעלעבט אַזוי פראָטימדיק און אַזוי געדיכט, אַז זיי וואָלטן געקאָנט קלעקן צוויי דוירעס.

מיר האָבן זיך דערוווּסט, אַז די וועלט איז אַי א פעסטע, אַי א ניט-זיכערע. מיר האָבן געזען, אַז די זון קאָן גאַנצפרי ניט אויפגיין, מאַכמעס דאָס שײַנען אירס און די וואַרעמקײַט אירע קאָן כאָרעוו ווערן דורך א באָמבאַרדירונג, ווען דער גאַנצער האָריזאָנט איז אײַנגעהילט אין שוואַרץ-רויטלעכע רויך-פאָרהאַנגען. מיר האָבן צו דער זון אָפּטמאָל געפילט א סינע — זי האָט אָנגעבראַכט העלע זומערדיקע טעג און דאָס האָט באַטײַט בריקלעך די „יונקערס", וואָס פיקירן איבער אונדזערע אָקאָפּעס. מיר האָבן זיך דערוווּסט, אַז די זון קאָן דיך צאַרט וואַרעמען ניט נאָר זומער און ניט נאָר שפּעט אָסיען, נאָר אויך אין די סאַמע שטאַרקסטע יאַנוואַר-פראָסט; זי קאָן אָבער, אין דער זעלבער צײַט, קאַלטבלוטיק און אומראַכמאָנעסדיק, אויפדעקן מיט אַלע פינקטלעכקײַטן דאָס בילד פון א ניט לאַנג פאָרגעקומענער שלאַכט, די צעקאַליעטשעטע גופים פון געפאַלענע, וועמען דו האָסט נאָר-וואָס נאָך גערופן בא די נעמען. זי, די זון, קאָן זײַן א ריזיקער מיקראָסקאָפּ, וואָס וועט אויסגעבן די טרערן דײַנע אַפן ערשטן פוד פון דײַנע באַקן.

מיר האָבן דערזען די וועלט אײַנײנעם מיט מענטשלעכע העלדישקײַטן און מענטשלעכע ליידן.

ווער פון אונדז וואָלט געווען געקאָנט זאָגן, אַז דאָס גרינע גראָז קאָן ווערן פיאָלעטאָווע, דערנאָך בלישטשענדיק-שוואַרץ, פאַרדרייט אין קרײַזלעך, פאַרוויאַנעט, נאָך די אויפרײַסן פון טאַנק-סנאַריאַדן? ווער וואָלט זיך געקאָנט פאָרשטעלן, אַז ער וועט אַמאָל זען אַף ווײַסע מיידלשע ראָמאַשקעס, אַף די דאָזיקע סימבאָלן פון ליבע, די טראָפּנס בלוט פונעם כאַווער זײַנעם, וואָס א שטעפּערײַ פון אַן אויטאָמאַט האָט אים נאָרוואָס דערהאַרגעט?

מיר זײַנען אַרײַנגעגאַנגען אין כאָרעווע, פּוסט-געוואָרענע שטעט, מיט זייערע ווילד-צעפּראַלטע שוואַרצע לעכער אין די פענצטער, מיט אַראָפּגעפאַלענע סטעליעס און הויפנס ציגל-ברוך בא די טירן; די איבערגעקערטע לאַמטערנס מיט די אויסגעזעצטע שײַבלעך האָבן ניט באַלויכטן קיין מאַכנעס שפּאַצירנדיקע אַף די אויפגעריסענע טראָטואַרן, ס׳האָט זיך ניט געהערט קיין געלעכטער, ס׳האָט ניט געשפּילט קיין מוזיק; ס׳האָבן ניט אויפגעבליצט קיין פּאַפּיראָסן-פײַערלעך אונטער די אָפּגעסמאַליעט-שוואַרצע טאָפּאָלן אין די פּוסטע פּאַרקן.

אין פוילן האָבן מיר געזען דעם ריזיקן טויט-לאַגער אָשווענטשים — דעם דאָזיקן פאַשיסטישן מאַלעכהאַמאָוועסדיקן קאָמבינאַט, וואָס האָט טאָג און נאַכט געאַרבעט מיט טײַוולאָנישער פּינקטלעכקײַט; דער גאַנצער אַרום-און-אַרום האָט געשמעקט מיט א פעטן רייעך פון מענטשלעכן אַש.

מיר האָבן זיך דערוווּסט, וואָס פאַשיזם איז אין זײַן גאַנצער מענטשנסינעדיקער נאַקעטקײַט. אין די פיר מילכאָמע-יאָר האָט מײַן דאָר א סאַך דערוווּסט זיך, נאָר אונדזער אינערלעכע רי׳ע האָט אויפגענומען בלויז צוויי

פארבן: די זוניק-ווײַסע און די אייל-שווארצע. קיין מיט איז ניט געווען. רעגנבויגנדיקע פארביקייַט האָט געפעלט.

מיר האָבן געשאָסן אין די טרויער-שווארצע טאנקען און פאנצער-טראנספּאָרטיאָרן, אין די שווארצע צלאָמים אף די אוויאָנען, אין שווארצן האקנקרייץ, אין די מיטלאלטערלעך-שווארצע גאָטישע שטעט, פארוואנדלט געוואָרענע אין פעסטונגען.

די מילכאָמע איז געווען א הארטע און גראָבע שול, מיר זײַנען ניט געזעסן אף קיין שול-בענק, ניט אין קיין אאודיטאָריעס, נאָר אין פארפרוירענע אָקאָפּעס; ניט געהאט פאר זיך קיין קאָנספּעקטן, נאָר קעגנפאנצער-סנאריאדן און פולעמיאָט-לענטעס. מיר האָבן נאָך ניט פארמאָגט קיין לעבנס-דערפארונג, און דעריבער ניט געוווּסט קיין פּראָסטע, עלעמענטארע זאכן, וואָס דער מענטש דערוויסט זיך אין וואָכעדיקע פרידלעכע טעג — מיר האָבן ניט געוווּסט, אין וואָס פאר א האנט מע דארף האלטן דעם גאָפּל, מיר האָבן פארגעסן געוויינלעכע נאָרמעס פון אופירן זיך, מיר האָבן געצוימט אין זיך צארטקייַט און גוטסקייַט. די ווערטער „ביכער", „א טישלעמפּל", „א דאנק אייַך", „זײַט מויכל, כ'בעט אייַך", „רו", „מידקייַט" האָבן פאר אונדז געקלונגען, ווי ווערטער פון א ניט-באקאנטער און ניט-דערגרייכבארער שפּראך.

נאָר אונדזער נעשאָמע-דערפארונג איז געווען איבערגעפולט ביז איבער די ברעגן, מיר האָבן געקאָנט ווייַנען ניט פאר ווייטעק, נאָר פאר סינע, און מיר האָבן קינדיש געקאָנט פרייען זיך מיט א פריליגדיקער שערענגע בושלען, ווי מיר האָבן קיינמאָל אזוי ניט געפרייט זיך — ניט פאר דער מילכאָמע און ניט נאָך דער מילכאָמע. כ'געדענק, ווי אין די בייַקארפּאטן-בערג האָבן זיך אין הימל באוויזן די ערשטע בושל-דרייַעקן, אוועקגעצויגן זיך צווישן ווײַסע דורכזיכטיקע רויכלעך, צווישן די פריליגדיקע וואטע-וואָלקנדלעך, איבער אונדזערע אָקאָפּעס — און מיר האָבן פארקישעפטע געקוקט אף זייער פאמעלעכן באוועגן זיך, געוווּסט, אז דער וועג זייערער ציט זיך קיין רוסלאנד. מיר האָבן אף זיי אזוי לאנג געקוקט, ביז די היטלעריסטן האָבן פון זייערע אָקאָפּעס אופגעעפנט א פייַער אף דער דאָזיקער שערענגע, די קוילן האָבן צעריסן דאָס בושלען-קייטעלע, און מיר האָבן פאר צאָרן געעפנט א פייַער אף די פאשיסטישע אָקאָפּעס.

דאָס ניט-אויסשעפנדיקע געפיל פון סינע אין אונדזערע הערצער איז געוואָרן שארפער און הארטער, וואָס ריינער און קלאָרער און לייַדנשאפטלעכער מיר האָבן דערפילט די גרינע און יונגע און זוניקע וועלט פון אונדזערע גרויסע דערוואַרטונגען.

אונדזער דאָר — יענע, וואָס זײַנען געבליבן לעבן, — האָט, אומקערנדיק זיך פון דער מילכאָמע, געקענט פארהיטן אין זיך, דורכטראָגן דורכן פייַער, די דאָזיקע ריינע און לויטערע וועלט פון גלויבן און האָפענונג. נאָר מיר זײַנען געוואָרן שלעכטער צו אומיוישערדיקייַט, בעסער — צו גוטסקייַט, אונדזער געוויסן איז געוואָרן דאָס צווייטע הארץ אונדזערס — פאר אָט דעם געוויסן איז באצאָלט געוואָרן א סאך בלוט. און אינײינעם מיט דעם האָבן מיר אין די פיר מילכאָמע-יאָר פארהיט אין זיך די ווארעמקייַט פון דער פארגאנגענער יונגקייַט, דעם ווייכן בלישטש פון די לאמטערנס אין די נייַ-יאָר-פארנאכטן און אין אָוונטיקן שניי-שיטן...

די מילכאָמע איז שוין געוואָרן געשיכטע. נאָר איז עס טאקע אזוי?

מיר איז קלאָר איינס: די הויפּט-אָנטיילנעמער אין געשיכטע — דאָס זײַנען די מענטשן און די צייַט. ניט פארגעסן די צייַט — באטייַט ניט פארגעסן די מענטשן, ניט פארגעסן די מענטשן — באטייַט ניט פארגעסן די צייַט. זײַן געשיכטלעך — באטייַט זײַן הייַנטצײַטיק. היסטאָריקער ציילן מיט גרויסער פּינקטלעכקייַט די צאָל דיוויזיעס, וואָס האָבן זיך באטייליקט אין דער אָדער אין יענער שלאכט. זיי ציילן די צאָל פארלוסטן, שטעלן פעסט ריכטיק דעם גאנג פון דער צייַט. זיי קענען אָבער בעשום-אויפן ניט דערהערן דעם שמועס אין דעם אָקאָפּ ערעוו א טאנקען-אָנגריף, קענען ניט זען די לײדן און די טרערן אין די אויגן בא אן אכצניאָריק מיידל, א סאניטאר-אינסטרוקטאָרן, וואָס שטארבט אין דער האלב-פינצטערניש פון א האלב-כאָרעוון בלינדאזש, ארום וועלכן עס הודען דייַטשישע טאנקען; קאָנען ניט דערפילן די טראסקערייַ פון פולעמיאָטן, וואָס טייטן דאָס לעבן.

אין אונדזער בלוט פולסירט דער שטראָם פון יענע מענטשן, וואָס האָבן געלעבט אין דער געשיכטע. זיי האָבן ניט געוווּסט און האָבן ניט געקאָנט וויסן דאָס, וואָס מיר ווייסן, נאָר געפילט האָבן זיי אזוינס, וואָס מיר פילן שוין ניט.

קוקנדיק רעגע בא רעגע דעם טויט אין די אויגן, איז אלצדינג פארשארפט, איז אלצדינג געפרעסט אין מענטשנס נעשאָמע.

און אָט די דאָזיקע שארפקייַט פון אויסערגעוויינלעכע געפילן איז מיר אויסערגעוויינלעך אינטערעסאנט.

דער רעסטאָוראַטאָר

— זאָגסט, אז אין לעבן קלעפּט זיך באַ דיר אַלצדינג, פריינט מיינער, נע-ע! כ'האָב געהאט א באַקאַנטן, — א גרויסער רעסטאָוראַטאָר! קאָליע לאַשאַדקין. ער האָט געקאָנט צוקלעפּן א געקרויזלט הערעלע צום רועכס עק. אפילע שאָלעכצלעך פון א טויבן-אייעלע האָט ער אזוי געקאָנט צונויפשטוקעווען, עס זאָל זיך קיין שפּעלטעלע ניט אָנזען. אזעלכע גאָלדענע הענט, ברודער, האָט ער פאַרמאָגט און אזא בריליאַנטענעם קאָפּ. איז אין איינעם א טאָג קומט ער צו מיר צו גיין שיקערלעך, ס'הייסט, טאַקע גאַנץ בעגילופנדיק, פאַלט אַריין אין שטוב, אָנגעטאָן אין דער פּאַלטאָ, מיט די קאַלאָשן זיינע אויף די שיך, און זעצט זיך אזוי-אָ אוועק אין קיך אויף א טאַבורעטל. כ'קוק זיך צו: רייבט ער זיך מיטן היטל דעם פּליך אפן קאָפּ, זיפצט און גיסט מיט טרערן. „וואָס איז געשען, קאָליע?" — פרעג איך אים און כידעש זיך זייער אויף דער דאָזיקער ניט-ניכטערקייט זיינער, מאַכמעס איך ווייס, אז ער איז קיין שום טרינקער ניט, אזש צו שעמען זיך דערמיט. „ניט אַלצדינג, כאָווער מיינער הארציקער, קאָן זיך צונויפקלעפּן, — ענטפערט מיר קאָליע און כליפּעט, כליפּעט, — כ'בין זיך צעגאנגען מיטן ווייב, א קלאָץ, א לעקיש בין איך א גרויסער, דאָס בין איך..."

דער זיקאָרן

דער מענטשלעכער זיקאָרן פאַרמאָגט אין זיך א ריזיקן קויער. ער פאַרהיט דאָס, וואָס איז מער נישטאָ, דאָס, וואָס איז געווען און איז אוועק. די צייט פורעמט אויס פלייסיק און ליידנשאַפטלעך אונדזער דערפאַרונג.

עס קומט אַמאָל פאָר אזוי: דו ביסט גייסטיק רויק, אין א פרילינגדיקן צווישן-טאָג-און-נאכט שפּאַנסטו אויף די גאסן, לייענסט פרישע אַפישן, פילסט דאָס פייכטלעכע און שמעקנדיקע אַפּרעל-ווינטל; אין דער מיט גאס בלישטשעט דער אַספאַלט, שפּיגלט אָפּ אין זיך דעם פאַרנאַכטיקן הימל, די באַלויכטענע טראָלייבוסן, וואָס זעען אויס, ווי גרינע אַקוואַריומס; אויף די טראָטואַרן, באַ די וויטרינעס פון מאַגאַזינען שפּאַצירן פּאָרלעך — פרידן, טאָגטעגלעכקייט, געלעכטער, דאָס דאָזיקע באַזונדערע לאַכן, וואָס ווערט אַרויסגערופן פון שטיל, רויק, נאַכעסדיק לעבן. עס שטייט אזוי א געוויינלעכער ווארעמער פרילינג-אָוונט אין זאמאָסקוואָרעטשיע. אויף די בעז-קאַליריקע גאסן צינדט זיך אָן ליכט אין די פענצטער, עס בליצן אויף די רעקלאַמעס אין די קינעמאַטאָגראַפן, אין זייטיקע געסלעך, שורשען וועלאָסיפּעד-רעדלעך, אַפן אַספאַלט שפּרינגען אום קנייִלעכלעכער שיין; אויף די פעראָנען פון די פאַרן גאַנצן טאָג מיד-געוואָרענע וואָקזאַלן גייען אָפּ צוגן אין א ווייטקייט, א פאַרצויגענע מיט רויכלעך, צווישן אונטערציטערנדיקע לאָמטערנס פון בריקלעך-היטער.

און דער לעצטער פייף פון די לאָקאָמאָטיוון, און די פאַרנאַכטיקע וואָלקנדלעך אַפן הימל, רויטלעך דורכגעלויכטענע פונעם זונפאַרגאַנג, און די רייכעס פון נאַפט און שפּאָלסמאָלע, און די רויכלעך אַפן האָריזאָנט, און די ביימלעך הינטער די וואָקזאַל-געביידעס, וואָס זעען פונדערווייטנס אויס, ווי אַרומגערעמלט מיט רויטן, — אַלץ טוט דיך פּלוצעם א ציפּ באַם האַרצן.

ווי לאַנג דאָס אַלצדינג איז שוין געווען...

צעשויבערטע פייערן צעגלידערן די פינצטערניש אין האָריזאָנט, א רויטער אָפּשיין ציטערט אונטער אין די שוואַרצאַפּלען באַ די סאָלדאַטן, וואָס שפּאַנען דערנעבן אויף די ביידאַרפישע וועגן... די פייערן דערנענטערן זיך, צעשיטן זיך, טרעשטשען, גלייך ווי שטיבער צעפּאַלן זיך אין פלאַמען; די סעדער שטייען איינגעהילט אין רויך, שאַרף און בריִענדיק אָטעמט דיר אַריין אין פּאָנעם א היץ: אומעטום זעט זיך אָן דאָס דאָזיקע פייער פון טויט: אויף די קראַקוועס פון הייזער אין שטעט, וואָס זייערע נעמען געדענקען זיך שוין ניט, אויף שטיקער צעזעצטע וויטרינעס, אַפן גאַרטל פון א דייטשישן סאָלדאַט, וועמעס שוידערלעך געשוואָלן-געוואָרענער גוף ליגט אינמיטן גאס, אויסטערליש אונטערגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף אן עלנבויגן, מיט א רויט-פאַרסאַרפּעט גלעזל באַם זייגערל אויף זיין האַנט. די שטאָט ברענט, די שטאָט איז פּוסט.

מיר גייען אַריין אין אָט דער ברענענדיקער שטאָט. עס רויכערן זיך די שינעלן אויף אונדז, עס רויכערן זיך די גריוועס אויף אונדזערע פערד. מיר דעקן זיי צו. מיר שפּאַנען ווייטער.

דערנאָך שטעלן מיר אָן דעם האַרמאַט אונדזערן אין א דירעקטן ציל. די דייטשישע טאַנקען, כמורנע בלישטשענדיקע אין דער שיין פון די פלאַמען, ווי זיי וואָלטן געווען אָפּגעגאָסן מיט בלוט, רוקן זיך פּאַמעלעך אָפּ אַפן שאָסיי, צינדן אונטער די פאַרשטאָט. מע זעט, ווי די צינד-שלאַנגען זייערע גראָבן זיך איין אין די הילצערנע שטיבלעך, כאַפּן אַרום מיט פייער-צונגען די סטרעשענעס.

מיר גייען פון סטאַלינגראַד אַף מײַרעוו איבער פאַרשנייטע סטעפּעס, איבער שליאַכן, צעגראָבענע פון סנאַריאַדן, סקריפּענדיקע אונטער אונדזערע פיס מיט מעטאַל-סקריפּערײַ; מיר גייען אַף דער ערד פון אוקראַיִנע, ווו די פּאָמידאָרן האָבן איצט א בײַטאַם פון טשאַדענדיקן פּולווער, און די עפּל האָבן זיך אָפּגעבראָטן אַף די פאַרקוילטע עפּלביימער. אין שוואַרצע, ווינטיקע, אָסיענדיקע נעכט פאַרסירן מיר דעם דניעפּער, דעם טײַך, וואָס פלייצט א באַלויכטענער פון ראַקעטעס, אַף וועלכן עס שווימען אום טויטע גופים און קלאַפּן זיך יעדעס מאָל אָן אין אונדזערע פליטן. און צווישן די שלאַכטן, אין א קורצער רעגע אָפּרו, ליגן מיר אַף די רעכטברעגיקע פּלאַצדאַרמען אונדזערע, וואַרעמען זיך קעגן דער אָסיענדיקער זון, קוקן, ווי אין די גאָלדיק-געלע וועלדער אפן לינקן ברעג, הייבן זיך צום הימל אַרויף רויכן פון אופרײַסן, צעשטערן די בערייִשיסדיקע אָסיען-רו, און די בלעטלעך פון די ביימער, אינײנעם מיט די שפּליטערס פליִען אַרײַן אין געדיכט-בלויען וואַסער. מיר טראַכטן: אײַ, ווען אין טײַך שווימען איצט אום פיש-ווענטקעס! דערנאָך ליגן מיר אין די אַקאָפּעס שוואַרצע, די קעפּ פאַרוויכערטע, אין שווייסיקע גימנאַסטיאָרקעס, ליגן און קוקן, ווי א שערענגע „יונקערס" מיטן טעמפּן זשומען זייערן, רעדלען זיך איבערן דניעפּער.

מיר גייען אַדורך פּוילן, דער גאַנצער האָריזאָנט איז איין סרייפע; פון די קאַרפּאַטער הייכן, זעען אונדז אויס די גאַסן אין די שטעט — פײַער-ריטשקעס, די פּלעצער — פלאַמענדיקע אָזערעס. אָפּטרעטנדיק, האָבן די היטלעריסטן געוואָלט איבערלאָזן הינטער זיך הוילן כורבן, אָן מענטשן.

אויב אומגליק האָט זיך זײַן באַזונדערן רייעך, איז דער מילכאָמעס רייעך — פײַער, אַש, טויט.

מילכאָמע דאָס איז ביטערער שווייס און ביטער בלוט; דאָס זײַנען די רעשימעס, וואָס ווערן נאָך יעדער שלאַכט אַלץ קלענער און קלענער אין דער פּאָלק-קאַנצעליאַריע; דאָס איז א לעצט סוכאַרל אין ווזוואָד, וואָס מע צעטיילט אַף פינפן — פאַר די פינף לעבנגעבליבענע; דאָס איז א קעסעלע מיט פאַרזשאַווערטער בלאָטע-וואַסער, און דאָס איז דער לעצטער ציגאַר, וואָס דער נאַוואָדטשיק דרייכערט זשעדנע, ווען ער קוקט אפן סוינעס פויזענדיקע טאַנקען.

מילכאָמע — דאָס זײַנען בריוו, אַף וועלכע מע וואַרט, און מ׳האָט מוירע זיי צו באַקומען; און דאָס איז אזא באַזונדערע אויסגעטאָנענע ליבשאַפט צו גוטסקײַט, און א באַזונדערע ברענענדיקע פײַנטשאַפט צו רישעס און צו טויט; דאָס זײַנען אומגעקומענע יונגע לעבנס, ניט אויסגעלעבטע ביִאָגראַפיעס; דאָס זײַנען ניט קיין מעקוייעם-געוואָרענע טרוימען, ניט קיין אָנגעשריבענע ביכער, ניט-רעאַליזירטע אנטדעקונגען, קאַלעס, וואָס זײַנען ניט געוואָרן קיין ווײַבער.

כ׳זע אַמאָל, ווי קינדער שפּילן זיך אין מילכאָמע; נאָך זייער פאַרשטאַנד איז מילכאָמע בלויז ראָמאַנטיק און העלדישקײַט. קינדער פאַרמאָגן ניט דעם דערפאַרונג-זיקאָרן, וואָס דערוואַקסענע פאַרמאָגן.

אַף דער מילכאָמע האָט מײַן דאָר אויסגעלערנט זיך ליב האָבן און גלייבן, פײַנט האָבן און אָפּלייקענען, לאַכן און וויינען. מיר האָבן זיך אויסגעלערנט שעצן דאָס, וואָס אין פרידלעכע טעג פאַרלירט עס די ווערט, ווײַל מיר זײַנען צוגעוווינט דערצו — א פרויס צופּעליקן שמייכל, וואָס מיר דערבליקן פּלוצעם אַף דער גאַס; א וואַרעמען מײַ-רעגן פאַרנאַכט; דעם אונטערציטערנדיקן אָפּשײַן פון א לאַמטערן אין א קאַליוזשע; א קינדס געלעכטער; צום ערשטן מאָל אַרויסזאָגן דאָס וואָרט „ווײַב" און צום ערשטן מאָל אָנעמען א זעלבשטענדיקן באַשלוס.

מיר האָבן זיך אויסגעלערנט פײַנט האָבן פאַלשקײַט, פּאַכדאָנעס, ליגן, דעם גליטשיקן בליק בא א מענוּוול, וואָס רעדט מיט אײַך מיט א שיין שמייכעלע; גלײַכגילטיקײַט, פונוואַנען ס׳איז דאָ איין שפּאַן צו פאַראַט.

אונדזער זיקאָרן — דאָס איז נעשאָמע-דערפאַרונג און לעבנס-דערפאַרונג, באַצאָלט מיט א טײַערער פרײַז.

אָט פאַרוואָס, ווען דורך צופעליקע אַסאָציִאַציעס — א גרילץ פון א טראַמוויי באַם פאַרקערעווען, וואָס דערמאָנט דעם פײַף פון א שווערן סנאַריאַד, אָדער אַן אופבליץ פון א שווייס-אַפּאַראַט אין א סקעלעט פון א נײַער בויונג, וואָס דערמאָנט אין פּולסירנדיקן פּולעמיאָט-פײַער, — דער זיקאָרן קערט אונדז צוריק אום צו די מילכאָמע-טעג, הייבן מיר אָן מערער שעצן שטילקײַט, דעם שאָלוועסדיקן גלאַנץ פון דער זון, די דורכזיכטיקײַט פון דער לופט.

ייִדיש — י. ש ר ײַ ב מ אַ ן



אַראַזגולי אַנאַיעוו,

טורקמענישער דיכטער

אַן אַלטע פֿאָטאָגראַפֿיע

מייַן אומבאַקאַנטער גוטער פֿרייַנט,
ווער ווייסט, וווּהין דו ביסט אַנטרונען, —
כ'האָב אין אַרכיוו ערשט דאָ ניט לאַנג
דייַן פֿאָטאָגראַפֿיע געפֿונען.

אַן אָפֿן און אַ יונג געזיכט,
די אויגן — פֿול מיט מילדער צאַרטקייַט,
נאָר אויך אַנטשלאָסנקייַט און מוט,
און זיכערקייַט און אייַנגעשפּאַרטקייַט.

מייַן אומבאַקאַנטער גוטער פֿרייַנט —
פֿון יענעם דאָר דעם אומגעריכטן,
וואָס ער האָט אויפֿגעוועקט די ערד
מיט ערשטע טראַקטאָרס און קאָלווירטן.

פֿון יעדן ראָג, אויף יעדן שטעג
נאָך דיר געלויערט האָבן סאָנים,
נאָר האָסט געבויט אַ נייַע וועלט
און דרייסט געקוקט דעם טויט אין פּאָנעם.

אַפֿילו בײַ געפֿאַר אין האַרץ
זיך ניט געלאָשן האָט דער פֿלאַקער,
און ס'האָט דייַן האַנט געהאַלטן פֿעסט
די ביקס, דעם האַמער און דעם אַקער.

דורך נעכט דורך שלאָפֿלאָזע צו דיר
אין טרוים פֿלעגט קומען דער פֿרימאָרגן —
דעם גורל פֿון דער גאַנצער וועלט
דו האָסט געוואָלט מיט גליק באַזאָרגן.

מייַן אומבאַקאַנטער גוטער פֿרייַנט,
אויף בוּווינגען און אין ליקפּונקטן
באַנאַנד מיט „אינטערנאַציאָנאַל"
דייַן „מאַרסעליעזע" האָט געקלונגען.

די גאַנצע מענטשהייַט האָט אין דיר
געלעבט, געגרוישט, ווי אין מישפּאָכע,
געהאַלטן האָסט אין דייַנע הענט
אַ גאַנצע קינפֿטיקע עפּאָכע.

אויף אַלע פֿראָנטן ביסט געווען
אין פֿאָדער-ריי און אויף די פֿלאַנגען,
ביסט מיט דער סאָכע, מיט דער ביקס
אונטער דער רויטער פֿאָן געגאַנגען.

דאָנבאַס, טורקסיב און מאַגניטבוי,
און דניעפּראָהעס, זאַוואָדן-ריזן, —
אַ דאַנק דיר, אומבאַקאַנטער פֿרייַנט,
פֿאַר אַלץ, וואָס אויפֿטאָן האָסט באַוויזן!

מיר זייַנען ניט באַקאַנט — די צייַט
ניט שאַנעוועט, מיר ווייסן, קיינעם,
נאָר מיט איין פֿרייַהייַט, מיט איין לופֿט
מיר עטעמען מיט דיר אינאיינעם.

דייַן פֿאָטאָגראַפֿיע דערמאָנט
האָט פֿיל פֿון דעם, וואָס איז פֿאַרשווּנדן,
נאָר ס'לעבט אין אונדז און פֿלאַקערט העל
די שייַן, וואָס דו האָסט אָנגעצונדן.

מײַן קאַנט

מײַן היים, מײַן קאַנט פון פּאַטערס און פון זיידעס,
מײַן ערד, וואָס דורכגעזאַפּט מיט טרערן איז און בלוט,
דאָס גאַנצע לעבן ביסט געווען אַן איידעס,
אַז בלויז אין דיר געשעפּט איך האָב מײַן מוט.

זאָל אין די ברונעמס פון די קאַראַקומען
דאָס וואַסער ריזלען מיט אַ זיסן קלאַנג,
און קינדערלעך אויף לאַנקעס זאָלן זשומען,
און אופגיין זאָל אויף פעלדער הויך דער זאַנג.

מײַן היימלאַנד, ווו די פרישע קוואַלן ברויזן
און ווו דער הימל-רוים מיט ווײַסע שטערן שיט, —
מײַן היימלאַנד שמעקט מיט דופטיק-בונטע רויזן,
מיט ערשטע רעגנס און מיט בוימוואָל-צוויט.

דורך פאַסטעכס ליד איך הער מײַן מאַמעס ניגן —
ער וועקט, ער רעגנט און רופט מיך אַלעמאָל,
פונקט ווי זי וואָלט ביז איצט מײַן וויגל וויגן
און אונטערזינגען וואָלטן באַרג און טאָל.

ס׳זינגט אַ דוטאַר. און ס׳רוישט אַ ווינט דערנעבן,
ס׳גייט אויף די זון און שטעלט זיך בײַ מײַן טיר.
מײַן פאָטערלאַנד!
מײַן גליק!
פון לאַנג עס לעבן
די צוקונפט, די פאַרגאַנגענהײַט אין מיר...

מײַן דאָר

אַ יוגנט, ניט פאַרגעסן ביסטו, ניין!
די עלטער שפּאַנט און רײַפער, ווערט,
און ריינער,
אַלץ פעסטער איז דאָס הויז, וואָס דו אַליין
האָסט אויסגעבויט, און גרינער מער —
דיביימער.

אַ ציגל צו אַ ציגל... און עס דוכט:
דאָס לייגט די זון אין בנינים אירע שטראַלן,
און נײַע שטעגן אין דער טײַגע לייגן דורך
ראָמאַנטיקער צו פרילינגדיקע קוואַלן.

די שטעט, וואָס זיי געבוירן וועט די צײַט,
ניט זוכט אויף מאַפּעס — זיי אין הערצער לעבן,
ווי פײַערלעך זיי ווינקען פון דער ווײַט
און רופן אונדז און אין כאַלוימעס שוועבן.

נאָר קומען וועט דער טאָג, און ווי אַ טרוים
באַווײַזן זיך זיי וועלן אונדז פונדאַנען,
דער טאָפּאָל הויך פאַרהייבן וועט זײַן קרוין
איבער די קעפּ פון קאָלעס און כאַסאַנים.

ניין, ניט אומזיסט דורך הייסע טעג און נעכט
מיר האָבן אַזאַ דרייסטן שווונג גענומען,
אַז ס׳זאָל די שײַן אונדז לויכטן אויף דער ערד
פאַר די, וואָס זײַנען דאָ און וועלן קומען.

דער צוואַנציקסטער יאָרהונדערט

ער לויפט, ער אײַלט, פון רויש און טומל דול,
אין נעפל שווימט דער צוואַנציקסטער יאָרהונדערט, —
א פּראָסטער, דוכט זיך, נאָר מיט סוידעס פול,
אונדז אַלעמאָל מיט עפּעס ער באַוווּנדערט.

אַן אַכציקיאָריקער, מיט גוטס און שלעכטס געבענטשט,
פון שווערן יאָך ער איז שוין מיד געוואָרן,
געעלטערט האָט ער זיך, נאָר זעט אויס, ווי א מענטש,
וואָס ווייסט, אַז שוין געציילטע האָט ער יאָרן.

נאָר טוט א קוק: ער לויכט מיט וויפל שײַן,
און ס'ווערט זײַן האַרץ ניט אָף קיין קאַפּל קעלטער:
וואָס עלטער, זאָגט מען, שטאַרקער איז דער ווײַן,
און מיט דערפאַרונג רײַכער איז די עלטער.

מײַד אויס דעם אומגליק! ס'איז פון לאַנג דאָך קלאָר,
אַז ניט אָף טויט דו ביסט געקומען, נאָר אָף לעבן.
דאָס צווייטע מאָל דיך האָט דאָס זיבעצנטע יאָר
אַפּסנײַ געבוירן, דיר א שוווּנג געגעבן.

פון יענע שטורעמדיקע צויבערדיקע טעג,
וואָס האָבן דיך אָף גאָר דער וועלט דערהויבן,
אַלץ ביילעטער געוואָרן איז דײַן וועג,
און לויטערער — די האָפענונג און גלויבן.

מײַן צוואַנציקסטער יאָרהונדערט! ווײַט צעהעלט
עס האָט מיט נײַער פּײַערשײַן דײַן פאַקל,
א כעזשבן האָסט אַרויסגעשטעלט דער וועלט,
און ווווּנדערבאַר עס איז איצט דײַן סאַכאַקל.

די צוקונפט רײַסט די פּענטעס הייס און שווער
לויט אַלע אַלטע און לויט אַלע נײַע קלאָלים,
און ס'דויערט דער געראַנגל מער און מער
פאַר יוישער, און פאַר עמעס, און פאַר שאָלעם.

אָ, צוואַנציקסטער יאָרהונדערט! אַלץ, וואָס שאַפט,
וועט נאָך גענוג דער מענטשהײַט ווווּנדער ווײַזן,
ווײַל ס'איז דער מענטש — דײַן זון — נאָך פול מיט קראַפט
און פעסט, ווי דער אָקטיאַבער, — שטאָל און אײַזן.

יידיש — כ.ביידער

סאַמאַנסור באַלעקבײַעוו,
קירגיזישער שרײַבער

בײַטור

קנעכטשאַפֿט

בײַטור איז געלעגן אױף א בערגל און קימאַט ניט אָפּגעריסן די אױגן פֿון די יורטעס. ער האָט געװאַרט, זײַן פֿעטער זאָל אַרױסקומען. די שעפּעלעך און די ציגעלעך האָבן זיך געפּיטערט צוזאַמען. זײ האָבן געצופּט דאָס גראָז לעבן זײַנע פֿיס, לעבן קאָפּ, געקיצלט אים מיט זײער אָטעם. מע האָט זײ ערשט ניט לאַנג צעשײדט מיט די מוטערס, און איצטער פֿאַרײַסן זײ אַלעמאָל זײערע שאַרפֿע דינע מאָרדעלעך און װײנען ביטערלעך װי קינדער. בײַטור האָט געכאַפּט א לעמעלע, װאָס איז צוגעלאָפֿן צו אים זײער נאָענט, און זיך גענומען פּאַרקען אין זײַן װײַסער װאַרעמער װאָל, באַרױִקנדיק עס.

— אָרעם לעמעלע!

זײ האָבן פֿאַרשטאַנען אײנס דאָס אַנדערע. דאָס לעמעלע האָט געבענקט נאָך דער מוטערס װאַרעמען בױך, נאָך איר שטײַפֿן אײַטער, נאָכן זיסן רײעך פֿון איר מילך און אירע האָר. און בײַטור האָט אױך געבענקט נאָך זײַן מוטער, נאָך אירע הענט, נאָך איר שטים...

— נו, גוט, גײ שױן, — זאָגט בײַטור דעם לעמעלע און לאָזט עס אָפּ.

דאָס ײִנגל האָט זיך װידער גענומען קוקן אױף די יורטעס, װעלכע האָבן זיך געטוליעט אײנע צו דער צװײטער אױפֿן דאַרעמדיקן אָפּהאַנג פֿון דעם באַרגשפּאַלט, װי זײ װאָלטן זיך געשראָקן פֿאַר דער אײנזאַמקײַט.

אַלע פֿיצעלעך האָבן מוטערס און האָבן זײ ליב. די אײפּעלעך קוקן אַרױס פֿון זײער נעסט אױף דער מוטער, װאָס װעט באַלד קומען צו פֿליִען. די צוציקעס סקאַװוטשען פֿון פֿאַרגעניִגן, שפּילנדיק זיך מיט דער צװײג און פֿרוּװן זי א ביס טאָן אין אַן אױער. בא די יורטעס, אָנציִענדיק די שטריק, מיט װעלכע זײ זײַנען צוגעבונדן צו אַרײַנגעקלאַפּטע אין דער ערד פּלאָקנס, מאַטערן זיך און הירזשען לאָשעקלעך, רופֿנדיק די שקאַפּעס — די מוטערס זײערע, װעלכע דרײען זיך אַרום זײערע קינדערלעך, און װען מע טרײַבט זײ אַװעק זיך פּאַשען, קערן זײ זיך װידער אום. און נאָר די, װאָס האָבן ניט קײן זױג-לאָשעקלעך, פּאַשען זיך רױִק אָדער זײ ליגן אױפֿן גראָז און קראַצן מיט די צײן אײנע דער אַנדערער די רוקנס. דאָס איז אױך פֿאַר זײ א שטיקל פֿאַרגעניגן.

דער טאָג האָט זיך געשטעלט א הײסער. די װײַסע, מיט אײַז באַדעקטע באַרגשפּיצן האָבן געפֿינקלט אין די שטראַלן פֿון דער גלױטיקער זון. פֿונדאַנען, פֿונעם באַרגשפּאַלט, װוּ בײַטור איז געלעגן, האָט מען געקאָנט זען בלױז די סאַמע הױכע און שאַרפֿע שפּיצן, װעלכע האָבן װי דורכגעשטאָכן דעם פֿיִאָלעטאָװן הימל. אױף דער צאָפֿנדיקער זײַט איז דאָס גראָז נאָך געװען פֿײַכט, געדיכט, דערלאַנגט בײַטורן ביזן גאַרטל. אָבער אױף דער דאָרעמדיקער זײַט, דאָרטן, װוּ די טשאַבאַנען האָבן אַװעקגעשטעלט זײערע יורטעס, איז שױן דאָס גראָז געװען אָפּגעװעלקט, אָפּגעברענט... װען די שעפּעלעך הערן אױף א רגע צו מעקען, קאָן מען הערן דאָס טױבע אומופּהערלעכע פֿליִעסקערײַ פֿון דעם אײַז-קאַלטן טײַכל אַק-סוּו. זומערצײַט איז גוט צװישן די בערג. בײַטורן איז אױך דאָ געװען גוט, ביזװאַנען די מוטער האָט געלעבט.

אָבער ווען זי איז געשטאָרבן, זײַנען ווי צוזאַמען מיט איר אָפּגעשטאָרבן געוואָרן אויך די בערג און בערגלעך, די גראָזן און דער הימל...

מיטאָמאָל האָט בײַטור אופגעצאַפּלט. פון דער עקסטער, ביז גאָר אָרעמער יורטע גייט עמעצער ארויס. נאָר אויך דאָס מאָל איז דאָס געווען ניט דער פעטער. ס'איז ארויסגעקומען א פרוי פון א יאָר דרײַסיק, א טשאַבאַנקע, אין א ווײַס ברייט קלייד, מיט א לעדערנעם עמער[1] אין דער האַנט. נאָכדעם האָט זיך באַוויזן איר מאַן, א הויכער, מיט א פוטערן היטל אַפּן קאָפּ. ער האָט גענומען אַן אוקורוק — אַזאַ דרענגל מיט א שטריק אַף צו כאַפּן נאַטעראַוואַטע פערד. ווען די פרוי איז צוגעגאַנגען, האָט די גניאַדע שקאַפּע אַליין זיך אופגעהויבן. דער מאַן האָט אָפּגעבונדן און צוגעפירט צו דער שקאַפּע איר לאָשעקל און געלאָזט עס זויגן דעם אײַטער. נאָר ווען דאָס לאָשעקל האָט זיך צוגעכאַפּט צום זויגן און אײַנגעבויגן זײַנע דינע שטאַרקע פיס, קעדיי עס זאָל אים זײַן באַקוועמער, האָט דער מאַנצבל עס אוועקגענומען און ווידער צוגעבונדן. די פרוי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַף א קני און אָנגעהויבן מעלקן.

בײַטורן האָט זיך אַזוי שטאַרק פאַרוואָלט וואַרעמע, ערשט אויסגעמאָלקענע מילך, אַז ער האָט אַפילע דערהערט, ווי די שטײַפע שטרעמעלעך מילך קלאַפּן אין דעם לעדערנעם עמערל.

נאָר דאָ איז ענדלעך ארויסגעגאַנגען פון א יורטע דער פעטער, אַף וועלכן בײַטור האָט אַזוי אומגעדולדיק געוואַרט. דאָס איז געווען א הויכער דאַרער באַיאָרטער מענטש מיט א שוואַרץ פאַרברענט פון דער זון פּאָנעם און א שוואַרץ שיטער בערדל. ער איז געווען אָנגע-טאָן אין אָפּגעטראָגענע קליידער. בײַטור האָט זיך אימפּעטיק א לאָז געטאָן צו אים. א פאַר-סאָפּעטער, האָט ער אָנגעכאַפּט דעם פעטערס האַרטע האַנט.

— אַלאַ וועט העלפן, — האָט אים דער פעטער געזאָגט. — לאָמיר גיין.

די גראַמע יורטע פונעם בײַ איז געשטאַנען עטוואָס ווײַטער, באַזונדער פון די אַנדערע. א הויכע, א שנייוויַסע, האָט זי ווי מוירע געהאַט, אַז דער דאַלעס פון די איבעריקע יורטעס קאָן זיך נאָך כאָלילע פאַרברודיקן. לעם איר איז געווען פריילעך. עמעצער האָט געלאַכט. און איין „כא" האָט זיך געהערט באַזונדער פונעם צווייטן „כא", ווי דאָס וואָלטן געקלאַפּט שטיינדלעך, וואָס מע שיט אייגס נאָכן אַנדערן.

דער בײַ איז געזעסן אין דער מיט פון א קרײַזל מאַנצבלען. ער האָט אויסגעזען אינגאַנצן קײַלעכדיק: א קײַלעכדיק פּאָנעם, א פּוכקע בויך, וואָס שטאַרצט ארויס פון אונטער א כאַ-לאַט פון בלאָווע זײַד, קײַלעכדיקע הענט. און אַפילע דער קליינינקער לאַגל, פון וועלכן די מאַנצבלען האָבן געטרונקען לויט דער ריי קומיס, איז אויך געווען א קײַלעכיקער. דאָס האָט ער, דער בײַ, געלאַכט און זײַנע הילכיקע „כא-כא!" האָבן זיך געקײַקלט, ווי קײַלעכדיקע שטיינדלעך.

בײַטורס פעטער האָט זיך נידעריק פאַרנייגט. קיינער האָט אים אָבער ניט באַמערקט. האָט ער זיך ווידער געבוקט און ניט-דרייסט ארויסגעשטאַמלט:

— באַיאַקע...[2]

דער בײַ האָט א קער געטאָן צו אים זײַן גלאַט, אָן א באָרד, פּאָנעם, זײַנע שוואַרצע אויגן האָבן נאָך אַלץ געפינקלט פון געלעכטער.

— באַיאַקע, בײַטורס מוטער האָט מען שוין באַגראָבן. זײַן פאָטער האָט א גאַנץ לעבן געפּאַשעט אײַערע שאָף, ביזוואַנען ער איז ניט אוועק אַף דער עמעסער וועלט. איז האָט ראַכמאָנעס און דערלויבט דעם קײַלעכיקן יאָסעם, ער זאָל גיין מיט מיר. ער איז באַ מיר דער איינציקער פּלימעניק.

— דײַנע רייד זײַנען מיר צום האַרצן, — האָט פריילעך אויסגערופן דער בײַ, — זעץ זיך מיט אונדז.

נאָר בײַטורס פעטער איז געבליבן שטיין און ווידער זיך נידעריק פאַרנייגט.

— גוט. נעם אים, נעם אים מיט זיך. נאָר צום אַלעם ערשטן מוזסטו באַצאָלן דעם כויוו. נאָר וואָס פאַר א באַטרעף האָט פאַר דיר אַזאַ נישטיקער כויוו! ס'איז אינגאַנצן גע-רעדט — צען שאָפּבעק און א קו מיט א קעלבל. די מוטער פון דײַן פּלימעניק האָט באַ מיר צוגענומען איר לוין פאַרפריִער אַף גאַנצע צען יאָר. איז פאַרוואָס זאָלסטו זיך טאַקע ניט צערעכענען מיט מיר?

— בײַטור וועט זיך אַליין צערעכענען, באַיאַקע, ווען ער וועט אויסוואַקסן. און איך קען ניט, איך האָב ניט קיין פי.

---

[1] אין קירגיזיע באַנוצט מען זיך מיט לעדערנע עמער, ווען מע מעלקט די שקאַפּעס.
[2] באַיאַקע — א ווענדונג צו א גוויר (קירגיזיש).

דער בײַ האָט געמאַכט און אָנשטעל, אַז ער איז זייער פאַרכידעשט. ער האָט אַ רוק געטאָן די בלאָווע סאַמעטענע טיובעטייקע אויף זײַן אָפּגעגאָלטן קאָפּ, און געזאָגט:

— אײַ-אײַ! איז צוליב וואָס פּאַטער איך מיט דיר מײַן טײַערע צײַט, האַ? ניטאָ קיין פּי, איז ניטאָ וואָס צו ריידן.

— באַיאַקע! האָט ראַכמאַנעס אַפּן יאַסעמ! — האָט אופגערעגט אויסגערופן בײַטורס פּעטער, צודריקנדיק די הענט צום האַרצן. — עס וועט אים זײַן שווער איינער אַליין. ער איז נאָך אַ קלײנטשקער און קאָן נאָך ניט זײַן קיין טשאַבאַן. וואָס איז בילכער, באַיאַקע, אַ מענטש צי פּי? לאָזט אָפּ דאָס ייִנגל, כ'בעט אײַך.

דעם בײַ איז אָבער דער דאָזיקער געשפּרעך שוין דערעסן געוואָרן.

— גיי דיר אַוועק און פּלאַפּל ניט מער. און זאָלסט וויסן: אַ מענטש איז אַ מענטש, ווען ער האָט פּי, און אָן פּי איז ער אַ שטיק האָלץ... בײַטור דאַרף מיר דינען צען יאָר, און איצטער, פּאַרנעם זיך פונדאַנען, אַניט וועל איך זיך צעבייזערן.

דער פּעטער האָט אַרומגענומען בײַטורן, אַ גלעט געטאָן אים איבערן קאָפּ. אין בײַטורס אייגן האָבן זיך באַוויזן טרערן.

— וואָס קען איך דען טאָן, יאַסעמל מײַנס?.. פּאַרשאָלטן זאָל זײַן די גויט און פּאַרשאָלטן זאָלן זײַן די, וואָס נוצן אויס די גויט אויף צו פּאַרקנעכטן מענטשן...

דאָס ייִנגל האָט דערשראָקן אויסגערופן:

— איך וועל ניט פּאַרבלײַבן באַם בײַ. איך וועל אַנטלויפן. מײַן מאַמע האָט ניט געגעבן באַ אים קיין שום קו. דו ווייסט דאָך, אַז מיר האָבן ניט געהאַט קיין קו. קיינמאָל ניט געהאַט!

— כ'ווייס, כ'ווייס, אַז ער זאָגט אַ ליגן. נאָר וואָס קען איך טאָן? אַלאַ זעט אַלץ, און ער וועט אַמאָל באַשטראָפן אַלע אַכזורים...

דער בײַ האָט זיך צעשריגן:

— טראָג זיך אָפּ פונדאַנען! אַניט וועל איך אויסצופּן דײַן באָרד, יעדער הערעלע באַזונדער.

איינער פון די מאַנצבלען האָט אַ סווישטשע געטאָן, און טײַקעף האָט פון יענער זײַט יורטע זיך באַוויזן אַ קאָפּ און נאָכדעם דער גאַנצער קערפּער פון אַ גוואַלדיק גרויסן שוואַרצן הונט. בײַטור האָט אַ קוויטשע געטאָן:

— גיי אַוועק, פּעטער, גיכער גיי אַוועק, אַניט וועלן דיך די הינט צערײַסן.

נאָר אַליין האָט ער זיך אײַנגעקלאַמערט מיט די הענט אינעם פּעטער, ניט געבנדיק אים קיין מעגלעכקײַט אַוועקצוגיין. איינער פון דעם בײַס טעלערלעקער האָט אַ שלעפּ געטאָן בײַטורן פּאַרן קאָלנער, נאָר דאָס ייִנגל האָט זיך געהאַלטן מיט אַלע קויכעס פּאַרן פּעטער.

— ניין, כ'וועל ניט בלײַבן דאָ. איך בעט דיך, טײַערער פּעטער, נעם מיך מיט...

ענדלעך האָט מען דאָס ייִנגל אַוועקגעשלעפּט, נאָר בײַטור האָט זיך אַרויסגעריסן און איז נאָכגעלאָפן דעם פּעטער מיט אַ פּאַרצווייפלטן געשריי:

— פּע-טער! נעם מיך מיט!

ער האָט זיך אָנגעכאַפּט פּאַרן סטרעמען פונעם פּעטערס פּערד, ניט אופהערנדיק צו שרײַען:

— פּע-טער! פיר מיך אַוועק פונ-דאַ-נען!

דעמלט האָט דער בײַ אַ רוף געטאָן זײַן זון:

— היי, דזשאַמגירטשי! קום אַהער!

דזשאַמגירטשי, אַ גראָבער און אַ קײַלעכדיקער, ווי זײַן פּאָטער, האָט מיט פּרייד אַ כאַפּ געטאָן אַ גראָבן שטעקן און צוזאַמען מיט זײַנע צוויי פרײַנטלעך צוגעלאָפן צו בײַטורן. דאָס ייִנגל האָט זיך שטאַרק איבערגעשראָקן, ניט אַזוי פּאַר זיך, ווי פּאַר זײַן פּעטער.

— אַנטלויף, פּעטער! גיכער אַנטלויף!

ער האָט אַ פּאַטש געטאָן מיט זײַן הענטל איבער דעם טילעק פונעם פּערד, עס זאָל זיך וואָס גיכער אַ ריר טאָן פונעם אָרט.

— פּאַרשאָלטן זאָלט איר ווערן, אויסוואָרפן! — האָט זיך דערהערט פונדערווײַטנס דעם פּעטערס שטים. — מע זאָגט... ס'וועט שוין גיך... זײַן אַ מאַפּאָלע אויף אײַך...

— דעריאָגט אים און פּיצקעט אים אַרײַן אַ פּאָר צענדליק שמיץ! — האָט מיט רעציכע אַ געשריי געטאָן דער בײַ. — ווי'אַזוי וואָגט ער, דער קנעכט צו רעדן מיט אונדז אַזוי!

נאָר דער רײַטער איז שוין געווען העט ווײַט.

בײַטור איז אַנידערגעפֿאַלן לעם דער יורטע מיטן פּאָנעם צו דער ערד און זיך ביטער צעוויינט. אַ געלער הונט, בײַטורס פֿרײַנט, האָט אים אַ לעק געטאָן דים אויער, דאָס פּאָנעם, און סקאַוווטשענדיק, ווי אַ מענטש וואָלט אָפּגעזיפֿצט, האָט ער זיך אַוועקגעלייגט לעם בײַטורן. עס האָט אויסגעזען, ווי דער הונט וואָלט געהאַט ראַכמאָנעס אויף מענטשן.

...אַ געבוירענער אין קנעכטשאַפֿט מוז ביזן טויט פֿאַרבלײַבן אַ קנעכט. די ליבע פֿון זײַן מוטער האָט בײַטורן געשענקט אַ קורצדויערנדיקע קינדהײַט, און דאָס גאַנצע לעבן זײַנס וועט ער זיך מוזן טרייסטן מיט איר בלייכן אָפּשײַן. ער וועט פּאַשען שאָף, און הונגערן און פֿרירן אײַנייִנעם מיט זיי. דאָס גאַנצע לעבן וועט ער אַרבעטן אויף באַלעבאָס. אויב ער וועט אַמאָל האָבן קינדער, וועט אויך זײַן ליבע זיי געבן אַ קורצדויערנדיקע קינדהײַט. און דערנאָך וועט זיך אויך בײַ זיי אָנהייבן די קנעכטשאַפֿט...

אַלע ווייסן דאָס: די יונגע פֿרוי אין דעם ווײַסן קלייד, וועלכע האָט זיך פֿאַרזיכטיק אַראָפּגעלאָזט אויף געבויגענע פֿיס לעבן דעם וויינענדיקן ייִנגל. און איר מאַן. און דער בײַ, וועלכער האָט זיך ווידער געגומען טרינקען קומיס, קעדיי צו באַרויִקן זיך. און אַפֿילע בײַטור אַליין האָט מיט ייִדער אָנגעהויבן דאָס צו פֿאַרשטיין...

דער וואָלף

אײַנדערפֿרי האָט בײַטור זיך אויפֿגעכאַפּט צוזאַמען מיט די טשאַבאַנען. די בערג, וועלכע זײַנען ווי אָנגעשוואָלן געוואָרן פֿאַר דער נאַכט, האָבן זיך פֿאַמעלעך אויסגעלײַטערט, באַפֿרײַענדיק זיך פֿון דער טונקלקײַט. די שאָף האָבן נאָך געדרעמלט אין די אַרומצוימונגען, איבער די יורטעס האָט זיך פֿויל געשלענגלט אַ רויך. אײַנגעשרומפּן פֿון קעלט, איז בײַטור געשטאַנען לעם דער יורטע און ניט געוווּסט וואָס ער זאָל טאָן.

— היי, שטייט אויף! — האָט זיך דערהערט די מונטערע שטים פֿונעם באַלעבאָס, דעם בײַ קאַרינבײַ.

ער פֿלעגט געווייִנלעך אויפֿשטיין פֿריִער פֿון די פּאַסטעכער. און כאָטש ער האָט געזען, אַז אַלע גרייטן זיך אַרויסטרײַבן די שאָף־טשערעדעס, האָט ער פֿונדעסטוועגן ניט אויפֿגעהערט צו שרײַען. אים איז געווען געפֿעלן צו קאָמאַנדעווען.

— שטייט אויף! אַניט וועט איר שלאָפֿן ביז מיטיק, מע דאַרף אַרויסטרײַבן די שאָף, ביז וואַנען ס׳איז נאָך קילבלעך. ווען עס ווערט הייס, הערן זיי אויף צו פּיטערן זיך. אַנו, גיכער נעמט זיך פֿאַר דער אַרבעט!

זײַן קײַלעכדיקער קערפּער האָט זיך דערקײַקלט ביז דער אַרומצוימונג, וווּ בײַטור איז געשטאַנען. דער באַלעבאָס האָט אַ געשמאַקן גענעץ געטאָן און אים קימאַט פֿרײַנטלעך געזאָגט:

— זאָלן דײַנע אויגן טרוקן ווערן. וואָס האָסטו צו וויינען? דו לערן זיך. אָט די אַלטע טשאַבאַנען זײַנען געקומען צו מיר קלייניטשקע, אַזוי ווי דו. זעסטו כאָטש, ווי זיי האָבן זיך אויסגעלערנט פּאַשען די שאָף? איך האָב זיי אַלעמען געגעבן גליק, עסן געגעבן, כאַסענע געמאַכט. טו אַ קוק אויף עגינבײַען, באַ וועמען דו בעכטיקסט. ער איז זאַט און גלאַט, ניט אַזוי? דו וועסט אויך זײַן אַזאַ, אויב דו וועסט געטרײַ אַרבעטן. פֿון הײַנט אָן וועל איך דיר געבן אַ טשערעדע. עגינבײַ דאַרף אַוועקפֿאָרן אויף עטלעכע טעג אין טאָל קאָסען היי, וועסטו אים פֿאַרבײַטן. געדענק אָבער... — ער האָט זיך אָנגעבויגן צו בײַטורן און אים אַ דראָע געטאָן מיטן ווײַזפֿינגער, — אויב דו וועסט פֿאַרלירן כאָטש איין שעפּעלע, וועל איך דיר די אויגן אויסשטעכן. האָסט פֿאַרשטאַנען? איך האָב ליב פֿלײַסיקע און געטרײַע, און האָב פֿײַנט פֿויליאַקעס און ליידיקגייערס...

און אָט באַווײַזט זיך שוין די זון פֿון הינטער די בערג — אַ הייסע, צעגליטע, שײַנענדיקע זון. די ווײַסע פֿעלדזן האָבן אויפֿגעליכטן, די לאַשעקלעך זײַנען געוואָרן זשוואַווער. בײַטור טרײַבט אַרויס די טשערעדע. עס יאָגט זי אָן אַ ביטערלעך מעקעניש פֿון די לעמעלעך און ציגעלעך — אַזוי וויינען קינדער, ווען זייערע מוטערס פֿאַרלאָזן זיי. בײַטור פֿאַרט נאָך דער טשערעדע אויף אַ רויטהאָריקן אָקס. ער איז אײַנגאַנצן פֿאַרטאָן אין זײַן אַרבעט, האָט ער ניט קיין צײַט אַ קוק צו טאָן אויף דער זון און צוהערן זיך צו דעם מעקעניש פֿון די לעמעלעך. ער האָט צוגעבונדן צום זאָטל אַ קליינינקן לאָגל מיט אײַראַן[1] און שטײַפֿער זיך אײַנגעהילט אין אַן אַלטן פֿאַרשמאָלצענעם פֿעלץ, קעדיי צו דערוואַרעמען זיך.

---

[1] אײַראַן — אַ מין זויערמילך.

— היי, בײַטור, זאָלסט ווײַט ניט גיין, — האָט אים נאָכגעשריגן דער באַלעבאָס. — ביז קאַשקאַ-סו, ניט ווײַטער, דו הערסט?

א האַלבער טאָג איז דורכגעגאַנגען בעשאָלעם. די שאָף האָבן געבלאָנקעט איבער דעם פּאַשע-פעלד, ניט אויפהייבנדיק די קעפּ, אויסקלײַבנדיק דאָס געשמאַקסטע גראָז. דער רויט-האָריקער אָקס האָט זיך אויך ניט ווײַט געפּאַשעט מיט א זייער ערנסטן פאַרדײַגעטן אויסזען, ניט געהאַט קיין פאַרלאַנג צו אַנטלויפן. בײַטור איז צוערשט אַרומגעלאָפן אַרום דער טשערעדע, נאָכדעם האָט ער זיך באַרויִקט און אפילו געפּרוּווט זיך פאַרווײַלן, אַראָפּקלאַפּנדיק שטענגלעך גראָז. זומערצײַט איז דאָס פּאַשע-פעלד אַזוי שיין, אַז מע קאָן זיך ניט אָנקוקן זאַט אויף דעם גראָז, אויף די גרינע, ווי זאַמשענע זײַטן פון עם באַרגשפּאַלט, אויף דעם טיפן טונקלען הימל אָן קיין שום וואָלקנדל. די לופט איז ריין און לויטער — אַליין ווי עפּעס אָן אייביקע, אומענדלעכע פרייד...

צו מיטיק-צײַט אָבער האָט מיטאַמאָל אויסגעבראָכן א קורצער, נאָר א האַסטיקער שטורעם, ווי פײַנט וואָלטן זיי געטריבן, האָבן זיך צעיאָגט איבערן הימל און פאַרשטעלט די זון. דער ווינט האָט צעשויבערט דאָס גראָז. און באַלד האָט א גאָס געטאָן א שווערער קאַלטער רעגן. די דערשראָקענע שאָף האָבן זיך צונויפגענומען אין איין קופּע. בלויז דער אָקס האָט רויִק פאַרגעזעצט צו פּיטערן זיך.

דאָס ייִנגל האָט זיך פאַרבאַהאַלטן אונטער א פעלדז. דער שוואַרצער הונט קאַבילאַן האָט זיך צוגעדריקט צו אים.

בײַטורן איז געוואָרן קאַלט. צוזאַמען מיט דער קעלט האָט ער דערפילט זײַן איינזאַמקײַט. ער האָט ווידער גענומען טראַכטן וועגן דער מוטער...

ער האָט ניט געזען, וויִאַזוי די מוטער איז געשטאָרבן. ווען ער איז געקומען צו לויפן אַהיים א קוק טאָן אויף דער מוטער, האָט דעם בײַס ווײַב א מאַך געטאָן אויף אים מיט די הענט, ווי בינען וואָלטן זי געביסן:

— שרײַ ניט! זאָלן דיר די אויגן אויסטריקענען! לויף צוריק, אַניט וועלן די לעמעלעך זיך צעלויפן.

די זון האָט שוין געזאָלט פאַרגיין הינטער די בערג, ווען לעבן די יורטעס האָט זיך דערהערט א ווײַבערש געיאָמער. די מוטער האָט שוין ניט געקאָנט זען איר קינד...

מיטאַמאָל האָט קאַבילאַן א שפּרונג געטאָן און אַוועק צו די שאָף. עס האָט זיך דערהערט זײַן בייזע, זיך פאַרכלינענדיקע האַווקערײַ. בײַטור איז האַסטיק צוגעלאָפן.

די איבערגעשראָקענע שאָף האָבן זיך צעפּלאָכטע געדרייט צונויפפּרעסנדיק זיך אין איין קנויל. פונוואַנען האָט זיך גענומען אָט דער דאַרער גרויער הונט? דאָס פאַסטעכל האָט קיינמאָל אַזעלכן ניט געזען. עפּעס מעשונעדיקע אויערן, קורצע, שטאַרצנדיקע... א וואָלף! בײַטור איז דערציטערט געוואָרן פאַר שרעק. ער אַליין האָט קיינמאָל ניט געזען קיין וואָלף, ער האָט נאָר געהערט, וואָס די טשאַבאַנען און די מוטער פלעגן מיט גרויל דערציילן. א פאַרגליווערטער, איז בײַטור געשטאַנען און געקוקט, וויִאַזוי דער וואָלף האָט זיך א וואָרף געטאָן אויף די שאָף און געכאַפּט איינע פון זיי פאַר דער קאָדע. זי האָט זיך א קײַקל געטאָן אין א זײַט מיטן קאָפּ אַראָפּ און די פיס אַרויף. די רויב-חיה האָט זיך אָנגעוואָלגערט אויף איר און אײַנגעהריזעט זיך אין איר האַלדז. פאַרלאָזט די פאַרצוקטע שאָף, איז דער וואָלף גלײַך אָנגעפאַלן אויף א צווייטער.

ערשט איצט איז בײַטור געקומען צו-זיך. ער האָט א געשריי געטאָן מיט אַלע קויכעס, רופנדיק צו הילף מענטשן און הינט. נאָר דער געשריי האָט זיך באַקומען טויב און שוואַך. ער איז ווי פײַכט געוואָרן פון דעם גוסרעגן און אָנמעכטיק זיך געשפּרייט איבער דער ערד.

פונדעסטוועגן איז דער וואָלף מיטאַמאָל געבליבן שטיין און דערנאָך שטיל אַוועק מיט אַן אונטערגעבויגענעם עק. ער איז ניט אַנטלאָפן, ניין, ער איז פּאַשעט אַוועקגעגאַנגען, נישט אַרויסווײַזנדיק ניט קיין פּאַכעד, ניט קיין בייזקײַט. בײַטור האָט געשריגן. און וואָס שטאַרקער און פאַרצווייפלטער דאָס פאַסטעכל האָט געשריגן, אַלץ דרייסטער זײַנען געוואָרן די הינט. אָט זײַנען זיי אָנגעפאַלן אויפן וואָלף. דער וואָלף האָט אויף א ווײַלע זיך פאַרהאַלטן, נאָכדעם מיט א העפטיקן שפּרונג אומגעוואָלגערט א הונט, א ריס געטאָן אים מיט די ציין, אַוועקגעשלײַדערט אין א זײַט און זיך געלאָזט לויפן. קאַבילאַן האָט עטלעכע מאָל פאַרשולדיקט א האַווקע געטאָן און געבליבן שטיין, ניט אַנטשליסנדיק זיך, ניט צו פאַרפאָלגן דעם וואָלף, ניט אומצוקערן זיך צום באַלעבאָס.

אונטערכליפּענדיק האָט בײַטור גענומען צונויפטרײַבן די שאָף. ווען ער האָט זיי צונויפגעזאַמלט אויפן זעלבן אָרט, ווו עס איז פאָרגעקומען דער אָנפאַל פונעם וואָלף, איז ער דערשיטערט געוואָרן: א צענדליק פאַרצוקטע שאָף האָבן זיך געוואָלגערט אויף דער ערד.

— וואָס זשע טוט מען? וואָס זשע זאָל איך טאָן? — האָט בײַטור געשטאמלט, אײַנגאנצן אן אויסגעשעפּטער פון פּאכעד און אופרעגונג. ער האָט זיך אָנמעכטיק אראָפּגעלאָזט אף א שטיין. קאבילאן איז צוגעלאָפן און געבליבן שטיין לעבן אים.

— וואָס זשע וועט מיט מיר זײַן, א, קאבילאן? דער באַלעבאָס וועט מיך דאָך מייִמעסן, איאָ? וואָס זשע טוט מען?

דער רעגן האָט אופגעהערט, דער הימל איז גיך ריין געוואָרן פון כמארעס און עס האָט זיך באוויזן די זון. די בערג, אָפּגעוואשענע פונעם רעגן, פריש געוואָרענע, האָבן איצטער אויסגעזען אזוי פּרעכטיק שיין, אז כאָטש נעם און פארפאס א ליד לעקאָוועד זיי, ווי די טשאבאנען טוען טאקע. אָבער וואָס גייען איצטער בײַטורן אָן לידער? א פארצווייפלטער, האָט ער געקוקט, ווי די שאָף בלאָנקען אום גרופּקעלעכווײַז און צופּן דאָס קאלטע גראָז, שוין אינגאנצן פארגעסן אָן דעם איבערגעלעבטן שוידער. מע האָט זיי באדארפט ווידער צונויפטרײַבן, נאָר בײַטור האָט זיך ניט געקאָנט רירן פונעם אָרט.

— דער באַלעבאָס וועט מיך פארצוקן, ווי דער וואָלף די שאָף, א, קאבילאן? — האָט זיך ווידער צעכליפּעט דאָס פּאסטעכל.

דער הונט האָט אָבער בלויז א צוק געטאָן מיטן אויער. א פארשטארטער, האָט ער געהאלטן אין איין קוקן אין דער זײַט, וווּהין דער וואָלף איז אוועק.

— וואָס זיצסטו? אנטלויף גיכער צום פעטער, — האָט עמעצער ווי א שעפּטשע געטאָן בײַטורן.

א צעמישטער, א דערשראָקענער, האָט ער זיך אומגעקוקט.

„אנטלויף גיכער, גי-כע-ע-ר...” האָט זיך אָפּגערופן א ווידערקאָל אין די בערג.

— יאָ, יאָ, גיכער, גיכער, — האָט בײַטור געמורמלט צו זיך אליין. — גיכער! וואָס טוט מען אָבער מיט די שאָף? אויב איבערלאָזן זיי דאָ, וועט דער וואָלף זיך אומקערן און זיי אלעמען פארצוקן.

— גיכער, גיכער! — כאזוערט אלץ איבער בײַטור, צונויפזאמלענדיק די טשערדע. ער האָט ארויסגעטריבן די שאָף פונעם בארגשפּאלט, צוגעטריבן זיי נעענטער צו די יורטעס. און אליין, אײַנבייגנדיק זיך, אז קיינער זאָל אים ניט דערזען, איז ער ארײַן אין הויכן גראָז און פארשוווּנדן געוואָרן אין דעם.

אנטלאָפן

אין די בערג פאלט צו דער קאלטער אָוונט גיך.

דער קליינער בײַטור איז אײַליק געגאנגען איבער דער קוים מערקבארער סטעזשקע אפן דנאָ פונעם בארגשפּאלט. ער האָט זיך שוין א קאפּעלע בארויִקט, און איצטער בייז געשפּאנט, פּאָכענדיק מיטן פּאסטעך-שטעקן.

— אזוי קומט אים, דעם בײַ קארינבײַ, — האָט בײַטור געבורטשעט. — אלע, אלע ארבעטן אף אים. און איך? פארוואָס דארף איך ארבעטן? די מאמע האָט בא אים גאָרנישט ניט גענומען. בא אונדז איז קיינמאָל ניט געווען אין שטוב קיין מילך...

די סטעזשקע האָט שארף א קער געטאָן. די הויכע מעשופּעדיקע פעלדזן האָבן ווי געוואָלט אראָפּשטופּן זי פון דעם שטײַלן ברעג. די פינצטערניש איז געוואָרן געדיכטער, און די קאָנטורן פון דער סטעזשקע אלץ מעטושטעשדיקער. גיין ווײַטער איז געווען געפערלעך. מע קאָן נאָך אראָפּפליִען פונעם שטעגל און ברעכן דעם קאָפּ. מע האָט געמוזט זיך אָפּשטעלן און צוווארטן ביז די לעוואָנע וועט אופגיין.

דעם וועג האָט פארצאמט א ריזיקער שטיין. בײַטור האָט זיך אנידערגעזעצט, צוגעשפּארט זיך מיטן רוקן צום שטיין. די הענט און פיס טוען וויי, וועט ער זיך א ביסל אָפּרוען. צי אין כאָלעם, צי אף דער וואָר האָט ער פלוצעם דערהערט מעשונעדיקע שטימען, וואָס האָבן עפּעס געמורמלט. אָבער ווו? פון אונטן, צופוסנס פונעם בארג, צי פון אויבן, אפן שפּיץ — דאָס קאָן מען ניט פארשטיין. ער הערט זיך צו מיט שרעק, נאָר ס'איז שוין ווידער שטיל. אָבער סײַוווי טאָר ער ניט פארבלײַבן דאָ. עפּשער ווידער א וואָלף?

מיט גרויס מי, ארומכאַפּנדיק מיט די הענט די ארויסשטארצן פונעם שטיין, וואָס איז געווען גרויס ווי א יורטע, האָט דאָס ייִנגל געכומען קריכן ארוף-צו. ארופגעקלעטערט, האָט ער זיך אנידערגעזעצט אפן סאמע שפּיץ און פעסט באשלאָסן, אז ער וועט בעשום-אויפן ניט

אנדרעמלט ווערן. די מידקײַט האָט אים אָבער גרויוער געווען. און ווידער האָבן זיך דערהערט מעשונעדיקע און שרעקלעכע קוילעס. דאָס ייִנגל האָט זיך צונויפגקנוילט, און אָנגעשטרענגט צוגעהערט זיך. א שרעקלעכער בייזער וואָלף האָט זיך שטיל דערנעענטערט צו אים, געגרייט זיך א שפּרונג טאָן אויף זײַנע פּלייצעס. אָט-אָט וועט ער זיך א וואָרף טאָן... נאָר אָט האָט בײַטור דערהערט באַקאַנטע קלאַנגען. ערגעץ ווײַטלעך האָט געבילט צי געוואָיעט א הונט.

דורכרײַסנדיק זיך דורך די כמאַרעס, האָט זיך באַוויזן די לעוואָנע, און באַלד ווידער זיך באַהאַלטן, ווי עפּעס א ייִנגל, וואָס שפּילט זיך אין באַהעלטערלעך. נאָר בײַטורן איז איצט די דאָזיקע שפּיל געווען ניט צום האַרצן.

דאָס געביל הערט זיך אַלץ נעענטער און נעענטער. אָט קאָן מען שוין דערקענען דעם שוואַרצן טומלדיקן קאַבילאַן! האַווקענדיק און סקאַווטשענדיק, לויפט ער אַרום און אַרום דעם גרויסן שטיין, א צופרידענער, וואָס ער האָט דעריאָגט זײַן כאַווער.

— קאַבילאַן!

בײַטור האָט זיך דערפרייט, פּונקט ווי ער וואָלט באַגעגנט דעם טײַערסטן מענטשן, און דער פּאַכעד איז פאַרשוווּנדן, גלײַך ווי די נאַכט וואָלט אַנטרונען געוואָרן צווישן די בערג, און ס׳איז געקומען אויף דער וועלט א ליכטיקער טאָג. דאָס ייִנגל האָט אַרומגענומען דעם הונט און געקושט זײַנע הייסע האָריקע אויערן.

— דאָס ביסטו געקומען, פרײַנט מײַנער? באַליידיק זיך ניט, וואָס איך בין אַוועק פון דיר. איך האָב דאָך ניט געוווּסט, אַז דו ווילסט גיין מיט מיר. נו, בייזער זיך ניט. גוט?

די לעוואָנע האָט זיך ענדלעך אָפּגעריסן פון די כמאַרעס און אַרופגעשווּמען אויפן הימל א לויטערע און ריינע. און באַלד האָט זיך פון אונטן באַוויזן דאָס ווײַסע געשלענגלטע שטעגל. אינעם טײַך האָבן א פינקל געטאָן שײַן-פלעקן, גלײַך ווי די לעוואָנע וואָלט אַרײַנגעוואָרפן אַהין גאַנצע הויפנס איידלשטיינער.

— און איצינד, קאַבילאַן, לאָמיר מאַכן די פּלייטע, אַניט וועט קאַרינבײַ אונדז כאַפּן.

קאַבילאַן האָט א פינטל געטאָן מיט זײַנע טרײַע קײַלעכדיקע אויגן און אַוועקגעלאָפן פאָרויס. בײַטור האָט שוין מער ניט מוירע געהאַט פאַר די שרעקלעכע קוילעס, און אַפילע פאַרן וואָלף. ער האָט נאָר מוירע געהאַט, מע זאָל אים ניט נאָכיאָגן און זיך אַלעמאָל אומגעקוקט אויף צוריק.

מיט יעדן טראָט אָבער איז געוואָרן אַלץ שווערער צו שפּאַנען. די פיס זײַנען פאַרשטאַרט געוואָרן פון מידקײַט און ווייטעק. די שאַרפע שטיינדלעך אויפן שטעג האָבן געריסן בײַטורס אַלטע שקראַבעס, אַרײַנגעקראָכן אין די לעכער, און די פּיסזוילן האָבן ווי געטאָן, ווי מע וואָלט זיי אָן אויפהער מיט א שטומפּיק מעסער געזעגט.

דערווײַל איז די לעוואָנע פאַרגאַנגען, די קאַלטע פאַרטאָגיקע דעמערונג איז שיטערער געוואָרן, און דער שטעג, אַריבערקריכנדיק מיט צאָרעס איבער דעם באַרג-דורכגאַנג, האָט ענדלעך אַרויסגעפירט בײַטורן און קאַבילאַנען אין א קליין טאָלכל. בײַטורס שאַרפע אויגן האָבן באַמערקט פון פאָרנט עטלעכע יורטעס. די שאָף האָבן נאָך געדרעמלט אין די פאַרצוימונגען. און דאָס אַלץ איז געווען אַזוי ענלעך אויף דעם, פון וואָס ער איז אַנטלאָפן, אַז בײַטור האָט זיך אָנמעכטיק אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער האָט זיך אומגעקערט צום בײַ קאַרינבײַ...

ער האָט אָבער ניט געהאַט קיין צײַט א סאַך צו קלערן. דרײַ הינט זײַנען מיט א בייזן געביל אָנגעפאַלן אויף זיי. די האָר אויף די הינט פון די העלדזער זײַנען געשטאַנען קאַפּויר, די ריַיס-ציין — אַנטבלויזט. בײַטור האָט פאַרגעסן אָן זײַן מידקײַט און זיך גענומען באַשיצן. ער האָט געטריבן די הינט מיטן שטעקן און מיט דער אַנדערער האַנט אָנגעטאַפּט אויף דער ערד שטיינער און געשלײַדערט אויף זיי. די הינט האָבן אַזש געבילט פון רעציכע. אָט זײַנען זיי אָפּגעטראָטן אויף א ווײַלע, און אָט ווידער זיך געוואָרפן מיט נאָך מער בייזקײַט אויף אים און אויף קאַבילאַנען. דער אָרעמער קאַבילאַן האָט ניט געוווּסט דעם הינטישן געזעץ: דו ביסט א באַלעבאָס נאָר בא זיך אין הויף. לעם זײַנע יורטעס איז ער געווען דרייסט און בייז. דאָ אָבער, אין א פרעמד אָרט, האָט ער נאָר שטיל געברומט, געשטשירעט די ציין און זיך געוואָרפן צום ייִנגלס פיס.

בײַטור האָט ניט באַמערקט, ווי ס׳איז אונטערגעקומען הילף.

— אַנו אַוועק! אַוועק, זאָג איך! — האָט ער דערהערט, ווי עמעצער שרײַט.

א פעסטגעבויטער ניט הויכער מענטש האָט אָפּגעטריבן די הינט, אַרײַנגעפירט דאָס ייִנגל צו זיך אין יורטע און אים דערלאַנגט א געפאַרבט הילצערן טעפּעלע מיט זויערמילך.

קאַבילאַן האָט זיך אַנידערגעלייגט באַ דער שוועל, ער האָט נאָך אַלץ געציטערט. די הינט זײַנען אַרומגעלאָפן אַרום דער יורטע און געבילט.

— וועמענס ביסטו? ווהין גייסטו אַזוי פרי, ברודערל? — האָט געפרעגט דער טשאַבאַן.

ער איז געווען נאָך יונג, די וואָנצעס האָבן קוים אַרויסגעשפּראָצט. זײַנע שוואַרצע קײַלעכיקע אויגן האָבן געקוקט נײַגעריק און מיטפילנדיק.

— איך אַנטלויף פון קאַרײַנבײַען, — האָט זיך מודה געווען בײַטור. — איך האָב פאַר אים מוירע, בײַקע[1].

— דו האָסט זיך מיסטאָמע פאַרשולדיקט?

בײַטור האָט אײַליק געשלונגען די זויערמילך און דערציילט בעשאַסמײַסע, וואָס מיט אים האָט געטראָפן.

— אַ פאַרשאָלטן לעבן! — האָט מיטפילנדיק אויסגערופן דער טשאַבאַן, ווען בײַטור האָט פאַרענדיקט זײַן טרויעריקע געשיכטע. — אויב אַזוי, איז פאַרהאַלט זיך ניט, אַנטלויף ווײַטער. ווײַל אויב מע יאָגט זיך נאָך דיר, וועט מען שוין אײַנגיכן זײַן דאָ.

זיי זײַנען אַרויס אויף דער גאַס. דער טשאַבאַן האָט אַ ביסל באַגלייט בײַטורן. ער האָט אים געראַטן:

— בעסער גיי אָט אין יענער זײַט. דאָרטן וועסטו גיך צוקומען צו אַ טאָל, וווּ ס'געפינט זיך אַ גרויסער אַאול. אין אים וווינען אַ סאַך רוסן. מע זאָגט, אַז זיי האָבן געשטעלט עפּעס אַ נײַע מאַכט. איך ווייס דאָס ניט גענוי, איך בין דאָרטן ניט געווען, נאָר מע זאָגט, אַז קיין אָרעמע באַליידיקט מען ניט באַ זיי. איך מיין, אַז זיי וועלן זיך אָננעמען פאַר דיר. איך אַליין קלײַב זיך שוין אויך אַוועקגיין אַהין. אָט דאָרטן, פון יענער זײַט באַרג, וועסטו געפינען דעם וועג אַהין.

כאַטש בײַטור האָט זיך זייער געאײַלט, נאָר אויפן באַרג־שפּיץ האָט ער זיך אויפגעהויבן פאַמעלעך. פאַר דער נאַכט האָבן זיך באַ אים אָפּגעטאָן די קניכעס, אָבער ווען ער האָט, ענדלעך, אַרויפגעקלעטערט אויפן שפּיץ באַרג און זיך אַרומגעקוקט, איז ער פאַרציטערט געוואָרן. פונעם באַרגשפּאַלט, דורך וועלכן ער איז געגאַנגען באַנאַכט, האָבן זיך באַוויזן דרײַ רײַטער מיט אַ הונט...

די פאַרפאָלגונג

— היי דו, קום אַהער! — האָט הילכיק אַ געשריי געטאָן דזשאַמגירטשי און אַ מאַך געטאָן מיטן בײַטשל.

דער טשאַבאַן אַמאַט, וועלכער האָט נאָרוואָס באַגלייט דאָס ייִנגל, איז צוגעגאַנגען צום רײַטער, געבליבן שטיין אַ ביסל פונדערווײַטנס און טיף פאַרוקט די הענט אין די אַרבל. די פערד אונטער די רײַטער זײַנען געווען פאַרפינעט, זייערע נאָזלעכער האָבן געציטערט, די זײַטן, ווי בלאָז־זעק, האָבן זיך אָט אויפגעהויבן, אָט אָפּגעפאַלן.

— סאַלאַם אַלייקום! אײַערע פערד וועען אויס מיד. ניט אַנדערש — איר פאָרט פון ערגעץ ווײַט. קומט אַרײַן אין יורטע.

— האָסט ניט געזען קיין אַנטלאָפענעם? — האָט בייז איבערגעשלאָגן דזשאַמגירטשי, ניט ענטפערנדיק אויף אַמאַטס באַגריסונג.

— וואָס פאַר אַן אַנטלאָפענער? — האָט פאַרכידעשט געפרעגט דער טשאַבאַן. — וויאַזוי הייסט ער? וואָס פאַר אַ סימאָנים האָט ער?

— ס'איז מײַן פאַסטעך בײַטור. דו פלאַפּל ניט קיין סאַך און ענטפער — האָסט אים געזען?

— נאָך גאָר אַ יונגיטשקער, אַ ייִנגל, — האָט אונטערגעזאָגט אַ צווייטער רײַטער.

— וואָס הייסט נאָך גאָר אַ יונגיטשקער, — האָט אומגעריכט זיך צעבייזערט דזשאַמגירטשי אויף זײַן כאַווער. — וואָסי, האָסט באַקומען ראַכמאָנעס אויף אים?.. ער האָט דאָך געלאָזט, אַ וואָלף זאָל פאַרצוקן אַלע מײַנע שאָף... נו, אויב איך וועל אים נאָר כאַפּן, וועל איך פון אים אַרויסלאָזן דאָס גאַנצע פאַסקודנע בלוט זײַנס!

אַמאַט האָט זיך דערשראָקן. ער האָט געכאַפּט אַ פאַרבאָרגענעם קוק אויף דער ערד: אין די שטראַלן פון דער אויפגייענדיקער זון האָט אַלץ אַרום אויסגעזען מעכײַעדיק גרין.

---

[1] בײַקע — אַ דערעכערעצדיקע ווענדונג צו עלטערע (קירג.)

— בארויִקט זיך, באיאקע, בארויִקט זיך, — האָט ער געשווינד אויסגערעדט. — איך האָב ניט געזען אײַער קנעכט, נאָר וואָס פאר א ווערט האָט פאר אזא גוויר, ווי איר, עפּעס א צענדליק שאָף? שוין זשע דאַרף מען שטראָפן דאָס ייִנגל אזוי גרויזאם, ווי איר האָט פארטראכט?

— א-הא! פונוואנען ווייסטו אז א צענדליק? הייסט עס, אז דו האָסט אים טאקע געזען? און עפּשער אפילע אים פארבאהאלטן? — האָט זיך צעשריגן דעם בײַס זון.

ער האָט א שמיץ געטאָן דאָס פערד, און דערנענטערנדיק זיך צום טשאבאן, א פּאַכע געטאָן מיטן בײַטשל. אַמאַט איז געשטאנען ווי א פארגליווערטער אפן אָרט, און נאָר די אויגן האָבן בא אים דערשראָקן געפינטלט.

דזשאמגירטשי האָט אים א שמיץ געטאָן איבערן פּאָנעם מיטן בײַטשל.

— מע דאַרף ניט באלײדיקן קײן מענטשן, באיאקע...

דער שפּור פון דער בײַטש, וועלכער האָט זיך געוויַסט אף אַמאַטס באק, איז אין א רעגע ארום געוואָרן בלוט-רויט.

— זײַט מוחל, באיאקע. אײַער קנעכט, א קלײניטשקער, ווי א לאָשעקל, איז דאָ דורכגעגאנגען אינדערפרי. נאָר איך האָב ניט געזען, וווּהין ער איז אוועק.

— ער איז געווען אלײן?

— נײן. מיט א הונט.

— צופוס?

— יאָ.

— פארוואָס זשע האָסטו אים ניט פארהאלטן?

— וואָס עפּעס האָב איך אים געדארפט פארהאלטן? ער האָט דאָך מיר ניט געזאָגט, ווער ער איז און וואָס ער איז.

— מיר פאָרן ווײַטער! — האָט דזשאמגירטשי באפוילן, און האָט א שטויס געטאָן דאָס פערד מיט די פּיס.

נאָר אין דעם מאָמענט האָבן די הינט פארקאָכט א נײַעם געשלעג. זיי זײַנען אָנגעפאלן אף דעם פרעמדן גרויען הונט, וואָס איז געקומען צוזאמען מיט די רײַטער. א ברילנדיקער, סקאווטשענדיקער קנויל האָט זיך א קײַקל געטאָן איבער דעם גראָז. אַמאַט און אײנער פון די רײַטער האָבן מיט דער הילף פון א שטעקן און א בײַטש צענומען די שלעגער. דאָס האָט נאָך אף עטלעכע מינוט פארהאלטן די נאָכיאָגער.

— אָ, אלאַ! קומט אויס, אז ס'איז טאקע עמעס, אז דעם גוויר איז דאָס פּי טײַערער, אײדער דאָס לעבן פון א מענטשן — א קנעכט, — האָט געשטאמלט אַמאַט, קוקנדיק אף די זיך דערווײַטערנדיקע רײַטער. — מיסטאמע דעריבער, ווען די בײַען גריסן זיך, פרעגן זיי צוערשט ניט וועגן דעם ווילשטאנד פונעם געזינד, נאָר וועגן דעם צושטאנד פונעם פּי...

צוויי אנדערע טשאבאנען האָבן ארויסגעטריבן די טשערעדעס. אַמאַט איז זיך דורכגעגאנגען א ביסל. נאָכדעם האָט ער זיך אופגעהויבן אפן בערגל. ער האָט א גלעט געטאָן דעם הייסן שפּור, וואָס ס'האָט געלאָזט אף זײַן פּאָנעם דזשאמגירטשיס בײַטשל, א ווײַלע א קלער געטאָן, און אײַליק אוועק אין דער זעלבער ריכטונג וואָס די רײַטער.

און בײַטור איז דערווײַל אין אָט דער צײַט געלאָפן צו די שיטערע קוסטעס, וואָס האָבן באדעקט דעם בארג-אָפּהאנג. ציטערנדיק מיטן גאנצן גוף, האָט ער זיך באהאלטן הינטער א צעצווײַגטן בלײַענדיקן קוסט און צוגעדריקט צו זיך דעם הונט, פארקוועטשנדיק אים מיט דער האנט דעם פּיסק.

— זאָלסט ניט וואגן צו האווקען, קאבילאַן. אניט וועט אונדז בײדן זײַן שלעכט. זיי וועלן אונדז ניט דערזען, זיי זײַנען אוועק אין אן אנדער זײַט.

דער הונט האָט זיך אָבער געדרייט און זיך אָפּגעשטופּט פון דעם ייִנגל מיט זײַנע שטארקע לאַפּעס. מיטאמאָל האָט בײַטור דערזען: דער גרויסער גרויער הונט, וואָס איז געווען מיט די רײַטער, האָט זיך אָפּגעטײלט פון זיי און איצטער שטײט ער, קוקט אין דער ריכטונג צו אים און שמעקט עפּעס אָן. קאבילאַן האָט זיך העפטיק א ריס געטאָן, איבערגעקערט בײַטורן און מיט א פרײדיקער סקאווטשערײַ א יאָג געטאָן צו זײַן כאווער. די הינט האָבן פרײַנטלעך ארומגעשמעקט אײנער דעם אנדערן, אופגעלײגט געפּאַכעט מיט די וויידלען און אף אזא אויפן דערצײלט, ווײַזט אויס, אײנער דעם צווייטן אלץ, וואָס האָט געטראָפן זינט זיי האָבן זיך צעשײדט.

— אוי, קאבילאַן, צי האָב איך דיר שלעכטס געטאָן, וואָס דו האָסט מיך פאראטן און איבערגעגעבן אין די הענט פון מײַנע פײַנט? — האָט בײַטור פארצווייפלט אויסגעשריגן, און זיך געלאָזט לויפן צום שפּיץ בארג.

וואָס העכער, אַלץ געדיכטער זײַנען געװען די קוסטעס. שאַרפֿע דערנער האָבן געדראַפּעט די הענט, דאָס פּנים. גיכער! גיכער!

די פֿערד האָבן ניט געקאָנט דורכגײן דורך דער שטרויך-געדיכטעניש, האָבן די רײַטער געמוזט פֿאַרזעצן דעם גײעג צופֿוס. בײַטור האָט מיט אַלע זײַנע קױכעס זיך געסטאַרעט צו דערװײַטערן זיך פֿון זײ, נאָר די פֿאַרפֿאָלגער זײַנען געװען שטאַרקער פֿון אים און זיך באַװעגט שנעלער... אָט איז שױן גאָר נאָענט דער בײזער און מוירעדיקער דזשאַמגירטשי...

— הײ, בלײַב שטײן! — האָט דער פּאַרסאָפּעטער דזשאַמגירטשי אַ רוף געטאָן. — װוּהין לױפֿסטו? שטײ, איך װעל דיך ניט טשעפּען!

בײַטור לױפֿט און קלערט: „אָ, אַלאַ! װוּהין זשע טוט מען זיך אַהין, װוּהין?"

— שטײ, זאָגט מען דיר! סײַװי װעלן מיר דיך דעריאָגן.

און אָט איז שױן דער באַרגשפּיץ. פֿון יענער זײַט באַרג איז דער אַראָפּגאַנג שטאַרק מעשופּעדיק. װײַט אין דער נידער פֿליסט אַ טײַכל, און אַ ביסל רעכטער פֿון דעם אָרט, צו װעלכן בײַטור האָט קױם זיך דערקליבן, איז קײן אַראָפּגאַנג בכלל ניטאָ. דאָרטן איז אַ פֿעלדז-אָפּריס. קימאַט ניט פֿאַרטראַכטנדיק זיך, האָט בײַטור פֿאַרקערעװעט אַהין. „איך װעל זיך אַראָפּװאַרפֿן — און אַן עק! ניטאָ קײן אַנדער רעטונג פֿון דעם בײזן בײַ..." נאָר קלערנדיק אַזױ, האָט בײַטור פּלוצעם פֿאַרטשעפּעט זיך פֿאַר אַ שאַרפֿן שטײן און איז אומגעפֿאַלן.

און שױן. אים האָט אָנגעיאָגט דער שונדער, פֿון װעלכן ער איז געלאָפֿן קימאַט אַ גאַנצן מעסלעס. דער צװוּילדװעטער בײַ האָט אים רעציכדיק געשלאָגן מיט דער בײַטש, מיט די פֿױסטן, מיט די פֿיס, געשלאָגן און געשאָלטן מיט טויטע קללות בײַטורן, זײַן טאַטן, זײַן זײדן און עלטערזײדן.

— מאַ-מע! מאַ-מע-ניו... — האָט דאָס ייִנגל געװײנט און געקלאָגט. מיט די לעצטע קױכעס האָט ער זיך אַרױסגעריסן פֿון דזשאַמגירטשיס הענט.

זיך אַרױסגעריסן!.. אָבער װוּהין אַנטלױפֿן? װוּהין זיך באַהאַלטן פֿון דער דאָזיקער װילדער כײַע? אַרום און אַרום איז בלױז גרױל און רעציכע... דזשאַמגירטשי האָט אים װידער אומגעװאָלגערט, גענומען טאָפּטשען מיט די פֿיס.

— איך האָב דאָך דיר צוגעזאָגט, אַז איך װעל זיך צערעכענען מיט דיר פֿאַר די שאָף! אױפֿן באַרג האָט זיך באַװיזן אַ אָמאַט. אַ פֿאַרשװיצטער, אַ פֿאַרסאָפּעטער, האָט ער אױסגעשריגן:

— הײ, דו, צעיושעטער קעמל! אָט װעל איך דיך אָפּשיקן צו דײַנע פֿאַרצוקטע שאָף! בײַטור האָט פֿאַרלױרן דאָס באַװוּסטזײַן, נאָר דזשאַמגירטשי, װי אַ װאָלף, װאָס איז פֿאַרשיקערט געװאָרן פֿון בלוט, האָט אַלץ געטאָרעט דאָס ייִנגל, ברומענדיק דערבײַ:

— איך װעל זיך מיט דיר צערעכענען... צערעכענען... אָט װעל איך דיך אַראָפּװאַרפֿן אין טײַך...

— לאָזט אים אָפּ, באַיאַקע! — האָט דערשראָקן אױסגערופֿן אײנער פֿון די פֿאַרפֿאָלגער. — ער װעט שױן אַזױ אױך האָבן װאָס צו פֿאַרגעדענקען אױפֿן גאַנצן לעבן.

— לאָז אים אָפּ, דו פֿאַרשװער קעמל! — האָט, דערנענטערנדיק זיך, װידער אױסגערופֿן אָמאַט.

דזשאַמגירטשי האָט אָבער ניט געהערט צי ניט געװאָלט הערן.

— אָט, אָט... — האָט ער מיט שאָדנפֿרײד געשטאַמלט, שלעפּנדיק בײַטורס אומבאַװעגלעכן קערפּער צום אָפּריס.

דער שאָס צװישן די בערג

ער האָט דורכגעשאַלט אומגעריכט, זיך הילכיק אַ קײַקל געטאָן איבער דעם באַרגשפּאַלט און, װערנדיק אַנשטילט, זיך עטלעכע מאָל אָפּגעשלאָגן פֿון די פֿעלדזן מיט אַ צעצװיגענעם װידערקאָל. דזשאַמגירטשי האָט זיך מיטאַמאָל אױסגעגלײַכט. און װידער האָט דורכגעשאַלט פֿון ערגעץ אַ שאָס. די קױל האָט אַ זשומע געטאָן זײער נאָענט; און איצטער האָט קײנער ניט געצװײפֿלט: עמעצער האָט געשאָסן מיט אַ מײן צוצײען די אױפֿמערקזאַמקײט אָדער װאָרענען די, װאָס געפֿינען זיך אױפֿן שפּיץ באַרג. דזשאַמגירטשי האָט אָפּגעלאָזט דאָס ייִנגל, און צובײגנדיק זיך, אַ יאָג געטאָן צום פֿערד, שלעפּנדיק די שטעכיקע קוסטעס.

אַמאַט איז צוגעלאָפן צום ייִנגל, אויפגעהויבן זײַן קאָפּ, באַטאַפּט די ברוסט.
— ברודערל מײַנס... דו לעבסט, ברודערל?
ער האָט אָפּגעווישט מיט זײַן העמד דאָס בלוט פון בײַטורס פּאָנעם און אים לײַכט געטאָרקעט:
— עפן אויף די אויגן, ברודערל, האָב ניט מורע.
מיטאַמאָל האָט זיך באַוויזן אַ רײַטער, דאָס איז געווען אַ רויטלעכער הויכער און מאָגערלעכער מענטש אין אַ שפּיציק היטל, אַנגעגורט מיט אַ פּאַטראָנטאַש. צום זאָטל זײַנען געווען צוגעפּעסטיקט עטלעכע פעלדהינער. ער איז ספּריטנע אַראָפּגעשפּרונגען פונעם פערד, אַראָפּגעלאָזט זיך אויף די קני, אַ טאַפּ געטאָן דעם ייִנגלס דויפעק.
— ער לעבט.
— אַ דאַנק אײַך, — האָט געזאָגט אַמאַט.
— וואָס פאַר אַ ווילדע כײַעס זײַנען דאָ געווען? — האָט אויפגעבראַכט געפרעגט דער יעגער.
אַמאַט האָט אים דערציילט דאָס, וואָס ער האָט געוווּסט, דערנאָך האָט ער געפרעגט:
— און ווער זײַט איר?
— דער יעגער קאַדיראַלי. געהערט?
אַמאַט האָט מיט אָפּשײַ זיך פאַרנייגט. כאָטש ווייניק מענטשן ווינען אין די בערג, דאָך פאַרשפּרייטן זיך אויך דאָ קלאַנגען אַפּגיך. וועגן דעם שרעקלאָזן יעגער קאַדיראַלי האָבן אַלע אײַנוווינער פון די בערג געהערט.
— העלף מיר אויפהייבן דאָס ייִנגל, — האָט דער יעגער געזאָגט אַמאַטן. — איך וועל אים נעמען מיט זיך. דערנאָך וועל איך שוין זען, וואָס איך האָב מיט אים צו טאָן.
אַמאַט האָט שווײַגנדיק אויפגעהויבן בײַטורן, אוועקגעזעצט אים אויפן זאָטל פון פאָרנט דעם יעגער. נאָכדעם לאַנג געקוקט, ווי זיי דערווײַטערן זיך...

יידיש — א. ליזען

באָריס אָלײניק

אוקראַיִנישער דיכטער

* * *

עס וועלן געוויס אַסטראָנאַווטן באַהערשן די קאָסמישע ברייט,
נאָר קינפֿטיקע דוירעס, ווי אונדז, צו די ווערבעס וועט ציִען.
מיט גאָלדענע קערנער, ווי שטענדיק, עס וועלן זײַן פֿעלדער פֿאַרזייט,
ווי זיידעס, די אייניקלעך בענטשן עס וועלן די זריִע.

ס'וועט פֿאַלן פֿון ביימער דער צווײַט, ס'וועלן בלאַנדזשען די שטערן, ווי איצט,
דער ווינט וועט אַ נײַער זײַן, נײַ אויך דער דונער, דער בליץ.
די הענט בײַ דעם פֿייער מיט שווייס וועלן ווערן באַקרוינט,
ווײַל ס'וואַקסן ניט זאַנגען, וואָס זײַנען מיט שווייס ניט באַלוינט.

ס'איז הייליק די צײַט — דער סאַכאַקל פֿון טעג און פֿון נעכט,
פֿון פֿויערשער פּראַצע — ס'זאָל ברויט זײַן אין אונדזערע שטיבער.
אָט שטייט ער, דער זייער, און קוקט, פֿונקט ווי נאָך אַ געפֿעכט
דאָס שלאַכטפֿעלד באַטראַכט האָט אַן אוראַלטער שלאַכטמאַן, אַ גיבער.

פֿאַרנייגט זיך פֿאַר אים.
פֿירט אין האַרבסטיקן שלאָס אים אַרײַן,
און זאָלן אים טפֿילע טאָן
זאַנגען פֿון ווייץ און פֿון קאָרן.
ער שטייט, אונדזער גאָט.
מיד, פֿאַרברוינט פֿון דער זוניקער שײַן...
דעם קאָסמאָס באַהערשן באַוווינען ער וועט
אין די נאָענטע יאָרן.

* * *

מאַמע, ס'איז דער אָוונט בלוי,
ס'וואַרט אַף דיר אין סאָד דער טוי.
נאָר ביסט, ווי אַ מאָרגנשטערן,
אינעם הימל ווײַט אַזוי,
ווי אין מײַנע אויגן — טרערן.

ס'איז דער ווײַנשל-סאָד אין צווײַט.
כ'זע, אַ טשאַטע בושלען פֿליט.
ווי אין אייביקן שאַריִען,
כ'מוז צו דיר און זונען-מיט,
מאַמע מײַנע, פֿליִען, פֿליִען...

ווו גענגאַנגען ביסט אַמאָל,
גרינט אַ שטעגל איִגעם טאָל,
ס'בלויט די שפּעטע מאַטעאָלע,
קאָרן רײַפּט, ווי אַ גוטע דאָליע.

ווי אין וווּנדער-וועלט אַ טויער,
זונרויזן אין גאָלד.
מאַמע — דו מײַן שוואַלב מײַן גרויע,
וועלט, וואָס איך האָב האָלט.

* * *

דאָס בייזע, קאַלטע אײַז — דער הייפּעך פונעם פלאַם,
פאַר אַלץ דאָס לעבעדיקע, גוטע — א סאַקאַנע.
אַמאָל א האַלבע וועלט אַזוי האָסט אָפּגעצאַמט,
עס זאָל דער מענטש אַף איר שוין אָטעמען ניט קאָנען.

פון דאָרשט האָט די ניעווא געקאָרטשעט זיך אין ווײ,
דאָס בלוט פון שטאָט געזויגט האָט די בלאָקאַדע.
געצויגן זיך צום האַרץ פון לענינגראַד האָט
בלויז איין אַרטעריע —
דער וועג פון אײַז און שניי.
איז זײַ געלויבט — ביז שטיין עס וועט די וועלט!

עס האָט אונדז די נאַטור א גרויס געשאַנק געגעבן:
דאָס אײַז פון לאַדאָגע,
וואָס ניט דורך קעלט,
דורך פלאַם געטראָגן האָט אַנטקעגן טויט —
דאָס לעבן.

* * *

געווידמעט די אָנטיילנעמער פונעם „טויט־מאַטש"
מיט די פאַשיסטישע פוטבאָליסטן אין 1942

דער סטאַדיאָן
איז געוואָרן
א שלאַכטפעלד — דאָס לעצטע — פאַר זײ.
טויט פאַרן זיג
האָבן צוגעזאָגט
סאָנים־אַרביטערס מיט סינע.
אונדזערע אויסגעשפּילט האָבן, געבליבן, ווי פריִער, אין ריי.
און איצט וועט אַפילו די צײַט
בא זײ קיינמאָל
ניט קענען געווינען.

ייִדיש — ד. כּיטקינע

וואַלערי פּאָוואָליאַיעוו,

רוסישער שרײַבער

אַ בלויער אָנצוג און אָראַנזשעווע באָטן

ווען איך האָב זיך געלערנט אינעם מאָסקווער טעקסטיל-אינסטיטוט, האָט אונדזער קינסטלערישער פּאַקולטעט געהאַט אַן אייגן סטודענטיש מאָדעל-הויז. און ווי עס איז אײַנגעפירט, האָבן מיר אויך, אונטער דער באַגלייטונג פון מוזיק, דעמאָנסטרירט לויט אַלע קלאַלים די מאָדעס פון קליידונג. מיט איינס אָבער האָט אונדזער סטודענטיש מאָדעל-הויז זיך אונטערשיידט פון אַלע איבעריקע. מיר האָבן דעמאָנסטרירט ניט בלויז די מוסטערן, וועלכע האָבן אַנטשפּרעכט אונדזערע דיפּלאָם-פּראָיעקטן, נאָר אויך צוגאָב-מאָדעלן פון קליידונג, וואָס האָבן מיט זייער סאַטירישקייט אַרויסגערופן בײַ אַלעמען אַ גרויס געלעכטער.

צווישן די לעצטע איז געווען איין מאָדעל, וועלכע האָט באַזונדערס אַרויסגערופן אַ געלעכטער אין זאַל. מע האָט זיך מאַמעש געהאַלטן בײַ די זײַטן. די מאָדעל האָט געהייסן: „אונדזערער אַ טוריסט אין אויסלאַנד". אויף דער בינע פלעגט אַרויסגיין אַ מעגושעמדיקער מענטש מיט אַ שווער אַראָפּגעהאַנגענעם קין. די גרינגע צעקנייטשטע פּעטראָווע הוט — ניידעריק אָנגערוקט איבער דער נאָז. אויף די אַקסלען — אַ מעסוקן ברייטער מאַנטל, ווי אַ כאַלאַט, מיט מעסוקן גרויסע קנעפּ. אויפגענייט איז דער מאַנטל געווען פון אַ טינט-שוואַרצער סכוירע, ערטערווײַז פאַרפלעקט מיט געלע פליאַמעס. פון אונטער דעם מאַנטל-כאַלאַט האָט זיך אַרויסגעזען ניט קיין פרישע קאַפּראָנאָווע העמדל פון אַן אומבאַשטימטן קאָליר, קורצע בלויע הייזלעך, בונטע פאַרביקע שקאַרפּעטן און נײַנקע שיך פון העלער אַפּעלסינאָווער פאַרב. בײַם דאָזיקן בראַוון טוריסט אויף דער ברוסט איז געהאַנגען אין אַ גרויסן לעדערנעם פוטליאַר אַ קלייניקער פאָטאָ-אַפּאַראַטל; אין איין האַנט האָט ער געהאַלטן אַ שווערן שירעם, אין דער אַנדערער — אַ פּיבראָווע טשעמאָדאַן מיט אַ צעבראָכן דעקל.

אָט אַזאַ פאַרשווין האָבן מיר ניט לאַנג צוריק, בײַם אונדזער רײַזע קיין אויסלאַנד, פּלוצעם דערזען אין דער וווּנדערלעכער שטאָט פּאַריזש.

אין אונדזער טוריסטישער גרופּע האָט מאַמעש אין דער סאַמע לעצטער מינוט זיך פאַרשריבן איינער אַ פּענסיאָנער באַבאַקין. פאַרשריבן האָט ער זיך צוזאַמען מיט זײַן צווייטער העלפט — אַ גאַנץ אָנגעזעענע און שטרענגע פרוי. זי איז אַ לערערן פון ליטעראַטור, האָט ליב זיך אָנטאָן אין פאַרביקע עפעקטנע סינטעטישע קליידער, אין וועלכע מע קאָן אַפילע ווינטער צעשמאָלצן ווערן פון היץ.

— אוי, ליאַ-ליאַ, — האָט צוזאַמען מיט מיר, דערזעענדיק די שטרענגע לערערן, אויסגעשריִען מײַן אַלטער כאַווער יורי איוואַנצאָוו, וועלכער האָט מיט אַ יאָר פופצן צוריק, באַגלײַך מיט מיר, פאַרענדיקט דעם מאָסקווער טעקסטיל-אינסטיטוט, אָבער אַן אַנדער פּאַקולטעט. ער איז אַן אינזשעניער-מעכאַניקער: — מירן פון אָט דעם קענטאַוור האָבן צו זינגען און צו זאָגן. — און ווען ער האָט דערזען איר מאַן, באַבאַקינען, האָט ער פאַרהויבן די הענט צום הימל: — גאָט ליבער! — מער האָט ער גאָרניט געקאָנט זאָגן.

באַבאַקין איז געווען געקליידט פונקט ווי יענער העלד פון די סטודענטישע סאַטירישע מאָדעלן, דער אַזויגערופענער פּרעמיער פון אונדזער פּאַקולטאַטיוון מאָדעלן-הויז: אין אַ הימל-בלויען אָנצוג, אויפגענייט פון אַ מאַטעריאַל, וואָס האָט שיִר ניט קיין וואָג, מיט גרויסע אויבנופיקע קעשענעס, אין וועלכע מע האָט געקאָנט אָנשטאָפּן, דער טײַוול ווייסט

וואָס. דאָס קעלנערל פֿונעם העמדל איז געלעגן אפֿן קאָלנער פֿון דעם רעקל; פֿון אונטער די קורצע, ברייטע הויזן-קליאַש האָבן ארויסגעקוקט אַ פּאָר שוואַרצע אַראַנזשעווע באָטן מיט אָפּגעריבענע נעזער און אָפּצאַסן, ווי ער וואָלט זיך קאַראַבקעט אין זיי איבער די בערג. באַ באַבאַקינען זײַנען געווען ריכטיקע שטריכן פֿון געזיכט, רויִקע באַלעכעוואַטע אויגן, אַ הויכער שטערן פֿון אַ דענקער, אַ געדיכטער קאָפּ בלאָנדע האָר, ערטערווײַז שוין היפּש אָפּגעבליאַקעוועטע.

איוואַנצאָוו האָט אַ פּליעסקע געטאָן מיט די הענט איבער די קני, זיך אָנגעבויגן, ווי ער וואָלט זיך געקליבן טאַנצן אַ האָפּאַק, און, צווינקענדיק שעלמיש מיט די אויגן, אויסגעזונגען:

א האָז זיצט אפֿן פּאַרקן,
אונטערגעגאַרטלט מיט א לאָם.
ווען איז עס דײַגע,
עפּשער וואַרט ער אף א בער?

באַבאַקין האָט זיך אויסגעדרייט צו איוואַנצאָוון מיטן גאַנצן קערפּער. די שוואַרצע אַראַנזשעווע באָטן האָבן פֿעסט געהאַלטן זייער באַלעבאָס אף דער ערד. אונטער זייער שווערקײַט האָט זיך דער אַספֿאַלט, דאַכט זיך, אויסגעבויגן. באַבאַקין האָט אויפֿגעהויבן אַ פֿינגער און פֿילדײַטיק אַרויסגערעדט:

— יונגערמאַן, איר געפֿינט זיך אין פּאַריזש. דאָס איז... — ער האָט אויפֿגעהויבן דעם פֿינגער נאָך העכער. — דאָס איז... — ער האָט אַלץ ניט געקאָנט געפֿינען דאָס פּאַסיקע וואָרט, מיט וואָס צו פֿאַרגלײַכן פּאַריזש. ענדלעך האָט ער געפֿונען. — דאָס איז דאָך דאָס וויגעלע פֿון געטער! קונסט! וווּהין דו וואַרפֿסט ניט קיין בליק — זעסטו פֿאַר זיך דורכויס באַרימטע און באַוווּסטע ערטער. און איר פֿירט זיך דאָ אויף... — ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און אַקוראַט אויסגעשפּיגן.

— אונדזער באַבאַקין איז, פֿאַרשטייט זיך, געווען גערעכט. אין פּאַריזש איז אַלץ, וואָס מע זעט, באַרימט און באַוווּסט. אַפֿילו די, וואָס קומען אַהער צו פֿאָרן ס׳ערשטע מאָל, אַריִענטירן זיך לײַכט. ס׳זײַנען זיי באַקאַנט ניט נאָר די פּלעצער און גאַסן, נאָר אַפֿילו די געסלעך. זיי ווייסן, ווּ עס געפֿינען זיך קאָלערלײַ פּלעצער, דער בולוואַר קלישי, וועלכער פֿירט אפֿן מאָנמאַרטר, דער קוואַרטאַל מאַרע, דער טעמפּל פֿון אינוואַלידן, דער לווּור, דער טעאַטער קאָמעדי-פֿראַנסעז. אַלץ איז באַקאַנט פֿון די פּילצאָליקע ליטעראַרישע ווערק, בילדער און גראַפֿישע לײַוונטן, קינאָ און טעלעוויזיע, טעאַטראַלע ספּעקטאַקלען, צײַטונגען און פֿאָטאָגראַפֿיעס. מיט איין וואָרט, אין אונדזער האַסטיק-שטראָמיקער צײַט, אָן איבערפֿולטער מיט אינפֿאָרמאַציע, איז, דאַכט זיך, לײַכטער צו וויסן, איידער ניט צו וויסן.

יאָ, ווּהין מיר זײַנען ניט געגאַנגען אין פּאַריזש און באַ וואָס מיר האָבן זיך ניט אָפּגעשטעלט, איז אונדז אַלץ געווען באַקאַנט. ס׳האָט זיך געשאַפֿן אַן אײַנדרוק, ווי מיר וואָלטן ניט בלויז שוין ניט איין מאָל דאָ געווען, נאָר אַפֿילו אַ געוויסע צײַט געוווינט דאָ. אָט גייען מענטשן, זיי זײַנען אונדז אויך באַקאַנט. דער הויכער, דאַרער מאַנצבל איז ענלעך אף דע-גאָלן. לעבן אים גייט אַ רויִקע, באַשיידן געקליידטע אַלטיטשקע מיט אַ מאָדערנער פֿריזור. אָט זיצט אף אַ באַנק אַ שיינע פֿרוי. זי איז פֿאַרטיפֿט אין זיך, אָבער ניט אויסגעשלאָסן פֿון דער אַרומיקער וועלט. אף אירע ליפּן שוועבט אַ שמייכל, וועלכער איז געווענדט צו אַלע מאַנצבלען מיטאַמאָל. דער דאָזיקער שמייכל איז אונדז באַקאַנט. מע זאָגט, אַז דער זיקאָרן איז איבערקלײַבעריש. עמעס טאַקע. אָבער דער זיקאָרן פֿאַרמאָגט נאָך איין אייגנשאַפֿט — ער איז פֿעיִק אַרויסשלעפּן פֿון זײַנע טיפֿסטע פֿאַרבאָרגענע ווינקלעך פּלוצעם עפּעס אומדערוואַרטס און עפּעס נייטיקס פֿאַר דיר אין אָט דער רעגע. ער זאָגט דיר אונטער ניט נאָר ווּ עס געפֿינט זיך דער בולאָנער וואַלד צי די אָדער יענע גאַס, וועגן וועלכע דו האָסט געלייענט אָדער שוין דאָרט אַמאָל געווען, נאָר אויך אַ טייל פֿראַנצויזישע ווערטער, וואָס דו האָסט געהערט און זיי זײַנען פֿאַרשווּנדן געוואָרן אינעם טהאָם פֿון זיקאָרן, היסטאָרישע דאַטעס, די נעמען פֿון נאַפּאָלעאָנס פֿערד און הינט, די צונעמענישן פֿון די קיניגס און הערצאָגן, ווי אויך אומבאַדײַטנדיקע ציפֿערן, ווי, אַשטייגער, די לענג פֿון דעם טײַך סענאַ, די צאָל פֿון דער באַפֿעלקערונג פֿון רואַן, דער מיטעלער וווּקס פֿון אַ פּאַריזשאַנער און אַזוי ווײַטער און ווײַטער. דאָס אַלץ, וואָס עס איז געלעגן אפֿן דעק פֿון זיקאָרן, שווימט אומגעריכט אַרויס און באַגלייט דיך איבער פּאַריזש, איבער פֿראַנקרײַך...

איוואַנצאָוו האָט אויסגעהערט באַבאַקינס באַמערקונג, זיך אָנגעבייגט צו מיר און שטיל אײַנגערוימט עפּעס אפֿן אויער, כ׳האָב קיין וואָרט ניט געקאָנט פֿאַנאַנדערקלײַבן.

— רעד העכער!

— כ׳וויל זאָגן באַבאַקינען, — האָט יורי העכער איבערגעכאַזערט, — אַז ער איז אַ נאַר.

אָט האָסטו דיר! אף וויפֿל עס געדענקט זיך מיר, האָט יורי איוואַנצאָוו ניט געײַלט

זיך צו מאַכן ענדגילטיקע אויספּירן. ווי זשע קומט עס, ער זאָל פאַר איינע-צוויי מינוט געבן אַ מענטשן אַט אַזאַ אָפּשאַצונג?

— פון וואָס נעמסטו עס? — האָב איך אים געפרעגט. — און ווי איז, אויב ער וועט דיר ניט גלייבן?

— אויב ער וועט ניט גלייבן, איז טאַקע ביטער. אָבער וויסן דאַרף ער עס? ווי מייגסטו?

איך האָב געשוויגן.

— עך... — איוואַנצאָוו האָט שווער אַ זיפץ געטאָן. — ס'ווילט זיך ניט נעמען אויף דער נעשאָמע נאָך איין זינד...

די רעכטע קעשענע פון באַבאַקינס קאָסטיום איז שווער אַראָפּגעהאָנגען, ווי דאָרט וואָלט געלעגן אַמווייניקסטנס אַ צוויי־קילאָגראַם־געוויכט. דאָס איז געווען ניט קיין געוויכט, נאָר אַ האַלבער טייל פון אַ מעכטיקן פעלד־בינאָקל מיט אַ רעגוליר־רעדעלע אויף אײַנצושטעלן די לינזע, ווי ס'פּאַדערט זיך פאַרן אויג. אַט דעם ברוכשטיק פונעם בינאָקל, מיט וועלכן באַבאַקין האָט זיך קיינמאָל און אין ערגעץ ניט געשיידט, האָט ער פײַערלעך און קלינגעוודיק גערופן מאַנאָקוליאַר. אַפילע צום פרישטיק האָט באַבאַקין אים מיטגענומען מיט זיך. דער אײַנדרוק בײַ אונדז איז געווען, אַז ער וועט אים באַלד אַרויסנעמען פון דער קעשענע און אָנהייבן באַקוקן דורך אים די צאַרטע שטיקלעך פײַנקוכן, די וואַרעמע, אָפּגעפרישטע אין אייוועלע, בולקעלעך, און אַלדאָס איבעריקע, וואָס אַפיציאַנטן דערלאַנגען צום טיש.

נאָר דאַנקען גאָט. צו דעם איז ניט דערגאַנגען.

אין דער צווייטער קעשענע פון זײַן רעקל איז געלעגן אַ נאָטיץ־ביכעלע און אַ דינינקער עלעגאַנטער בלײַשטיפט, אַ צוגעבונדענער אויף אַ זײַדן שנירל, ער זאָל זיך, כאָליע, ניט פאַרלירן. אינעם נאָטיץ־ביכעלע, וואָס באַבאַקין האָט צוזאַמען מיטן בלײַשטיפט צוגענומען באַם ווײַב, האָט ער פאַרצייכנט דאָס וויכטיקסטע, וואָס אים האָט זיך אײַנגעגעבן דערזען דורך זײַן מאַנאָקוליאַר.

און אינטערעסירט האָט באַבאַקינען בוכשטעבלעך אַלץ, יעדע קלייניקייט, די מינדסטע דעטאַל. ס'האָט זיך געשאַפן אַן אײַנדרוק, אַז ער קלײַבט זיך שרײַבן אַ בוך, וואָרעם ביז גאָר גענוי האָט ער אַלץ פאַרפיקסירט אין זײַן בלאָקנאָטל און זייער אָפּט צוגעטראָגן דעם האַלבן בינאָקל צו זײַן טיף פאַרקלערטן אויג, געדרייט דערבײַ מיט צוויי פינגער דאָס רעדעלע פונעם רעגוליאַטאָר.

שפּאַצירנדיק מיטן ווײַב איבער די טומלדיקע יעליסיי־פעלדער, האָט ער אָנגעשטעלט זײַן מאַנאָקוליאַר אויף די פאַרבײַגייענדיקע. אויפן אייפעל־טורעם האָט ער פונעם באַאָבאַכטונגס־פּלאַץ באַטראַכט די טונקעלע סענאַ, די ווײַטע בויונג פונעם קוואַרטאַל „דאָס צוויי־טויזנטע יאָר", וואָס כאַפּט פונדערווײַטן דעם אָנבליק פון אַ סאַך געבויגענע פאַרביקע טרויבן, דעם קולטור־צענטער פּאָמפּידו, די קאָפּיע פון דער גרויסער סטאַטוע „פרײַהײַט", וועלכע עס האָבן געשאָנקען פראַנקרײַך די פרײַנט פון יענער זײַט אָקעאַן. מיטן מאַנאָקוליאַר האָט באַבאַכין באַזוכט די קראָמען, די קאַפע, די קינאָ־טעאַטערס, דעם מעטראָ, און אַלץ, וואָס ער האָט געזען, דרייענדיק מיט צוויי פינגער דאָס רעדעלע פונעם רעגוליאַטאָר, האָט ער פאַרשריבן אין נאָטיץ־ביכל, מיט וועלכן ער האָט זיך אויך אויף קיין רעגע ניט געשיידט.

אויף דער גאַס וואַלוואַ האָבן אים שיער ניט צעמאַזיקט די „באַקלאַזשאַנערנס". אין פּאַריזש רופט מען „באַקלאַזשאַנערנס" די וווּקסיקע פלינקע מוידן, אָנגעטאָנענע אין אַ בלוי־פּיאָלעטאָווער אוניפאָרם. זיי גייען אום איבער דער שטאָט בלויז פאַרלעכווײַז און קלײַבן צונויף בײַ די באַלעבאַטים פון די אווטאָמאָבילן שטראָף פאַר אוועקשטעלן די מאַשין ניט דאָרט, ווו מע דאַרף, אָדער פאַר ניט באַצאָלן צו דער צײַט פאַרן אָרט. אין פיל ערטער פון פּאַריזש קאָן מען אוועקשטעלן די מאַשין בלויז פאַר געלט. און פאַר געלט איז אויך ניט דערלויבט איבערלאָזן די מאַשין לענגער פון אַ האַלבער שאָ. ווי נאָר עמעצער איז אויווער אַט די קלאָלים, באַקומט ער גלײַך פון די „באַקלאַזשאַנערנס" אַ קאַרטל וועגן אײַנצאָלן שטראָף. די דאָזיקע מוידן גייען אום זאַלבעצווייט, וואָרעם אַזוי איז לײַכטער אַרויסווײַזן אַ ווידערשטאַנד די שאָפערן, וועלכע האָבן דערהאַלטן פון זיי די „מאַטאַנעס".

פאַר די יאָרן, וואָס זיי פירן אַ שלאַכט מיט די שטראָפירטע שאָפערן, האָבן די „באַקלאַזשאַנערנס" אויסגעאַרבעט בײַ זיך אַ קעמפערישע האַרטע נאַטור. זיי טרעטן קיינמאָל ניט אָפּ.

איז אַט: באַבאַקין, וועלכער האָט ניט פאַרמאָגט קיין אווטאָמאָביל אַפילע בײַ זיך אין מאָסקווע, שוין אָפּגערעדט וועגן פּאַריזש, האָט זיך פּלוצעם פאַרפירט מיט די „באַקלאַזשאַנערנס". לאַכלוטן ניט פאַרשטענדלעך, וויאַזוי עס איז געשען. מע זאָגט, אַז די מוידן האָבן אַפילע גערופן צוהילף די פּאָליציי. ווי נאָר באַבאַקין האָט דערהערט דאָס וואָרט פּאָליציי, האָט ער הענדום־פּענדום זיך געלאָזט לויפן איבער די פאַרטונקלטע געסלעך, צוהאַלטנדיק מיט איין האַנט בײַ דער זײַט

דעם אונטערשפּרינגענדיקן מאַנאַקוליאַר, און אַזויאַרום זיך גערעטעוועט פון די דערצאַרנטע מוידן און פון שאַנדע, וואָס האָט אים דערוואַרט, ווען ער באַוויַזט ניט צו דער צײַט אַנטלויפן.

— אַך, באַבאַקין, באַבאַקין... פּונוואַנען האָסטו זיך גענומען אַף אונדזער קאָפּ, טײַערער כאָווער באַבאַקין! — האָט זיך באַ מיר אַרויסגעכאַפּט.

— ניט באַבאַקין, נאָר דאַלבאַקין, — האָט זיך אָפּגערופן דער אַנגעכמורעטער יורי איוואַנצאָוו, וועלכער האָט פון דער ערשטער מינוט איבערגעאַנדערשט די פאַמיליע באַבאַקין אַף דאַלבאַקין.

— איך זע, דו שאַרפסט אַ צאָן אַף באַבאַקינען.

— דאַלבאַקינען.

— נו גוט, זאָל זײַן אַף דאַלבאַקינען. וואָס איז ער שולדיק, אויב די מוידן זײַנען אַף אים אָנגעפאַלן? ס'איז פּאַריזש. מיט יעדן איינעם פון אונדז קאָן דאָ אַזוינס פּאַסירן.

— וואַרט, וואַרט. ער וועט אײַך נאָך באַווײַזן, — האָט יורי זיך נאָך מער אַנגעכמורעט, — ער וועט אײַך נאָך באַווײַזן, ווו דער שוואַרצער פעפער וואַקסט און אַף וואָס ער איז פעיִק.

— מע זאָגט, ער קאָן זייער גוט פײַפן.

יורי איוואַנצאָווס נעוויִעס, ווי ס'האָט זיך אײַנגיכן אַרויסגעוויזן, האָט געהאַט אונטער זיך אַ סמאַך.

באַבאַקין איז מיט קיין שום זאַך ניט געווען צופרידן, נאַכאַנאַנד זיך געקנייטשט און געקרימט, אַרומגעגאַנגען מיט אַ זויערער מינע. קעדיי אויסמײַדן אונדז, האָט ער זיך געהאַלטן דורכויס לעבן דעם ווײַב, ניט אָפּגענומען פונעם אויג דעם מאַנאַקוליאַר, און די מינדסטע קלייניקײַטן, וועלכע ער האָט דערזען אַף די דעכער פון די הײַזער, האָט ער זאָרגזאַם פאַרשריבן צו זיך אין בלאָקנאָטל.

פּאַריזש איז זייער פּאַרפירעריש, פאַרמאָגט אַלץ, וואָס אַן אויג קאָן נאָר זען: מאָדערנע קליידונג, זילבערן געפעס, קיךקאָמבײַנען, זייגערס פון די באַרימטע שווייצאַרישע און יאַפּאַנישע פירמעס. מיט איין וואָרט, ניטאָ די זאַך, וואָס מע זאָל דאָ ניט קאָנען קריגן.

באַזונדערס זיס אָבער איז, ווי באַוווּסט, די פאַרבאָטענע פרוכט. און דאָס, וואָס רופט זיך „פאַרבאָטענע פרוכט”, פאַרמאָגט פּאַריזש אויך זייער פיל. באַבאַקין האָט באַשטימט באַזוכן פּליאַס פּיגאַל, אַ קוק טאָן, וואָס דאָס איז אַזעלכעס, וואָס פאַר אַ לופט איז דאָרט, מיט וואָס עטעמען דאָרט מענטשן, און ביכלאַל...

ער האָט זיך אַ דריי געטאָן הין און הער פאַרן שפּיגל, באַטראַכט דעם קאָסטיום, צי ער איז ניט צעקנייטשט, פאַנאַנדערגעגלעט די פאַרבויגענע לאַצקאַנעס פונעם רעקל, אַ קלאַפּ געטאָן זיך איבער דער קעשענע, צי ס'ליגט דאָרט דער מאַנאַקוליאַר. דער מאַנאַקוליאַר איז געווען אַף אַן אָרט, עמעס, באַבאַקין האָט אַ צווייפל געטאָן, צי ער דאַרף איצט אים האָבן. וואָס קאָן מען באַנאַכט זען? בלויז איינע פײַערן, און שוין. פונדעסטוועגן איז גוט, וואָס ער האָט אים מיטגענומען מיט זיך. ווער ווייסט, וואָס עס דערוואַרט דיך צומאָל...

ס'איז שוין געווען גאַנץ שפּעט. באַבאַקינס פרוי האָט זיך געקליבן גיין שלאָפן. דערזען, אַז דער מאַן אירער קלערט אַפילע ניט מאַכן נאַכט, האָט זי אים אַ פרעג געטאָן מיט איר קלינגעוודיקער שטים:

— וווּהין קלײַבסטו זיך, ווען ס'איז שוין האַלבע נאַכט?

באַבאַקין האָט זיך ניט אָפּגערופן. אין אַזוינע פאַלן דאַרף מען זיך אַפריִער גוט באַטראַכטן, וואָס צו ענטפערן.

— עפּעס פיל איך זיך ניט מיט אַלעמען, — האָט ער אין אַ קורצער ווײַלע אַרום געענטפערט. דאָס פּאָנעם איז באַ אים געווען טרויעריק פאַרזאָרגט. — דער קאָפּ טוט וויי. כ'וועל זיך אַ ביסל דורכגיין אַף דער פרישער לופט. פרישע לופט איז די בעסטע רעפוּאה.

— איז גיי זיך טאַקע דורך, — האָט אַ באַרויִקטע געזאָגט דאָס ווײַב.

באַבאַקין האָט אָפּגעפירט די אויגן אין אַ זײַט, זיי זאָלן זיך ניט באַגעגענען מיט דעם ווײַבס בליק.

— פאַרהאַלט זיך נאָר ניט, — האָט, געגענענדיק, אָנגעזאָגט אים דאָס ווײַב, — און גיי ניט אַוועק ווײַט פונעם האָטעל. מע קאָן דאָ לײַכט פאַרבלאָנדזשען.

— איך וועל ווײַט ניט אַוועק, — האָט באַבאַקין איר צוגעזאָגט, — כ'וועל זיך דורכגיין איבערן טראָטואַר אַ פּאָר מאָל הין און צוריק. אין אַ פערטל שאָ אַרום וועל איך זיך אומקערן.

באַ אונדזער האָטעל איז אַ מאָדנער נאָמען, ווי באַ אַ געלט-באַנק. ער הייסט „אַנגלאָאַמעריקאַנער” און געפינט זיך ניט ווײַט פונעם מאַדלען-פּלאַץ, ווו עס שטאַרצט צו דער הויך, אַרומגעזוימט פון אַלע זײַטן מיט זײַלן, די טונקעלע געבײַדע פון דעם קלויסטער „די הייליקע מאַריִע-מאַגדאַלינע”. דעם דאָזיקן קלויסטער האָט ליב געהאַט באַזוכן אַלפאָסי-

נאַ פּלעסי, דער פּראָטאָטיפּ פֿון דער הויפּט־העלדן אין אַלעקסאַנדער דיומאַס ראָמאַן „די דאַמע מיט קאַמעליעס". פֿונעם האָטעל ביז פּליאַס פּיגאַל איז אַן ערך אַ האַלבע שעה גאַנג. באַבאַקין האָט זיך צוגעאײַלט. ער האָט דאָך צוגעזאָגט דעם ווײַב זיך לאַנג ניט זאַמען.

אַן אײַנגעהויקערטער אינדרײַען, איז באַבאַקין גיך פֿאַרשוווּנדן הינטערן ראָג. ער האָט געוווּסט: טאָמער באַמערקט אים דער אָנפֿירער פֿון אונדזער טוריסטישער גרופּע, וועט ער אַזוי זען פּליאַס פּיגאַל ווי די אייגענע אויערן.

וואָס עס איז אַזעלכעס דיסציפּלין און וויאַזוי מע דאַרף זיך אופֿירן בענעגייע אַן עלטערן איבער זיך, האָט באַבאַקין זייער גוט געוווּסט. ביכלאַל גערעדט, האָט ער געהאַלטן, אַז אָנפֿירן מיט אונדזער טוריסטישער גרופּע האָט ער גאָר געדאַרפֿט. ער פּאַסט פֿאַר דעם פֿיל מער ווי דער הויפּט־אינזשעניער פֿון דעם וויסנשאַפֿטלעך־פֿאָרשערישן אינסטיטוט, דער באַברילטער, דאַרער, בלייכער שילאָוו, באַ וועמען דער קין איז פֿונעם ראַזירן שטענדיק צעשניטן. שילאָוו קאָן אָנפֿירן בלויז מיט אַ לעפֿל באַם טיש בייסן וואָרמעס, אָבער ניט מיט אַ טוריסטישער גרופּע.

טשיקאַווע, פֿאַרוואָס האָט מען גראָדע שילאָוון אָנגעטרויט זײַן דער אָנפֿירער? מע וועט דאַרפֿן זיך דערינען נאָך פֿאַנאַנדערקלײַבן. ניט דאָ, פֿאַרשטייט זיך, נאָר אין מאָסקווע. באַבאַקין האָט זיך אַזוי פֿאַרטיפֿט אין דעם, אַז ווען שילאָוו קומט אָן אַנטקעגן און פֿאַרוואָרט אים דעם באַנאַכטיקן שפּאַציר, וואָלט ער אים אײַנגעטיילט שוין יענעם כיילעק, ער זאָל זיך ניט מישן אינעם פּערזענלעכן לעבן פֿון אַ סאָוועטישן בירגער.

נאָר שילאָוו האָט זיך אים ניט באַגעגנט. דערפֿאַר האָט ער אָבער באַגעגנט דעם אַזערבײַדזשאַנער שאַראַפּוטדין מאַמעדאָוון. דאָס איז אַ שטילער, רויִקער מענטש מיט אַ מילדן כאַראַקטער, מיט אַ ליב פּאָנעם. אַ צוטרוילעכער, ווי אַ קינד. באַמערקט באַבאַקינען אינעם געסל, האָט מאַמעדאָוו געוואָלט צו אים צוגיין, קעדיי זיי זאָלן צוזאַמען זיך דורכשפּאַצירן פֿאַרן שלאָף איבער די פּאַריזשער טראָטואַרן, נאָר באַבאַקין האָט אַוועקגעשפּרײַזט מיט אַזאַ האַסטיקן טראָט, אַז אַפֿילע מיט אַן אווטאָמאָביל וואָלט שווער געווען אים דעריאָגן. דער שווער־אָטעמענדיקער מאַמעדאָוו האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, אָבער זיך געלאָזט גיין אין איין ריכטונג מיט באַבאַקינען.

באַבאַקינס פֿיגור, וועלכע האָט אַ פּאָר מאָל זיך אַ באַוויזן אין דער ווײַט, האָט געדינט מאַמעדאָוון פֿאַר אַן אָריִענטיר, און אַזוי אַרום האָט ער זיך אויך דערקליבן צום דאָזיקן פּלאַץ.

דער פּלאַץ האָט געלויכטן מיט פֿיל פֿײַערן. פֿון ביידע זײַטן בולוואַר האָבן זיך געטראָגן לײַכטע אווטאָמאָבילן. פֿון צײַט צו צײַט האָט פֿונעם געדיכטן שטראָם זיך אָפּגעטיילט אַ „מערסעדעס" אָדער אַ „פּעזשאָ" און איז פֿאַרשוווּנדן אין אַ פֿינצטער געסל. אין די דרײַ־פֿיר געסלעך, וואָס רינגלען אַרום פּליאַס פּיגאַל, איז שטענדיק פֿינצטער. פֿון מאָל צו מאָל באַווײַזט זיך אַ פֿלעק שײַן — דאָס האָט זיך געעפֿנט אַ טיר פֿון אַ קאַפֿע צי פֿון אַ שענקל. קוים מאַכט זיך צו די טיר, ווערט אין געסל צוריק כוישעך־פֿינצטער.

די מאַשינען אַפֿילע גייען דאָ מיט אויסגעלאָשענע פֿאַרעס, ווי זיי וואָלטן פֿאַר עמעצן מוירע געהאַט.

דערפֿון, וואָס אונדזער העלד באַבאַקין האָט אײַנגעצויגן, ווי ווײַט ס'האָט זיך געלאָזט, דעם בויך און אַרויסגעשטעלט די ברוסט, איז דער לײַכטער דינער קאָסטיום געלעגן אַף אים ווי אויסגעגאָסן. מאַמעש אַ מאַנעקען. אָבער לאַנג פֿאַרהיטן אַזוי די פֿיגור איז געווען ניט פֿאַר זײַנע קויכעס, און ער האָט נעבעך מיט אַ פֿאַרפֿינצטערט פּאָנעם צוריק אַרויסגעלאָזט אַף דער פֿרײַ דעם אײַנגעצויגענעם בויך. באַבאַקין האָט זיך האַסטיק אַ קער געטאָן, ווי ער זאָל זיך וועלן איבערצײַגן, אַז מי יאָגט אים ניט נאָך. קיינעם ניט באַמערקט הינטער זיך, האָט זײַן פּאָנעם זיך גליקלעך צעשמייכלט.

דער דאָזיקער גליקלעכער שמייכל אַף באַבאַקינס פּאָנעם האָט אַזוי פֿאַרכידעשט מאַמעדאָוון, אַז ער איז אַזש שטיין געבליבן, נאָר אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער זיך ווידער געלאָזט גיין נאָך זײַן כאַווער.

דאָס פֿינצטערע באַנאַכטיקע געסל, וווּהין ס'האָט פֿאַרקערעוועט באַבאַקין, איז געווען ניט אַזאַ פֿינצטערס, ווי ס'האָט זיך פֿונדערווײַטן אויסגעוויזן. אַף רעכטס און אַף לינקס האָבן זיך געצויגן אָן אַ שיר קאַפֿע מיט דורכזיכטיקע און האַלב־דורכזיכטיקע טירן, באַ וועלכע עס זײַנען געזעסן קימאַט נאַקעטע מוידן אין פֿאַרשיידענע פּאָזעס. אייניקע האָבן גערייכערט, אַנדערע — געטרונקען קאַווע. אייניקע האָבן גלאַט זיך דורכגערעדט צווישן זיך, ניט אויסמײַדנדיק ציניש ווערטער. אייניקע זײַנען געווען פֿריילעך געשטימט, אַנדערע אָנגעכמורעטע, אַף גאָרנישט ניט געלייגט קיין אכט. ווי נאָר אָבער עס פֿלעגט זיך באַווײַזן אין דער נאָענט אַ מאַנצבל, האָבן די מוידן זיך אופֿגעשטעלט, פֿאַרבעטנדיק אים צו זיך.

פֿון צײַט צו צײַט פֿלעגט הינטער די מיידלשע פּלייצעס זיך באַווײַזן אַ שאָטן. דאָס איז געווען עמעצער פֿון די סוטעניאָרן, וועלכע היטן אָפּ זייערע פּראָסטיטוטקעס.

בײַ איינער פֿון די טירן האָט זיך אָפּגעשטעלט באַבאַקין. ער האָט פֿאַרוואָרפֿן דעם קאָפּ עטוואָס אויף הינטער און באַטראַכט די זיצנדיקע מויד, אירע גרויסע אויגן — באַבאַקין האָט אין דער האַלב־פֿינצטערניש געמאַכט פֿאַר זיך אַן אויספֿיר, אַז בײַם מיידל זײַנען די אויגן גרויסע, אַ קאָליר פֿון פּעמזע אָדער טופּאַ, מיט איין וואָרט אויגן פֿון אַ מאַלער. דאָס מיידל האָט דערזען אינעם נידעריקוווּקסיקן, דיקן מענטשן מיט די קודרעס איבער די אויערן אַ מאַנספֿאַרשוין, מיט וועמען עס לוינט האָבן צו טאָן. ער האָט דאָך זיכער געלט, און זי איז אָרעם. אַזוי האָט זיך, אַלנפֿאַלס, אויסגעוויזן אונדזער העלד פֿונעם ערשטן בליק, וואָס זי האָט אים געשאָנקען.

ווי פֿאַרשיכּורט באַבאַקין איז ניט געווען פֿון פֿרייד, וועלכע האָט אים אַרומגעכאַפּט, האָט ער אָבער ניט פֿאַרגעסן וועגן דעם מאַנאַקוליאַר, וועלכער איז געלעגן בײַ אים אין קעשענע. ניט פֿאַרקלערנדיק זיך אויף קיין רעגע, האָט ער אים דרייסט אַרויסגענומען פֿון דאָרט. אַ דריי געטאָן מיטן גראָבן פֿינגער דאָס רעדעלע פֿונעם רעגוליאַטאָר, האָט ער אָנגעשטעלט דעם האַלבן בינאָקל אויפֿן בראָנזהאָריקן מאַלעכל אויף דעם טיש. דאָס ערשטע, וואָס ער האָט דערזען, איז: בײַ דעם מאַלעכל, באַנאַנד מיטן טעפּעלע קאַפּע, ליגט אַ ווײַס שטיקל קאַרטאָן, און אויף אים איז אָנגעשריבן מיט אַ פֿיאָלעטן פֿלאָמאַסטער די ציפֿער „150“. דאָס האָט באַטײַט, אַז דער מאַלער קאָסט הונדערט פֿופֿציק פֿראַנק. באַבאַקין האָט טײַקעף אַרויסגעשלעפּט פֿון קעשענע דאָס נאָטיץ־ביכעלע מיטן צוגעבונדענעם בלײַשטיפֿט און האַסטיק אַרײַנגעשריבן אין דעם די סימאָנים פֿונעם מאַלעכל און די פּרײַז.

ווען באַבאַקין האָט זיך אויסגעגלײַכט, האָט ער אומדערוואַרט דערזען, אַז פֿונעם מאַלעכלס בליק איז ביז אַ טראָפּן פֿאַרשוווּנדן די זאָרגלאָזיקייט צוזאַמען מיט דער צאַרטקייט. דאָס מיידל האָט געקוקט אויף אים מיט אַ שווערן אָנגעשטרענגטן אומעטיקן בליק. און נאָך מער אומדערוואַרט איז געווען פֿאַר אים די פֿאַראַכטונג, וואָס ער האָט פּלוצעם באַמערקט אין דעם מיידלס אויגן.

פֿון אָט דער אומגערעכטיקייט האָט באַבאַקין עטלעכע מאָל אַ פֿינטל געטאָן מיט די אויגן, האַלטנדיק אין איין האַנט דעם מאַנאַקוליאַר און אין דער אַנדערער דאָס בלאָקנאָטל מיטן צוגעבונדענעם צו אים בלײַשטיפֿטל. ווען דאָס מאַלעכל האָט זיך ניט אָפּגערופֿן אויף זײַן ברייט פֿאַנאַנדערגעגאָסענעם שמייכל, איז ער שטיל, הינטערווײַלעכס אַרויס פֿון קאַפֿע און פֿאַרזונקען געוואָרן אין דער דורכזיכטיקער פֿינצטערניש פֿונעם געסל.

זײַן צווייטער שפּאַציר איבער דעם באַנאַכטיקן פּאַריז איז פֿאָרגעקומען אין אַזוי־גערופֿענעם „סעקסשאָפּינג“ — אין די קלייטלעך, וואָס האַנדלען מיט פּאָרנאָגראַפֿישער סכוירע. באַבאַקין איז אַרײַן אין אַזאַ קלייטל, געוואָרפֿן אַ בליק אויף די פּאָליצעס, קלוימערשט ער קלײַבט עפּעס אויס פֿאַר זיך. ווען צו אים איז צוגעגאַנגען דער פֿאַרקויפֿער און געפֿרעגט, אויף פֿראַנצויזיש, פֿאַרשטייט זיך, וואָס עס איז זײַן באַגער, האָט ער אַ מאַך געטאָן אין דער לופֿט מיט דער האַנט, וואָס האָט געדאַרפֿט באַטײַטן: דאָס, וואָס איך זוך, איז בײַ אײַך ניט צו קריגן, און ער האָט מיט אַ גלײַכגילטיקן אויסזען פֿאַרלאָזט דאָס דאָזיקע קלייטל.

ווי נאָר באַבאַקין האָט זיך אָפּגעשטעלט בײַ אַ צווייטער דורכזיכטיקער טיר און גענומען באַקוקן די אַרויסגעשטעלטע מויד, ווי מע באַקוקט אַ פֿישל אין אַן אַקוואַריום, האָט פֿון ערגעץ טיף פֿון דער שטוב זיך באַוויזן אַ גוווּרעסדיקער מאַן מיט אַ פּאָר ברייטע אַקסלען און מיט הענט, ווי בײַ אַ מאַלפּע. די טיר האָט מיט אַ ראַש זיך צעעפֿנט, דער גוואַר האָט מיט זײַנע מאַלפּישע הענט פֿאַרצאַמט דעם וועג און איז האַרט צוגעגאַנגען צו אים. פֿון דעם מענטשן האָט אויף אַ מײַל זיך געטראָגן אַ רייעך פֿון געררייכערטן שפּיק און קאָנסערווירטן ביר. דער דאָזיקער מין ביר האָט אַ באַזונדערן רייעך. באַבאַקינען האָט זיך פֿון אים פֿאַרדרייט דער קאָפּ. ער האָט גלײַך פֿאַרשטאַנען, אַז ער קאָן דאָ באַלד אַרײַנכאַפּן אַ שיין ביסל קלעפּ. בײַ דעם גוואַר זײַנען ניט קיין הענט, נאָר קוואָלדעס. מיט איין זעץ קאָן ער צעשפּאַלטן דעם קאָפּ, ווי אַ צײַטיקן קאַוון.

אַ מילדער שמייכל האָט זיך באַוויזן אויף באַבאַקינס ציטערנדיקע ליפּן. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז בײַ אים אין קעשענע ליגט אַ ציינן, וועלכן ער וועט שענקען דעם דאָזיקן נעפֿעש. נאָר ניט דער ווילדהאַרציקער שמייכל, ניט די גרייטקייט שענקען דעם צייכן, האָבן ניט געמאַכט אויפֿן נעפֿעש קיין אײַנדרוק.

שיר ניט אין דער זעלבער רעגע האָט באַבאַקין דערפֿילט, ווי פֿון אונטער זײַנע פֿיס, וועלכע זײַנען אָנגעטאָן אין די באַליבטע באָטן פֿון אַפּעלסינאָוון קאָליר, האָט זיך אַרויס־

געגליטשט די ערד, און ס'איז אים געוואָרן שווער צו עטעמען. דאָס האָט דער נעפּעש אים אָנגעכאַפּט פאַרן קאָלנער און אופגעהויבן אים הויך איבער זיך.

אונדזער העלד האָט געוואָלט א געשריי טאָן, אופשטעלן אף די פיס גאַנץ פּאַריזש, אַרויסרופן פּאָליציי. דער יונג האָט אים אָבער אַזוי צוגופּגעדריקט דעם האַלדז, אַז ער קאָן קיין פּיפּס אַפילע ניט געבן.

איין גאָט ווייסט, וויאַזוי דאָס וואָלט זיך פאַר אים געענדיקט, ווען ניט שאַראַפּוטדין מאַמעדאָוו. ער האָט א שפּרונג געטאָן אף דעם פּאַסקודנעם נעפּעש און גענומען שרײַען אף אַזערבײַדזשאַניש און אף רוסיש וועלכע ווערטער עס זײַנען אים נאָר געקומען אפן צונג. דער נעפּעש האָט אַראָפּגעשלײַדערט באַבאַקינען פון זיך און אויסגעכריפּעט.

— וואָס שליאָנדערסטו אַרום אָן געלט, פּוסטע קישקע, איבער פּאַריזש? פאַרנעם זיך פונדאַנען!

עטלעכע מעטער איז באַבאַקין געלאָפן פאַזע דעם טראָטואַר מיט דער שנעלקײַט פון א טאָרפּעדע. די פיס זײַנען בא אים געווען אויסגעצויגן, ווי בא א זשוראַוועל. אין א קאַרגער מינוט אַרום האָבן זײַנע פיס אין די באָטן דערפילט אונטער זיך דעם באָדן. אַרויסגעלאָפן פונעם געסל אפן פּלאַץ, האָט ער פאַרקערעוועט אף רעכטס און איז פאַרשווּנדן.

ער איז געקומען צו-זיך ערשט אין דעם „אַנגלאָ-אַמעריקאַנער-האָטעל", ווו מיר זײַנען אײַנגעשטאַנען. דעם גאַנצן וועג אַהין איז ער געלאָפן אין איין אָטעם, ניט אַרויסלאָזנדיק פון דער רעכטער האַנט דעם מאַנאַקוליאַר און פון דער לינקער — דאָס בלאָקנאָטל מיטן צוגעבונדענעם צו אים בלײַשטיפט. די אויגן זײַנען בא אים געוואָרן טיפע און גרויסע.

— וואָס עפּעס אַזוי שפּעט? — האָט זי, ניט אופהייבנדיק דעם קאָפּ פון קישן, געפרעגט.

באַבאַקין האָט זיך ניט אָפּגערופן. ער האָט ניט געהאַט קיין קויעך צו ריידן איצט.

ביסלעכווײַז האָט אין קאָפּ בא אים זיך גענומען אויסלײַטערן, ווי א זון וואָלט זיך דאָרט צעשײַנט. ס'איז אים געוואָרן לײַכטער אפן געמיט. ער האָט זיך דערמאָנט, וויאַזוי ער האָט, דערזעענדיק די בראָנזהאָריקע שיינהײַט, וועלכע האָט געקוקט אף אים מיט אומשולדיקע אויגן פון א מאַלער, פאַרגלײַכט זי מיט דער אייגענער פרוי. דאָס האָט אין אים אַרויסגערופן א צופלוס פון צאַרטקײַט צום ווײַב. זי איז אים פאָרט נעענטער, טײַערער און צוטרויטלעכער פון יענער שיינהײַט. „און מע דאַרף קיין געלט ניט צאָלן", האָט פון די געהיימע טיפענישן פונעם מויעך א בליץ געטאָן א געדאַנק.

— פאַרוואָס שווײַגסטו? — האָט די פרוי, ווידער א גענעץ געבנדיק, שלעפעריק געפרעגט.

— איך האָב ניט וואָס צו זאָגן, — באַבאַקין האָט א מאַך געטאָן מיט דער האַנט. — כ'בין זיך דורכגעגאַנגען א ביסל איבער דער גאַס, געכאַפּט א קוק אין די שוי-פענצטער, און גאָר. דאָ איז אַלץ מעשוגע טײַער, ניט צו פאַרגלײַכן מיט אונדזערע פּרײַזן. ס'כאַפּט מאַמעש אָן א שרעק.

— געפונען פון וואָס זיך נעמען צום האַרצן. דו לעבסט דאָך ניט דאָ, הײַנט וואָס זאָרגסטו זיך אַזוי? — די פרוי האָט באַשאַסמײַסע זיך העכער אַרופגערוקט אפן קישן.

— בעפּיירעש טאַקע, — האָט באַבאַקין איר נאָכגעגעבן.

ווי ס'זאָל ניט זײַן, נאָר וועגן באַבאַקינס באַנאַכטיקע פּאַסירונגען האָבן אינדערפרי שוין אַלע געוווּסט.

— ס'איז ניט קיין נאָדל אין א סטויג היי, אַז מע זאָל עס קאָנען אויסבאַהאַלטן, — האָט א זאָג געטאָן צום אָנפירער פון אונדזער גרופּע, צום כאַווער שילאָוו, יורי איוואַנאָוויטש, און זיך פאַרגאַנגען אין א געלעכטער. — א נײַער פרײַדיקער פון מאַראַל האָט זיך אָפּגעזוכט. באַבאַקין! נו, נו. ס'איז דאָך טאַקע צום לאַכן.

— גענוג זיך כאָכמענען! — און אַז שילאָוו האָט סאָפּקאָלסאָף אײַנגעשטילט יורין, האָט ער א זאָג געטאָן, ניט ווענדנדיק זיך צו קיינעם: — איך סאָפּעק, צי דער לײַטישדערצויגענער בורזשואַ, דער אַרכיטעקטאָר פּיגאַל, האָט ווען-ניט-איז געקלערט, אַז מע וועט אַזאַ פּלאַץ אָנרופן מיט זײַן נאָמען. ווען ער ווייסט עס, וואָלט ער אין קייווער ניט אײַנגעלעגן און פאַרשאָלטן יענע, וועמען ס'איז אופגעקומען אַזאַ געדאַנק...

— א שאָד, פונדעסטוועגן, וואָס דער אָראַנגוטאַנג פון קאַפּע האָט ניט איבערגעלאָזט באַבאַקינען א לאַמטערן אונטער די אויגן, — האָט איוואַנצאָוו ווײַטער גערעדט, קוים אײַנהאַלטנדיק זיך אויסצופּלאַצן מיט א געלעכטער, — פאַר באַבאַקינען, פון ריין פּעדאַגאָגישן שטאַנדפּונקט, וואָלט עס געווען א גוטער אָנלער...

וועגן באַבאַקינס באַנאַכטיקע געשעענישן האָט די פרוי זײַנע זיך ערשט דערוווּסט אינדערפרי באַם פרישטיק. זי האָט זיך אָנגעכמורעט, דאָס פּאָנעם האָט זיך ווי אָנגעגאָסן מיט טאָמאַטנעם זאַפט, געוואָרן ענלעך צו איר טונקל-רויט קאַפּראָנאָווע קלייד.

נאָכן פרישטיק האָט זי מיט א שטרענגן זשעסט אָנגעוויזן דעם מאַן, אַז ער זאָל אַרײַנגיין אין נומער.

— איך דאַרף זיך מיט דיר דורכריידן וועגן א דעליקאַטן איניען.

באַבאַקין האָט זיך אַרומגעקוקט און אויסגעגלײַכט די קנייטשן פונעם רעקל, ווי א סאָלדאַט, ווען מע רופט אים אַרויס צום קאָמאַנדיר. אַף זײַן פּאָנעם האָט זיך באַוויזן א קרענקלעכע מינע.

— עפּשער שפּעטער, האַ? — האָט ער ניט זיכער אויסגעשטאַמלט. — זע, ס'וואָרט שוין אונדזער טוריסטישער אויטאָבוס. די גרופּע וועט אָפּפאָרן אָן אונדז... — עפּשער שפּעטער, האַ? — האָט באַבאַקין פאַרגעזעצט שטאַמלען. די, וואָס האָבן געוווּסט זײַנע מאַנירן, האָבן אים מאַמעש ניט דערקענט. פאַר זיי איז געשטאַנען גאָר אַן אַנדער מענטש, שוין ניט דער פאַרגלייבטער און זיכערער אין זיך באַבאַקין. ניין, ניט דער. — מיר וועלן פאַרשפּעטיקן... די גרופּע וועט אַף אונדז ניט וואַרטן... — האָט ער ניט אופגעהערט צו שטאַמלען און ניט אָפּגעפירט דעם בליק פונעם פענצטער, נאָכפאָלגנדיק נאָכן אויטאָבוס, וועלכער איז געשטאַנען אַנטקעגנאיבער באַם טראָטואַר און געוואָרט אַף די טוריסטן. דאָס טירל איז געווען ברייט צעפּראַלט.

— זאָרג ניט, מע וועט צוואַרטן, — האָט דאָס ווײַב אים איבערגעשלאָגן, — מע וועט אָן אונדז ניט אָפּפאָרן. — דער פאַרפלאָכטענער צאָפּ, ענלעך אַף א פערדישן עק, האָט ווי א בײַטש שמיץ געטאָן איר איבערן רוקן. — קום!

און באַבאַקין איז געהאָרכזאַם איר נאָכגעגאַנגען.

ווען די טיר פונעם צימער האָט זיך הינטער זיי פאַרמאַכט, האָט יורי איוואַנאָוויטש, באַטראַכטנדיק אַלעמען מיט טרויעריקע אויגן, זיך אָנגערופן:

— מיר זײַנען בײַוווּנד, מײַנע ליבע הערן, באַם אָנהייב פון א גרויסער שלאַכט, וואָס אין פאַרגלײַך מיט איר איז די שלאַכט בײַ וואַטערלאָאָ פּאַשעט א שפּילכל, א מין איבערוואָרפן זיך מיט שניי-האַמלקעס. די געשיכטע וועט קיינמאָל ניט פאַרגעסן באַבאַקינס העראָישקייט.

אומדערוואַרט פאַר אַלעמען האָט באַבאַקין זיך אומגעקערט פונעם צימער א רויִקער און, ווי שטענדיק, א פאַרגלייבטער און א זיכערער אין זיך. דאָס פּאָנעם בײַ אים האָט געשײַנט מיט עפּעס א באַזונדער שטאָלצקייט.

— צי דען איז עס אים אַזוי גלאַט אַלץ דורכגעגאַנגען? — יורי איוואַנאָוויטש, דעם גרויסן קענער פון מילכאָמעס אַף דער קיך און פון דער פּסיכאָלאָגיע בײַ פאַמיליע-מענטשן, האָט באַבאַקינס העלדישער אויסזען ביז גאָר פאַרוווּנדערט — צי דען איז עס אים אַזוי גלאַט אָפּגעגאַנגען? — האָט ער איבער-געפרעגט בײַ זיך.

איוואַנאָוויטש איז זיך טויע געווען, און טאַקע שטאַרק זיך טויע געווען.

באַבאַקינען איז עס ניט דורך גלאַטיק. אונטער דעם געדיכטן שיכט פון קרעם און פּודער האָט אַרויסגעקוקט א גאַנץ היפּשע גוליע...

און דאַך איז די צײַט, וועלכע מיר האָבן פאַרבראַכט אין פּאַריז, געווען א פרײַדיקע, פול מיט דערקענטעניש-ווערט, וואָס אָט די וווּנדערלעכע שטאָט פאַרמאָגט אין זיך. און דער וועטער איז געווען א גינסטיקער, עס זײַנען געשטאַנען שטילע זוניקע טעג, ווי ס'וואָלט זיך אומגעקערט צוריק נאָכן האַרבסט דער ליבער זומער.

אָבער אין דעם טאָג פון אונדזער אָפּפאָר איז דער הימל געווען א פאַרוואָלקנטער, אַן אומרויִקער. א קאַלטער דריבנער רעגן האָט אומעטיק זיך געזיפּט פון דער הייך. אַלץ אַרום איז געוואָרן גרוי, ניט היימלעך. נאָר די שטאָט פּאַריזש האָט דערפון ניט פאַרלאָרן איר קאָליר, זי איז פאַרבליבן אין אונדזערע אויגן פונקט אַזאַ העלע און פאַרביקע ווי געווען. אין די פײַכטע טראָטואַרן און שאָסייען האָבן, ווי אין שפּיגלען, אָפּגעלויכטן די רעקלאַמע-שילדן, די פענצטער פון די הײַזער...

אין אָט אַזאַ טאָג, פאַרן אָפּפאָרן, איז יעדער טוריסט, ווי געוויינלעך, אומרויִק. מע דאַרף באַוויזן אויסברענגען דאָס פאַרבליבענע געלט — כאָטש מע בײַט אונדז אויס ניט קיין סאך געלט אַף דער אָרטיקער וואַליוטע, פונדעסטוועגן באַמיט מען זיך עס ניט אויסברענגען אינגאַנצן ביזן לעצטן טאָג, ווײַל מאַלע-וואָס עס מאַכט זיך. מע קויפט אײַן פאַרן פאַרבליבענעם ביסל מעזומאָנים פאַרשיידענע סוווועניִרן, קאַרטלעך, וואָלוועלע אויטאָמאַטישע הענטלפען „ביק" און „ריינאָלד". מיט איין וואָרט, דער לעצטער טאָג גייט אַוועק אין האַוועניש און אין זאָרג.

אינדערפרי האָבן מיר זיך דורכגעשפּאַצירט צופוס איבער פּאַריזש, זיך געזעגנט מיט דער שטאָט. צוריק אין האָטעל האָבן מיר זיך אומגעקערט צוזאַמען מיט שילאָווען, מיטן אָנפירער פון אונדזער גרופּע. אומגעקערט האָבן מיר זיך, דעם עמעס געזאָגט, דערשיטערטע: אינעם טאַבאַק-קלייטל, וווּהין מיר זײַנען אַרײַן קויפן א באַלאָן מיט גאַז פאַרן „ראָנסאָן", האָבן מיר הינטער דעם

גראָבן גרינלעכן גלאָז פון דער וויטרינע דער־
זען פּיסטאָלעטן. דאָ האָט מען פאַרקויפט
געווער יעדן איינעם, אָן קיין שום דערלויבע־
ניש פון דער פּאָליציי. אין א קלייטל, וואָס
האַנדלט מיט טאַבאַק, פאַרקויפט זיך פראַנק
און פריי עמעסדיק געווער, מיט וועלכן דו
קאָנסט, לויט דיין ווילן, דערשיסן א מענטשן!
אין יעדן פון אונדז, ווען מיר האָבן פאַרלאָזט
דאָס טאַבאַק־קלייטל, האָט זיך אינערלעך
עפּעס געענדערט. די העלע פאַרב פון פּאַ־
ריזש, וועלכע ס'האָט ניט געקאָנט פאַרלעשן
דער גרויער איינגעגעסענער רעגן, האָט פאַר
איין קורצער רעגע אויסגעלאָשן אין אונדזע־
רע אויגן דאָס טאַבאַק־קלייטל, ווו צוזאַמען
מיט פּאַפּיראָסן און סיגאַרעטן פאַרקויפט זיך
פראַנק און פריי עמעסדיק געווער, מיט
וועלכן מע קאָן שיסן אין מענטשן...

באַם עפענען די טיר פון האָטעל האָט
אונדז שיר ניט אומגעוואָרפן פון די פיס,
אַראָפּקייקלענדיק זיך פון די טרעפּ, שאַראַ־
פּוטדין מאַמעדאָוו. אין דער האַנט האָט ער
געהאַלטן א פלעשל בראַנפן, א פאַרוויקלטס
ביז האַלב אין א צעקנייטשט דורכזיכטיק
פּאַפּיר.

— וואָס האָט געטראָפן, שאַראַפּוטדין?
וועמען קלייבסטו זיך עס מעכאַבעד זיין מיט
בראַנפן?

— האַ? — שאַראַפּוטדין האָט זיך צע־
הוסט, אָנגעכאַפּט זיך פאַרן האַלדז, געוואָרן
בלייכער פון דער וואַנט. איבערן פּאָנעם און
שטערן, ווי מע זאָל אים געווען אָפּגיסן מיט
קאַלט וואַסער, האָבן זיך געקייקלט גרויסע
טראָפּנס שווייס. א מינוט צוויי, אויב ניט
מער, האָט ער ניט געקאָנט אָפּשטעלן דעם
הוסט.

— צי דען ווידעראַמאָל באַבאַקין? —
האָט מיט א ביטערן שמייכל געפרעגט שי־
לאָוו. אים זיינען ניט אַף קיין קאַטאָוועס
דערעסן געוואָרן אָט די אַלע שפּיצלעך, און
ער וועט באַלד איינטיילן באַבאַקינען א ביי־
לעק. — עס האָט עפּעס ווידער פּאַסירט מיט
באַבאַקינען? — האָט שילאָוו האַרב איבערגע־
פרעגט.

דער הוסט, וואָס איז ווידער באַפאַלן
שאַראַפּוטדינען, האָט דאָס מאָל לאַנג ניט
געדויערט. אָפּגעקומען מיטן הוסט, האָט מאַ־
מעדאָוו זיך אויסגעגליכט און אויסגעווישט
מיט דער האַנט דעם שווייס פונעם פּאָנעם,
אַרויסרופנדיק מיטגעפיל צו זיך.

— ע... ע... — האָט מאַמעדאָוו שווער
אַרויסגעבראַכט מיט א פאַרהאַקטער שטים, —
ווען איך ווייס, אז ער איז אזא... אזא־אַ,
וואָלט איך זיך ניט איינגעשטעלט פאַר אים
אַפן פיגאַל־פּלאַץ.

— וואָס האָט דאָרט פונסניי שוין פּאַ־
סירט? — האָט געפרעגט שילאָוו.

— איך בין אים געבליבן שולדיק א
פראַנק.

— נו, איז וואָס?

— איך האָב אָבער ניט וואָס אים אָפּ־
צוגעבן. כ'האָב אויסגעגעבן דאָס גאַנצע
געלט, געבליבן אָן איין פראַנק. האָט ער זיך
צעשריִען אַף מיר, הימל עפן זיך. און אזוי
ווי בא מיר איז פאַרבליבן א פלעשל בראַנפן,
האָב איך זיך געלאָזט זוכן א קוינע, קעדיי
אומקערן באַבאַקינען דעם פראַנק.

— אוי, אוי, אוי, — שילאָוו האָט צע־
פירט מיט די הענט, — וואָס איז אזוינס א
פראַנק? אַף אונדזער געלט באַטרעפט עס
דאָך זעכצן מיט א האַלבער קאָפּעקעס. און
איבער אזא קאַפּיטאַל מאַכט מען עס א סקאַנ־
דאַל? נו, נו... — שילאָוו האָט א זוך געטאָן
בא זיך אין קעשענע, אַרויסגענומען פון דאָרט
עטלעכע מאַטבייעס און איבערגעציילט. —
דאָ האָסטו עטוואָס מער פון א פראַנק. —
ער האָט אויסגעשאָטן די מאַטבייעס שאַראַ־
פּוטדינען אין דער אויסגעשטרעקטער דלאָ־
ניע. — גיי גיב אים אַף דעם כויוו. און דאָס
פלעשל בראַנפן פאַרהיט. מירן עס אויסטרינ־
קען אינעם אַעראָפּלאַן לעקאָוועד אונדזער
אומקערן זיך בעשאָלעם אהיים...

שאַראַפּוטדין האָט צופרידן א שאָקל גע־
טאָן מיטן קאָפּ און אַרופגעלאָפן מיט די טרעפּ
אָפּצוגעבן דעם מענטשן מיט די אָראַנזשעווע
באַטן אַף די פיס דעם אַנטלייענעם פראַנק.

אין א שאָ אַרום זיינען מיר אוועקגעפאָרן
צום אַעראָפּאָרט „שאַרל דע גאָל".

— לייגט ניט קיין אַכט אַפן רעגן און
זייט ניט אומעטיק, — מיט די ווערטער האָט
זיך געווענדט צו אַלעמען אונדזער באַגליי־
טערן, די שוואַרצהאַריקע מאַדאַם מאַרי —
א פרוי מיט א דינער טאַליע און בלויע
אויגן, — אין פראַנקרייך איז אָנגענומען, אז
א רעגן איז א סימען פון גליק. כאָסן־קאַלע
פראַווען ספּעציעל זייער כאַסענע אין א רעגנ־
דיקן טאָג. אויב בייס דער כאַסענע גייט א
רעגן, הייסט עס, אז בא זיי וועט זיין א לאַנג
און גליקלעך צוזאַמענלעבן. אין אָט דעם דאָ־
זיקן סימען גלייבט מען בא אונדז אין פראַנק־
רייך פון קאַדמוינים אָן. שמייכלט, מיינע
ליבע פריינט, און וואַרפט אַרויס דורכן פענצ־
טערל פונעם אויטאָבוס א מאַטבייע. דאָס איז
א גאַראַנטיע, אז איר וועט ווידער זיין אין
פּאַריז.

די שווערקייט אַפן געמיט, מיט וועלכער
מיר האָבן פאַרלאָזט דאָס טאַבאַק־קלייטל,
האָט פון די דאָזיקע רייד זיך אָפּגעטאָן פון

אונדז, מיר האָבן אַלע געשמייכלט צו דער בלוי־אויגיקער פּאַריזשער פרוי און געוואָרפן דורכן פענצטערל פונעם אווטאָבוס מאַטבייעס: מיר געזעגענען זיך מיט דיר, פּאַריזש, נאָר מיר וועלן קומען נאָכאַמאָל!

די מאַדאַם מאַרי האָט יעדן פון אונדז געשענקט א מילדן שמייכל, בלויז דאָס פאַר־פאַלק באַבאַקין האָט זי פאַרזען. צי דען האָט באַבאַקין זיך אײַנגעגעסן מיט עפּעס אין די ביינער אויך דער מאַדאַם מאַרי? זי איז דאָך פאַרפליכטעט שענקען אַלעמען איר שמייכל. זי האָט ניט קיין רעכט עמעצן אויסמײַדן, וואָרעם די פירמע, וועלכע האָט זי געשיקט צו אונדז, קאָן דערפאַר זי שטרענג באַ־שטראָפן...

באַמערקט, אַז די באַגלייטערן מײַדט אים אויס, האָט באַבאַקין אַרויסרופעריש זיך אָפּ־געקערט צום פענצטערל, אַרויסגעשלעפּט פון דער קעשענע דעם מאָנאָקוליאַר און אים אָנגעשטעלט אַף די פאַרבײַשווימענדיקע הויכע רעקלאַמע־שילדן.

מיט א ברעג אויג האָב איך באַמערקט, ווי פון שילאָווס געזיכט איז פאַרשוווּנדן דער מילדער שמייכל, מיט וועלכן ס'האָט אים באַשאָנקען די מאַדאַם מאַרי. ער האָט צו־נויפגעפרעסט די ליפּן, ווי ער זאָל מוירע האָבן, אַז ער וועט זיך ניט קאָנען באַהערשן, און גופע דאָ אין אווטאָבוס מאַכן אַן אויסרייד באַבאַקינען.

אין אַעראָפּלאַן האָט מען אויסגעלײדיקט דאָס פלעשל בראַנפן, וואָס שאַראַפּוטדין האָט שיר ניט פאַרקויפט.

באַם פאַנאַנדערגיסן דעם בראַנפן אין די שיינע פירמענע גלעזלעך „אַעראָפלאָט” האָט באַבאַקין, פונקט ווי אינעם אווטאָבוס, זיך אָפּגעקערט און פאַנאַנדערגעקוקט אינעם אילומינאַטאָר די וואָלקנס אונטער אונדז. דעם מאָנאָקוליאַר און דאָס נאָטיץ־ביכעלע האָט ער דאָס מאָל פון קעשענע ניט אַרויס־גענומען — וואָס קאָן ער פאַרשרײַבן וועגן די וואָלקנס? האָט ער זיך נידעריקער אײַנגע־מאָסטעט אינעם פאָטעל און צוגעמאַכט די אויגן. אין זײַן גלעזל האָט מען קיין ווײַן ניט אָנגעגאָסן.

ייִדיש — ש. דאָנגאַר

סויונבײַ עראליִעוו,

פאָלקס־דיכטער פון קירגיזיע

איך וואַרט אַף מײַן בײַביטשע

כ׳וואַרט אַפן קרייצוועג באַלעבטן —
די בײַביטשע מײַנע דאַרף קומען.
עפּעס פאַרהאַלט זיך מײַן אַלטיטשקע
זייער אַ סאַך.
באַ מיר אין דער האַנט,
ווי אין יוגנט דער ווײַטער,
אײדעלע בלומען.
כ׳צייל די אַוטאָבוסן אָנגעשטרענגט —
כ׳בין אַף דער וואַך.

וועגן איר אָפּפאַר
מײַן בײַביטשע האָט מיר געגעבן צו וויסן,
דעריבער צערודערט איך שטיי
און איך קוק אַפן וועג.
כ׳צעשפּיליע דעם קאַלנער —
עס סמאַליעט די זון אינעם הימל פאַרביסן.
און ס׳פלאַטערט אַ ווינטל
אַף אַ פאַרסאַרפּעטן שטעג.

געווען איז דען אַנדערש די אופרעגונג
אין דער פאַרגאַנגענער יוגנט,
ווען וואַרטן מיר פלעגן
מיט אומרו, מיט אייפער, פאַרשמאַרצט?
אין נעכט אָן לעוואָנעס,
אין שנייען־זאַווייען און פרעסט,
ניט באַנוגנט,
געטיאַכקעט עס האָט
די דאָרשטיקע איימע
אין האַרץ.

די צײַט פון דער ליבע
דער הייסער
מיט גאָרניט דו וועסט פאַרגלײַכן,
נאָר ווער קאָן מיר זאָגן,
אַז זי איז אַוועק שוין, פאַרבײַ,
אַז ניט אַזוי פריש, ווי פריִער,
איר טיפקײַט אַצינד
מיך באַרײַכערט,
אַז באַ דער געוווינשאַפט
די אופשוווּנגען מײַנע איך ליַי?

וואָס קלעמט מיר דאָס האַרץ אַזוי איצטער,
הייב איך ניט אָן צו וויסן,
מײַן נעשאָמע ציטערט,
אָדער דאָס לײַב?
דערנעבן ניטאָ די בײַביטשע —
קריכט ניט אין מויל דער ביסן,
טאָמיד אָן איר
אַף דער וועלט
אָנמעכטיק כ׳פאַרבלײַב.

ווען אַף די אַקסלען
אָן איר
איז די איינזאַמקײַט שווערער געלעגן —
הײַנט, צי אַמאָל,
יונגערהייט,
צי שוין איצט, באַם פאַרגאַנג?
שטענדיק
מיט לויטערער פרייד
זי באַשײַנט מײַנע וועגן.
אַזוי זאָל עס דויערן אייביק —
כ׳פאַרלאַנג...

באַלד כ׳וועל באַגעגענען זי
און אַהיים באַ דער האַנט כ׳וועל זי פירן,
ווי באַנאַנד מיט דער זון,
מיט מײַן מאַלקע
גליקלעך כ׳וועל גיין...
אַלעמאָל זאָל מײַן בײַביטשע
אײדעלערהייט מיך באַצירן
מיט איר זעל,
מיט איר פּראַכט,
מיט איר מאַכט,
מיט איר כיין...

עס וויינט א פערד

א מינע פּלאַצט...
און ס׳טוט די קיך
אַף רעדער
צום הימל,
גראַגערנדיק, הויך א פלי.
באַגאָסן איז מיט בלוט פון שפּאַן דער לעדער.
און, הירזשענדיק,
דאָס פערד פאַלט אַף די קני.

איך זע —
עס איז זײַן גאַנצע לענד צעריסן,
די אויגן אויסגעגלאָצט
און צוגעמאַכט.
ער נייגט זיך צו דער ערד —
אים כ׳מוז דערשיסן.
נאָר מיט ראַכמאָנעס כ׳שטיי א ווײַל
פאַרטראַכט.

די ביקס אַראָפּגעלאָזט, איך זאָג צום כאַווער:
— לאָמיר צוואַרטן, ס׳איז דאָך א פרײַנט,
געשלעפּט ער האָט דעם שווערן וואָגן זשוואַווע
אין בלאָטעס און אין שנייען
ביסקל הײַנט.

שעלטנדיק די וועגן,
פאַר האַרמאַטן
סנאַריאַדן האָט ער אַרגטלעך געפירט,
און אַף צוריק
פאַרוווּנדעטע סאָלדאַטן
פון פעלד
אין מעדסאַנבאַט עוואַקוירט.

געזעגענען זיך
כ׳האָב זיך אָנגעבויגן
צום פערדס פאַרכאַלעשטן, נאָר שיינעם קאָפּ.
דערשיטערט כ׳זוער:
פון זײַנע מוטנע אויגן
גרויסע טרערן קײַקלען זיך אַראָפּ.

אין דער ליבער היים בא זיך ניט ווייניק
קאָלערליי כ׳האָב אויסגעריטן פערד,
אָבער אַז זיי זאָלן קאָנען וויינען —
קיינמאָל ניט געזען כ׳האָב, ניט געהערט!

כ׳טו א גלעט זײַן שיטערע טשופּרינקע,
נעם אַרום דעם האַלדז,
און טרעפן כ׳וויל,
וואָס באַוויינט מײַן פערד פאַרן אַהינקום?
וועלכער מאַטערט אים אַצינד געפיל?

עפּשער טראַכט ער וועגן יענע צײַטן,
ווען ער פלעגט מיט זאַרגלאָזן געהילך,
נאָך א לאָשעק,
צו דעם סאַמעטענעם אײַטער
צופאַלן —
און זויגן זשערנע מילך?

עפּשער וועגן ראַכוועס פון די גראָזן
קלערט ער אין דער פיבערדיקער שרעק?
ס׳איז ניט לײַכט די גרינע פרײַ פאַרלאָזן,
וואָס איז ווי א כאָלעם-גליק אַוועק.

ס׳האָט א זאַלפּ דעם גסיסע-זיפץ צעבראָכן:
א ציטער פון קודלאַטן קאָפּ,
און אויס...
ווײַט אַף מײַרעוו איז נאָך דער ניצאָכן —
מוזן די סאָלדאַטן גייך פאָרויס.

מיט מאזל און בראָכע

אַלע פייגל פלױען ווידער,
אי פון מיזרעך — טשאַטעס,
אי פון דאָרעם
קליינערווײַז זיי שוועבן מידע,
שטיל בא הויכע כמאַרעס אין די אָרעמס,
שווימען אָן פון ווײַטע קאַנטן
פײַן און שיין מיט בלויע הימל-וועגן
אַף די ראַכוועסן באַקאַנטע —
לײַכט איז דען אַף דעם זיך צו דערוועגן?
גרענעצן — אונטער די פליגל,
גרענעצלאָז אָבער — די פייגל-פרײַהײַט,
די צעפּראַלטע וועלט — עס איז איר וויגל,
אייגענע — די נאַכלעס נײַע.
שטעט און לענדער און מעדינעס
הינטער זיי פאַרבליבן ליגן זײַנען.
און צו קיינעם ניט קיין קינע,
ניט קיין מינדסטע נאָגנדיקע טײַנע.
יעדע טשאַטע איז א פרײַע,
קיינעמס ניט, ווי אָט דער הויכער הימל,
כ׳ווייס ניט פון קיין גרעסערער מעכײַע,
איידער זייער הילכיקער געווימל.

פליט זשע, פייגעלעך, מיט בראָכע
און מיט מאזל בויען דאָ די נעסטן,
גליקלעך זײַט אין אונדזער וואַלד
און האָט האַצלאָכע,
נעמט מיט זיך די ווונטשן בעסטע.

ייִדיש — ב. מאָגילנער

ריווקע רובין

דער אומבאקאנטער

ער זיצט אנטקעגן מיר באם ניִדעריקן טישל און טרינקט פון א קליין טעפּעלע שווארצע קאווע מיט קאָניאק. טרינקט ניט געײַלט, ווי דאָס טוען געוויינלעך גוט דערצויגענע מענטשן, אָדער אזעלכע, וואָס האָבן קיינמאָל אין דער פולער מאָס דעם טאַם פון הונגער ניט פארזוכט. די קוים מערקבארע שלוגען לאָזן איבער היפּשע פּאוזעס אף צו פירן א שמועס. ער איז א גאַסט. איך בין די באַלעבאָסטע. איך זע אים צום ערשטן מאָל אין לעבן. ניט לאַנג צוריק האָט ער איבער אמטלעכע איניאָנים באזוכט בודאפּעשט. מײַנער א באקאַנטער פון דאָרט האָט אים געבעטן אריינקומען צו מיר און איבערגעבן פון זײַנטוועגן א מאַטאָנע צו מײַן פּופּציקיאָריקן געבורטסטאָג — אַן אלבאָם פון די מערקווירדיקייטן פון בודאפּעשט. די מאַטאָנע איז מיר זייער צום הארצן, פּונקט ווי די שטאָט גופא, וואָס איז דאָ אָפּגעבילדעט אין פאָטאָגראפיעס. איך בין מויכל מײַן באקאַנטן זײַן טאָעס. ער האָט פארשפּעטיקט אף גאַנצע אָנדערהאַלבן יאָר. מיט דעם האָט ער דאָך מיך ניט עלטער געמאַכט, נאָר ייִנגער.

מײַן גאַסט, א הויכער, שטאַלטנער מאַן, איז א מענטש בא די זעכציקער. די האָר זײַנען בא אים געדיכטע און שווארצע. נאָר אין דער סאַמע מיט, לענגויס דעם גאַנצן קאָפּ, פון דעם שטערן ביזן נאַקן, ציט זיך א ברייטע, ווײַסע פּאַסמע. דאָס איז אזוי אומדערוואַרט, אז ווען ער טוט אויס די הוט, ווילט זיך פרעגן: „פונוואַנען?" די אויגן בא מײַן גאַסט זײַנען רויִקע, קלוגע. אָנגעטאָן איז ער מיט אַן אויסגעשפּראָכן אייראָפּעיִשער עלעגאַנץ, וואָס ווייסט דעם סאָד, וויאזוי ניט צו מעלדן וועגן זיך. וועגן אזא מענטש וועט זעלטן-ווער פארטראַכטן זיך, א וועלכער ער איז געווען אין דער יוגנט. ער איז ניט געווען. ער איז. איך זע פאַר זיך אַן אידעאַלן טיפּ פון א מאַנצבל. די ווײַסע פּאַסמע שטערט ניט. זי שטרײַכט עפּשער אפילע אונטער זײַן מענלעכקײַט. אין דער קעגנוואַרט פון דעם דאָזיקן מענטש וועקט זיך אין מיר אַלץ מער אוף די פרוי. נאָך מער, איך פיל, אז עס גיט זיך מיר איַין. ס'איז גאַנץ נאַטירלעך. קיין שום געמיינזאַמע פּראַקטיִשע טעטיקײַט, גײַסטיקע אינטערעסן זײַנען ניט בעקויעך צו צווינגען דעם מאַן פילן זיך ניט אַלס מאַן, און די פרוי — אַלס פרוי. צוויי מינים מענטשן, וואָס אין זייער קעסיידערדיקן לעכצן איינס נאָך איינס, פארבלײַבט יעדערער דאָך א וועלט פאַר זיך. ניט נאָר אין די יאָרן פון לעבנס-בלי איז אזוי, נאָר אויך אין דער קינדהײַט, נאָר אויך אין דער עלטער.

אויב מע זאָל גלייבן די בילדער אף ביבלישע סוזשעטן, איז אונדזער ענלעכקײַט אף אָדאָם און כאַווע ניט צו באשטרײַטן. נאָר פּונקט אזוי רופט ניט ארויס קיין סאָפעק די אַנדערשדיקײַט פון די צווייען. קאָלזמאַן אָבער זיי האָבן ניט פארזוכט פון דעם אייץ האַדאַאַס, האָבן זיי קיין אנונג ניט געהאַט ניט פון זייער ענלעכקײַט, ניט פון זייער אַנדערשדיקײַט. קוים אָבער פארזוכט, איז געקומען די קלאָרקײַט. יעדערער פון זיי האָט דערזען זיך. דאַן ערשט, דערזעענדיק זיך, „האָט אָדאָם באוווּסט כאַווען".

איינע מײַנע אַן אומפרײַנטלעכע פרײַנדין, וועלכע שטאָלצירט שטאַרק מיט איר טעווע זאָגן יעדערן „דעם עמעס אין די אויגן", האָט ניט לאַנג צוריק צוגעטראָגן מיר אזא „עמעס": „זעסט אויס גאַנץ נישקאָשע. פארקאָנסערווירט זיך". ניט געקוקט אפן בײַטאָם פון כויזעק האָבן אירע ווערטער ניט ווילנדיק באשטעטיקט דאָס, וואָס איך ווייס אָן איר — איך זע אינ-

דערעמעסן אויס ייִנגער, ווי איך בין. ווען מיר קומט אויס צו באַווײַזן זיך אין אַן אומבאַקאַנטער געזעלשאַפֿט צוזאַמען מיט מײַן עלטערן זון, נעמט מען אונדז ניט זעלטן אַן פּאָר א ברודער מיט א שוועסטער. נאָר דאָ אַנומלטן, האָט מיט מיר געטראָפֿן א קאַזוס, וואָס האָט מיך אַנגעלערנט ניט צו זײַן בא זיך אין דעם פּראַט צו טאַקיף.

איך גיי אין א רו־טאָג פֿון קראָם מיט די אײַנגעקויפֿטע פּראָדוקטן, דערפֿיל איך, עמעצער גייט מיר נאָך. די טריט האַלטן זיך ווי אַף אַן אָפּגעמאָסטענעם מעהאַלעך און דאָך גיבן זיי אָפּ פֿון זיך צו וויסן. באַם פֿאַרקערעווען אַפֿן ראָג פֿון גאַס האָבן די טריט מיטאַמאָל מיט מיר זיך אויסגעגלײַכט. אַן עלטערער מענטש, אָפֿן אויסזען א גאַנץ לײַטישער, נאָר אַן עטוואָס אָפּגעלאָזענער אינעם אָנטאָן, האָט זיך א זײַטל געטאָן אַף מײַן פּאָנעם:

— איר וווינט אויך אַף דער גאַס?

איך:

— יאָ.

— איר וווינט צוזאַמען מיט די קינדער?

איך:

— ניין.

א כאָכעם דער אַלטער. וועגן דעם, צי ווין איך צוזאַמען מיט מײַן מאַן האָט ער ניט געפֿרעגט. ער האָט זיך אַליין אָנגעשטויסן, אַז קיין מאַן האָב איך ניט. אָפֿן שטערן איז עס בא מיר אָנגעשריבן, צי וואָס? און אַז ייִנגער בין איך פֿון אים ניט מער, ווי אַף א יאָר פֿופֿצן, איז צו אים אויך דערגאַנגען. ס'איז לעכערלעך, נאָר א מין ביטערניש האָט זיך פֿאַרגאַנוועט אין האַרצן, „ווי אָנגעמאָסטן", טראַכט ער מיסטאַמע בא זיך. איז דער פֿאַרדראָס טיפֿער, ווי פֿון מײַן פֿרײַנדנס צווייפּלהאַפֿטן קאָמפּלימענט.

און דער אַלטער, אָנעמענדיק זיך ענדגילטיק מיט מוט:

— גראַזשדאַנאָטשקאַ, איינער א מענטש איז געבליבן אַן אַלמען. אײַך אינטערעסירט עס ניט?

א וועלכן שטעל איך זיך פֿאָר מײַן הײַנטיקן גאַסט ווייס איך ניט. א מענטש א רויִקער, וועלכן, ווי ס'ווײַזט אויס, עס גייט אין לעבן, מיסטאַמע איז ער עס ווערט, טיילט זיך מיט מיר מיט די אײַנדרוקן פֿון זײַן נעסיִע. ער פֿלײַסט זיך אופֿלעבן אין מײַן זיקאָרן די ערטער, וועלכע איך האָב מיט עטלעכע יאָר צוריק אַליין באַזוכט. א צי טוענדיק פֿונעם טעפּעלע, אין וועלכן די קאַווע קומט ווי ניט אָפּ, לויבט ער די שיינקײַטן פֿון בודאַפּעשט, פֿונוואַנען, אַגעוו, ווי עס דערגייט צו מיר פֿון דעם ווײַטערדיקן שמועס, ער אַליין שטאַמט. דאָרט געענדיקט די גימנאַזיע. ביז דער מילכאָמע געלעבט מיט די עלטערן.

אומגעריכט האָבן ווי דער פֿײַף פֿון א בײַטש אַרײַנגעריסן זיך אין אונדזערע רייד ווערטער, וועלכע האָבן אַף קיין שום אופֿן ניט געבונדן זיך מיט דעם, וועגן וואָס מיר האָבן גערעדט מיט עטלעכע מינוט פֿריִער:

— צו זיבעצן יאָר בין איך אַרײַנגעפֿאַלן אין מײַדאַנעק.

א שטילן שלונג געטאָן צום לעצט פֿון דעם טעפּעלע קאַווע, האָט מײַן גאַסט אויסגעגלײַכט זיך אין דעם פֿאָטעל, אַף וועלכן ער איז געזעסן, און געבעטן א דערלויבעניש צו פֿאַררייכערן. פֿאַרצויגן זיך א דרײַ־פֿיר מאָל, א טונק געטאָן דעם ניט־דערייכערטן סיגאַרעט אינעם אשבעכער, עטוואָס אָפּגעשוויגן. דערנאָך, אַן וועלכע־ניט־איז קענטלעכע עמאָציעס, מיט זײַן רויִקן, געשטעלטן קאָל דערציילט מיר, ווי אַרויסגעריסן פֿון דער מיט, אזא מין געשיכטע:

— אין באַראַק איז אַרײַן א דײַטשישער אָפֿיצער. אַן עלעקטראָמאָנטיאָר איז אים נייטיק געווען. איך האָב געמאַכט א טראָט פֿאָרויס. אַן עלעקטראָמאָנטיאָר איז געווען מײַן פֿאָטער, ניט איך. איך פֿלעג זיך דרייען לעבן אים, אמאָל אפֿילע צוהעלפֿן און עפּעס־וואָס דערבײַ געלערנט. אָט דאָס האָט באַשטימט מײַן גוירל. אונטער דער באַגלייטונג פֿון א וואַכמאַן בין איך אַוועק אין קאָמענדאַטור. בייס דער אַרבעט האָט דער וואַכמאַן מער מיט זשעסטן, ווי מיט ווערטער, כאָטש דײַטש האָב איך גערעדט פֿרײַ (ווער האָט אין דעם פֿאַרמילכאָמעדיקן בודאַפּעשט ניט גערעדט קיין דײַטש?), מיר געגעבן אָנצוהערן וועגן דער מעגלעכקײַט צו אַנטלויפֿן פֿון לאַגער. וואָס האָב איך שוין געהאַט צו פֿאַרלירן? און דאָך פֿון מײַן זײַט ניט יאָ, ניט ניין. א קנופּ האָט זיך אָבער פֿאַרקניפּט. וואָס ווײַטער, אַלץ שטײַפֿער. די פֿלייטע פֿון לאַגער איז צו שטאַנד געקומען. פֿינף און צוואַנציק מאַן זײַנען מיר אַנטלאָפֿן.

דערקליבן זיך שפּעט באַנאַכט צו א וואַלד, האָבן מיר אָנגעטראָפֿן אַף א העל ברענענדיקן שײַטער. מיר האָבן זיך פֿאַרטײַעט הינטער די קוסטעס. דער פֿלאַם פֿונעם שײַטער האָט

ארויסגעריסן פון דער פינצטערניש עטלעכע זעלנערישע קעסעלער, אונטערגעשטעלטע, ווײַזט אויס, אונטער דעם פאַרהילטן פון אונדז קאָכלעפל. מע זופּט, מע לאַכט, מע רעדט זיך איבער. קיין ווערטער האָבן מיר ניט אויפגעכאַפּט. אָבער אַז ניט קיין דײַטשיש לאָשן קלינגט דאָרטן, באַם שײַטער, האָט קיין סאָפעק ניט ארויסגערופן. דאָס האָט אונדז עטוואָס אויפגעמונטערט. אויב אַף דער פּוילישער ערד זיצן אין וואַלד מיליטערלײַט (אַ סימען — די קעסעלער) ניט קיין דײַטשן, הייסט עס, אַז זיי זײַנען קעגן די דײַטשן. אַזוי האָט זיך געלייגט אַפן סייכל. איז עפּשער וועט מען אויך אונדז עפּעס געבן? דער רייעך פונעם הייסן געקעכטס האָט פאַרטונקלט די מויכעס, נאָר צוגיין נעענטער האָבן מיר זיך ניט געקאָנט באַשליסן. ענג טוליענדיק זיך איינער צום אַנדערן, זײַנען מיר געזעסן פונדערווײַטן און געוואַרט...

באַם שײַטער האָבן זיך גענומען באַוועגן שאָטנס. עפּעס האָט מען דאָרט געשלעפּט, ווי פאַרוקט אין זעק און אָפּגעשטעלט אין אַ זײַט. ס׳האָט אויסגעזען, ווי עפּעס פאַרשפּרייט מען אויך אַף דער ערד, מע גרייט זיך צום נאַכטלעגער. פּינקטלעך, וויאַזוי די זאַך איז צוגעגאַנגען ווײַטער, וועט שוין קיינער ניט דערציילן. סײַדן עמעצער פון די, וואָס באַם שײַטער, וועט זיך נאָך אָפּזוכן צווישן די לעבעדיקע און אַ זעמדעלע געוויסן אָדער אַ באַרג שרעק וועט פון אים ארויסריידן.

הינטער די קוסטעס בין איך געזעסן אין דער ריי דער לעצטער. באַ מײַן זײַט — אַן עלטערער ייִד. „מע דאַרף זוכן אַ דאָרף. די וועלן ניט געבן‟, — האָט ער מיר אַ שעפּטשע געטאָן אַפן אויער. אָנגענומען באַם אָרבל און אַוועקגעפירט נאָך זיך. אין דער פינצטערניש, אין דעם אָנגעשטרענגטן וואַרטן האָט מיסטאַמע אונדזער ניט ווערן קיינער ניט באַמערקט.

אומגעקערט האָבן מיר זיך מיטן טאָג גלײַך, דער עלטערער ייִד און איך. אומגעקערט זיך מיט ברויט. ס׳וואָלט געסטײַעט פאַר אַלעמען. די צוויי פרויען, וועלכע מיר האָבן געטראָפן אין דער דאָרפישער שטוב, וווּהין ס׳האָט אונדז פאַרטראָגן, האָבן מיט קיין לעפל געקעכטס אונדז ניט מעכײַע געווען, אַפילע אַ קוואָרט וואַסער ניט פאַרגעלייגט. אָנגעוויזן אַף אַ באַנק אין קיך, מיר זאָלן וואַרטן, און געקומען מיט ברויט. ארופגעוואָרפן די טאָרבעס אונדז אַף די אַקסלען און אונטערגעשטופּט, מיר זאָלן וואָס גיכער פאַרשווינדן פון דאָרף.

פאַרשווונדן. דערקליבן זיך צום וואַלד. ניט קיין שײַטער, ניט קיין מיליטערלײַט. אַף דער ערד האָבן מיר אָנגעציילט דרײַ און צוואַנציק טויטע קערפּערס. פון אונדזערע, פון די, וואָס הינטער די קוסטעס, אין זייערע לאַגער-קליידער. אייניקע פון זיי האָבן מיר נאָך באַוויזן צו פאַרמאַכן די אויגן. נאָך צוויי קערפּערס האָבן זיך געוואַלגערט אַף דער ערד. מיט סימאָנים פון דערשטיקונג אַף די העלדזער. ווײַזט אויס, עמעצן פון אונדזערע האָט זיך אײַנגעגעבן ארומצוכאַפּן זיי פון הינטן מיט די הוילע הענט. צי זײַנען די דערשטיקטע געווען מיליטערישע אָדער ציווילע, ווייס איך ניט. זיי זײַנען געווען נאַקעט. די בגאָדים און מיסטאַמע אויך געווער האָבן זייערע רויב-שותּפים ניט געלאָזט פאַרפאַלן ווערן. מיר האָבן זיך ווידער געלאָזן אין וועג. ווידער זאַלבעצוויט. די טאָרבעס ברויט פאַרוואָרפן אַף די אַקסלען.

— באַ אײַך איז אַזוי געמיטלעך, — האָט איבערגעריסן זיך אַליין מײַן גאַסט, — ער האָט אַ פיר געטאָן מיטן בליק איבערן צימער און צוגעגעבן: — איז עפּשער גאָר אַן אוולע פון מײַן זײַט, וואָס איך דערצייל עס אײַך. אַף מילכאָמע האָט איר ניט געקאָנט זײַן, צו יונג, און אַ פרוי, איז דאָך אײַך שווער צו פאָרשטעלן זיך ניט נאָר די האַריגע, נאָר אַפילע אונדזער פאַרלאָזן זיי, די דרײַ און צוואַנציק האַרוגים, ניט געבראַכטע צו קווורע, בלוט-נאָענטע מענטשן. ווי האָבן מיר דאָס געקאָנט — קיין צוויי ווערטער צווישן זיך ניט אויסגערעדט, די טאָרבעס אַף די פּלייצעס און... אין וועג.

— איר האָט אַ טאָעס. איך שטעל זיך פאָר, — האָב איך אומגעריכט פאַר זיך אַליין דערווידערט. — די האַרוגים? ניין, דאָס איז אומעגלעך... וועגן זיי וועל איך, פּונקט ווי איר מיט אײַער מיטגייער, מיט אײַך ניט ריידן. דאָ איז שוין אַלץ אָפּגערעדט. אײַך צווייען שטעל איך זיך פאָר. ווער עס לעבט — לעבט. און וויל לעבן. ס׳קאָן זײַן, אַז מיט דעם, וואָס ער לעבט, פּילט ער אויס אַ הייליקע שליכעס... פון יענע... — איך האָב זיך אָפּגעהאַקט. מײַנע ווערטער האָבן מיר אויסגעזען מאָדנע נאַקעט. פונוואַנען האָט זיך גאָר צו מיר גענומען די האָזע אים צו טרייסטן? אַז געוואָלט האָב איך שווײַגן און הערן, אַלץ הערן זײַנע אײַנגעהאַלטענע שפּאָרעוודיקע רייד, זײַן באַהערשטן קאָל. דער ראַכמאָנעס אָבער צו די פאַריאָסעמטע, צו די וואָגלענדיקע, צו דעם ייִנגל און דעם עלטערן ייִד האָט ארויסגעריסן באַ מיר, ווידער אומדערוואַרט, אַזאַ מין וואָכעדיק-ווײַבערשע קאַשע:

— אפֿן וועג פֿון דאָרף האָט איר כאָטש איבערגעביסן? איר האָט דאָך געהאַט ברויט.

מײַן גאַסט האָט מיך אָנגעקוקט פֿאַרוווּנדערט און אַ קוים מערקבאַרער שמייכל, יאָ, אַ שמייכל האָט זיך באַוויזן אויף זײַנע ליפּן:

— טשיקאַווע. דאָס זעלבע אָן ערך האָט בײַ מיר מײַן פֿרוי געפֿרעגט, ווען מיר האָבן זיך ערשט באַקאַנט. זי איז נאָך קיין צוואַנציק ניט אַלט געווען. איצט ערשט פֿינף און פֿערציק. און איך האָב נאָך פֿון זיך דעם שינעל ניט אויסגעטאָן. איר ווייסט, — האָט ער זיך געכאַפּט, — אויסער מײַן פֿרוי און איצט אײַך, האָב איך וועגן מײַדאַנעק און נאָך מײַדאַנעק בכלל קיינעם ניט דערציילט. ניט רעכענענדיק אָפֿיציעלע אינסטיטוציעס, פֿאַרשטייט זיך. איר האָט געפֿרעגט... ניין, מיר האָבן ניט איבערגעביסן. גייענדיק פֿון דאָרף, האָבן מיר מורא געהאַט צו פֿאַרשפּעטיקן אין וואַלד, און טאַקע, ווי איר ווייסט, פֿאַרשפּעטיקט. און פֿון וואַלד... האָבן מיר איבערגעביסן ערשט אַפּדערנאַכט, בײַס, דאָ לויפֿנדיק, דאָ פֿײַזענדיק, האָבן מיר זיך דערקלייבן צו ניט זייער קיין זיכערער באַהעלטעניש. עטלעכע אויף אויסווייניק פֿאַרגעדענקטע אַריענטירן האָבן מיר געהאַט. דער ערשטער איז געווען טאַקע יענער וואַלד, פֿון דאָרט האָט אונדזער גרופּע געזאָלט צעפֿאַלן ווערן, לאָזן זיך אין פֿאַרשיידענע ריכטונגען. ס'איז געווען צוגעגרייט. מע האָט אויף אונדז געוואַרט. איצט איז פֿאַר אונדז, פֿאַר די צוויי

לעבן געבליבענע, קיין איין ריכטונג ניט געווען, ווײַל מיר האָבן ניט געוווּסט, וווהין זײַנען אוועק די מערדער.

— די מערדער... ווער האָבן דאָס געקאָנט זײַן? — האָב איך שטיל געפרעגט.

— ווער זײַנען זיי געווען? די פּסולעס פון דער מילכאָמע. אין דעם בין איך קימאַט, ווי זיכער. אַן ערעוורא, אַ צונויפקומעניש פון בעסטיעס, מעגלעך אפילע פון ניט לאַנג צוריק קעגנשטייענדיקע פײַנטלעכע כאַיאָלעס. דעזערטירן. מאַראָדיאָרן. באַראַבעווען געפאַלענע אפן שלאַכטפעלד, אפילע פאַרווונדעטע, וואַרפן זיך אָף פרויען און קינדער אין די פאַרוואָרלאָזטע דערפער, נעמען צו דאָס לעצטע. ניט איינער פון זיי האָפט מיטן רויב אַריבערפעקלען זיך אָף יענער זײַט פון אַ וועלכער-ניט-איז גרענעץ. זיי פילן אָבער קעסיידער די ניטזיכערקײַט פון דעם באָדן אונטער די פיס. אַניאָגנדיק שרעק און אליין געיאָגטע פון שרעק, דולדן זיי ניט קיין ניכטערקײַט. קעסיידער אין אַ צושטאַנד פון שיקרעס. זאָל זײַן פון בראַנפן. זאָל זײַן פון בלוט. און דאָ... מענטשן — סקעלעטן. דערצו פון מײַדאַנעק... ווען דעם האָבן זיך געקאָנט אָנשטויסן אפילע שיקערע קעפּ.

— פּסולעס פון דער מילכאָמע... ווען פירן פאַלן אָן אָף איינעם אינמיטן העלן טאָג אָף אַ ברייטער שטאָטישער גאַס, יוירט ביז איצט אין דעם בלוט פון די יונגע באַנדיטן די זערע פון מילכאָמע. ניט עמעס?

— געוויס. איר האָט געזאָגט, איר שטעלט אײַך פאָר אונדז צווייען, מיך און דעם, וואָס האָט מיך פון וואַלד אַרויסגעפירט...

— יאָ, נאָך גאָר אַ ייִנגל און אַן עלטערער ייִד...

— אַן עלטערער ייִד? אַזוי האָב איך אײַך אים פאָרגעשטעלט? — ער האָט זיך אַ ווײַלע פאַרטראַכט: — איך ווייס דען? עפּשער איז אים געווען פופציק און עפּשער פינף און צוואַנציק... אונדזערע יאָרן האָט מען געקירצט, ניט ציילנדיק. מיר זײַנען געגאַנגען אינצווייען. די זעק אָף אונדזערע פּלייצעס זײַנען אַלץ מאָגערער געוואָרן. ער איז געשטאָרבן פון הונגער, מײַן מיטגייער. געווען איז ער שטאַרקער פון מיר. און מוטיקער אויך. און אָט, ניט אויסגעהאַלטן. עמעס, ער איז פאַר מײַדאַנעק געווען פאַרווונדעט, לויט זײַנע ווערטער, לײַכט. ווו, וויאַזוי ווייס איך ניט. ווען נאָך צוויי מעסלעס דערציט ער, וואָלטן מיר זיך צוזאַמען צוגעשלאָגן צו דעם געגאַרטן ברעג. דאַן וואָלט איך, קאָן זײַן, אפילע זײַן עלטער זיך דערוווּסט. און שפּעטער, אפן נירענבערגער פּראָצעס, וואָלט ער צוזאַמען מיט מיר אַן איידעס געווען. און אַ פיל וויכטיקערער. ער איז אין מײַדאַנעק אַרײַנגעפאַלן פריִער פון מיר און מער פאַרשטאַנען אַוואַדע. פון יענע פינף און צוואַנציק אַנטלאָפענע בין איך איינער געבליבן. געבאָרן געוואָרן, ווײַזט אויס, אין אַ העמדל. אַ מוצלעך בין איך. איך לעב. איך אַרבעט אָף אַ ריזיקן זאַוואָד. אין מאָסקווע. פאָר אויך אין קאָמאַנדירונגען, אָף סימפּאָזיומס. ניט זעלטן אין אויסלאַנד. וווהין קום איך פון מײַנע נעסיִעס? ס'טרעפט, אַז גלײַך אפן זאַוואָד. מײַן אַרבעט האָב איך ליב. דאָס איז דאָך שוין אַן און פאַר זיך אַ האַצלאָכע. נו, און אויב ניט אפן זאַוואָד, ווער איך פריִער פון אַלעמען געווירע מײַן פרוי. זי האָט אַ מאַן און צוויי קינדער. אַלע אין איר שטוב זײַנען מיך גערן.

איך זיץ אָן לאָשן. איך קוק אפן דינעם רויכל פון דעם פאַרדריקטן צווישן צוויי פינגער ניט-דערייכערטן סיגאַרעט און האַלט זיך קוים אײַן ניט צו פרעגן: „ווו איז אײַער היים, מײַן פרײַנט?"

ער טרייסלט אָפּ דעם אַש פון דעם סיגאַרעט, פאַרציט זיך טיף און רעדט ווײַטער:

— די פרוי האָט מיך פאַרלאָזן מיט צען יאָר צוריק, און איך האָב איר קיין קרום וואָרט ניט געזאָגט. פאַרקערט, איך האָב זי געזשאַלעוועט. זי האָט דאָך אים ניט ליב, דעם, אָף וועמען זי האָט מיך פאַרביטן. נאָר אַנדערש האָט ניט געקאָנט זײַן. צו אים האָב איך אויך גאָרנישט. ער איז אַ ווויִלער מענטש. מיר זײַנען מיט אים, קאָן מען זאָגן, אפילע באַפרײַנדעט. זי? איר פאַרשטייט, זי איז קוידעמקאָל אַ פרוי, שטענדיק און אומעטום, צי וועט זי פּיאַנע שפּילן, צי וועט זי דעם וועג ברוקירן. אַזאַ פרוי מוז האָבן קינדער. איצטער זײַנען זיי בײַ איר דאָ.

אָף אַ רעגע האָט זיך עפּעס געענדערט אין דעם פּאָנעם פון מײַן גאַסט. ער האָט מיך אָנגעקוקט מיט אַ צעדולטן בליק, ווי ער וואָלט זיך אַליין פאַרווונדערט, צוליב וואָס דערציילט ער עס מיר, אַ פרעמדן, אומבאַקאַנטן מענטשן. ער איז געבליבן שטיל, ווי אַרײַנקוקנדיק אין זיך און טאַקע ווי נאָר פאַר זיך אַליין געפונען דעם באַשייד:

— און איך? קיין קינדער זײַנען בײַ אונדז ניט געווען. וואָס פאַר אַ טײַנעס קאָן איך האָבן? מײַדאַנעק גייט מיר נאָך.

מער ווי א יאָר איז אַדורך, זינט דעם באַזוך פון דעם אומבאַקאַנטן. דער וועטער איז געווען א טריבער. האַרבסט. אומהיימלעכע נאָיאַבער-טעג, ווי פאַרפּעסטיקטע אין דער דייגע צו האַלטן זיך אייביק. יעדן פרימאָרגן זײַנען אַף יענער זײַט פענצטער געפאַלן פון הימל פאַרמלאַזע הויפנס שניי, ווי צעדרויבלטע וואַטע, נאָר אין דרויסן האָבן די פיס געזונקען אין א טונקעלער צעפּאַרענער קאַשע.

ס'איז געווען אַזייגער אכט אין אָוונט. איך האָב געאײַלט אַהיים, אויסגליטשנדיק זיך פון צײַט צו צײַט אין מײַנע שטיוול אַף די צו הויכע און צו דינע קנאַפל, ניט לויטן סעזאָן. ס'איז מיר געווען קיל, מאָמענטנווײַז האָט די מיט פײַכטקײַט אָנגעזאַפּטע לופט געמאַכט מיך אַפילע עטוואָס אופציטערן. די גאַס האָט אויסגעזען גרוי, צי פון דעם שלעכטן וועטער, צי אין באַטראַכט פון דעם דאָזיקן וועטער האָט זי געמעגט זײַן בעסער באַלויכטן. פיגורן האָבן זיך געטראָגן הין און הער. און מיטאַמאָל האָבן זיך פאַר מיר קלאָר געגומען אויסטיילן טריט, וועלכע זײַנען פאַראַקשנט, ווי אַף אַן אַפּגעמאָסטענעם מעהאַלעך, מיר נאָכגעגאַנגען. וואָס פאַר אַן אָנשיקעניש? ווידער „אײַך אינטערעסירט עס ניט?". איך האָב זיך שאַרף אויסגעדרייט און איבער מײַן קליינעם גרין-ברוינעם שירעם איז געבליבן הענגען דער קופּאָל פון א שוואַרצן מענערשן זאַנט-אוטאָמאַט.

אין א געקעסטלטן האַרבסט-מאַנטל פון ראַיעלן שטאָף, אין א ווייכער הוט אַפן קאָפּ איז אַנטקעגן מיר געשטאַנען יענער, וואָס האָט העכער מיט א יאָר צוריק מיר געבראַכט א גרוס און א מאַטאַנע פון בודאַפּעשט. ער מיך האָט ניט באַלד דערקענט, כאָטש די שירעמס אונדזערע האָבן זיך באַגעגנט בא דעם סאַמע אַרײַנגאַנג אין הויז, ווו איך וווין. פאַריבל האָבן איז געווען ניט שײַער. געזען האָט ער מיך בא מיר אין שטוב, אין א לײַכטן קלייד, מיט א ניט-צוגעדעקטן קאָפּ. איצט, אין דעם טונקעלן דרויסן, אין אַנגעטאָנענע אין א געשטעפּטער וואַסער-אָפּשטויסנדיקער קורטקע, דעם קאָפּ אַרומגעוויקלט מיט א וואָלענער שאַל, איז נאַ-טירלעך, אַז ער האָט מיך ניט דערקענט. ער איז מיר טאַקע נאָכגעגאַנגען, נאָר איך בין פאַר אים געווען ניט „איך". א כימערע איז ער נאָכגעגאַנגען, א געשפּענסט פון א פרוי, סטאַם א פרוי. נאָר אַלציינס. ווען ער טוט זיך איצט פון מיר מיט ביטלדיקן ראַכמאָנעס א קער אָפּ: „ניין, ניין, טײַערינקע, גיי דיר דײַן וועג", וואָלט איך ניט אוועק. ניט געמײַעסט זיך אַפילע אַליין זיך לאָזן דערקענען. איך בין געשטאַנען, ווי צוגעשמידט צום אָרט: „נאָך א רעגע און ער פאַרשווינדט. איך וועל אים מער קיינמאָל ניט זען".

און דאָ, צווישן די ווירבלדיקע פאַרמלאָזע שטיקער וואַטע, וואָס זײַנען אַראָפּגערונען פון אונדזערע שירעמס, קעדיי צו פאַרוואַנדלט ווערן אונטער די טריט אין א גליטשיקער קאַשע, האָב איך דערזען אַף זײַן פּאָנעם א שמייכל.

— א גוטן-אָוונט! — האָט ער ווייך א זאָג געטאָן און רויִק גענומען אַראָפּציִען די הענטשקע פון דער רעכטער האַנט.

— א גוטן-אָוונט! — האָב איך געענטפערט אויך ווי ווײַט מעגלעך באַהערשט.

צו מיר זײַנען ניט דערגאַנגען זײַנע עטלעכע אומבאַדינגטע העפלעכע פראַזעס, וועלכע ס'איז ניט אויסצומײַדן בייס א צופעליקער באַגעגעניש. אין מײַן מויעך האָט זיך ווידער דורכגעטראָגן: „איך וועל אים מער קיינמאָל ניט זען". און נאָך: „ווען ער האָט פאַר מיר אויסגעלייגט דאָס סאַמע אינטימע וועגן זיך, וואָס מע דערציילט ניט דעם נאָענטסטן פרײַנט, ווײַל עס האָט אים געשטיקט, ער האָט געמוזט פאַר עמעצן זיך אויסריידן, האָט ער שוין דאַן געוווּסט, אַז מער וועלן מיר זיך קיינמאָל ניט זען. אַניט וואָלט ער ניט געקאָנט... מײַן מאָרך האָט געפיבערט, און דאָס מויל האָט אַרויסגעבראַכט אַפן סאַמע נאַטירלעכן אויפן:

— עפשער וועט איר אַרײַנקומען צו מיר? אין אַזאַ „גוטן-אָוונט" איז א טעפּעלע הייסע קאַווע ניט איבעריק.

ער האָט געעפנט די דרויסן-טיר און שווײַגנדיק דורכגעלאָזט מיך פאָרויס, פונקט אַזוי שווײַגנדיק האָט ער געעפנט פאַר מיר דעם ליפט. אין די געציילטע רעגעס, אין וועלכע דער ליפט איז געשווומען אַף אַרויף, האָבן פאַר מײַנע אויגן א שווועב געטאָן, ווי אין כאָלעם, נעפּלהאַפטע קאָנטורן פון מענטשן, צונויפגעפּרעסטע אין א קופּקע אַף דער הוילער ערד. מענטשן מיט אָפּגעמעקטע געזיכט-שטריכן, בלויז די קינבאַקן סטאַרטשען. אינדערווײַט — דער אָפּשײַן פון א שײַטער אַף זשוואַווע טונקעלע שאָטנס. שאָטנס פון געגעם. איך האָב זיך מיט דער פלייצע צוגעשפּאַרט צו דעם ווענטל פון ליפט, ווײַל אַט, האָב איך געפילט, פאַל איך.

א בליק פון א פּאָר קלוגע אויגן אויף מײַן פּנים. און ווידער, ווי אין חלום, האָט זיך צו מיר דערטראָגן אן אײדל באַהערשט קול, וועלכן ס'איז מיר אויסגעפאַלן צו הערן נאָר טעלעכע שאַ אין איינעם אן אָוונט:

— א שווערער טאָג, ווײַזט אויס, געווען בײַ אײַך הײַנט. און די פײַכטקייט אין דער לופט... אין דער וואַרעם וועט איר זיך דערפילן בעסער.

זאָל איך אים זאָגן, אז דער קוואַטש אין דרויסן מונטערט ניט באַזונדערס? נאָר דער שווערער טאָג... ער האָט זיך אָנגעהויבן אָט ערשט, אין אָוונט, ווען איבער מײַן קאָפּ האָט זיך אויסגעשפּרייט דער קופּאָל פון זײַן שירעם?

— איך פיל זיך שוין בעסער, — ענטפער איך האָפּערדיק אַזוי אויף זײַן מיטגעפיל. — אין דער וואַרעם וועט אַלץ דורכגיין.

נאָך טעלעכע רעגעס, און אָט בין איך אין דער וואַרעם. ניט נאָר וואַרעם איז מיר, נאָר אויך געמיטלעך. בײַם נידעריקן טישל זיצט בײַ מיר, ווי מיט איבער א יאָר צוריק, א ווילדערצויגענער, עלעגאַנטער מאַן און טרינקט שוואַרצע קאַווע מיט קאָניאַק, קוים אָנרירנדיק מיט די ליפּן דאָס פּאָרצעלײַענע טעפּעלע.

צום פאַרבײַסן נעמט ער נאָר א מאַראַנץ. טעלעכע פּיר מיטן פרוכט־מעסער איבערן הײַטל, און אויף זײַן אָפענער דלאָניע באַזעצט זיך אן אָראַנזש־פאַרביקע קווייט מיט פאַנאַנדערגענומענע בלעטעלעך. ער טראָגט זי צו מיר אויפן טעלערל. נעמט פאַנאַנדער פאַר זיך די בלעטעלעך פון א צווייטער. מיסטאָמע האָב איך דאָס גאָר געדאַרפט טאָן, די באַלעבאָסטע. נאָר בײַ מיר וואָלטן דען אַזוי שיין פאַנאַנדערגענומען זיך די בלעטעלעך, קיין איינע זאָל ניט אָפּפאַלן, און אַזוי ניט גערירט און כיינעוודיק זאָל אַרויסקוקן פונעם סאַמע אינווייניק דאָס האַרץ פון דער קווייט — די פרוכט.

איך האָב שוין לאַנג אַזוי רויִק ניט פאַרבראַכט אן אָוונט. אַרויסגעכאַפּט זיך פון דער קלעם פון צײַט. וואָס מער מיר יאָגן זיך נאָך איר, אַלץ מער כאַפּט זי אונדז בײַם גאָרגל. ווי פאַר וועמען, נאָר פאַר מיר איז לעצטנס געוואָרן אומדערטרעגלעך די אייביקע באַשעפטיקטקייט סײַ מײַנע, סײַ יענעמס. קומט אַרײַן א מענטש גלאַט אַזוי, צוגאַסט, ער וויל אָפּכאַפּן דעם אָטעם, ווייס איך אָבער פאָרויס, אז אומבאַדינגט וועט קומען א מאָמענט, ווען ער וועט בעטן א דערלויבעניש ערגעץ אָנקלינגען אין טעלעפאָן, ווײַל ס'איז „זייער נייטיק". דער דאָזיקער „זייער נייטיק" טראָגט אים דאָסראָוו באַלד פון מיר אַוועק. ווי נאָר ער פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר, עקזיסטיר איך פאַר אים שוין בכלל ניט. פּונקט ווי, דעם עמעס זאָגנדיק, ער פאַר מיר. מײַן האַנט ציט זיך שוין אויך צום טעלעפאָן. ס'איז מיר אויך „זייער נייטיק" מײַנע זין? זיי האָבן שוין ביידע מישפּחות. און יעדער מישפּחה לעבט באַזונדער פאַר זיך. איך לעב אויך באַזונדער. מער ניט, וואָס אן א מישפּחה. איינע אַליין. מײַן מאַן איז פון מיר אַוועק, ווי מע פאַרלאָזט א נומער אין האָטעל. צוניפגעלייגט דעם טשעמאָדאַן, און אַוועק. נאָר דעם אייגענעם אָנטאָן גענומען. קיין איין זאַך פון שטוב. דעם שליסל אפילע איבערגעלאָזט, ווי סע פירט זיך אין א האָטעל. מער ניט, וואָס ניט בײַ דער קאָרידאָרנע, נאָר אויפן טיש. די טיר פאַרמאַכט אוטאָמאַטיש פון יענער זײַט. אויסערן שליסל, האָב איך נאָך א צעטעלע געפונען אויפן טיש. אן א ווענדונג און אן א חתימע: „דו ווייסט גאַנץ גוט, אז קיין חרטה האָב איך קיינמאָל ניט. איידער איך נעם אן אַוועלכן־ניט־איז באַשלוס, באַטראַכט איך די זאַך פון אַלע זײַטן פריִער". יאָ, כ'האָב גוט געוווּסט, אז דאָס געפיל פון חרטה איז מײַן מאַן פרעמד, כ'האָב אָבער אויך געוווּסט, אז ער איז פעיִק אויף גרויסמוטיקייט, ניט איין מאָל אין דעם זיך איבערצײַגט. האָט די דאָזיקע מײַלע מעגלעך געמאַכט, איך זאָל זיך מיט דער צײַט צוגעווינען צו דולדן זײַן קיינמאָל ניט חרטה האָבן, די זיכערקייט אין דעם, אז ער איז שטענדיק גערעכט. און איך האָב דאָך אים ליב געהאַט. ליב געהאַט ניט נאָר ווי דעם פאָטער פון מײַנע קינדער. און געדוכט האָט זיך מיר, אז ער אויך אַזוי. אַלנפאַלס, אויף א מעסער צווישן די לאַפּעטקעס האָב איך זיך ניט גערעכט. די ערשטע צײַט האָב איך זיך אַפילע ניט געפּרוּווט דערוויסן, צי האָט ער מיך אין עפּעס חושד געווען, צי איז ער אַליין אַוועק צו אן אַנדער פרוי. דעם אויפן, וויאַזוי ער איז אַוועק, ווייסט ניט קיין איינער פון מײַנע, פון זײַנע, פון אונדזערע געמיינזאַמע פרײַנט, אונדזערע זין אויך ניט. איך בין ווי זיכער, אז קימאַט יעדערער וואָלט געווען אויף מײַן צד. אָבער... די מערדערשאַפט קאָן איך ניט מוחל זײַן, נאָר פאַרמיִעסן מײַן געוויזענעם מאַן וויל איך אויך ניט. מײַן עלטערער זון האָט ניט לאַנג צוריק געפונען פאַר נייטיק מיר צו וויסן געבן, אז ער האָט א קליין ברודערל...

יאָ, איך האָב שוין לאַנג אַזוי רויִק ניט פאַרבראַכט אן אָוונט, ווי הײַנט, די צײַט זאָל פליסן אין א געמיטלעכן שמועס. ניט נאָר אויף דער אַרבעט, נאָר אויך בײַס די באַגעגענישן

מיט די קינדער, וואַרפן זיך אָן זאָרגן קלענערע און גרעסערע, קעסיידער דאַרף מען עפעס דערליידיקן, און וואָס גיכער, איז בעסער. אָט, באַגעגענען דאָס נײַ־יאָר פאַר איך געוויינלעך אין אַ גוטן געמיט. אין דער דאָזיקער נאַכט טרעף איך זיך מיט אַלע מײַניקע באַם עלטערן זון. אים האָט אָפגעגליקט. זײַן דירע איז אַ גערואמע און אַ באַקוועמע. קומען אויסער מישפאָכע נאָך געסט, מיט וועלכע מע אַרבעט צוזאַמען. מיט וועלכע מע האָט זיך געלערנט צוזאַמען. מע איז גוט אויפגעלייגט. די יונגע פענעמער זײַנען אויפגעלעבט, מע טרינקט, מע פאַרבײַסט, מע לאָזט זיך ווילגיין. עס פאַרבינדט זיך אויך אַן ערנסטער שמועס, אַפילע אַ וויקועך, וואָס ווערט אומדערוואַרט איבערגעריסן דורך אַ וויץ, אַן אַנעקדאָט אָפן צווייטן עק טיש. עס צעשפילט זיך דער מאַגניטאָפאָן און מע לאָזט זיך אין אַ טאַנץ. אין דער נײַ־יאָר־נאַכט סטײַעט צײַט אויף אַלץ. איך קאָן זיך אָבער ניט באַפרײַען פון דעם געפיל, אַז אַפילע טאַנצנדיק, און עפשער דוכט זיך עס מיר, אײַלן זיך דאָ אַלע. אײַלן פאַרשאַפן זיך פאַרגעניגן. דאָס נייגן זיך הין און הער אָן אַ סיידער, שטריקנדיק מיט די הענט ספיראַלן, דאָס קאָפשווינדלענדיקע פאַרדרייען דעם פאַרטניאָר און אויך זיך אין אַ שרויף, דאָס בעריעדיקע שלאָגן מיט די אָפצאַסן אינעם דיל — דאָס אַלץ איז אומגעדולד. אום יעדן פרײַז צעפלעכטן זיך, אַרײַנוואַרפן דעם אייגענעם גוף אין אַ פלאַמיקן וויכער און, באַפרײַטע, אומגעצווונגען אָפרוען. יאָגנדיק זיך אין טאַנץ, אָפרוען פון דער קעסיידערדיקער טאָגטעגלעכער יאָגעניש. איך האָב עס שוין עטלעכע מאָל אויסגעפרווט אויף זיך, טאַקע באַ מײַן זון אין שטוב. ווען אַלע טאַנצן, שטיי איך אויך ניט אָן אַ זײַט.

א געמיטלעכער שמועס קומט אויף צווישן צוויי ווייניק־באַקאַנטע מענטשן סראָוו, ווען יעדערער פון זיי איז צו אַזוינעם געווינט. יעדערער פון זיי באַזיצט די קונסט פון ריידן און הערן. די דאָזיקע קונסט קאָן זײַן אַ ריין רעפלעקטיווע, אַן אויסגעאַרבעטע אַלס מוז אין גאַנג פון לעבן. זי קאָן זײַן אויך אַן אײַנגעבאָרענע אייגנשאַפט. ווען אָבער אַ מענטש לייגט זיך אויס אין שמועס ביז לעצט און ווייסט ווען אָפצושטעלן זיך, קעדיי צו לאָזן אָפן דעם וועג פאַרן צווייטן, — דאָס איז שוין אַן אַנדער מאַדרייגע. די מאַדרייגע פון געבן און נעמען. נאָענטקײַט.

ווען אונדזער אַרבעט ריידן מיר ניט. איך און מײַן ווייניק־באַקאַנטער גאַסט. זײַן פאַך ווייס איך אַפילע ניט אַקוראַט, נאָר די טעמעס נעמען זיך באַ אונדז ניט אויס. מיר הערן איינער דעם אַנדערן מיט אַלע אייוורים און רייד אַליין עפשער אַ ביסל צופיל. אין די מינוטן, ווען איך מי זיך צו פאַרשלאָגן יענע ווערטער, וועלכע רײַסן זיך פון מיר, מיט אַנדערע, ניט איקערדיקע. פאַרוואָס, אייגנטלעך, דאַרף איך זיי פאַרשלאָגן? אָט האָט ער דאָך מיר פאַרטרויט באַלד, באַ דער ערשטער באַקאַנטשאַפט, אַזוינס, וואָס ניט יעדן נאָענטן פאַרטרויט מען. אַ נאָענטן ניט, אַ ווײַטן — יאָ. וועגן דעם שליסל, וועגן דעם צעטעלע אָפן טיש אָן אַ ווענדונג און אָן אַ כסימע, קיינער ווייסט ניט פון זיי, נאָר אָט דעם מענטשן, וואָס זיצט אַנטקעגן מיר, וועל איך, איך מוז אים וועגן דעם דערציילן, ווי אַ נאָענטן, צי אַ ווײַטן? זע איך אָבער ניט אויף זײַן פאָנעם די גרייטקײַט, וואָס איז אים אַזוי אייגנטימלעך, אויסצוהערן יענעם. אַ שווײַגנדיקער, הערט ער זיך צו צו זיך. ווערט פון מיר אָפגעטאָן דער ווילן צו ווײַזן אים דעם מעסער, וואָס סטאַרטשעט שוין דרײַ יאָר צווישן מײַנע לאָפעטקעס. אַזאַ שטילקײַט אין צימער. עפעס מוז דאָ געשען.

דער שוואַרצער קאָפ האָר מיט דער גראָווער פאַסמע אינמיטן, איך קאָן פון אים די אויגן ניט אָפרײַסן. אַן אומגעצוימטער פאַרלאַנג קומט אין מיר אויף אַרומצונעמען דעם דאָזיקן שיינעם מענערשן קאָפ, מיט דער גרעסטער צערטלעכקײַט צודריקן צו זיך. טוט זיך אַ צי אַ דין רויכל פון אַ סיגאַרעט און אַנטקעגן מיר, ווײַט פון מיר, זיצט שוין ווידער אַ פרעמדער, מײַן אימבאַקאַנטער באַקאַנטער. ער פאַרציט זיך טיפער. זײַנע אויגן קוקן זיך אין מיר אײַן דורכן רויך, פונקט ווי מיט עטלעכע שאָ צוריק אויף דער גאַס דורכן פאַלנדיקן פון הימל פוילן שניי.

— איר ווייסט, — גיט ער אַ זאָג, — איר זײַט אויף איר ענלעך.

— אויף וועמען? — גיב איך זיך אַ צאַפל.

— אויף מײַן פרוי, יענץ מאָל האָב איך עס ניט באַמערקט.

איך דערפיל אַ קעלט אונטערן האַרצן. איך ווער אײַנגעשרומפן פון קאָפ ביז די פיס, ווי ס'וואָלט זיך אויף מיר מיטאַמאָל אַרופגעוואַלגערט אַ באַרג מיט יאָרן.

און ער:

— מיך, זעט איר, האָט מען הײַנט אַ צווייטן מאָל פאַרלאָזט. געהייסן מער ניט קומען. אויף דער עלטער האָט איר מאַן גענומען זי צו מיר אייפערן. איך האָב צו אים גאָרנישט. ער

פֿילט דאָך, אַז זי האָט אים ניט ליב. אַזוי איז עפּשער בעסער פֿאַר אַלעמען. זי וועט זיך סאַפּקאַלסאַף צוגעוווינען. קינדער...

„מיך האָט מען הײַנט אויך אַ צווייטן מאָל פֿאַרלאָזט", — רײַסט זיך פֿון מיר אַ געשריי. מײַן אומבאַקאַנטער באַקאַנטער, מיט וועלכן איך האָב אַזוי היימיש פֿאַרבראַכט דעם הײַנטיקן אָוונט, הערט אים ניט. מײַן געשריי רײַסט זיך ניט דורך דורך זײַן אייגענער פּלאָג.

אומרו

פֿאַראַיאָרן איז דאָס געווען. אָנהייב אויגוסט. איך האָב געוווינט הינטער מאָסקווע. ס'האָט זיך מיר געמאַכט צו דינגען אַ צימערל, טאַקע אַ קליינס, נאָר מיט אַלע שטאָטישע באַקוועמלעכקײַטן. און אויף אַן אומבאַגרענעצטער צײַט. איך קאָן דאָרט לעבן, וויפֿל דאָס האַרץ גלוסט. און איינע אַליין. די באַלעבאַטים זײַנען אַוועקגעפֿאָרן אין אַ לאַנגדויערנדיקער קאָמאַנדירונג. לעב איך זיך רויִק אין דעם קליינעם געדונגען צימערל. אייגנטלעך, איז די גאַנצע דירע אין מײַן רעשוס, נאָר צו וואָס דאַרף איך זי. איך זוך ניט מיט קיינעם קיין באַגעגענישן. איך לעב דאָ אין געוווּנטשענער איינזאַמקײַט. קיינער ווענדט מיך ניט אָפּ.

קומט אַ טאָג, וואָס מאַכט צוניש אַלע מײַלעס פֿון מײַן געדונגען צימערל, אָט יענער טאָג, וועגן וועלכן איך דערצייל דאָ. טאַקע אַלע שטאָטישע באַקוועמלעכקײַטן, נאָר איינע פֿעלט — ניטאָ קיין טעלעפֿאָן. ס'וואָלט געווען ניט ערגער, ווען איך זאָג, אַז דער דאָזיקער חיסאָרן האָט מיר ניט געפּיקט אין מויעד פֿון אָנהייב אָן. ס'איז נאָך דאָ צײַט, נאָר ניט טראַכטן וועגן דעם, אַז אַ נײַ נעפּעשל דאַרף זיך באַווײַזן אין מײַן מישפּאָכע, קאָן איך זיך ניט צווינגען. הײַנט ווי קומט מען אויס אָן אַ טעלעפֿאָן אין אַזעלכע אומשטענדן?

דאַכט זיך, וואָס... דרײַסיק-פֿערציק קילאָמעטער הינטער מאָסקווע, פֿון מאָסקווע גופֿע איז שוין אָפּגערעדט, פֿעלן ניט קיין טעלעפֿאָן-אויטאָמאַטן. זיי זײַנען גרייט צוטראָגן יעדע נייטיקע ידיִע, אין וועלכן טאָג סע זאָל ניט זײַן און ווער עס זאָל זיך ניט נייטיקן אין זייער פֿאַרמיטלונג. איך בין, פֿאַרשטייט זיך, ניט קיין אויסנאַם. דאַרף זיך מאַכן אַזוי, אַז אַלע אויטאָמאַטן, אַזעלכע ווילדע יונגען, דאַכט זיך, זיי זײַנען קעסיידער גרייט אונדז צו דינען, פֿאַרפֿירן מיט מיר אַ מין כויזעק-שפּיל: „אין בײַדל אַרײַן, פֿון בײַדל אַרויס". פּוסטע גענג.

ביז יענעם טאָג האָב איך זיך שוין געהאַט צוגעפּאַסט צו דער איינציקער אומבאַקוועמלעכקײַט פֿון מײַן צײַטווײַליקער וווינונג. יעדן פֿרימאָרגן, איידער איך זעץ זיך צום שרײַבטיש, שטאַט איך אָפּ אַ וויזיט דעם נאָענטסטן אויטאָמאַט. אַלס קלאַל, איז אין די פֿריִע שאָען קיין ריי ניטאָ. קלינג איך אָן מײַן טאָכטער. דעם דאָזיקן קלונג רופֿן מיר בײדע אָן — דער פֿרימאָרגן-סיגנאַל. די טאָכטער וואַרט אויף אים. דערנאָך, אויב ס'וועט איר צושפּילן דער מאַזל, — מע דאַרף גאָרנישט ניט קויפֿן, דער מיטיק שטייט פֿון נעכטן אין אײַזקעלטער, פֿון רעדאַקציע קלינגט מען ניט, וועט זי זיך זעצן צום שרײַבטיש. אונדז איז בײדן גוט. רויִק אויף דער נעשאָמע. דער פֿרימאָרגן-סיגנאַל האָט אָנגעזאָגט, אַז סײַ בײַ מיר, סײַ בײַ איר איז אַלץ אין אָרדענונג. מיר זײַנען מענטשן פֿון איין פֿאַך. אויף אונדזערע טישן, בײַ איר אין מאָסקווע, בײַ מיר אין פּערעדעלקינאָ, ווײַסט זיך אַ בויגן פּאַפּיר. מיר גיבן זיך אים גערן אונטער. מיר לאָזן זיך פֿון אים באַצווינגען.

איך גיי אַרויס, ווי געוויינלעך, צום אויטאָמאַט. איך קלינג. איין מאָל און אַ צווייט מאָל. קיינער ענטפֿערט ניט. צום דריטן מאָל קערט זיך די מאַטבייע צו מיר ניט אום. נאָר אַנשטאָט דער טאָכטערס קאָל באַקום איך אַ... „ניט אַהין געטראָפֿן". נו, דאָס איז צו דערלײַדן. קונצן פֿון דער טעלעפֿאָן-נעץ. דריי איך אויס דעם נומער פֿון מײַן אייניקלס טעלעפֿאָן. זײַן פֿרוי איז אין אורלויב, דאַרף זי אַלפּי סייכל אין אַזאַ פֿריִער שאָ זײַן אינדערהיים. דער טעלעפֿאָן גיט אַרויס פֿון זיך אַ צעצויגענעם טו-טו-טו. געטראָפֿן, הייסט עס, אַהין, ווו מע דאַרף. נאָר קיין מענטשלעך קאָל איז ניטאָ. קלינג איך צו מײַן איידעם אויף דער אַרבעט. אַכט אינדערפֿרי איז ער שוין געוויינלעך אויף אַן אָרט. עס ענטפֿערט מיר אַ פֿרויען-שטים: „איך האָב אים הײַנט נאָך ניט געזען". „וואָס הייסט, ניט געזען?" — פֿרעג איך צעטומלט. „ס'קאָן זײַן, ער איז גלײַך פֿון דער היים אַוועקגעפֿאָרן אויף אַ וועלכן-ניט-איז אָביעקט. איר ווילט אים עפּעס איבערגעבן, וועל איך פֿאַרשרײַבן". „אַ דאַנק", — ענטפֿער איך און הענג

אויף דאָס טרײַבל. כ׳וואָלט גערן איבערגעגעבן דעם אײדעם, ער זאָל מיר אָנקלינגען. איז וווּהין?

און אַפּהעגנטיקע, קער איך זיך אום אין מײַן געדונגען צימערל. עס איז פאַר די עט-לעכע מינוט, וואָס איך בין דאָ ניט געווען, ווי נאָך קלענער געוואָרן. און פרעמדער אויך. אַז צו וואָס טויג ער מיר ביכלאַל? בעסער וואָלט איך איצט געווען אינדערהיים, וואָלט איך ניט געדאַרפט ברעכן זיך דעם קאָפּ, ווו זײַנען זיי עס, מײַנע?

נאָך די אַלע ניט געלונגענע קלונגען בלײַבט מיר דערוויַל נאַר איינס: צוזעצן זיך צום טיש און קוקן אויפן בלויען ציפערבלאַט פון מײַן וועק-זייגער מיט די היפּשע ווײַסע ציפערן. פאַר מײַן געשלאָגענער ריִע איז דער דאָזיקער זייגער אַן אַנטיקל. איך שייד זיך ניט מיט אים סײַ אינדערהיים, סײַ אין דער פרעמד. ער שטייט קעסיידער פאַר מײַנע אויגן אויפן טיש.

איך קוק אויפן זייגער. איך וואַרט אויף דער רעגע, ווען דער קליינער ווײַזער וועט זיך אָפּשטעלן אויף צען און דער גרויסער אויף צוועלף. צען אַזייגער, ווי מיר דוכט, קאָן איך זיך שוין דערלויבן אָנצוקלינגען מײַן טאָכטערס שכיינע, מיט וועלכער זי איז באַזונדערס נאָענט. עמעס, מיר איז באַקאַנט יענערס געוווינהײַט צו אַרבעטן ביז שפּעט אין דער נאַכט, אָבער צען אַזייגער איז זי שוין מיסטאָמע וואַך.

צען. איך לאָז זיך ווידער צום אויטאָמאַט. אויף יעדן פאַל גיב איך אַ קלונג דער טאָכטער. אַ קלונג דעם אייניקל. טו-טו-טו. דאַן ערשט קלינג איך אָן מײַן טאָכטערס שכיינע. זאָגט זי מיר, און איך פיל, אַז עס קאָסט איר מי צו ריידן רויק:

— נעכטן איינס באַנאַכט, איך בין שוין געלעגן אין בעט, האָב איך ניט באַוויזן אַרויסצוגיין, האָב איך געהערט, דאַכט זיך, אײַערע ריידן באַם ליפט. אינדערפרי האָב איך אָנגעקלונגען אין טיר, קיינער ענטפערט ניט. די ליפטאָרשע זאָגט, אַז זיי זײַנען אַוועקגעפאָרן צו די יונגע.

— צו די יונגע אַוועקגעפאָרן? ס׳איז דאָך נאָך ניט צײַט. ערשט אַכט כאָדאָשים, — זאָג איך אַרויס מײַן טײַנע פאַר דער שכיינע, פּונקט ווי זי וואָלט דאָ געווען אין עפּעס שולדיק.

— ס׳מאַכט ניט אויס, — באַרויִקט זי מיך, — עס טרעפט איצט גאַנץ אָפט, און די דאָקטוירים גיבן זיך אַן אײַצע... און וועגן דער אַנגינע זאָלט איר גאָר ניט טראַכטן. איך בין זיכער, אַז ס׳איז גאָר ניט קיין סטרעפּטאָקאָקאָווע. אײַנגעשמועסט זיך. די טעמפּעראַטור איז נעכטן געווען 37. איר דאַרפט זיך ניט באַאומרויִקן. ס׳וועט זײַן רעכט...

— אַ דאַנק, אַ גוטן. — איך טיטשע מיטן טעלעפאָן-טרײַבל ניט אַהין, ווו מע דאַרף... עפּשער איז עס גאָר געבליבן הענגען, ווי קיינעם וואָלט עס שוין ניט נייטיק געווען. אַניט, פאַרוואָס וואָלטן מענטשן געקוקט אויף מיר, ווי אויף אַ צעדולטער. אין זייערע פּענעמער קאָן מען איבערלייענען אַ מין טשיקאַוועסט, ווי אויסער דעם אַוועקגעוואָרפענעם טרײַבל וואָלטן זיי פון מיר דערוואַרט נאָך עפּעס אַ קונץ-שטיק.

און אַנגינע גאָר. אַ סטרעפּטאָקאָקאָווע. נאָר דאָס האָט געפעלט. מײַן טאָכטער... גוואַלד, וואָס טוט זי עס מיט מיר? לויט איר סייכל איז פאַר מיר אַזוי בעסער. ווי האָט זי עס געקאָנט פון מיר אַזוינס אויסבאַהאַלטן? ווי כ׳וואָלט געווען אַן אומזיניק ווײַזן. קעסיידער אַזוי. זי שאָנעוועט מײַן עלטער. עס מאַכט זיך, זי האַלט עס אַליין ניט אויס, ווײַל זי איז געוווינט מיט מיר צו טיילן זיך. טראָגט זי מיר צו דאָס ניט געשמאַקע, וואָס זי האָט פון מיר אויסבאַהאַלטן, דאַפקע צו נאַכט-צו. און דאַן ערשט, ווו קומט ער אַהין מײַן אויסגעפּרוּווטער מוט, די אויסגעיִבטע אין מעשעדער פון יאָרן, ווען אין דעם האַניק פון לעבן האָט ניט זעלטן געטריפט אַי ביטערס, אַי זויערס.

אַרויס פונעם בײַדל מיט דער פּעסטער דייע צו לאָזן זיך שוין אין מאָסקווע, באַגעגן איך אַ גאַנצן דרײַלינג פונעם שרײַבער-הויז, וואָס געפינט זיך דאָ נאָענט. אַלטע באַקאַנטע. מע קאָן זאָגן פרײַנט. צוויי פרויען און איין מאַנצבל. דער מאַנצבל דערציילט עפּעס, מיסטאָמע אַן אַנעקדאָט, ער איז אַ בעריע אויף אַנעקדאָטן, און די פרויען לאַכן. דערזען מיך, בלײַבן אַלע דרײַ שטיין. „וואָס איז מיט אײַך? איר פילט זיך ניט גוט?“ — פרעגט דאַפקע דער בעריע אויף אַנעקדאָטן. ווײַזט זיך אַרויס, אַז עס איז מיר געווען ביז בלוט נייטיק, אַ לעבעדיקער מענטש זאָל מיך פרעגן „וואָס איז מיט אײַך?“ בעטעווע בין איך ניט קיין אײַבעריקס באַרעדעוודיקע און אַנבינדן יענעם מײַנע זאָרגן בין איך אויך ניט געניגט. נאָר דאָ האָב איך אין איין אָטעם אויסגעלייגט פאַר די דרײַ מענטשן, אַבי זיי זײַנען געניגט מיך צו הערן, וואָס עס איז געשען און וואָס איך האָב איבערגעטראַכט פאַר די עטלעכע שאָ, זינט איך האָב זיך אָופגעהויבן פון געלעגער. אַלע דרײַ פלײַסן זיך מיר צו דערווײַזן, אַז

אומזיסט יאָג איך אָן אף זיך אזא פאכעד. אייגנטלעך, איז דאָך גאָרנישט ניט באוווּסט. און וועגן די ניסים פון דער הײַנטצײַטיקער מעדיצין ריידן זיי. איך האָב ניט פון וואָס צו זײַן אומרויִק. זיי אייצענען מיר טראכטן וועגן דעם אייגענעם געזונט, וועט זײַן בעסער פאר אלעמען. ענלעכס צו דעם האָט דאָך מיר געזאָגט מײַן טאָכטערס שכיינע. האָבן אירע ווערטער דורכן טרײַבל אויסגעזען צו וואָכעדיק. און דאָ — לעבעדיקע פענעמער, פולע מיט פארשטאנד און מיטלײַד. דערגייט צו מיר דער סקארבאָווער נוסעך. וויאזוי אנדערש קאָן מען מיט מיר איצט ריידן? א צעפּאָרן שרײַפעלע אין מיר האָט זיך געניטיקט אין דער האנט פון א געניטן באלמעלאָכע. א דריי און פארפעסטיקט, ווו מע דארף. אָט דאָס האָבן, זאָל זײַן ניט אף לאנג, אָפגעטאָן מײַנע צופעליק באגעגנטע פרײַנט.

מיט א לײַכטן טראָט, — זע נאָר, די פיס דינען מיר, — הייב איך זיך אוף אפן צווייטן שטאָק, נעם מײַן האנט-בײַטל מיט די עטלעכע רובל, לאָז איבער האק און פאק און... צו דער טיר. פאלט מײַן בליק אף די עטלעכע פארשריבענע זײַטלעך אפן טיש. דריי איך זיי צונויף אין א טרײַבל און פארוק אויך אין דעם האנט-בײַטל. נו, און איצט צו דער באן.

איך מאך עטלעכע טריט און עס וואקסט פאר מיר ווידער אויס דער טעלעפאָן-אווטאָמאט, דער נאָענטסטער צו מײַן וווינונג. „פאָר געזונט און זאָל דיר דינען די האצלאָכע", — שרײַט ארײַן אינעם טרײַבל אן עלטערע פרוי. גוט. זי האָט זיך שוין געזעגנט, זי האָט שוין אירס אָפגערעדט. איך פארלויף דעם וועג דעם יונגנמאן, וואָס שטייט דערנעבן מיט א גרייטער מאטבייע צווישן צוויי פינגער. עס שטייט זיך אים ניט. פון אומגעדולד טרעט ער איבער מיט די פיס, ווי ער וואָלט זיך געקליבן טאנצן. „צוויי מינוט, — זאָג איך צום יונגנמאן, — אלציינס וועט מיר קיינער ניט ענטפערן". דער „אלציינס וועט מיר קיינער ניט ענטפערן" ווירקט. דער וועג איז אָפן.

וויפל מאָל האָב איך יענעם טאָג געקלונגען. איך האָב זיך בעשום-אויפן ניט געקאָנט צווינגען דורכצוגיין אזוי-אָ, מיט גאָרנישט פארבײַ א טעלעפאָן-אווטאָמאט. אראָפגעלאָזן די מאטבייע, אָנשטאָט א לעבעדיקן קאָל באקומען די מאטבייע צוריק, קעדיי אין עטלעכע מינוט ארום ווידער צו קלינגען אין דער פוסטקײַט. איך גלייב זיך אליין ניט, נאָר אזוי איז עס: קיין איין מאָל האָט אין יענעם טאָג ניט געטראָפן, עמעצער זאָל מיר ניט אָפטרעטן די ריי באם טעלעפאָן. צי האָט מײַן פּאָנעם גערעדט פאר מיר, צי מײַן אונטערבאוווסטזיניק אײַנגעכאזערטער נוסעך „צוויי מינוט, אלציינס וועט מיר קיינער ניט ענטפערן" — דאָס ווייס איך ניט. פארוואָס האָב איך אזוי פאראקשנט יעדערן צוגעטראָגן די דאָזיקע צוויי מינוט (צוויי!). אין דעם איז מיסטאָמע געווען פארבאָרגן די האָפענונג אף אן ענטפער. אף ניט צו באקומען קיין ענטפער איז פולקום גענוג איין מינוט. אפילע א האלבע. דרײַסיק רעגעס, א-אָ! אין דרײַסיק רעגעס קאָן מען אויסהויכן די נעשאָמע.

די באן ברענגט מיך אפן קיִעווער וואָקזאל. דאָס ערשטע, וואָס איך דערזע, — טעלעפאָן-אווטאָמאטן. איין קאבינע איז פרײַ. נו, קלינג איך. אוואדע קלינג איך. נאָר וואָס איז די פולע?..

אהיים, נאָר אהיים. עפשער ליגט דאָרט פאר מיר א צעטעלע? עפשער ווייסן עפעס די שכיינים? באם ארויסגאנג פון מעטראָ שטעלן זיך פאר מיר ווידער אויס „אין פרונט" קאבינעס. א סאך זײַנען זיי דאָ. נאָר אלע פארנומען. אָנגעשטרענגטע רוקנס, די קעפ ווי צוגעוואקסן צום טרײַבל, ניט צו פארלירן א וואָרט; קאָנווולסיוו רירעוודיקע רוקנס, די אקסלען גייען אזש אוף און אָפ, באוועגטע ווער ווייסט פון וואָסערע אימפולסן. אויך פענעמער זעען זיך — טריבע, אָדער פריידיק אופגעלויכטענע, ניט צום אווטאָמאט געווענדטע, נאָר צו דער באגלאָזטער טיר פון דער קאבינע... א געמיש פון קוילעס. א מין אָנגעלאָף... זאָל איך ווידער לאָזן אין גאנג מײַן „אלציינס וועט מיר קיינער ניט ענטפערן"? איצטיקס מאָל, פיל איך, וועט זיך דאָס בא מיר ניט באקומען. די, וואָס ווארטן אין דער ריי, וועלן מיך ניט דורכלאָזן פאָרויס. אף צו בעטן מענטשן טאָן אײַך א געפעליקײַט, פאָדערט זיך אויך ענערגיע. און איך בין ביז גאָר אויסגעשעפט. און אז מע זאָל מיר שוין יאָ אָפטרעטן די ריי, קאָן איך זיך גאָר ניט פארשטעלן, וויאזוי וועל איך עס אראָפלאָזן אין שפאלט די מאטבייע, צוטראָגן צום אויער דאָס טרײַבל, זיבן מאָל א דריי טאָן דעם דיסק... און דעריקער, איך ווייס דאָך, אז די מאטבייע וועט מיט אזעס א פלי טאָן צו מיר צוריק. איך קאָן זיי שוין מער ניט אָנקוקן, די אווטאָמאטן, וואָס שטייען, ווי איסטוקאנעס אף מײַן וועג. צו דער היים איז ניט מער, ווי א פינף מינוט גאנג. דאָרט וועל איך קלינגען לעכאָלהאָפאָכעס זיצנדיק.

איך וווין מיט דער טאָכטער אין איין הויז. גיי איך פריִער ארײַן צו איר. עפשער איז זי שוין גאָר אינדערהיים? איך עפן די טיר מיט מײַן אייגענעם שליסל. א מין טונקלקײַט אין די צימערן. טאקע איבער איר, איבער דער זון, איז אזוי טונקל אין מײַן טאָכטערס צי-

מער. אױף אַלע װענט הענגען דאָ בילדער. אפילע אין קאָרידאָר. איר פּאָטערס, מײַן מאַנס בילדער. קעדײַ צו מינערן די װירקונג אױף זײ פֿון דער זון־שײַן, זײַנען די פֿענצטער און די באַגלאַזטע לאָדזשיעס פֿאַרהאַנגען מיט דיקע פֿאָרהאַנגען. זײַנען הײַנט די פֿאָרהאַנגען אַזױ פֿאַרבליבן פֿון באַנאַכט, אָדער, פֿאַרלאָזנדיק גאַנצפֿרי דאָס הױז, האָבן מײַן טאָכטער, צי דער אײניקל זײ פֿאַרצױגן? פֿאַר מיר איז דאָס זײער װיכטיק. האָבן זײ געגעכטיקט אינדערהײם און אױך װעגן די פֿאָרהאַנגען ניט פֿאַרגעסן, איז אַ סימן... פֿון װאָס אַ סימן? איך דערקען ניט מײַן טאָכטערס שטוב. יעדער כײפֿעץ שטײט פֿאַרטײַעט אין זיך, װי ער װאָלט אױסבאַהאַלטן פֿון מיר אַ סאָד. איך קוק זיך אַרום. איך זוך אַלץ סימאָנים... מײַן בליק פֿאַלט אױפֿן פּאָרטרעט פֿונעם מינסקער ײִנגעלע מיטן ברײטן דאַשעק איבערן שטערן. דאָס היטל, װײַזט אױס, איז דעם טאַטנס... איבער דער טונקלקײט אינעם צימער פֿאַלט אױף דעם גרױען פּערל־מוטער־קאָליר אַ קױם מערקבאַרער בלױלעכער אָפּשײַן. עפּשער דערפֿאַר אַנטשטײט פֿאַר מיר דאָס טרױעריק פֿאַרטראַכט ײִנגל, אַ ביז בלוט באַקאַנטער, אױף עפּעס אַ נײַעם אױפֿן. די פֿולע קינדערשע ליפּן, װי אױסדריקלעך זײ זײַנען. זײ לעכצן צו געניסן פֿון לעבן. עס נעמט מיך אַרום אַ נאָגנדיקע בענקשאַפֿט נאָך דעם, װעלכע האָט דאָס ײִנגעלע געמאָלט. איך דערזע אים אין דעם פּאָרטרעט. אין אַלע מינסקער ײִנגעלעך, װעלכע ער האָט געמאָלט, דערקען איך אים.

איך גײ שטיל אַרױס פֿון מײַן טאָכטערס שטוב. דריק אָן אײנס נאָך אײנס אױף די עלעקטרישע קנעפּלעך בײַ דרײַ טירן. קײנער באַװײַזט זיך ניט. ס'איז זומער דערװײַל. װער זיצט איצטער אין שטוב? איך הײב זיך אױף צו זיך. בײַ מיר איז אױך טונקל, אױך פֿאַרהאַנגען די פֿענצטער און די באַגלאָזטע טיר פֿון דער לאָדזשיע. בילדער אױף די װענט. אױף אײנעם פֿון זײ בושװעט לילאָװע אין זײַן בלײ דער קרימער טאַמאַריסק. נאָר אַרום איז שטיל. אומדערטרעגלעך שטיל. הײַנט װאָלט איך געװען גערן אַפֿילע דאָס סקריפּען און דאָס גראַגערן פֿון די הײבקראַנען אַנטקעגן מײַנע פֿענצטער, װוּ עס בױט זיך אַ נײַ הױז. נאָר הײַנט דאַפֿקע פֿאַררײַסן זײ ניט די לאַנגע העלדזער צום הימל. מע זעט זײ אַפֿילע ניט. שטיל. און קײן צעטעלע איז אױפֿן טיש ניטאָ...

בײַ מיר איז אַ טעװע אַזאַ — בײַ אַ שלעכטער שטימונג לײג איך זיך צו און ס'טרעפֿט, איך דרעמל אַפֿילע אײַן אױף אַ מינוט פֿופֿצן. װערט מיר גרינגער. נאָר דאָס, װאָס הײַנט, קאָן מען דען אָנרופֿן „שטימונג"? איך לײג זיך צו, הײבט מיך פֿון אָרט. װי אַ שפּינװעבס פֿאַרװעבט מיך אין זיך די שטילקײַט, די פּוסטקײַט. און אַ בענקשאַפֿט אַזאַ... ניטאָ באַנאַנד מיט מיר דער, װאָס האָט געדאַרפֿט, געמוזט זײַן איצט מיט מיר. בין איך שױן װידער אױף די פֿיס. אַ װילדע זאַך. אָט ערשט בין איך געװען אױפֿן קיעװער װאָקזאַל. צו װאָסטריאַקאָװאָ מיט דער האַנט צו דערלאַנגען. פֿאָר איך אַהין פֿון אַעראָפּאָרט. מער װי אין דרײַען װײַטער.

בײַ דער זײַט פֿונעם טױער האַנדלען מיט בלומען מײנסטנס װײַבער, שױן ניט קײן דאָרפֿישע, נאָך ניט קײן שטאָטישע. אַלע אין טיכלעך אױף די קעפּ. די עקן באַמבלען זיך פֿון פֿאָרנט אונטער דער גאָמבע. בײַ די ײִנגערע — פֿאַרנומען אױף אַהינטער. אָפּגעפֿרעמדטע פֿון די מאָגנדאָװידס, צײלעמס און פּינפּעקיקע שטערנס אױף יענעם זײַט טױער, באָטן זײ אָן לעבהאַפֿטע זײער סכױרע. איך מײַד אױס צו קוקן אױף די שטאַרק באַשעפּטיקטע װײַבער. בעסער װעל איך שױן קױפֿן בלומען אָט בײַ יענעם אַלטיטשקן מיטן גראָװע בערדל. ער איז שטיל און באַשײדן. עס קאָן זײַן, אַז אים אײנעם פּיקט אין מױעך דער געדאַנק װעגן די, װאָס ליגן באַהאַלטן פֿון יענער זײַט טױער און װאָס צו זײ טראָגן עס לעבעדיקע מענטשן לעבעדיקע בלומען.

סאָף יול האָט איבער מאָסקװע און דער אומגעגנט דורכגעטראָגן זיך אַ לוסטיקער זומערדיקער רעגן. מיט דונערן, מיט בליצן. געכאַפּט אַ טאַנץ איבער די דעכער, צערונען זיך איבער די שױבן פֿון די הײַזער און אױטאָמאָבילן, װי פֿון יױיצע װעגן אַ פּױק געטאָן אין די צעעפֿנטע שירעמס און ניט געסטײַעט. אױפֿן בײס־האַקװאָרעס אין װאָסטריאַקאָװאָ איז װי ס'װאָלט גאָר ניט אױפֿגעהערט צו כליופּען אַ רעגן. דער אױסגעשטשערבעטער אַספֿאַלט אױף די שמאָלע אַלײען איז נאַס און גליטשיק. בײַ דער זײַט — מיט שלײַם פֿאַרצױגענע רינװעס.

װען איך דערקלײַב זיך צום אָרט, בלײַב איך אױף עטלעכע רגעס שטײן פֿונדערװײַטן. יעדעס מאָל אַזױ. איך בלײַב שטײן פֿונדערװײַטן, װײַל... איך דערקען ניט מײַן מאַן. אַ שטרענגן רױמישן פּאַטריצי דערזע איך אין די ערשטע מינוטן. דעם דענקמאָל האָט געמאַכט אַ סקולפּטאָר — אַ פּלאַסטיקער. איך שעץ זײַן װערק. אין דעם, װאָס איך דערקען ניט מײַן מאַן, בין איך נאָר אַלײן שולדיק. װי קאָן איך אים דערקענען אין די שטײנערנע בגאָדים? אים, דעם מילדן און צאַרטן? אין זײַן קונסט איז ער געװען שטרענג. עפּשער טאַקע אַ פּאַט־

ריצי, וועלכן עס פּאַסט גראַניט און מאַרמאָר. נאָר ווו זאָל איך דאָ אופזוכן דעם טרויעריק פאַרטראַכטן מינסקער יינגעלע?

יענצמאָל, אין וואָסטריאַקאָוואָ, איז פון דעם אַלעמען אין מײַן געדעכעניש קיין סימן ניט געבליבן. אָפּגעשטעלט האָב איך זיך נאָר פון געוווינהײַט. דערנאָך א ריס געטאָן זיך פאָרויס און צוגעפאַלן מיט דער באַק צום קאַלטן שטיין. איך האָב געגלעט די פּענדזלען, די אָף אייביק אײַנגעקריצטע אין דער רעכטער האַנט פון דעם מאָלער, און שטיל, קוים צו רירן מיט די ליפּן, אויסגערעדט זיך פאַר אים. און עפשער זײַנען מײַנע ליפּן גאָר געוועזן געשלאָסן? עפשער האָב איך ניט גערעדט, נאָר געטראַכט מיט אזעלכע-אָ ווערטער: „טײַערער מײַנער, האַרציקער מײַנער, אָן דיר איז פאַרפינצטערט מײַן געמיט. זעסט דאָך, אין א שווערער שאָ בין איך געקומען צו דיר. צו וועמען זשע נאָך זאָל איך קומען מיטן אומרו פון מײַן האַרץ? האָסט דאָך אונדז אַלעמען ליב געהאַט. זי האָסטו ניט געקענט, אונדזער טאַניע... אַנטאָנינען... נאָר איך ווייס, זי איז אויך ווערט דײַן ליבע".

מײַן באָבע, שוין אָפּגערעדט פון דער עלטערבאָבע, פלעגט אין א שווערער מינוט ליפּן אפן בעסאַלמען רײַסן קוואָרים. אויסגעצויגן זיך אָף דער ערד און געיאָמערט אָף א קאָל. מיט ביטערע געוויינען אָף שטיקער-געריסן די רו פון יענע, וואָס אין א געוויינלעכן טאָג האָט פאַר זיי געגאָלטן דער שפּרוך: „זאָלן זײַן ווײַט אָפּגעשיידט פון אונדז". די יעלאָ-לעס פון די לעבעדיקע האָבן גערופן צו הילף די גײַסטער פון די ליבע און נאָענטע, וואָס זײַנען אוועק פון דער וועלט. דאָס בלוט פון דער באָבען און עלטערבאָבען ריזלט געוויס ביז איצט אין מײַנע אָדערן. נאָר איך בין אַן אַנדערע. אַנדערש געוואַקסן. אַנדערש אופגעצויגן געוואָרן. אַרויסשרײַען אָף א קאָל מײַן צאַר בין איך ניט פעיִק. אַפילע מײַן מאַמע האָט עס שוין אויך ניט געקענט.

ווען איך דערמאָן זיך איצט אין יענעם זומערדיקן טאָג, איז איינס פאַר מיר קלאָר: ניט איבערן אומרו פאַר דעם נײַעם נעפּעשל, וואָס דאַרף אָט-אָט קומען אָף דער וועלט, האָבן איבער מײַן פּאָנעם גערונען די שטילע טרערן, אויך פאַרן אייניקל האָב איך זיך ניט באַאומרויִקט און פאַר זײַנע טאַטע-מאַמע, פאַר מײַנע סאַמע לײַבלעך-נאָענטע אָף דער גאַנצער וועלט. עס זײַנען געוועזן רעגעס, ווען זיי פלעגן יאָ אַרויסשווימען פון א פאַרטײַעט ווינקל אָף דער אויבערפלאַך, דערמאָנענדיק מיר אין דעם מעגלעכן בראָך אין זייער לעבן. אַרויס-שווימען און באַלד פאַרשווינדן. זיי זײַנען — „איך". האָב איך געזאָלט דאַן זיך האָבן אין זינען? ניין, מײַן „איך" האָט אין מיר קיין אומרו ניט געוועקט. ס'איז ביכלאָל ווי ניט געוועזן. נאָר זי איז געשטאַנען פאַר מײַנע אויגן, טאַניע, די שטילע, די שיינע. איך האָב זיך אַלץ דערמאָנט, וויאַזוי זי איז דאָס ערשטע מאָל פאַר מיר אופגעקומען — א פּאָר הויכע שלאַנקע פיס און דערנאָך ערשט די גאַנצע איידעלע שטאַלט. אָט אַזוי, מיט איר אייגנאַר-טיקן טראָט, איז זי אַרײַן אין אונדזער אַלעמענס לעבן, אַן אייגענע געוואָרן. וויאַזוי רופט זיך אין פאָלק מײַן קרויוועשאַפט מיט איר, ווייס איך אדהײַעם ניט. איך האָב קיינמאָל וועגן דעם ניט געטראַכט. זי איז מײַנע א שנור, אַן אייניקל, א טאָכטער, כאָטש ביז איצט נאָך אירע איך זי. עס אירצט זי אויך מײַן טאָכטער, איר שיינע, יונגע שוויגער, וואָס, דאַכט זיך, נאָר אין א שפּאַס קאָן מען זי אַזוי אָנרופן.

איך בין אוועק צום אַרויסגאַנג פון בייס-האַקוואָרעס, און דאָס האַרץ האָט מיר געריסן פון ראַכמאָנעס אָף טאָניען. אינדערשטיל האָט אויך גענאָגט א פאַרדראָס אָף מײַניקע: פון-רישער פאַרדראָס. אין מײַן עלטער האָב איך שוין געמעגט געדענקען, אז א קראַנקײַט קלאַפּט ניט אָן אין טיר. זי קומט אַרײַן, ווי א באַלעבאָסטע איבער אונדזער לעבן. דאָס האַרץ האָט מיר געריסן פון ראַכמאָנעס אָף טאָניען. און א ביסל אויך אפן גאַנצן ווײַבלעכן מין, וואָס צאָלט מיט בלוט פאַר די רעגעס פון גליק. מײַן מיטלײַד האָט זיך פאַרשפּרייט אויך אָף די פונעם ווײַבלעכן מין, וואָס מיִען זיך מיט אַלע קויכעס אָנציִען אָף זיך די מאַסקע פון א מאַנצבל. ניט קיין מענער, ניט קיין געליבטע. פרײַנט האָבן זיי, עטוואָס פאַרצויגן — „פרײַנט-לער", וועלכע סע לוינט אָנצונעמען פאַר רעכט די דאָזיקע קרומע האווײַע פון דער צײַט, די קלוימערשט געשלעכט-גלײַכהײַט. מע פאַרשפּאָרט מיטפילן, אכטן, שטיצן. די רויב קומט אָן די דאָזיקע „פרײַנטלעך" גרינגער, ווי דעם יעגער די ווילדע גאַנדז. דאָרטן קומט אויס כאָטש זיך אָנצילן. אַרויס פאַרן טויער, נעם איך זוכן מיט די אויגן א קאַבינע, א קאַבינע, א פאַרשאָלטן בײַדל, א שטײַג, ווו דו שרײַסט אַרײַן אין א טרײַבל, און ווידער ס'האָבן פאַרן הײַנטיקן טאָג אַרײַנגעשריִען ווער ווייסט וויפל מײַלער. ווער ווייסט וויפל אויערן האָבן אופגעכאַפּט ווערטער, די ווערטער, וועלכע זײַנען זיי נייטיק געווען. נאָר איך...

איך װעל פֿאַרבלײַבן מיט מײַן אומרו. טו־טו־טו, װי כ׳װאָלט גאָר קײנעם אױף דער װעלט ניט געהאַט.

אַנשטאָט אַ קאַבינע דערזע איך אַ גאַנצע קײט פֿון אױטאָמאָבילן, אױסגעשטעלטע אײנער הינטער דעם אַנדערן. אַזעלכע ליכטיקע זײַנען זײ, אַזעלכע שײנע. מיט געקעסטלטע קאָלפּעקלעך פֿון אױבן, מיט געקעסטלטע גאַרטלען אױף די לענדן. זײ װינקען צו מיר מיט גרינע פֿײַערלעך. זײ זײַנען ניט קײן אױטאָמאַטן. זײ װערן געפֿירט פֿון מענטשלעכע הענט.

אַ דערלײַכטערטע, מיט אַן אױסגעװײנטן געמיט זיץ איך אין דער מאַשין. די הענט אױף די קני, די פּלײצע אָפּגעװאָרפֿן צום װײכן פּונעם דיװאַן. קײן פּיצל געדאַנק אין דער װיסטע פֿון מײַן קאָפּ. די ערשטע מינוטן באַמערק איך אַפֿילו ניט, אַז איך בין ניט אײן פּאַסאַזשיר אין דער טאַקסי. באַנאַנד מיטן יונגן בלאָנדן שאָפֿער זיצט אַ מענטש דאַפֿקע מיט אַ שװאַרצן קאָפּ. און כאָטש דער קאָפּ איז שװאַרץ, זעט מען, אַז ער איז שױן װײַט ניט קײן יונגער. כ׳װײס, אַ דײַגע איך האָב... מיט די צװײ מאַנצבילן אין דער מאַשין האָט מיר אָפּגעגליקט. זײ זײַנען בײדע אײַזערנע שװײַגערס. פֿאַרזשמורע איך אױך די אױגן אױף ניט צו זען זײ אױך. איך געניס פֿון רו. אַהײם, אַהײם, צו דער גוטער בסורע, װאָס דערװאַרט מיך דאָרט! געװיס אַזױ, װיפֿל איז דער שיר?..

װי אַ לײַכטער שליטן איבער אַ שליטװעגס, אַ ביז גלאַנץ אָפּגעפּאָלירטן פֿון זײַנע פּאַרגײער, פֿאָרלױפֿער, פֿאָרגליטשערס, טראָגט זיך די מאַשין איבערן שטאָטישן אַספֿאַלט. ניט עס טרײסלט זי אין גאַנג, ניט עס װאַרפֿט זי באַם אָפּשטעלן זיך. אַ גוטע מאַשין, געפֿירט פֿון אַ געניטן שאָפֿער, װערט מיט אים אײנס. װי זי װאָלט אױך געװען אַ לעבעדיק װעזן מיט אַ קאָפּ, מיט אַ האַרץ, מיט צעעפֿנטע כושים פֿאַר דעם אַלעמען, װאָס רײַסט זיך אין דער װײַט — פֿאַר איר, נאָך איר, פֿון אײן זײַט, פֿון דער צװײטער. זי װײסט, װעמען פֿון אירס גלײַכן אָנטאָן קאָװעד און לאָזן זיך פֿון אים אַריבעריאָגן און װעמען, פֿאַרקערט, ס׳איז אַ מיצװע איבערצולאָזן פֿון הינטן.

איך האָב, דאַכט זיך, געכאַפּט אַ דרעמל. די מאַשין שטײט. באַם ברעג פֿון טראָטואַר — אַ יונגע פֿרױ. ניט מיט קײן פֿאַרהױבענער האַנט, װי אױף צו שטימען, האָט זי אָפּגעשטעלט די מאַשין. דאָס קינד אירס האָט זי פֿאַרהױבן מיטן פּענעמל צום שאָפֿער, אַ זיכערע אין דעם, אַז פֿאַר אַזאַ ניסױען, װי איר פּיצל אינעם װײַסן געהעפֿטן טשיפּעקל, װעט קײנער ניט בײַשטײן.

איך מאַך אָרט לעבן זיך פֿאַר דער פֿרױ מיטן קינד. די מאַשין באַװײַזט ניט צו רירן זיך, װי צו מיר דערגײט אַ צופֿרידן סאָפּען און טשמאָקען. די מענער זיצן אױסגעקערט צו אונדז מיט די רוקנס, לײגט אױף זײ די פֿרױ ניט קײן אַכט. אױף מיר? איך גײ זי ניט אָן. דער װעג אירער איז מיר צו דער האַנט, אַן אָרט לעבן זיך האָב איך איר געמאַכט, האָט זי געזאָגט „אַ דאַנק“, און פֿאָטער... פֿונװאַנען האָט זי געזאָלט װיסן פֿון דער איבערקערעניש אין מיר, װאָס זי איז די סיבע דערפֿון? װען איך האָב זי דערזען באַם ברעג פֿון טראָטואַר, װי־אַזױ זי האָט עס פֿאַרהױבן איר קינד מיטן פּענעמל צום שאָפֿער, איז װי אַן אופֿבליץ אינװײניק אין מיר אױפֿגעקומען — טאַניע, אונדזער טאַניע, מיט אַן אײפּעלע אױף די הענט... דאַרף איך שױן איצט מער ניט קײן שטילקײַט. פֿאַרקערט, איך װיל רײדן... איך װיל, עמעצער זאָל רײדן צו מיר.

— אַ ײִנגעלע, צי אַ מײדעלע? — פֿרעג איך באַ דער פֿרױ.

— באַ מיר איז אַ זון, — ענטפֿערט זי מיט אַ מין גאַדלעס.

— װי אַלט?

— פֿינף כאָדאָשים. ער שמײכלט שױן.

װי קעדײ צו באַשטעטיקן דער מוטערס רײד, גיט דאָס קינד אַ שמײכל אין דער גאַנצער ברײט פֿון זײַן אָנצײנערדיק מױל. און אָט צײלט שױן אױס די פֿרױ איר מינץ דעם טאַקסיסט, בעסאַכאַקל אַ דרײַ־פֿיר קװאַרטאַלן דורכגעפֿאָרן. געזעצט זיך אין דער מאַשין נאָר קעדײ אָנצוהאָדעװען דאָס קינד. אַזױ לײגט זיך אַפּן סײכל. און איך האָב מיט איר אַזױפֿיל פֿון װאָס צו רײדן. װען זי בלײַבט מיט מיר באַנאַנד אַ ביסל לענגער, װאָלט איך זי אױסגעפֿרעגט אַקוראַט, צי װיגט זי דאָס קינד, אָדער עס שלאָפֿט אַזױ אױך. און װי קומט זי אױס מיט די װינדעלעך, מע נעמט זײ אין װעשערײַ? עפּשער קומט מען גאָר נאָך זײ אַהײם. װעגן די פּאַפּירענע װינדעלעך, װאָס פֿיל באַנוצן זײ, דאָס איז דאָך זײער באַקװעם, װאָלט איך זי געפֿרעגט, זײ זײַנען שטענדיק דאָ אין פֿאַרקױף? צוגאָב־שפּײַז באַקומט איר קינד, אױסער דער מאַמעס מילך? טאָמער אַן עפּל, לאָמיר זאָגן, קאָכט זי אים אָפּ און צערײַבט מיט אַ לעפֿל, אָדער זי צערײַבט אים אױף דער טיאָרקע אַ רױען... דאָס אַלץ דאַרף איך

וויסן שוין, באַלד. עס גייט מיר אין לעבן. באַווײַז איך אָבער נאָר נאָכצוזאָגן דער פּרוי שוין הינטער דער פּלייצע:

— אַ ווויל קינד בײַ אײַך, זאָל געזונט זײַן!

— קליינע זײַנען זיי אַלע ווילע, — רופט זיך אָפּ מיט רוגזע דער פּאַסאַזשיר, וואָס זיצט באַנאַנד מיטן טאַקסיסט. זײַנע ווערטער, ווי ס'איז צו פאַרשטיין, זײַנען געצילט אין מיר, נאָר זען מיך וויל ער ניט. ער רעדט צו דער שויב פון דער מאַשין. צו מיר איז געווענדט נאָר זײַן שטײַפער נאַקן. ווער עס זיצט הינטער זײַן נאַקן, קימערט אים ניט. ס'איז אים אַל-צייינס, צי בין איך אַ יונגע צי אַן אַלטע, אַ שוואַרצע צי אַ בלאָנדע, אַ גלײַכע צי אַ לאָמע.

— ווען גרישקע איז אַלט געווען דרײַ יאָר — גרישקע... נו, דאָ איז שוין קיין סאָפּעק ניט, אַז צום טאַקסיסט רעדט ער, אַ באַקאַנטער, ווײַזט אויס, ניט צו מיר. נאָר דער נאַקן זײַנער בלײַבט פאַרשטײַפט. קיין מינדסטער ריר, — האָט ער פון מיר איינמאָל, פאַרוואָס געדענק איך ניט, געכאַפּט אַ גוטן פּסק. איך האָב אַ ביסל איבערגעכאַפּט די מאָס. פון מײַנע פינגער זײַנען אַפן הינטערכיילעך אַזש אַוועק רויטע פּאַסן. און דאָ האָב איך אַ נאָס געטאָן. זאָגט גרישקע, אַ וויינענדיקער: «Деда, будь здалёв!» אָט וואָס פאַר אַ ווויל קינד דאָס איז געווען.

— ער איז איצט אויך אַ ווילער, — דאָס זײַנען די ערשטע ווערטער, וואָס עס רעדט ארויס פאַר דעם גאַנצן וועג דער בלאָנדהאָריקער טאַקסיסט. — מײַן בעסטער כאַווער.

— געמעגט אויסזוכן אַ בעסערן. ער טוט דאָך מיר אַלץ אין דער גאַל אַרײַן. אַוועק אָף אַ לאַסטמאַשין, אַזאַ טאַקסיסט. אַבי ניט צו אַרבעטן מיט מיר אין איין פּאַרק. הײַנט די מעציִע, וואָס ער האָט אײַנגעהאַנדלט. פון טאַטע-מאַמע עפּשער אַ האַלב יאָר זי אויסבאַ-האַלטן, אַ וואָך פאַר דער כאַסענע געבראַכט זי צו אונדז אָף צו באַקאַנען זיך. האָב איך געזאָגט: איין מאָל ניין, אָף דער כאַסענע גיי איך ניט, מײַן אַלטע האָב איך אויך ניט געלאָזט. נו, האָבן זיי געפּראַוועט די כאַסענע אָן אונדז. רעכט אַזוי? וואָס, מאַטאַנעס וועל איך איר שענקען, דער שיינער ליאַליע? וואָס טויגן איר די מאַטאַנעס, אַז אַ קלייד איז ניטאָ אָף וואָס אָנצוטאָן? גייט אַרום אין ברייטע באַלאַכאָנען מיט פאַלדן, מיט פרענדזן פון אַלע זײַטן, ווי צעדריבלטע שמאַטעס. און אַלצייִנס סטאַרטשען אַרויס די ביינער. און די גריזווע איבערן פּאָנעם, ווי בײַ אַ פערד. אַ מין פּראָסטראַציע... עס קערט די גאַל. און אָן הענט... קאָכט אָפּ אַ קאַשקע דעם קינד, גייט דאָס פענדל אַוועק מיטן רויך. לאַנגע האָר — קורצער סייכל. און מײַנע האַלט אין איין לויפן אַהין. קאָכט, ראַמט. איך קום אויך אַמאָל אַרײַן. איך בין ניט מעכוייִוו צו באַהאַלטן פון קיינעם, אַז נאָר צום אייניקל קום איך, ניט צו זיי.

שוין, אויסגערעדט זיך. נאָר איך וואַרט. אָף וואָס וואַרט איך? ער האָט אַן אייניקל, אָט דער מרוק, וועט ער זיך עפּשער ניט קענען אײַנהאַלטן און וועט עפּעס פון אים דערציילן? איך בין איצט אַזוי לאָהוט צו הערן וועגן קינדער, וועגן אייניקלעך... איך וואַרט אָף אַ מענטשלעך וואָרט:

— אָט אַ פּאַדלע!

אונטער דער סאַמע נאָז פון דער מאַשין איז איבערגעלאָפן די גאַס אַ מיידל מיט פולע וואָסקעס מאַראַנצן אין בײדע הענט. איך ווייס ניט, צי וועט אָף דער גאָרער וועלט געפי-נען זיך אַ טאַקסיסט, בײַ וועלכן דאָס דאָזיקע מיידל זאָל ניט אַרויסרופן קיין גרימצאָרן. נאָר מײַנער שווײַגט. פאַר אים רעדט זײַן שאָכן בײַ דער זײַט. דאָס מיידל איז שוין לאַנג פאַר-שוווּנדן פון אויג, און ער שיט אַלץ און שיט:

— זי אײַלט זיך. זי לויפט. מיט מאַראַנצן, מיט פלעשער לויפט זי. אַן אויסכאַפּעניש אָף איר. דער נאַטשאַלניק וואַרט אָף איר. ער דאַרף זי נייטיק. טאָ זאָל זי זיך וואַרפן אונטער זײַן מאַשין, ניט אונטער יענעמס מיט די מאַראַנצן, מיט די פלעשער. גיי שטעל אײַן דעם קאָפּ פאַר איר. פאַל אַרײַן איבער איר הינטער די גראַטעס...

— ווו האָט איר געזען בײַ איר פלעשער? — פאַרוווּנדערט זיך דער יונגער טאַקסיסט.

זײַן שאָכן בײַ דער רעכטער האַנט לאָזט זיך אָבער ניט אַראָפּפירן פון וועג:

— דערעווענשטשינאַ! צעפלאַדיעט זיך אין מאָסקווע, ווי טאַראַקאַנעס. מע כאַפּט! מע שלעפּט! איבער זיי קאָן מען אין קיין קלייט ניט אַרײַנקומען.

— ניט קיין מאָסקווער ווילן אויך עסן, — באַמערקט גוטמוטיק דער טאַקסיסט.

— פּאַראַזיטן! — ענטפערט דערויף זײַן שאָכן. ער גיט אַ פיר מיטן קאָפּ (ענדלעך אַ פיר מיטן קאָפּ) צום טראָטואַר, ווו עס באַוועגט זיך אויף און אָפּ אַ זומערדיק-אויפגעלעבטער אוילעם: — פון אַ פּולעמיאָט וואָלט איך זיי צעשאָסן, וואָלט מען געקאָנט לעבן אָף דער וועלט. שטיי! — באַפעלט ער אומגעריכט דעם טאַקסיסט.

א ווײַלע קוק איך נאָך אין פענצטער דעם שטײַפן נאַקן, וואָס שנײַדט זיך אַרײַן אין דעם שפּאַצירנדיקן אוילעם. מענטשן טרעטן אָפּ פאַר אים, ווי פאַר א טאַנק. מיסטאַמע האָט ער זיך געלאָזט אַהין, וווּ אַף א היפּשן מעהאַלער זעט זיך די שילד פון דער גרויסער אוני־ווערסאַלער קלייט. דאָרט וועט ער זיך אַרופוואַלגערן מיט די עלנבויגנס אַפן טאָמבאַנק (אויך דאָרט וועט מען פאַר אים מאַכן א וואַרע) און מיט די גרויסע אײַזערנע הענט וועט ער גע־דולדיק פאַנאַנדערנעמען א קאָנסטרוקטאָר ביזן מינדסטן שרײַפּעלע. ס'קאָן זײַן, אויך אַן אַוטאָמאָביל וועט אים געפעלן ווערן. אַן אייניקל האָט ער דאָך, א ייִנגל, וועט ער אים קויפן אי דאָס, אי יענץ. קיין געלט וועט ער ניט זשאַלעווען.

— עפּשער וועט איר זיך איבערזעצן פון פאַרנט, וועט אײַך זײַן באַקוועמער.

— מיט פאַרגעניגן!

אַוואַדע איז מיר אַזוי באַקוועמער — א לעבעדיקער מענטש בײַ דער זײַט. לויט זײַן אויפגעלעבטן פּאָנעם פיל איך, אַז ער איז קלאַל ניט קיין שווײַגער, ווי ס'האָט זיך מיר אויס־געדוכט. עמעס, ווען א מענטש פירט א מאַשין, איז גלײַכער ער זאָל קוקן אַפן וועג, איידער ריידן. נאָר ניט קיין סאַקאָנע, מע זעט, דער יונג קען זײַן מעלאָכע. איך בין גענייגט צו הערן, אַבי ניט צו פאַרזונקען ווידער אין מײַן הײַנטיקן אומרו פון גאַנצפרי. ווידער? פונקט ווי ער וואָלט מיך געהאַט פאַרלאָזט, דער אומרו. עס ציטערט אין מיר קעסיידער א דין סטרונעלע — טאָניע...

— א טײַוול! — זאָגט דער טאַקסיסט. ניט צום פאַרורטיילן, נאָר מיט אָפּשײַ. און ער דאַרף מיר ניט דערקלערן, וועמען ער מיינט. — דער בעסטער טאַקסיסט אין אונדזער פּאַרק. שטענדיק אַפן ערשטן אָרט. אַף מילכאָמע, ווײַזט אויס, אויך ניט געווען קיין פאַרשלאָפענער. אָרדענס, מעדאַלן... זיי ציִען אים אָפּ די פּאָלעס... ער האָט א קאָסטיום אַזאַ פון נאָך דער מילכאָמע ביזן הײַנטיקן טאָג. ער טוט אים אָן נאָר בײַ א יאָמטעוו. מיט אַלע מילכאָמע־אויסצייכענונגען אַפן פּידזשאַק. און גריגאָרי זאָגט, אַז די מילכאָמע האָט זײַן פאָטער נאָר שלעכטסקײַט אויסגעלערנט. און אַזוי איז ער א פּאַכדן.

— א פּאַכדן?

— נאָר פון שרעק אַרבעט ער אַזוי אַקוראַט. עס כאַלעמען זיך אים קעסיידער אַוואַ־ריעס. אַזוי זאָגט גריגאָרי. פרעג איך איינמאָל מײַן פּאַפּאַשע, וואָס האָט אָפּגעדינט אין דער אַרמיי פון אָנהייב מילכאָמע ביזן סאָף, צי קאָן געמאָלט זײַן, אַז דער „אַלטער" (אַזוי רופט מען אים בײַ אונדז אין פּאַרק) איז א פּאַכדן, אַף דעם ענטפערט מיר ניט דער פּאַפּאַשע, כאָטש דעם „אַלטן" קען ער זייער גוט. ער אַרבעט דאָך אויך בײַ אונדז. איז וועגן אים זאָגט ער גאָרנישט. ער ענטפערט מיר ביכלאַל, מײַן פּאַפּאַשע. אַף מילכאָמע, זאָגט ער, צייכענען זיך אַמערסטן אויס געוואַגטע און מיט א קאָפּ אַף די פּלייצעס. אַזעלכע מײַלעס אָבער האָט געקאָנט פאַרמאָגן אויך דער געפאַלענער אין שלאַכט, וואָס קיינער ווייסט פון אים ניט. בײַ א געלעגנהײַט, פאַרקערט, קאָן זיך אויסצייכענען א פּאַכדן. ער האָט קיין אַנדער ברירע ניט. א פּאַכדן אָבער בלײַבט ער אויך נאָך זײַן אויסצייכענונג.

דער טאַקסיסט טוט זיך א זײַטל אַף מיר מיטן רעכטן אויג, ווי ער וואָלט דערוואַרט פון מיר א באַשייד אַף זײַן פאָטערס הינטנאַרומיקן ענטפער. ניט דערוואַרט זיך, איז מאַכע־טייסע. פונקט ווי ער קערעוועט, ניט צו באַמערקן, די מאַשין אין דער נייטיקער ריכטונג, אַזוי פרײַ און אומבאַצוווּנגען פאַרפירט ער א נײַעם שמועס.

— בײַ אײַך איז ניט קיין שלעכטער ראַיאָן. בײַ אונדז וועט מיט דער צײַט עפּשער זײַן נאָך בעסער. דערווײַל אָבער איז ניט צו גיין, ניט צו פאָרן. מײַן פּאַפּאַשע זאָגט, ווי נאָך א באָמבאַרדירונג. אין אָוונט, ווען מע גייט אין קינאָ, דאַרף מען זיך היטן ניט צו צעברעכן א פוס. אָט, א קינאָ־טעאַטער האָט מען בײַ אונדז אוועקגעשטעלט איינס און צוויי. עפּשער אַפילע א צו גרויסאַרטיקן. צווישן די אַלצייניקע הײַזער אין אונדזער ראַיאָן האָט ער א פּאָנעם פון א כאַסענע־גענעראַל. אין טעלעוויזאָר האָט מען באַוויזן אַזאַ קאָמעדיע. מיס־טאַמע האָט איר געזען. נאָר אַדעראַבע, זאָל ער שטיין אַזאַ ווי ער איז. אַזויפיל גלאָז... די אויפראַמערן אָרודעוועט מיטן שטויב־שליינגער איצווייניק (טרעפּ זײַנען דאָרט, טרעפּ), זעט מען פון דרויסן. מע זאָל אים נאָר מיט דער צײַט אין ערגעץ ניט אוועקטראָגן.

— אוועקטראָגן?

— אָט, גאָגאָלן האָט מען דאָך אוועקגעטראָגן. געשטאַנען א דענקמאָל, מע האָט גלײַך געזען, א מענטש טראַכט. איז ניין, האָט מען אים אוועקגעטראָגן און א נײַעם אוועק־געשטעלט. מע טראָגט אוועק. מע שטעלט אוועק... „קראַסנײַע וואָראָטאַ" — דאָס איז דאָך א שטיק געשיכטע פון מאָסקווע, איז צוליב וואָס אָפּשאַפן? לערמאָנטאָוון וואָלט געווען ניט

צום הארצן, ווען מע טוט אים אָן דעם קאָוועד אין אַן אַנדער ראַיאָן? זאָל זײַן אפילע אין אונדזערן. מײַנע האַלט פון לערמאַנטאָוון מער פון אַלע דיכטער אין דער וועלט. ווען קאָז־לאָווסקי זינגט (אַ פּלאַטע אַזאַ איז בא אונדז דאָ) «Выхожу один я на дорогу», איז שיר ניט וואָס זי וויינט.

— קינדער האָט איר אויך? — דערפריי איך זיך.

— אַ ייִנגעלע איז בא אונדז. שוין זעקס יאָר אַלט. וואַרט נאָר, — כאַפּט זיך דער טאַקסיסט, — איר פאָרט אַף קראַסנאַאַרמייסקע? אין עטלעכע הײַזער וווינען דאָרטן שרײַבער. איר שרײַבט עפּשער אויך?

— יאָ, איך שרײַב.

— פאַר קינדער?

— פאַר קינדער אויך, — טו איך אים צוליב.

— וועל איך אײַך דערציילן אַ מײַסעלע, וואָס עס האָט אויסגעטראַכט מײַן זון. ניט אַנדערש, ווי ער וועט זײַן אַ שרײַבער. ער האַלט אין איין אויסטראַכטן מײַסעלעך. און אַלע מיט אַ גוטן סאָף.

— דערציילט, דערציילט מיר דאָס מײַסעלע, — בעט איך דעם שאָפער.

אַ מין ערשטקלאַסיקער מײַסטער ער איז אין זײַן פאַך, דער דאָזיקער יונגערמאַן. די מאַשין גייט בא אים, ווי אַליין פון זיך. און ער, איר באַצווינגער, קערט איס עטוואָס צו מיר זײַן אופגעלויכטן פּאָנעם (אַלציינס זעען זײַנע אויגן פאַר אַ מײַל) און דערציילט מיר אַ מײַסעלע, וואָס עס האָט אויסגעטראַכט זײַן זעקסיאָריקער זון: „עס זײַנען געגאַנגען סאָלדאַטן. זיי זײַנען אַרײַן אין וואַלד. די ביימער זײַנען הויכע־הויכע, און די קוסטעס ניט אַזוי־כע הויכע. גייט פון די קוסטעס אַרויס אַן אַלטע באָבעצע. האָבן די סאָלדאַטן געמיינט, אַז זי איז אַ מעכאַשייפע. זיי האָבן אין איר אויסגעשאָסן און זי איז אַרײַנגעפאַלן אין אַ ריוו. נאָר די באָבעצע איז ניט געווען קיין מעכאַשייפע. זי איז געווען אַ גוטע באָבעצע. זײַנען געגאַנגען סאָלדאַטן. ניט יענע, יענע זײַנען געווען נאַרישע. האָבן די סאָלדאַטן די באָבעצע פונעם ריוו אַרויסגעשלעפט און אַף אַ פּניאַק אוועקגעזעצט. איינער האָט איר אַ קעסטעלע „וויאַלאַ" מיט אַ שיינער קאַרטינקע געשענקט. דער צווייטער האָט איר מאַראַזשענע אַף אַ שטעקעלע געשענקט. דער דריטער האָט איר אַ פײַפעלע געשענקט. די באָבעצע האָט די „וויאַלאַ" אופגעגעסן, מיט מאַראַזשענע פאַרביסן און דאָס פײַפעלע האָט זי אין דער קעשענע פון פאַרטעך באַהאַלטן".

— נאָך איינע דערציילן? — פרעגט דער טאַקסיסט, און די אויגן זײַנע לאַכן.

— דערציילט. אוואדע.

— עס זײַנען געגאַנגען סאָלדאַטן. צוגעגאַנגען צום טײַך. מיטאַמאָל האָט זיך אופגעהויבן אַ שטורעם. זאָגט איינער, ער איז געווען אַ שרעקעוודיקער: „דער ווינט וועט אונדז אין טײַך אַרײַנוואַרפן". זאָגט אַן אַנדערער: „לאָמיר בעסער אַליין אַרײַן אין טײַך, איידער דער ווינט זאָל אונדז אַהין אַרײַנוואַרפן". זאָגט נאָך איינער: „לאָמיר זיך אין טײַך איינבאָדן". די סאָלדאַטן זײַנען געשווּמען בראַס, האָט דער ווינט אָנגעיאָגט אַף זיי אַ כוואַליע און זיי זײַנען שיר ניט דערטרונקען געוואָרן. נעמען זיי שווימען קראָל, יאָגט אַף זיי דער ווינט אָן נאָך אַ גרעסערע כוואַליע, זײַנען זיי שוין שיר־שיר ניט דערטרונקען געוואָרן. נעמען זיי שווימען באַטערפלײַ, יאָגט אַף זיי אָן דער ווינט שוין גאָר אַ גרויסע כוואַליע ביז אַריבערן קאָפּ. די סאָלדאַטן האָבן אַלע מיטאַמאָל אַ טוק געטאָן זיך ביזן סאַמע דעק פון טײַך. דערהערן זיי אַ פײַפעלע פײַפט. די סאָלדאַטן האָבן געמיינט, דער ווינט פײַפט אַזוי. נאָר ליגן אונטערן וואַסער קענען זיי ניט מער. שווימען זיי אַרויס פון אויבן. זיי טוען אַ קוק: ניטאָ קיין ווינט. ניטאָ קיין שטורעם. אַ באָבעצע שטייט אופן ברעג פון טײַך און פײַפט אין אַ פײַפעלע. די סאָלדאַטן זײַנען אַרויס פונעם וואַסער, אָנגעטאָן די גימנאַסטיאָרקעס, פאַרצויגן די רימענס, די באָבעצע באַגריסט און אוועק ווײַטער. געטרונקען זיך און ניט דערטרונקען געוואָרן.

— דערציילן נאָך? — פרעגט דער יונגערמאַן. — איך האָב קיין איין וואָרט ניט געביטן. איך געדענק אַ סאַך אַף אויסווייניק.

— נאָר, מײַן טײַערער, ס'איז דאָך שוין קיין צײַט ניט געבליבן. אַ דאַנק אײַך פאַר די מײַסעס פון אײַער גוטהאַרציק ייִנגעלע. דערציילט זיי וואָס מערער. — דער שאָפער עפנט פאַר מיר דאָס טירל פון דער מאַשין און איך, שוין מיט איין פוס אַף יענער זײַט, באַוויַז אים צוווינטשעווען: „ווען אײַער זון וועט אויסוואַקסן, זאָלן זײַנע זין טרעפן סאָלדאַטן נאָר אין מײַסע־ביכלעך".

קוים א דריי געטאָן דעם שליסל אין טיר, דערהער איך אינווייניק קלינגט דער טעלעפאָן.

דאָס טרײַבל כאַפּ איך אפן דריטן קלונג.

— באָבע, א טאָכטער איז געבאָרן געוואָרן! איך האָב אָבער פארשטאנען, אז דו ביסט דאָ, — שרײַט ארײַן מיט א פארענדערטן קאָל אין טרײַבל פון א צעשעדיקטן אווטאָמאט, קאָנטיק, מײַן אייניקל. — איך פאָר אין „דעטסקי מיר", און די מאמע פאָרט אהיים. איך קלינג פון מעטראָ. די מאמע וועט דיר אלץ דערציילן. ס'איז גוט. אויסגעצייכנט.

איך באווײַז קוים באגריסן דאָס אייניקל, טראָגט מיר צו דער טעלעפאָן א האָפּערדיקן, שטארק באשעפטיקטן „טו-טו". ער איז קיין האָר ניט ענלעך אף אלע פריִערדיקע נודנע טו-טוען. נאטירלעך, ניטאָ קיין צײַט. מײַן אייניקל אײַלט זיך אין „דעטסקי מיר".

א יאָר איז אדורך. דעם געבורטסטאָג פון זייער קינד האָבן מײַן אייניקל און זײַן פרוי אָפּגעמערקט נעכטן, מיט א טאָג פריִער. פארוואָס מיט א טאָג פריִער, האָב איך זיך דערוווּסט דעם קומענדיקן טאָג. מײַן טאָכטער מיטן מאן זײַנען ניטאָ איצט אין מאָסקווע. האָט מען אויך מיך אײַנגעלאדן אף נעכטן. זײַנען פאר מײַנע אויגן אופגעקומען א בעטלע, א וועגעלע, א בענקעלע-טישעלע, א מאניעזש... און פּאָליצעס מיטן אָנטאָן פארן קינד און מיט פישטשענדיקע פייגעלעך, קעצעלעך, בערעלעך. הײַנט דער קודלאטער ווײַסער הונט, וועלכן די קלײנע פירט אף א שטריקל איבערן צימער, און דאָס דריידל אינעם היפּשן קעסטל... אלץ פארנעמט אָרט. אך, דאָס דריידל... איך בין בײַגעווען אף זײַן דעביוט מיט א פיר כאדאָשים צוריק. טאָניע האָט אָנגעדריקט אפן קעפּל פונעם שפּילעכל און עס האָט זיך מיט א הודזשעריי גענומען דרייען. איז וואָס האָט זיך עס געטאָן מיטן קינד... עס האָט זיך איבערגעקערט אפן בײַכל, די הענט צעטומען מיט די דלאָניעס ארוף, די פיס פארהויבן אין די קני, מיט ברייט צעעפנטע אויגן געקוקט דורך די שפּארונעס פון בעטל, אפילע א ביסל דערשראָקן פון דעם ווונדער איבער ווונדער.

דער טיש, בא וועלכן די יונגע האָבן נעכטן געזאָלט אופנעמען די געסט און מיך בעסויכעם (ווען ניט מער פון צוויי, נעמט מען זיי אוף אין קיך), אפן דאָזיקן טיש וועגט מען דאָס קינד, מע גרייט צום שפּאציר, מע טוט איבער אף באנאכט. עס קאָן זיך מאכן, אז ווען דאָס קינד וועט אײַנשלאָפן, וועט די יוגנט ארײַנכאפּן אינדערשטיל א טאנץ אויך. איז צו וואָס זאָל איך זיי נאָך ענגער מאכן? דערצו נאָך האָט נעכטן דער טאָג פון גאנצפרי זיך פארמאָסטן אף א רעגן. עמעס, נאָר פארמאָסטן זיך און גיך איבערגעטראכט. אָבער א טערעץ אף צו בלײַבן אין שטוב איז דאָס.

— איך וועל קומען, — זאָג איך מײַן אייניקל אין טעלעפאָן, — א נאָפּקעמינע, זאָל זײַן אין עטלעכע טעג ארום. צוזאמען מיט די עלטערן.

— מע דארף ניט וואַרטן אף די עלטערן, — זאָגט מײַן אייניקל. — ווייסטו וואָס, קום מאָרגן. ווען דו ווילסט. — ער גיט איבער דאָס טרײַבל טאָניען און זי פארפינקטלעכט עטוואָס דאָס „ווען איר ווילט":

— קומט, קומט מאָרגן, — זאָגט זי, — מיט די עלטערן וועט איר קומען נאָכאמאָל. נו, אזייגער פינף איז אײַך באקוועם?

נאָך א מין באקוועם! מע דארף דאָך מיך דאַרטן האָבן הײַנט. אזייגער פינף... אוואדע...

— איך וועל קומען, — פארזיכער איך טאָניען, — פונקט פינף, אויב איר ווילט, קאָן איך קומען א ביסל פריִער אויך און איר פארזיכערט זיך דערווײַל מיט בילעטן אין קינאָ. אניט, וועט איר עפּשער גיין צו עמעצן צוגאַסט. אף א גאנצן אָוונט.

— נאָר אײַך וועט זײַן שווער מיט דער קליינער. א מאזיק. מע טאָר פון איר קיין אויג ניט אראָפּנעמען. — טאָניע קווענקלט זיך, נאָר אויסצובאהאלטן די גליקלעכע דערוואַרטונג איז זי ניט בעקויעד. — מיר זײַנען טאקע הײַנט אײַנגעלאדן אף א כאסענע. מיר האָבן זיך געקליבן אָפּזאָגן. — איר שטים גיט א ציטער פון שרעק, טאָמער ס'וועט פונדעסטוועגן אויסקומען אָפּצוזאָגן זיך.

— איך וועל קומען, — כאזער איך איבער. — און איר מאַרש פון שטוב ארויס! נאָכן „מאזיק" האָב איך זיך פארבענקט, ניט נאָך אײַך, — גיב איך א לאַך אין טרײַבל. — ס'איז דאָך איר געבורטסטאָג, ניט וועמעס...

ניט לאַנג צוריק האָב איך זיך באגעגנט באם ליפט מיט מײַנעם א שאָכן, זייער א ליבן מענטש. אָט אזוי איז עס אין דער גרויסער שטאָט. מע ווינט א טיר בא א טיר און מע וואַרפט זיך דורך מיט צוויי ווערטער, וואַרטנדיק אפן ליפט. וועט ער קומען שנעל, וועלן קיין צוויי ווערטער אויך ניט זײַן. וועט ער זיך פארהאַלטן אף א וועלכן-ניט-איז עטאזש, וועט מען זיך דערוויסן, וואָס בא יענעם טוט זיך, אויב ער וועט וועלן דערציילן.

— וואָס זעט מען עפּעס ניט אײַער סאָניע, — פרעג איך. — ווידער אין א קאָמאַנדירונג?

— ניין, — האָט עטוואָס פאַרלאָרן געענטפערט דער שאָכן, — אריבערגעקליבן זיך אין א נײַער דירע. — ער האָט אופגעהויבן אף מיר זײַנע שווארצע, פון קאַדמוינים טרויעריקע יידישע אויגן. — וואָס קאָן מען טאָן? אידע איז בא אונדז ווי א טאָכטער, און ער האָט צו אן אנדערער זיך צוגעבונדן.

„צוגעבונדן" — פון שטענדיק אָן איז מיר ניט צום הארצן דאָס דאָזיקע וואָרט „צוגעבונדן", „אָנגעבונדן" (אין בעסטן פאַל געוווינהײַט). עס מאַכט זיך, אז געוווינהײַט וואקסט אריבער אין ליבע, נאָר אָפטער ווערט די ליבע אײַנגעזונקען אין געוווינהײַט. און דאָן גילט שוין דאָס פאָלקסוואָרט — „זאָל מען ניט געפרוווט ווערן, צו וואָס מע קאָן געווינט ווערן". עפשער איז סאָניע צו זײַן ערשטער פרוי אויך געווען ניט מער, ווי „צוגעבונדן". האָט ער צעריסן די פענטעס, צוגעבונדן זיך צו אן אנדערער.

בא מײַנע יונגע... וואָרט נאָר, עפשער האָבן זיי זיך גאָר צעוואָרטלט איבער דער פרעמדער כאָסענע. זיי זײַנען אידעלע קינדער, האָט יעדערער פון זיי אָפּגעטראָטן דעם אָרט דעם צווייטן — „פאָר דו", „ניין, פאָר דו, און איך וועל זיצן מיטן קינד". אפילע בא אזא אמפעריי קאָן זיך אמאָל ארויסכאַפּן א וואָרט, וואָס איז ניט אומצוקערן. דאָפקע עכטע ליבע איז פאַר א וואָרט מוירעדיק עמפינדלעך. אויב עס פאַרגעסט זיך בייסמײַסע, איז עס ניט פויל מיט א שעלמישן ווונק ווענן זיך צו דערמאָנען אין צענדליקער יאָרן ארום.

פיר אזייגער זיץ איך שוין אין מעטראָ. עטוואָס פריִער, ווי מע דאַרף, וועל איך נאָך באַווײַזן בא א האַלבער שאָ זײַן א גאַסט אויך. און דערנאָך גייט אײַך געזונטערהייט, וווּהין איר ווילט. זאָלן זיי זיך א ביסל פאַרווײַלן.

פון הינטער דער טיר דערטראָגט זיך א פאַרצווייפלטער קינדערשער געשריי. אונדזער פיצל, הער איך, ווײנט מיט אלע איִוּורים, ווי עס ווײנען נאָר קליינע קינדער. „אוי, זי איז ניט געזונט" — גיב איך זיך א צאַפּל, און — „איך האָב דאָס פון פריִער געוווּסט". אזוי דאַכט זיך מיר איצט.

די טיר עפנט מיר טאָניע. דאָס קינד שטייט גאַנץ שטײַף בא איר זײַט אף די אייגענע פיסלעך. טאָניע לאָזט מיר א רעגע אָנקוקן דעם דאָזיקן ווונדער. דערנאָך נעמט זי די קליינע אף די הענט, און יענע צעשמייכלט זיך, פונקט ווי ניט זי האָט אָט דאָ ערשט אזוי ביטער אויסגעווײנט איר קינדערשן צאַר.

איך צעקוש זיך מיט טאָניען. מיר שטייען נאָך אלץ זאלבעדריט בא דער טיר. דער הויפּט פון דער מישפּאָכע, מײַן אייניקל, איז אוועק קויפן א מאַטאָנע פאַר כאָסן-קאַלע. טאָניע, ווי זי וואָלט שוין געהאַט אויסגעהאָדעוועט בא א האַלבן טוץ קינדער, פאַרזיכערט מיך סאָליד אזוי:

— אלע קינדער ווײנען, ווען עס שנײַדן זיך בא זיי די ציין. שרעקט זיך ניט. — לײַכט און צאַרט גיט זי א צי אָפּ באַם קינד די אייבערשטע ליפּ און עס גיט פאַר מיר א פינקל דאָס ווײַסע פּאַסיקל פון אן ערשט געבאָרענעם צאָן. אומדערוואָרט זאָגט דאָס קינד דײַטלעך ארויס „בא-בא", דאָס פינפטע וואָרט לויט מײַן כעזשבן, און צעווײנט זיך ווידער. ווערט די פרייד פון דער „בא-בא" געמינערט.

„און עפשער איז עס ניט פון די ציין? און טאָמער פעלט דעם קינד עפּעס אנדערס?" פון דעם אלעמען פאַרגעס איך אפילע צו צעוואַשן די הענט פון וועג. איך נעם דאָס קינד צו זיך. טאָניע טוט מיר א זאָג ווידער זייער סאָליד, ווי אן עלטערע, א געניטערע, שיר ניט פון אויבן אראָפּ: „דער דאָקטער ספּאָק שרײַבט, אז פונעם ווײנען אנטוויקלען זיך באַם קינד די לונגען", און פליט ארויס אין קיך. איך גיי ארײַן אין צימער. שטיין מיטן קינד אף די הענט איז מיר שווערלעך. זעץ איך זיך צו אף דער טאַכטאַ, דעם איינציקן סימען, אז אין דעם „קינדער-צימער" ווײנען אויך דערוואַקסענע. די קליינע זיצט בא מיר אף די קני. זי איז שטאַרק פאַרטאָן אין א קנעפּל אף מײַן ארבל. זי מיט זיך מיט אלע קויכעס עס אָפּצורײַסן. אין א ווײַלע ארום טוט זיך איר פּענעמל א מינע ווי צום ווײנען. זי טראַכט אָבער איבער און נעמט רײַבן מיט די פויסטלעך די אויגן. טוליע איך זי צו און רייד צו איר אין דער שטיל:

— בידנענקע מײַנע, פיצעלע מײַנס, פאַרוואָס קומט עס דיר, די ציינדעלעך זאָלן ווי טאָן? שלאָף, מײַן קלייניקע, שלאָף. נאָר זאָלסט ניט ווײנען. מאַלע וואָס סע שרײַבט דער דאָקטער ספּאָק. מיר וועלן אלץ איבערקומען. זעסטו דאָך, די באָבעצע איז אין ריוו געלעגן, האָט מען זי אף א פּניאָק אוועקגעזעצט. די סאָלדאַטן האָבן זיך געטרונקען, האָט דער באָבעצעס פײַפעלע זיי פון דעק פון טײַך ארויסגערופן.

באם קינד זיַינען געשלאָסן די אויגן. עס ציטערן בלויז עטוואָס די וויִעס. אָט־אָט שלאָפט עס שוין. און איך רייד נאָך אַלץ אין דער שטיל. איך רייד, צי איך זינג, צי איך זאָג: „אָן די מיַיסעס פון דעם גוטהאַרציקן ייִנגעלע, ווי וואָלטן מיר געלעבט אַף דער וועלט? ווי וואָלטן מיר דאָס ביַיז איבערגעקומען?"

אין ריוו געלעגן,
אין טיַיך זיך געטרונקען...

אפּאָרט

אך, ווי גוט, ווי זיס דאָס איז, אז מע לעבט און מע איז אַן ערלעכער,
מע איז ניט קיין גאַנעוו, מע איז ניט קיין ליגנער.

שאָלעם־אַלייכעם

מיך האָט אופגעוועקט א קליינינקן אין וויגל
אַן אופגעפּלאַצטע באָמבע בא דער טיר.

בוזי אַליעווסקי

ער איז געבאָרן געוואָרן אינעם כוידעש מיַי. איז דער מאַמען איַינגעפאַלן אַנצורופן אים מיַי. „א שיינער נאָמען, — האָט זי אָנגעשריבן דעם טאַטן פונעם קינד אין דעם ערשטן צעטעלע פון געבורט-הויז, — ער שמעקט מיט בעז". נאָכן איבערלייענען די דאָזיקע ווערטער האָט דער טאַטע אַרויסגעלאָזט א שטיל הוסטל, ווי ער וואָלט אָט ערשט בעשאָלעם אַראָפּגעשלונגען עפּעס א ברעקעלע, וואָס איז אַף א וויַילע געבליבן שטעקן אין האַלדז. גע־בליבן איז אַזוי, ווי די מאַמע האָט געוואָלט. דאָס צעטעלע איז געווען אַדרעסירט ניט נאָר דעם פאָטער פונעם קינד, נאָר אויך דער באָבען, דעם פאָטערס מאַמע. האָט די באָבע אומ־צופרידן א זאָג געטאָן דעם זון: „ס'וואָלט געווען א מיידעלע, איז אַדעראבע — מיַיעלע, מיַיעטשקע, מיַיִנקע", זייער שיין. אָבער א ייִנגל? מיט וואָס פּאַר א נאָמען זאָל מען אים לאַשטשען — „מיַיטשיק"? ס'האָט דעם עמעסן טאַם. דעם קינדס מומע, ס'הייסט דער באָבעס טאָכטער און דעם טאַטנס שוועסטער, האָט, ניט לאַנג טראַכטנדיק, אים גאָר אָנגערופן מיַיקל. זי איז געווען א לערערן פון ענגליש, האָט זי בא יעדער געלעגנהיַיט געמיט זיך אַרויסצוּוויַיזן איר „אייראָפּעיִשקיַיט". און עפשער האָט זי עס געטאָן גאָר אפצולאָכעס דער מאַמען פונעם קינד, וועלכע זי האָט ניט זייער ליב געהאַט. וועגן דעם, אז די מומע שאַנע־וועט ניט איבעריקס זיַין מאַמע, האָט מיַי, ווי מע קאָן זיך מעשאַער זיַין, דערוווּסט זיך ניט אין געבורט-הויז און ניט אין וויגל, נאָר מיט עטלעכע יאָר שפּעטער. אַפן נאָמען „מיַיקל" האָט זיך דער ערשטער אָפּגערופן ניט דער פּיצינקער מיַי, נאָר זיַין באָבע: „מיַיקל", האָבן מיר שוין א לאָרד אין דער מישפּאָכע אויך" — האָט זי א שמייכל געטאָן.

דאָס איז געווען מיט איבער אכט יאָר צוריק. איצט פאַרטראַכט זיך קיינער ניט איבער דעם, צי לאָזט זיך דער ייִנגלשער נאָמען מיַי פאַרלאַשטשעט ווערן אַזוי, ווי די מיידלשע „מיַיע". — „מיַי, — זאָגט איצט די באָבע, — וועסט זיך אַריַינכאַפּן אין סטאָלאָווקע נאָך מי־טיק?" און מיַי „כאַפּט זיך אַריַין" אין סטאָלאָווקע אַף א שאָ צוויי אַן ערעך. שטיין אין דער ריי איז פאַר אים א שפּילכל. און ביכלאַל האָט ער א גוטן קאָפּ אַף די פּלייצעס. דאַרף מען עפּעס אופזוכן, קריגן, באַקומען, ספּראַוועט ער זיך מיט דעם פיל בעסער פון דער באָבען. אין באַזונדערס פאַראַנטוואָרטלעכע פאַלן גיט ער צו איר א זאָג אַפילע ווי פון אויבן אַראָפּ: „בעסער וועל איך שוין צוגיין, בא דיר..." א סאַךריידן האָט ער קיין ציַיט ניט, גיט ער א מאַך מיט דער האַנט און לאָזט זיך גיין, וווּהין מע דאַרף.

מיַי איז ביכלאַל זייער אַן ערנסטער און א שוויַיגעוודיקער. אַמאָל, אינדערהיים, האָט די מאַמע ניט זעלטן, און אַזוי, אז ער זאָל הערן, געקלאָגט זיך פאַר דער באָבען: „דאָס ערשטע מאָל אין לעבן זע איך א ייִנגל — אַזא פלאַפּלער". מיַי האָט קעסיידער געהאַלטן אין איין פרעגן, און וואָס אַליין צו דערציילן האָט אים אויך ניט געפעלט. צו זיַין קינדערשער פּלאַפּלעריַי האָט געזומען א סאַך אין דעם טאָג, ווען אינדערפרי האָט אים אופגעוועקט אַזא שטאַרקער דונער, אַזש דאָס בעטל האָט אונטער אים אונטערגעשפּרונגען. נאָך ניט אינגאַנצן באַפריַיט פון שלאָף, האָט ער אויסגעשריִען: „ס'וועט זיַין א רעגן, מאַמע, האָסט געהערט?

אַ מין דונער!" פון אנציקונג האָט ער אזש גענומען דריגען מיט די פיס, ווי ער וואָלט געפאָרן אַף אַ וועלאָסיפּעד. אופגעזעצט זיך אין בעט, האָט ער דערזען אַף יענער זײַט פענצטער רויטע פלאַמען, געמישטע מיט רויך. די מאַמע האָט זיך צו אים אַ וואָרף געטאָן און, שוין אזא גרויסן, דאָס איז געווען אינגאנצן מיט צוויי יאָר צוריק, אַ כאַפּ געטאָן אַף די הענט און ער, ווי ער וואָלט געווען נאָך אַ קלײנינקער, האָט זיך צו איר צוגעטוליעט און געפרעגט: „מאַמע, פאַרוואָס ברענען די הײַזער? דער דונער האָט אין זיי געטראָפן?"

מײַס טאַטע און די מאַמע זײַנען ביידע דאָקטוירים. ביידע זײַנען זיי אַוועק דינען אין דער אַרמיי. איז מײַ געלאָפן פון מינסק מיטן זיידן און דער באָבען. פאַר דער צײַט, וואָס זיי זײַנען דערלאָפן פון מינסק ביז מאָגיליאָוו, האָט שוין מײַ באַוויזן צו ווערן אַן ערנסטער און אַ שווײַגעוודיקער. קיינער האָט עס אים ניט דערקלערט, נאָר ער האָט שוין גוט געוווּסט, אַז דער הימל, אַ בלויער-בלויער, אַ העלער-העלער, ווערט מיטאַמאָל שוואַרץ ניט שטענדיק דערפאַר, וואָס סע קלײַבט זיך אַ רעגן. און אויב סע הודעט, און פײַפט, און צינדט אַלץ אַרום און דונערט אַזוי, אַז די ערד שווימט אַוועק פון אונטער די פיס, איז ניט פון הימל קומט עס, כאָטש מענטשן האַלטן אין איין פאַרײַסן צו אים אין שרעק זייערע קעפּ. נאָר ווער זעט אים, דעם הימל? אײַזערנע פייגל טראָגן זיך איבער אים, רײַסן אים און פליקן.

אין וועג האָט מײַ אין אַלץ נאָכגעטאָן דעם זיידן און דער באָבען. זײַנען זיי געלאָפן, איז ער געלאָפן, האָבן זיי זיך פלוצלינג אַ וואָרף געטאָן אַף דער ערד, האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן אַף דער ערד, מער פון אַלץ האָט ער מוירע געהאַט זיי צו פאַרלירן אין וועג, כאָטש זיי האָבן ביידע אים שטײַף געהאַלטן פאַר די הענט. בלויז אין די אָפּדערנאַכטן, אויב איבער די קעפּ האָט ניט געפײַפט און ס'האָט ניט געטראַסקעט און ניט דורכגעלעכערט די לופט אַן איימעדיקער געשריי „דעסאַנט", און דערצו האָט זיך נאָך אײַנגעגעבן צוטוליען זיך הינטער אַ קוסט אין וואַלד, אָט דאַן פלעגן דער זיידע און די באָבע אָפּלאָזן זײַנע הענט. אין אָט די גליקלעכע מינוטן פלעגט די באָבע אַראָפּכאַפּן די טוך פון קאָפּ און אָפּווישן דעם שוויס פון זײַנעם און פון איר אייגענעם פּאָנעם. דערנאָך ערשט איבערגעבן די טוך דעם זיידן. נאָר אַלציינס האָט מײַס העמדל זיך געקלעפּט צום לײַב. טעג זײַנען דאַן געשטאַנען הייסע. ניט קיין כײַנעוודיק וואָלקנדל, ניט קיין שטיפּערישער בליץ, ניט קיין דונער, וואָס קײַקלט זיך מיט אַ געשמאַקער ברומעניש ערגעץ אין דער ווײַט... אין די איבערײַסן, ווען עס זײַנען ניט געפאַלן קיין באָמבעס, האָט געברענט און געסאַרפּעט די זון. דער הימל, וואָס האָט זיך ווי געמיט צו דערווײַזן אַז צו דער מעהומע אַף דער ערד האָט ער קיין שײַכעס ניט, ער איז אַליין אַ צעלעכערטער, האָט זיך דאָך אויסגעוויזן די מענטשן אַף דער ערד, ווי אַ שוטעף צו די אײַזערנע פייגל.

באַם זיידן און דער באָבען האָבן, פונקט ווי באַם קינד, — אויך די קליידער געקלעפּט זיך צום לײַב. אויסער אָפּן לײַב, האָבן זיי קיין שום קליידער ניט געהאַט. נאָר אַ זעקל מיט שפּײַז האָבן זיי פאַרכאַפּט פון דער היים און לויט דער ריי געטראָגן עס אַף דער פּלייצע. זעלטן-ווען האָט זיך אײַנגעגעבן צוצופאַלן מיטן מויל צו אַ טײַך, צו אַ טײַכל. מיט אַ בלאָטיקער ריטשקע האָט מען זיך אויך ניט געמיעסט.

איצט איז גאָר עפּעס אַנדערש. איצט וועט מײַ ניט לאָזן זיך פירן באַ דער האַנט. ווען וועט עס גאָר אײַנפאַלן אַזוינס צו טאָן? מײַ איז איצט דער איינציקער מאַנצבל אין שטוב. דעם זיידן איז ניטאָ וואָס צו רעכענען, כאָטש ער איז אַזאַ הויכגעוואַקסענער און אַזאַ שטאַרקער. דער זיידע איז אַן אינזשעניער און אַ קאַנדידאַט פון וויסנשאַפטן. מײַ איז זיכער, אַז דאָס זײַנען צוויי באַזונדערע מעלאָכעס. איז מיט וואָס קאָן שוין דער זיידע באַהילפיק זײַן אין שטוב? מײַ זעט אים אפילע ניט אַזוי אָפט. און טאָמער זעט ער אים יאָ, איז קימאַט שטענדיק אַ שלאָפנדיקן.

נאָך דעם, ווי מײַ כאַפּט זיך אַראָפּ אין סטאָלאָווקע און קומט צו פליען צוריק אַהיים מיט אויסגעשטעלטע אין דער אַוואָסקע, ווי אַ פּיראַמידע, דרײַ טעפּלעך, שנײַדט אָפּ די באָבע אַ שטיקל פון דעם געבראַכטן ברויט אים, לאָזט איבער אַ שטיקל פאַרן זיידן און דאָס אייגענע פּענעצל, דאָס סאַמע דינס, צעקרישלט זי שנעל און פאַרווייקט אין דעם זופּ. אָט אַזוי כיטרעוועט זי, די באָבע, נאָר מײַ דולדעט ניט קיין שווינדלערײַ. ווען אים גיט זיך אײַן צו כאַפּן די באָבע באַ דער האַנט, וויאַזוי זי באַוואָלט זיך אַליין מיטן ברויט, גיט ער אַ רוק אָפּ פון זיך זײַן כיילעק און גיט טרוקן, מײַסע מאַנצבל, אַ מרוקע: „אַזוי וועט ניט גיין".

פאַרווייקן ברויט אינעם זופּ — דאָס זאָלן טאָן אַלטע לײַט. מײַס באָבע איז ניט אַזאַ אַלטע. ציין האָט זי געזונטע און שיינע. אַליין איז זי אויך אַ שיינע. אינדערהיים נאָך האָט מײַ איינמאָל געהערט, ווי די מומע, וואָס האָט אים גערופן „מײַקל", האָט, פאַרברענגענדיק

הינטערן אָפֿענעם פֿענצטער מיט זיזערער א שכײנע, א זאָג געטאָן: „גאָטס װוּנדער, א שנור זאָל זײַן װײניקער באַטאַמט און זאָל אױסזען עלטער פֿון דער שװיגער״.

פֿון דער מומעס װערטער האָט באַם קינד אָן א פֿאַרװאָס א טיאַכקע געטאָן אין האַרצן. און דאַן ערשט איז צו אים דערגאַנגען, אַז די „װײניקער באַטאַמטע״, װאָס זעט אױס עלטער פֿון דער שװיגער, איז זײַן מאַמע. „װאָס זשע קומסטו צו איר צוגאַסט, אױב זי געפֿעלט דיר ניט?״ — האָט ער א טראַכט געטאָן מיט פֿאַרדראָס. כאָטש די באָבע, קאָן מען זאָגן, האָט די מומע געליבט, קאָן מײַ פֿון יענעם טאָג אָן זי ניט אָנקוקן. ער קאָן ניט הערן, װיאַזױ זי רופֿט זײַן מאַמע ניט אַנדערש, װי „מײַן טײַערע״ אָדער „מײַן ליבינקע״ און רעדט זי אײַן צו שמירן דעם פּאָנעם מיטן קרעם, װעלכער רופֿט זיך „באַטאַגיקער״. עס איז דערגאַנגען אַזױ װײַט, אַז אײנמאָל, װען די מומע האָט אים געשענקט א לאַסטמאַשין, א שפּילכל, װעגן װעלכן ער האָט געטרױמט, האָט ער בעקיװון אין דער שטיל אָפּגעדרײט פֿון איר אַלע רעדער, װעלכע האָבן געפֿירט די מאַשין איבערן צימער און אױך איבערן הױף, אַבי נאָר עטלעכע מאָל א דרײ טאָן דעם שליסל.

איצט געדענקט שױן ניט מײַ אַקוראַט, װיאַזױ זי זעט אױס, די מומע. ער װײסט נאָר, אַז זי װױנט אין טשימקענט אײנע אַלײן. אָן א מאַן, אָן א קינד. מײַ פֿאַרשטײט, אַז אױב עס איז דאָ א שטאָט טשימקענט, זײַנען דאָ אױך מענטשן, װעלכע װױנען אין טשימקענט. נאָר אַלצײנס שטעלט זיך אים פֿאָר דאָס אַלײן זײַן פֿון זײַן מומע, װי זי װאָלט געשטעקט ערגעץ אינמיטן דער שטאָט און אַרום — קײנער ניט. „צירעלע, נעבעך, װי גײט זי זיך דאָרטן אָן אײצע מיט איר קראַנק האַרץ?״ — האָט די באָבע אײנמאָל געזאָגט צום זײדן. — פֿאַרװאָס האָט זי אױף אונדז ניט צוגעװאַרט, מיר זאָלן צוזאַמען אַרױס פֿון שטאָט. װען דער צימער זאָל זײַן א ביסעלע גרעסער, װאָלט מען זי געדאַרפֿט אַראָפּנעמען אַהער. עמעס, צושרײַבן װאָלט אָנגעקומען שװערלעך.

מײַ האָט ראַכמאָנעס געהאַט אױף דער מומע צירל אָדער צעציליאַ װלאַדימיראָװנאַ, װי פֿרעמדע האָבן זי גערופֿן. האָט זיך באַ אים אַרױסגעכאַפּט:

— באָבע, זאָל די מומע צירל זײַן מיט אונדז. איך װעל שלאָפֿן אױפֿן בױדעם.

אינדערהײם האָט די באָבע געשריבן לידער פֿאַר קינדער. ניט אײן ביכעלע אירס מיט שײנע קאַרטינקעס האָט די באָבע אים פֿאַרגעלײענט, װען מײַ איז נאָך געװען א קלײנער. דערנאָך האָט ער שױן געלײענט זײ אַלײן. אין דער נײַער הײם שרײַבט די באָבע אױך. װען מײַ גײט עפּעס קױפֿן, פֿאַרזאָגט זי אים, ער זאָל דאָס װיקל־פּאַפּיר ניט אַרױסװאַרפֿן. ער זאָל עס פֿאַרהיטן פֿאַר איר. האַלט מײַ אין אײן בעטן, מע זאָל אים יעדער זאַך װאָס בעסער פֿאַרװיקלען. אַפֿילע ברױט אױף די קאַרטלעך, װאָס מע טײלט שנעל, פֿון האַנט צו האַנט, הױל, װי עס איז געקומען אױף דער װעלט. „א נײַער פֿאַרעץ, — בײזערט זיך די פֿאַרקױפֿערן, — גײ, גײ, דו פֿאַרהאַלטסט אַלעמען״ — און פֿון דער רײ דערטראָגט זיך אױך אַמאָל: „אַזאַ קלײנס און אַזאַ נאַכאַל״.

מאַכט זיך א גליקלעכער טאָג און אין קראָם איז ניט אַזאַ ענגשאַפֿט, װי געװײנלעך. פֿרעגט אים די פֿאַרקױפֿערן:

— זאָג מיר נאָר, צוליב װאָס דאַרפֿסטו אַזױפֿיל פּאַפּיר? א, מיסטאַמע מאָלסטו? — פֿאַלט איר אײַן. כאַפּט זי אַרױס א היפּשן בױגן פּאַפּיר פֿון עפּעס א קעסטל און שטעקט עס אױף דעם ייִנגל. איז דאָס קנאַפּ, שענקט אים נאָך די פֿאַרקױפֿערן אָן אָפּגעהריזעט שטיקל בלײַער. — נאַ, מאָל.

זאָגן „א דאַנק״ האָט ער ניט באַװיזן. מע האָט אים אָפּגעשטױסן אָן א זײַט. מיטן באַקומענעם ברױט, צוגעדריקט צום העמדל, און מיטן בױגן פּאַפּיר, אױסגעצױגן אין דער האַנט, צונױפֿלײגן דאָס פּאַפּיר, װאָס איז געװען האַרט, װי בלעך, איז ניט געװען װוּ, האָט זיך מײַ געלאָזט גײן צו דער טיר. באַם סאַמע אַרױסגאַנג אָבער האָט ער מיט א װינקל פֿון דעם פּאַק־פּאַפּיר פֿאַרטשעפּעט אײנע אָן אַלטיטשקע. פֿון אומגעריכטקײַט האָט זי אַרױסגעלאָזט דאָס בײַטל פֿון דער האַנט. מײַ האָט זיך אײַנגעבױגן, קעדײ דעם בײַטל איר אױפֿצוהײבן, האָט זי זיך צעשריִען אױף דער גאַנצער גאַס:

— אױ, מײַנע קאַרטלעך! פּאַראַזיט, גיב אָפּ דאָס בײַטל!

מײַ האָט א שטעק געטאָן דאָס בײַטל דער אַלטער גלײַך אין האַנט אַרײַן. אַרום זײ איז שױן אױסגעװאַקסן א קלײן געזעמל. עמעצער האָט שױן א כאַפּ געטאָן דאָס ייִנגל באַם אַקסל. האָט די זעלבע אַלטיטשקע װידער אױפֿגעהױבן א גװאַלד:

— לאָזט אָפּ דאָס קינד! װאָס האָט איר זיך צוגעטשעפּעט? ער האָט מיר אױפֿגעהױבן מײַן בײַטל.

מײַ האָט זיך געלאָזט לויפֿן מיט אַלע קויכעס. דערלאַנגט דאָס פּאַפּיר דער באָבען, האָט ער געזאָגט קורץ: „דאָס האָט מיר די פּאַרקויפֿערן געשענקט, — ניט אויסגעהאַלטן און א באַרים זיך געטאָן אויך מיטן אָפּגעהריזעטן בלײַער. — זי מײנט, אז איך קען מאָלן". „אוואדע קענסטו, — האָט דערויף געענטפֿערט די באָבע. — וואָס, דו געדענקסט ניט די שטיבער און די מענטשעלעך, וואָס דו האָסט געמאָלט? זיי זײַנען דאָך געווען צוגעגנאָגלט אין אונדזער פֿאָדערצימער אויף דער וואַנט. אין שול וועסטו ווידער מאָלן. ס'איז שוין ניט לאַנג צו וואַרטן. צוויי וואָכן סאַכאַקל.

דאָס, וואָס די באָבע שרײַבט אויף פֿאַרשיידענע שטיקלעך פּאַפּיר, לאָזט זי איבער אין שטוב. דאָס הייסט בא איר „שרײַבן אויף שוואַרץ". „אויף ווײַס" שרײַבט זי אין שילערישן העפֿט און טראָגט עס ערגעץ אַוועק. אַמאָל קערט זי זיך אום א פֿריילעכע, אַמאָל — אַן אומעטיקע. דאָס זעלבע, ווען דער פּאָטשט-טרעגער ברענגט א קאָנווערט מיטן שטאַמפּ „דעטגיז", אָדער „מורזילקא". נאָר דאָ קלײַבט זיך שוין מײַ אַליין פֿאַנאַנדער. אויב דער קאָנווערט איז א היפּשער און א דיקלעכער, הייסט עס, אז מע האָט דער באָבען אירע לידער אומגעקערט צוריק. אויב דער קאָנווערט איז אַזאַ, אין וועלכן מע שיקט א בריוו, הייסט עס, אז דער באָבעס לידער וועלן געדרוקט ווערן.

די באָבע טרוימט צו ווערן „א נאַדאָמניצע". מײַ פֿרעגט ניט וואָס דאָס איז. ער איז א מענטש אַן ערנסטער. וואָס טויגן אים טרוימען? ער האַלט נאָר פֿון מאַמאָשעס. דער באָבעס טרוים איז דאַפֿקע פֿאַרווירקלעכט געוואָרן. אויף א בענקל אין זייער קליינעם צימערל איז אין איינעם א טאָג אויסגעוואַקסן א באַרג מיט ווײַסן צײַג. גאַנצע טעג נייט די באָבע צו צו דעם צײַג קנעפּלעך און שלײַפֿט אויס לעכלעך. ווייסט שוין מײַ, וואָס הייסט א „נאַדאָמניצע". שרײַבן שרײַבט די באָבע אויך. ווען טוט זי עס, זעט ניט מײַ. נאָר דאָ גאָר ניט לאַנג האָט ער אַליין געהערט, ווי מע האָט איבערגעגעבן אויף ראַדיאָ אירע לידער.

אינדערהיים האָט דער זיידע, פּונקט ווי איצט, געאַרבעט אויף א זאַוואָד. די אָוונטן פֿלעגט ער אָבער קימאַט שטענדיק פֿאַרברענגען אין שטוב. זיצן מיט אַלעמען באַם טיש, אופֿנעמען געסט, גיין מיט דער באָבען אין טעאַטער, אויף ליטעראַרישע אָוונטן, דערציילן דעם אייניקל מײַסעס. אין די זומערדיקע זונטיקס, אויב נאָר בא דעם טאַטן אָדער בא דער מאַמען איז ניט געווען קיין דעזשורסטווע אין שפּיטאָל, פֿלעגט מען זאַלבעפֿינפֿט (דער פֿינפֿטער איז געווען מײַ) שפּילן זיך אויף דער סוויסלאָטש. ווען זיי האָבן זיך דאָס לעצטע מאָל אַזוי צוזאַמען געשפּילט, האָט זיך דער זיידע אַוועקגעזעצט אויף איין עק פֿונעם בענקל, דעם אייניקל געהייסן זעצן זיך אויף דעם צווייטן עק.

— ווען איך וועל א פֿיר טאָן די ווערסלע אויף אהינטער, — האָט אים געלערנט דער זיידע, — זאָלסטו טאָן, פּונקט ווי איך. ניט מיט איין האַנט, דערווײַל מיט ביידע. ווען איך וועל א יאָג טאָן די ווערסלע פֿאָרויס, טו אויך א יאָג. צוזאַמען מיטן וואַסער. נאָר נעם ניט צו טיף.

אויף דער מאַמען בא די פֿאָדערשטע ווערסלעס האָט מײַ ניט געהאַט קיין צײַט צו קוקן. ער האָט אויף קיין רגע ניט אַראָפּגענומען די אויגן פֿון דעם זיידן. ער האָט זיך פֿאַרמאָסטן אויף אהינטער, געשטויסן דאָס וואַסער פֿאָרויס, צו טיף ניט גענומען און דער זיידע האָט אים קעסיידער געמונטערט: „גוט", „בראַוואָ", „אַן אַנטיק". מײַ האָט ניט געצווייפֿלט, אז די לויב האָט ער פֿאַרדינט. דאָס שפּיל איז אַזוי לײַכט געשווומען איבערן טײַך...

איצט, ווען די באָבע לאָזט, וואָלט דער זיידע, קומענדיק פֿון דער אַרבעט, גלײַך אינעם אָנטאָן אַוועקגעוואַלגערט זיך אויפֿן געלעגער. אויף דער אַרבעט באַקומט דער זיידע יעדן טאָג א מיטיק. נאָר אַלציינס לאָזט פֿאַר אים איבער די באָבע א דריטל פֿון דעם, וואָס עס ברענגט פֿון סטאָלאָווקע מײַ, און א גרעסער שטיקל ברויט, ווי זיך. אין מײַס אויגן זעט עס טיילמאָל אויס, ווי אַרויסגעוואָרפֿן. דער זיידע האָט קיין פּיצל האַנאָע ניט פֿונעם עסן, מעג עס זײַן ווי געשמאַק. ער שלינגט עס אײַן אין איין רגע, ניט קוקנדיק אפֿילו. און די באָבע נעמט שטיל צו פֿון טיש, צעוואַשט דאָס געפֿעס פֿאַרן גאַנצן טאָג. אויף אַזאַ אויפֿן פֿאַרשפּאָרט זי קעראָסין אויף צו וואַרעמען וואַסער. און ווידער, אין די טעפּלעך, אַרומגעוויקלטע מיט א קאָלדרע און מיט א קישן פֿון אויבן, פֿאַרהיט דאָס עסן א ביסל וואַרעמקײַט. אין צימער בא זיי איז שטענדיק ריין. אין הויף אויף א שטריקל צווישן פֿאַרשיידענעם וועש טריקענען זיך עטלעכע העמדער, לײַלעכער און ציכלעך אויך זייערע, דעראָבערטע שוין דאָ אויף אַן אָרט. אַלע שטוביקע אַרבעטן מיט זיך די באָבע אָפּטאָן, ווען קיינער זעט ניט. פּונקט ווי זי שרײַבט אירע לידער.

די באָבע האָט באַקומען אויף אַן אָרדער א קלייד. אין א ביסל צײַט אַרום נאָך אַן אָרדער — א צווייט קלייד. דאָס ערשטע, אָן אַרבל, טראָגט זי אינדערהיים. ווען זי אַרבעט בא

די קנעפּלעך און די לעכלעך צו זיי, האָט מיר ליב צו קוקן, וויאַזוי עס פּליִען אויף און אָפּ, ווי דינע שטעקעלעך, אירע נאַקעטע הענט. מיטן אויג ניט צו כאַפּן, ווו איז די רעכטע, ווו איז די לינקע. דאָס צווייטע קלייד, אַ בלויס, מיט אַרבל און אַ ווײַס קעלנערל, טוט אָן די באָבע, נאָר ווען זי גייט אַרויס אין גאַס. אין זײַן געבורטסטאָג האָט דער אַקטיאָריקער מײַ מיטאַמאָל באַמערקט, אַז פֿון פֿאָרנט פֿעלט עפּעס דעם קלייד. עס נעמט אַרום די באָבע אַזוי, ווי דעם זיידן זײַן העמדל. מײַ האָט ביגנײַוּע געכאַפּט אַ קוק אויף דער שכײנע, וואָס איז לעקאָוועד זײַן געבורטסטאָג אײַנגעלאַדן געוואָרן אויף אַ גלעזל טיי, איז בײַ איר ניט אַזוי, ווי בײַ דער באָבען. האָט זיך מײַ אויף דעם שטאַרק פֿאַרטראַכט און לעסאָף פֿאַרשטאַנען, אַז ניט אין דעם קלייד גייט עס, נאָר אין דער באָבען גופֿע. פֿון יענעם טאָג אָן האָט מײַ אופֿגעהערט, אַרײַנקומענדיק אין שטוב, כמורנע אַ פֿרעג טאָן, אַלע מאַנצבלען פֿרעגן וועגן אַזעלכע זאַכן, ווי דאָס וואָלט זיי גאָר ניט אָנגעגאַנגען, כמורנע, ווי צווישן אַנדערן: „קיין בריוו ניטאָ?״ ווען בריוו פֿאַרהאַלטן זיך, איז שוין בעסער אָפּהיטן אויף דער גאַס דעם בריוו־טרעגער. זאָל ער זאָגן, צי יאָ, צי ניין.

איינמאָל האָט זיך מײַ אויפֿגעכאַפּט אינמיטן נאַכט, און עפּשער איז דאָס געווען פֿאַר־טאָג. דער זיידע איז געזעסן אויף זײַן טאַפּטשאַן, פֿאַנאַנדערגעשנורעוועט די בענדלעך פֿון די שיך. די באָבע האָט זיך צוגעײַלט און אַראָפּגעשלעפּט זיי פֿון זײַנע פֿיס. זי דערלאַנגט אים צום טיש עפּעס איבערבײַסן און קערט זיך אויס צו אים מיטן רוקן. באַקומט זיך עס מיטן פּאָנעם צום אייניקל. כאַפּט זי אויף אים אַ דערשראָקענעם קוק, צי שלאָפֿט ער. מײַ פֿאַרזשמורעט שטאַרק די אויגן, נאָר אַז די באָבע וויינט, באַווײַזט ער צו דערזען. פֿון דעם זיידן האָט זי זיך אָפּגעקערט בעקיוון. דער זיידע הייבט זיך אויף פֿון אָרט און דרייט אויס די באָבע מיטן פּאָנעם צו זיך, גיט מײַ פֿאַרזיכטיק אַ פּאַכע מיט די וויִעס, דער זיידע קושט די באָבע אין שטערן און טוט זי אויך אַ קוש אין די ליפּן, ווי דאָס טוען יונגע. אונדערהיים נאָך, ווען מײַ איז געווען „אַ פּלאַפּלער״, איז ער איינמאָל מיט אַ שפּאָגל פֿרישער נײַס אַרײַנגעפֿלויגן אין שטוב. אינמיטן דער קיך, בײַם טישל מיטן אויסגעוואַשענעם געפֿעס, די מאַמע איז נאָך געווען אין איר ווײַס פֿאַרטעכל, האָט דער טאַטע זי פֿעסט געדריקט צו זיך און געקושט אין די ליפּן. דער מאַמעס הענט האָבן בייסמײַסע אַרומגענומען אים בײַם האַלדז. עפּעס האָט דאַן געצוווּנגען דאָס ייִנגל אָפּצוטרעטן צו דער טיר און שטיל פֿאַר־מאַכן זי הינטער זיך. איצט זעט מײַ דורך די צוגעזשמורעטע אויגן, ווי די באָבע רײַסט זיך אָפּ פֿון דעם זיידנס ליפּן און פֿאַלט צו מיטן פּאָנעם צו זײַן ברוסט. דער זיידע גלעט זי איבערן קאָפּ, ווי זי וואָלט געווען אַ קינד. „עס וועט אָנקומען, ס׳וועט אָנקומען. פֿאַר־געסט, ווי עס גייען איצט בריוו, — שעפּטשעט ער, — הער אויף. וועסט דאָך אַזוי אָוועק־פֿאַלן. וואָס וועט דאַן זײַן מיטן קינד?״ די באָבע גלײַכט זיך אויס, גיט אַ פֿאַרשאַר אויף אַרויף די צעפּודלטע האָר: „אוי, וואָס פֿאַר אַ נאַר איך בין. בײַס איבער און גיכער אין בעט אַרײַן. אָוואַדע וועט אָנקומען״. ווי נאָר דער זיידע לייגט זיך, אַזוי שלאָפֿט ער אײַן. שלאָפֿט אײַן אויך מײַ.

„אָוועקגעפֿאַלן״ איז ניט די ביז ניט צו דערקענען אויסגעמאָגערטע באָבע, נאָר דאָפּקע דער שטאַרקער, דער הויך־געוואַקסענער זיידע. צוויי אַרבעטער האָבן איינמאָל אין אָוונט אים אונטער די הענט געבראַכט צו פֿירן פֿון זאַוואָד. די באָבע האָט אים אַרײַנגעלייגט עפּעס אַ קליין קײַלעכל אין מויל, געהייסן האַלטן אונטער דער צונג. די אַרבעטער האָבן איר געהאָלפֿן אים אויסטאָן. זיי האָבן צוגעוואָרט, ביז זי האָט אָנגעוואָרעמט אָפּן פּרימוס וואַסער, צוגעלייגט דעם זיידן צו דער ברוסט אַ גאָרטשיטשניק און צו די פֿיס אַ פֿלעשל הייס וואַסער.

געהיילט האָט דעם זיידן די ראַיאָנע דאָקטערשע, וואָס אַליין איז זי פֿון קיִעוו. דאָס ערשטע, וואָס מײַ האָט דערזען, ווען זי האָט זיך באַוויזן אין צימער, זײַנען געווען אירע מוירעדיק גרויסע פֿיס. ער האָט אַפֿילע אַ טראַכט געטאָן, אַז עפּשער זײַנען גאָר די שיך בײַ איר אַזעלכע גרויסע, ווײַל אַליין איז זי אַזוי זיך, ניט העכער פֿון זײַן באָבען. די דאָק־טערשע האָט דעם זיידן אויסגעהערט מיט איר טרײַבל, באַטאַפּט מיט די פֿינגער, געמאַכט אָן אײַנשפּריצונג און געהייסן ליגן. דערנאָך האָט זי זיך צוגעזעצט אויף אַ בענקל אינמיטן צימער, ברייט צעשטעלט איבערן דיל די גרויסע פֿיס, באַקוועם אויסגעשפּרייט אויף די קני די הענט און אַזויאַרום אָפּגעזעסן עטלעכע רגעס אין פֿולער רו. דערנאָך, שטיל און ניט זיכער, וואָס האָט ניט געשטימט מיט איר אײַנגעפֿונדעוועטן זיצן, אַ זאָג געטאָן, אַז בעסער פֿון אַלץ וואָלט געווען אײַנאָרדענען דעם קראַנקן אין שפּיטאָל. דאָרט וועט מען אים כאָטש אַ ביסל אונטערהאָדעווען. די דאָקטערשע האָט צוגעזאָגט דערוויסן זיך, ווי האַלט עס מיטן שפּיטאָל און געבעטן די באָבע דערווײַל צוגרייטן אַ פּאַפּירל פֿון זאַוואָד.

וואָס איז דאָס פאר א פאפירל, האָט מײַ ניט פארשטאַנען. א פאפירל קאָן דען אויסהיילן א קראַנקן?

אף מאָרגן, ווי נאָר די דאָקטערשע איז געקומען, האָט די באָבע מיט גרויס סימכע איר אָנגעזאָגט, אז דער דירעקטאָר פון זאוואָד איז גרייט אליין אָנקלינגען אין שפיטאָל און, אויב ס'איז נייטיק, העכער. נאָר א פאפירל האָט זי אלציינס גענומען. דאָס פאפירל האָט די דאָקטערשע שווײַגנדיק ארײַנגעלייגט צו זיך אין האנט-בײַטל. זי האָט דעם זיידן אויסגעהערט, א טאפ געטאָן באַם דויפעק, געמאכט אן אײַנשפריצונג און, פונקט ווי נעכטן, זיך באקוועם געמאכט אפן בענקל אינמיטן צימער. דאַן ערשט געזאָגט, אז אן אָרט אין שפיטאָל וועט זײַן ניט גיך. דאָ וועלן ניט העלפן קיין שום פאפירלעך און קיין שום ארײַנמישונג פון דעם דירעקטאָר — „די ערשטע דיסטראָפיקער זײַנען אָנגעקומען פון לענינגראַד, וועלן מיר דערווײַל היילן אינדערהיים. קאָמפּער האָב איך נאָך דערווײַל. אָט, ווען מע קאָן קריגן וויפל-ניט-איז גליוקאָזע... פרוּווט זיך, — האָט זי געזאָגט דער באָבען. — איך וועל פונדעסטוועגן אויסשרײַבן".

דעם קומענדיקן טאָג האָט די באָבע מיט היספּײַלעס דערציילט דער דאָקטערשע, וויאַזוי זי האָט „אויסגעוויינט" אין אפטייק גליוקאָזע. דאָס מיידל דאָרט האָט זי אָנגעקוקט, ווי א צעדולטע: „ווו וועל איך אײַך נעמען גליוקאָזע? דיסטראָפיקער קומען פון לענינגראַד, דאָס האָט איר געהערט? און ביכלאַל איז איצט אלץ פארן פראָנט", האָט די באָבע איר דערקלערט, אז איר קראַנקער מאַן ארבעט אלס אינזשעניער אף א מיליטערישן זאוואָד. פארן פראָנט ארבעט ער. און דאָס, וואָס זי אליין טוט אלס „נאַדאָמניצע", איז אויך פארן פראָנט. וועגן אירע לידער האָט זי, ווײַזט אויס, גאָרנישט ניט געזאָגט.

צי דאָס ביסל גליוקאָזע, וואָס די באָבע האָט „אויסגעוויינט" אין אפטייק, צי עפּעס אנדערש איז גוירעם געווען דערצו, נאָר אין עטלעכע טעג ארום, מיטוואָך איז עס געווען, האָט דער זיידע זיך פלוצלינג אוועקגעזעצט אף זײַן געלעגער. ער האָט זיך צעבוגטעוועט אי קעגן דער באָבען, אי קעגן דער דאָקטערשע. הײַנט, — האָט ער געזאָגט, — וועט ער נעמען זיצן, אָט זיצט ער דאָך שוין און פילט זיך גוט, וואָס בעסער קאָן ניט זײַן, און מאָרגן וועט ער נעמען גיין. פון דעם ליגן, — האָט געזאָגט דער זיידע, — פארלירט ער די לעצטע קויכעס. מאָנטיק גייט ער ארויס אף דער ארבעט, און גאָר. די באָבע האָט אים אָנגעקוקט דערשראָקן. די דאָקטערשע דאפקע האָט אף זײַנע ווערטער „פון דעם ליגן פארליר איך די לעצטע קויכעס" גאַנץ רויִק זיך אָפּגערופן: „עס קאָן זײַן". נאָר מיט דער ארבעט האָט זי געייצעט נאָך א וואָך צוּוואַרטן.

די דאָקטערשע האָט זיך אופגעהויבן פונעם בענקל און איז געבליבן שטיין מיט אירע גרויסע פיס אפן דיל פונעם קליינינקן צימער אזוי פעסט, ווי זי וואָלט געווען ניט קיין מענטש, נאָר א דענקמאָל. גערעדט האָט זי אָבער דאפקע ווי א מענטש, שטיל און פארטרוימט, ווי מיט עטלעכע טעג צוריק וועגן שפיטאָל, ווו מע וואָלט דעם זיידן „כאָטש א ביסל אונטערגעהאָדעוועט".

— אָט, ווען איר האָט א מעגלעכקײַט געבן דעם קראַנקן יעדן טאָג אן עפל... — האָט זי געזאָגט צו דער באָבען. — איר זײַט א מייוון אף די היגע עפל? אלמא-אטינער אפאָרט — ס'איז די זעלבע גליוקאָזע. א מין זיסקײַט... — זי האָט צונויפגעדריקט די ליפן אזוי, ווי זי וואָלט געהאלטן א צוקערקע אין מויל. ווען זי איז אוועק, האָט די באָבע געזאָגט: „ס'איז א סאָפעק, צי האָט אונדזער דאָקטערשע דעם דאָזיקן בארימטן אפאָרט פארזוכט. איר אליין וואָלט אויך מיסטאמע ניט געשאַט כאָטש איין עפל א טאָג".

די באָבע האָט פארמאָגט אן אויצער. א ניט גערירטער, א פארפראָפּטער, אן אײַנגעוויקלטער אין א צײַטונג, איז, פארוקט אין א ווינקל, אונטער איר געלעגער, געשטאַנען א האלבער ליטער בראָנפן. מיט א צײַט צוריק, האָט אן אומבאקאַנטער עלטערער לייטענאַנט געבראַכט א גרוס פון מײַס טאַטן און דער מאַמען. צו דער צײַט פון זײַן פארוווּנדונג האָבן זיי געדינט אין איין מעדסאַנבאַט — דער טאַטע אלס כירורג, די מאַמע אלס אויגן-דאָקטער. דאָס וואָרט „מעדסאַנבאַט" האָט מײַ ביז דאַן ניט געהערט, איז עס אין זײַן פאָרשטעלונג געווען איינער פון די „באפעלקערטע פונקטן", וועגן וועלכע מע גיט איבער אף ראַדיאָ, אז אָדער מע האָט זיי פארלאָזט, אָדער מע האָט זיי באפרײַט. נאָר פון דעם „לעבעדיקן גרוס", ווי די באָבע האָט אים אָנגערופן, איז מײַ אלציינס געווען שטאַרק צופרידן. און כאָטש קיין פלאַפלער איז ער שוין דאַן ניט געווען, האָבן אין א האלבער שאָ ארום וועגן דעם געוווּסט אלע ייִנגלעך אין הויף.

דער עלטערער לייטענאַנט האָט זיך בא זיי לאַנג ניט פארהאלטן. דעם זעלבן טאָג נאָך האָט ער זיך געדאַרפט מעלדן אין יאַני-קורגאַן, אין דעם שפיטאָל, אין וועלכן מע

האָט אים געשיקט אַף דערהײלונג. פאַרן אַוועקגיין האָט ער אַרויסגענומען מיט דער לינ־קער האַנט פון זײַן מיליטערישן רענצל, אונטערהעלפנדיק זיך מיט די פינגער פון דער רעכטער, וואָס, קאַנטיק, נאָר די פינגער האָבן בײַ איר געדינט, אַ פלאַש בראַנפן. אַוועק־געשטעלט אַפן טיש. די באָבע האָט זיך אַ וואָרף געטאָן נאָך אַ גלאָז, האָט דער גאַסט אַ פיר געטאָן מיטן קאָפּ אַף „ניין". „ס'וועט צוניץ קומען. איר וועט אויסבײַטן אַף עפּעס נייטיקערס".

די באָבע האָט דעם האַלבן ליטער ניט געקליבן זיך צו בײַטן אַף וואָס עס זאָל ניט זײַן. „מיר וועלן אים ווען־ניט־איז אויסטרינקען אין פרידן, — האָט זי געזאָגט דעם פאַר־וווּנדעטן לייטענאַנט. — איך האָף, אַז גאָר אײַנגיכן וועט איר שוין זײַן געזונט אַף אַלע איבֿורים. נאָר אַלציינס וועלן מיר דאַן נעמען צו קאַפּעלעך אויך פאַר אײַך". איז אָבער דער האַלבער ליטער „צוניץ געקומען" פריִער. די באָבע אַליין האָט זיך נאָכגעפרעגט בײַ די שכיינעס, אין וויפל שאַצט מען אַזאַ אַנטיקל אַפן מאַרק און וויפל קאָסט דאָרטן אַ קי־לאָ עפּל, וואָס הייסט „אַפּאָרט". נאָך מער: די פלאַש האָט זי גוט אײַנגעוויקלט אין נאָך אַ צײַטונג און געקליבן זיך אַליין גיין מיט אים אַפן מאַרק. אין דער לעצטער רעגע איז אויפגעקומען אַ סאָפּעק. דער מאַרק געפינט זיך אַזש אַף דער גאָרקי־גאַס, און זיי וווינען אין אויסרײַסעניש, אין סאַמע עק שטאָט. זי האָט ניט געקאָנט בײַ זיך פּועלן איבערצו־לאָזן אַף אַ לענגערער צײַט דעם קראַנקן אַליין. מײַ איז דאָך פאָרט ניט מער, ווי אַ קינד, האָט זי מיסטאַמע אַ טראַכט געטאָן. דאָס קינד אָבער, האָט, ניט קוקנדיק אין איר זײַט, געזאָגט אַנטשלאָסן, ווי אַ דערוואַקסענער מאַנצבל: „איך וועל גיין אַפן מאַרק. בלײַב מיטן זיידן". די באָבע האָט זיך נאָך אַ ווײַלע געוואַקלט, נאָר דערנאָך בײַ זיך אָפּגעמאַכט, אַז אַזוי איז אפילו עפּשער בעסער. אַ קינד וועט קיינער קיין האַרץ ניט האָבן אָפּצונאַרן (יעדער מענטש טראַכט דאָך, געווײנלעך, וועגן יענעם לויט דעם, אַוועלכער ער איז אַליין). טאָמער באַמערקט דאָס פלעשל אַ מיליציאָנער, וועט ער זיך געוויס מאַכן ניט זעענדיק. ניט קיין ספּעקוליאַנט, אַ קינד. זי האָט נאָר פאַרזאָגט דעם אייניקל, ער זאָל דעם בראַנפן אַף עפּל בײַטן בעסער בײַ אַן עלטערן קאַזאַך אין אַ כאַלאַט און אַ טיובעטייקע, אָדער אַ פּוטערנעם היטל אַפן קאָפּ, וואָס די קאַזאַכן טראָגן דאָפּקע אין אַ היץ. אַזוי וועט זײַן ראַיעלער.

מײַ איז דורכגעלאָפן עטלעכע קוואַרטאַלן און אַרײַנגעזעצט זיך אין דעם פּוסטן טראַמווײַ, וואָס פּונקט פונדאַנען האָט זיך אָנגעהויבן זײַן גאַנג איבער דער שטאָט. פון סטאַנציע צו סטאַנציע איז דער וואַגאָן אַלץ פולער געוואָרן. איז מײַ שוין ניט געזעסן, נאָר געשטאַנען. דאָס האָט אים ווייניק געקימערט. עס וואָלט אים ניט געאַרט, ווען עס קומט אויס צו שטיין אפילו אַפן קאָפּ, ניט אַף די פיס. אין מינסק איז ער אַפן טראַמווײַ געפאָרן ניט איין מאָל, אָבער שטענדיק מיט עמעצן פון די דערוואַקסענע. אין אַלמאַ־אַטאַ איז ער אַפן טראַמווײַ בכלל נאָך קיינמאָל ניט געפאָרן. און דאָ איינער אַליין, קימאַט פון עק ביז עק שטאָט.

— נאָך דרײַ סטאַנציעס, — האָט אים געזאָגט די פרוי, בײַ וועלכער ער האָט זיך נאָכגעפרעגט אַפן מאַרק, און אַליין איז זי אַראָפּגעשטיגן פון טראַמווײַ.

מײַ האָט אַזוי מורא געהאַט אויסצומײַדן דעם מאַרק, אַז אין אײַלעניש איז ער אַרויס מיט אַ סטאַנציע פריִער. האָט ער זיך אויך דאָס ניט גענומען צום האַרצן. אין דעם טייל פון דער שטאָט, וווּ ער האָט זיך איצט געפונען, איז אים אַלץ געווען טשיקאַווע. מײלע, די זילבערנע בערג אין דער ווײַט האָבן זיך געלאָזט זען אויך דאָרט, וווּ ער האָט געוווינט. אַלדאָס נאָענטע דאָפּקע, דערין אויך די מענטשן, איז געווען טונקל־גרוי. דער שטויב איז געשטאַנען, ווי אַ וואַנט. און דאָ אַזאַ ליכטיקײַט... און די גאַס, וואָס פירט צום מאַרק, איז גאָר ניט קיין גאַס, נאָר אַ מין אַלייע פון אַ מײַסעדיקן פּאַרק. זי ציט זיך צווישן גראַדע רייען ביימער פון ביידע זײַטן. ער האָט פאַרריסן דעם קאָפּ, ווי הויך שטײַגן זיי, די ביימער, האָט ער דערזען, אַז ערגעץ אונטערן סאַמע הימל, קומען זיי זיך צונויף, ווי אַ דאַך איבער די קעפּ פון די דורכגייער. די גרינע בלעטער פונעם דאַך זײַנען עטוואָס גע־לאַטעט מיט בלויקײַט, און זון־העזעלעך ציִען זיך פון צווישן זיי אין דער נידער.

בײַם איבערגיין די גאַס אַף דער צווייטער זײַט האָבן זיך די רייען ביימער איבער־געריסן און דערנאָך אַוועקגעצויגן ווײַטער ביז דעם צווייטן איבערגאַנג. די שטעקכים צווישן די איבערגאַנגען זײַנען געווען פּירקאַנטיקע און פון איין גרייס. מײַ האָט פאַר־לאַנגזאַמט דעם טראָט, רויִק און מעיושעוודיק געשפּאַנט איבער דער געקעסטלטער גאַס, פּונקט ווי די „קלאַסיקעס", וואָס די מיידעלעך בײַ זיי אין הויף צייכענען אָן מיט קרייד אַף דער ערד... ניין, ס'איז, ווי די ברעט, אַף וועלכער ער האָט דאָרט, אינדערהיים, גע־

שפּילט מיטן טאַטן אין דאַמקעס. ס'איז אים מיטאַמאָל געוואָרן זייער אומעטיק און ער האָט זיך דערמאָנט אין זײַן שליכעס דאָ, אין דעם אומבאַקאַנטן טייל פון שטאָט.

אריַין אינעם ברייט צעעפנטן טויער פונעם מאַרק, איז מײַ באַראַשט געוואָרן פון אַן א שיר קוילעס. קיין ראָש איז, אייגנטלעך, ניט געווען. קוילעס א סאַך, נאָר פאַרשטיקטע, צוגעשטילטע. די רייד ניט קיין דײַטלעכע. זיי מישן זיך אויס און זינקען אין דער אַלגע-מיינער געדיכטער הודזשעניש. ווי יעדערער וואָלט דאָ געוואָלט, מע זאָל אים דערהערן, נאָר זײַן קאָל ניט דערקענען: „יאָ געזאָגט, ניט געזאָגט". איין קאָל נאָר האָט זיך פון דעם אַלעמען אויסגעטיילט.

— היי, דו, קליינוואַרג, קום נאָר אַהער, — האָט ער מיט פרעכער זיכערקײַט אין זיך גערופן.

מײַ האָט באַלד פאַרשטאַנען, אַז דאָס מיינט מען אים, נאָר פון אָרט זיך ניט גערירט. געבליבן שטיין א פאַרלאָרענער. דאָס קאָל אָבער, וואָס האָט אים גערופן צו זיך, איז געווען ווײַט פון דער מינדסטער פאַרלאָרנקײַט. עס האָט זיך געריסן פון א געזונטער מע-נערשער געמבע:

— אַהין קוק ניט. דאָרטן אַרודעווען ווײַבער — סטערוועס. זיי וועלן פון דיר א פּעטשאַ אָפּקאָכן. מיט די אויערן פאַרבײַסן. אַהער גיי!

א פּאָר הויכע קאָזלעס, געדעקטע מיט ניט קיין אָפּגעהובלטע ברעטער. א טיש — ניט קיין טיש. אויפן טיש אין א ביז גלאַנץ אָפּגעפּוצטן שטיוול ליגט אויסגעצויגן א פּוס. דאָרט, ווו עס האָט געזאָלט זײַן דער צווייטער פּוס, ליגט א לאַבן ברויט. איבער דעם אַלעמען א טאַשמע קאָרטן, פאַרדריקט אין איין האַנט, און די צווייטע איז אָנגעצילט אַרויסציִען פון איר די סאַמע נייטיקע. צוזאַמען מיטן אייגנטימער פון דעם פּוס אינעם אָפּגעפּוצטן שטיוול, פון דעם לאַבן ברויט אויף די הוילע שמוציקע ברעטער און פון דער טאַשמע קאָרטן זײַנען געזעסן נאָך צוויי און שווײַגנדיק געקוקט אויפן יינגל, וואָס האָט לאַנגזאַם, מיט אומזיכערע טריט צו זיי זיך דערנעענטערט.

— א לאַבן ברויט ווילסטו? פריש, ערשט פון דער לאָפּעטע, — האָט פאַרגעלייגט דער איינפּוסיקער.

וואָס קאָן זײַן געשמאַקער פון פרישן ברויט? נאָר אין שטוב בא זיי האָט מען מער געהאַלטן פון אַלטגעבאַקענעם. דער פרישער איז טאַקע מער באַטאַמט, ער עסט זיך אָבער אויף צו גיך, איידער מע באַווײַזט זײַן טאַם צו דערפילן. נאָר אַלציינס, פריש, צי אַלטגעבאַקן ברויט איז געשמאַקער פון אַלץ אין דער וועלט. אָט האָט מען זיי ניט לאַנג אויף די קאָרט-לעך אָנשטאָט צוקער אַרויסגעגעבן שאָקאָלאַד, אַזאַ מין טונקל-ברוינע הליבע, א זיסע, נאָר עטוואָס אויך א ביטערלעכע. די באָבע האָט געזאָגט, אַז דער שאָקאָלאַד איז פון דעם העכסטן מין, פון ענגלאַנד געשיקט, ווײַל ענגלאַנד איז אונדזערער א פאַרבינדעטער אין דער מילכאָמע. אַמאָל איז קימאַט ווי ניט געווען קיין גאַסט, וואָס זאָל דעם קינד ניט ברענגען א העזל, א הינטל פון שאָקאָלאַד, אָדער אַפילע א גאַנצע פּליטקע. ווען מײַ איז געווען א קליינער, איז די מאַמע פון דעם געווען אומצופרידן. זי האָט זיך געמיט, די מאַ-טאָנע זאָל צו אים ניט דערגיין. „באַם קינד איז דיִאַטעז" — פלעגט זי שטיל אײַנרוימען דעם גאַסט. ווען ער איז א ביסל אונטערגעוואַקסן, איז בא אים שוין קיין דיִאַטעז ניט געווען. האָט ער ניט איין מאָל געגומען אויפן צאָן סײַ א העזל, סײַ א הינטל, סײַ עטלעכע קוואַדראַטיקעס פון א גאַנצער פּליטקע. איצט איז דאָס אַלץ געווען, ווי א ווײַטער כאָלעם. אַפּשאַצן, וועלכער שאָקאָלאַד איז בעסער, צי דער, פון דעם כאָלעם, צי דער, וואָס אָנשטאָט צוקער, וואָלט מײַ ניט געקאָנט. איז ווען די באָבע האָט אָפּגעפּיצלט עטוואָס פון דער זיסער, ביטערלעכער הליבע פאַרן קינד צו פאַרזוכן, האָט מײַ איבערגעלאָזט א שטיקעלע ברויט צו פאַרבײַסן. און ער איז געווען גערעכט. שאָקאָלאַד איז טאַקע געשמאַק, נאָר ברויט איז געשמאַקער.

מײַ האָט, ווי א פאַרקישעפטער, געקוקט אויפן לאַבן ברויט, וואָס איז געלעגן צופוסנס פון דעם אָפּוועזנדן פּוס און איז ניט בעקויעך געווען אָפּצווענדן פון אים דעם בליק. נאָר מײַ איז געווען א מענטש אַן ערנסטער, האָט ער אָפּגעקערט דעם קאָפּ אַן א זײַט און אַרויסגעזאָגט ערגעץ אין דער ליידיקײַט סאָליד, ווי פאַר אים פּאַסט:

— איך דאַרף ניט קיין ברויט. עפּל דאַרף איך. אַפּאָרט.

— אַפּאָרט? א טײַערע מעציִע. ווײַז נאָר, וואָס דו האָסט, וועט זײַן אַפּאָרט אויך.

מײַ האָט זיך ניט אַרומגעזען, וויִאַזוי די פלאַש איז אַריבער פון זײַן אַוואָסקע צו יענעם, אין דעם אויסגעפּוצטן שטיוול, און יענער האָט אים שוין ווי ניט געזען. ער האָט

צעפּעכערט די קאָרטן אין דער האַנט, אַרויסגעכאַפּט אײנע און בעריעש אַ פּאַטש געטאָן מיט איר איבערן טיש.

— און די עפּל? — האָט אַ צעטומלטער געפרעגט מײַ.

קײן וואָרט. קײן פּיפּס. מע איז פאַרנומען. מע שפּילט אין קאָרטן. און די פלאַש, ווי קײנמאָל אַף דער וועלט ניט געווען. אַנטרונען געוואָרן.

— פּעטערל, גיט מיר אַף דעם האַלבן ליטער. מײַן ייִדע איז קראַנק. די דאָקטערשע האָט אים געהײסן עסן עפּל.

מע שווײַגט. מע איז פאַרנומען. מע שפּילט אין קאָרטן.

ווער האָט עס געקאָנט דערוואַרטן פון דעם שטילן ייִנגל מײַ, וואָס האָט קײנמאָל קײן וואָרט ניט געזאָגט אַנטקעגן אַ דערוואַקסענעם? עפּעס האָט אים, ווי אָפּגעבריט. אָפּגעריסן פון דער ערד. ער האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן די ברעטער, מיט אײן שפּרונג אַרופגעכאַפּט זיך אַף זײ, מיט אָן אומגעצאַמטן קאַס צעמישט די קאָרטן. דער אײנפּוסיקער אין דעם אויסגעפּוצטן שטיוול האָט פאַרמאַגט אַ פּאָר געזונטע הענט. האָט ער האָט קינד אַראָפּגעשאַרט פון טיש, ווי אָן אײַנגעגעסענע האַרבסטיקע פליג, וואָס וויל זיך ניט אונטערגעבן איר גורל און זשוזשעט, און זשוזשעט. איבער דעם ייִנגלס קאָפּ האָט זיך פאַרהויבן זײַן אײגענע פלאַש, וואָס איז פלוצלינג ווידער אויפגעקומען אַף דער ליכטיקער שײַן און איז באַגלײט געוואָרן מיט אַ צוזאָג, אין וועלכן ס׳איז ניט געווען שײַער צו צווייפלען:

— אויב דו וועסט נאָך אײן רעגע מיר מאַזאָליען די אויגן, וועל איך דיר פלעטן דעם מויעך.

מײַ איז ניט געפאָרן אַהײם. ער האָט זיך געשלײַכט צווישן דעם ווירבלדיקן אוילעם. די לײדיקע אוואָסקע אבי־ווי פאַרדריקט אין פויסט, און אים האָבן זיך נאָכגעשלעפּט די אַראָפּהענגענדיקע הענטלעך אירע, וואָס האָבן, פּונקט ווי זײַנע אײגענע הענט, שוין צו גאָרנישט ניט געטויגט. קאַפּטיכער, שקאַרפּעטקעס, לײַלעכער, טעפּ און טעלער האָבן מענטשן ראַפּטאָם אויפגעקומענע און פּונקט אַזוי גיך פאַרשווונדענע, איבערגענומען אײנער באַם אַנדערן קימאַט אָן ווערטער, אַפּן ווונק. אין אַ קורצער צײַט אַרום האָט מײַ אײניקע פון די דאָזיקע מענטשן דערקענט שוין מיט טאַצן, מיט גאָפּל־מעסער, מיט אַ שטײַג פאַר פײגל, אָדער גאָר מיט אַ רײן אויסגעצוואָגענעם הינטל אַף די הענט. דער קאָפּ האָט אים גענומען זיך דרײען, און ער האָט זיך קוים אַרויסגעפּלאָנטערט פון דעם אומגעוויינטן הו־האַ. געלאָזט זיך גײן ניט צום טויער, נאָענט צו וועלכן ער האָט זיך אינסטינקטיוו געהאַלטן, נאָר אין דער טיף פון מאַרק, ווו דער אוילעם איז געווען שיטערער און ניט אַזוי געהודזשעט. מײַ איז געבליבן שטײן באַ אַ טיש מיט אַ באַרג גרויסע רויטע עפּל. קימאַט אַזוי די גרויס, ווי די דיניעס, וואָס האָבן זיך גערעכנט פאַר קלײנע, און די עוואַקויִרטע האָבן זײ ביז איצט, פּונקט ווי אײנדערהײם, אָנגערופן „קאָלכאָזניצאַ“, כאָטש דאָ האָבן זײ מיסטאָמע געטראָגן אָן אַנדער נאָמען. אַף יענער זײַט טיש איז, ווי אַ זײַטיקער, אַ הײקער און אָן אײַזגעגלײַכטער, געשטאַנען פּונקט אַזאַ מענטש, ווי די באָבע האָט אים אײַסגעמאָלט — אַ קאַזאַך, אָן אַלטער. ווײַזט אויס, ווײַל מיט אַ באָרד, אין אַ כאַלאַט און אַ פּיטערנעם היטל אַפּן קאָפּ. ער איז געווים אַ ראַיעלער, דער קאַזאַך, ער וואָלט ניט אָפּגענאַרט. און עפּשער וואָלט ער אַפילע אײן עפּל געשענקט אומזיסט, ווען מײַ בעט. אַזוי, אַלנפאַלס, האָט זיך דעם ייִנגל געדאַכט. נאָר ווי קומט מען צו אים צו, צו דעם אַלטן קאַזאַך, אַז ער שטײט אַזוי, ווי ער וואָלט געקומען אַפּן מאַרק ניט קעדיי צו פאַרקויפן עפּל, נאָר צו שטײן לעבן זײ. זײ זײַנען אַ זאַך פאַר זיך און ער איז פון קאָפּ ביז די פיס אין זיך. הינטער דער טונקעלער הויט פונעם פּאָנעם איז ווי אויסבאַהאַלטן אַ טיפער סאָד. באַ דער זײַט פונעם טיש — אַ כײנעוודיק אײזעלע. מײַ וואָלט אים גערן אַ גלעט געטאָן, האָט ער מוירע פאַרן באַלעבאָס, אַף וועלכן דאָס אײזעלע וואַרט אַזוי געדולדיק.

„אַדין פּאַלאַטענעץ, דווא יאַבלאָק“. מײַ האָט זיך אומגעקוקט. ווידער אַ טיש מיט אַ באַרג גרויסע רויטע עפּל. פאַרקויפט האָט זײ אַ יונגע קאַזאַכקע. אַנטקעגן איר איז געשטאַנען אָן עלטערע פרוי מיט עטלעכע פּאָר זאַקן אַף אײן אַקסל און עטלעכע האַנטעכער אַף דעם צווייטן. „צעוזש האַרני רושניקי“ — האָט זי געטײַנעט צו דער קאַזאַכקע. יענע האָט צושטימענדיק געשמייכלט מיט בלענדנדיק ווײַסע צײן אין דעם ברײט צעעפנטן מויל. יאָ, הייסט עס, „האַרני רושניקי“ און ווידער איבערגעכאַזערט: „אַדין פּאַלאַטענעץ, דווא יאַבלאָק“. מײַ האָט אַזוי לאַנג באַוווּנדערט דעם דאָזיקן ספּעקטאַקל מיט די אַלצײנע און די זעלבע רעפּליקעס, ביז בײדע פרויען זײַנען שטיל געבליבן און מיט כשאַד אים אָנגעקוקט. די, וואָס מיט די „רושניקי“, האָט אַזש גענומען באַטאַפּן די אַקסלען, צי האָט זיך

דאָרט עפּעס ניט געפּעלט. באַלד, האָט מײַ געוווּסט, וועט אַף אים אַ האַגל טאָן: „גיי פונדאַנען, פּאַראַזיט! אַזאַ קלײנס און אַזאַ נאַכאַל!" איז ער בעסער אַליין אַוועק. וווּהין? ביזן עק מאַרק, ווּ דעם וועג האָט געשלאָסן אַ פּאַרקן.

מײַ האָט זיך דערזען אונטער אַ ליידיקן טיש. ער איז געזעסן מיט די פיס אונטער זיך און געוויינט, געוויינט, ניט געקענט זיך אָפּשטעלן. גוט אויסגעוויינט זיך, האָט ער ערשט גענומען מישפּטן זיך אַליין. ניט אומזיסט, — האָט ער געטראַכט מיט ביטערניש, — רופט אים יעדערער „פּאַראַזיט". ער זיצט דאָ אין שאָטן אונטערן טיש, ניוניעט, ווי אַן אייפּעלע. און דאָרטן, אין שטוב, גייט מען אויס פון אומרו. איבער אים וועט דער זיידע נאָך קראַנקער ווערן.

מײַ האָט זיך געכאַפּט, אַז איצט איז מיסטאָמע פּונקט די צײַט צוצולויפן נאָך מיטיק אין סטאָלאָווקע, נאָר פון אונטערן טיש איז ער ניט אַרויסגעקראָכן, כאָטש אויך דאָרטן האָט ער זיך באַגאָסן מיט שווייס. „די באָבע איז שוין אַליין אַוועק", — האָט ער זיך געטרייסט. עס האָט זיך אים ווידער פאַרדרייט דער קאָפּ, ווי פריִער אין דעם געווירבל אַפן מאַרק. קיין הונגער האָט מײַ ניט געפילט. אים האָט זיך גאָר מיטאָמאָל זייער פאַרוואָלט אויסבאָדן, אין קאַלטן, קאַלטן וואַסער. אין דעם טײַך סוויסלאָטש. אומדערוואַרט זײַנען פאַרן יינגל אויפגעשווּומען דער דאָקטערשעס ווערטער, וואָס בייסמײַסע האָט ער זיך צו זיי באַזונדערס ניט צוגעהערט. לויט איר איז אויסגעקומען, אַז די שטאָט אַלמאַ-אַטאַ שטייט צו הויך איבערן אויבערפלאַך פון יאַם. און דאָס שאַט דעם זיידנס געזונט. וואָס פאַר אַ יאַם? ווּ האָט זי דאָ גענומען אַ יאַם? דאַפקע די רעטעניש, דאָס אומפאַרשטענדלעכע האָט דאָס יינגל עטוואָס באַרויִקט, כאָטש איבער די באַקן זײַנען נאָך גערונען טרערן, אויסגעמישט מיט שווייס. ער האָט אַנטשיידן אַ פּיר געטאָן מיטן אַרבל איבערן פּאָנעם און אויפגעהויבן זיך פון אָרט. נאָר קוים אײַנגעהאַלטן זיך אַף די פיס. עס האָט אים געצויגן אין דער נידער, אויסצוציִען זיך אַף דער ערד אין שאָטן אונטער דער זיכערער שוץ פון די ברעטער. שטיל שלוכצנדיק, האָט מײַ ווידער אַ פּיר געטאָן מיטן אַרבל איבערן פּאָנעם.

— ייִנגעלע, וואָס וויינסטו?

עפּעס זייער שיינס און זייער בלאָנדס האָט זיך אײַנגעבויגן צו אים אונטערן טיש, און אַ בלויע שײַן האָט אַף אים אַ פלייץ געטאָן פון אַ פּאָר ברייט צעעפנטע אויגן. „מאַמע" — האָט זיך באַ אים שיִר ניט אַרויסגעריסן. באַלד געכאַפּט זיך אַפן טאָעס, איז ער דאָך מיט צוטרוי צוגעפאַלן צום ווײַסן כאַלאַט פון דער אומבאַקאַנטער פרוי.

— ווי הייסטו, ייִנגעלע?

— מײַ.

— אַזאַ פריילעכער נאָמען באַ דיר און דו וויינסט גאָר. וואָס? ביסט אַוודע הונגעריק?

— מע האָט באַ מיר אויסגענאַרט מײַן האַלבן ליטער.

די פרוי האָט לײַכט אָפּגעווענדט דעם ייִנגלס קאָפּ פון זיך, אויפמערקזאַם אין אים זיך אײַנגעקוקט:

— וואָס פאַר אַ האַלבער ליטער? בראַנפן? ווי קומט עס צו דיר? דערצייל. האָב ניט קיין מוירע.

און מײַ האָט דערציילט.

— קום מיט מיר, מאַיושקע, עפּשער וועלן מיר אים נאָך געפינען, דעם, וואָס האָט דיך באַאַוולט. וועסט אים דערקענען?

— איך וועל דערקענען. באַ אים איז איין פוס, — מײַ האָט אַ טראַכט געטאָן און צוגעגעבן נאָך אַ סימען: — אין אַ גלאַנציקן שטיוול.

מײַ איז געגאַנגען שנעל, טראָט אין טראָט מיט דער פרוי. פון דער שוואַכקײַט אין די פיס איז קיין מינדסטער שפּור ניט געבליבן. עס האָט אים אויך ניט געאַרט, וואָס מע פירט אים, ווי אַ קליינינקן, באַ דער האַנט.

דעם איינפוסיקן האָבן זיי געטראָפן אַפן זעלבן אָרט, ווּ מײַ האָט אים איבערגעלאָזט באַ דער שפּיל אין קאָרטן. מײַס האַלבער ליטער איז אין ערגעץ ניט געווען באַהאַלטן. פּאַרקערט, די פלאַש, נאָך אַלץ אַ פאַרפראָפּטע, איז אין איר פולער פראַכט געשטאַנען אַפן טיש, ווי אויסגעשטעלט ספּעציִעל.

אַ פאַרקאָכטער אין דער שפּיל, האָט דער איינפוסיקער דאָך דאָס ייִנגל און די פרוי באַלד דערזען. די קאָרטן זײַנען באַ אים אַרויסגעפאַלן פון די הענט.

— דו, גרוניע? — האָט ער שטיל, ווי ניט מיט זײַן קאָל, געפרעגט.

— איך, ווער זשע דען? און דו? דאָס ביסטו טאַקע, אוכאַזשאָר? ניט קיין פאַרשטעלעניש?

— הער אויף, גרוניע, שנײַד מיך ניט באַם האַרצן.

— ווו איז דײַן באַרימטע פּאַפּאַכע, ניקאָלײַ, די דורכגעשאָסענע? פאַרשפּילט? איצט שטייט שוין אַט דאָס אין קאָן? — זי האָט אַ וווּנק געטאָן אויף דער פלאַש, און ניקאָלײַס מיטשפּילער האָט ווי מיטן ווינט אַוועקגעטראָגן.

— גרוניע...

— וואָס גרוניע? אָנגעקומען אַ בריוו אין שפּיטאָל, פון דײַן ווײַב. זי זוכט דיך איבערן גאַנצן לאַנד. און דו זיצסט גאָר דאָ אונטער דער נאָז בײַ די דאָקטוירים, וואָס זײַנען גרייט געווען אויך ווײַטער דיר קומען צו הילף. טויזנטער מענטשן, צעקאַליעטשעטע, מיט שווערע קאָנטוזיעס, אָן הענט, אָן פיס, אַבי דער קאָפּ איז גאַנץ, לעבן און אַרבעטן. איז, קאַנטיק, באַראַבעווען קינדער, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט פון היטלערן, גרינגער.

— עך, גרוניע, גרוניע, וואָלסט כאָטש איין מאָל מיך אויסגעהערט...

— ניטאָ וואָס צו הערן. נעם די פלאַש און בײַט אויס אויף עפּל, בײַ דיר וועט זיך עס בעסער באַקומען, ווי בײַ מאַיושקען. נאָר זע, אָן גאַזלעוואַיע. דינגען קאָנסטו זיך כאָטש ביז נאַכט, נאָר פירן זאָלסטו זיך, ווי אַ מענטש.

דער אײַנפּוסיקער האָט זיך אָנגענומען פאַר זײַן קוליע, נאָכגעביק אַראָפּגעקלעטערט פון טיש.

— גרוניע, אויפן בריוו נאַסטיען האָסטו געענטפערט? וואָס האָסטו איר געשריבן?

— אַלץ, ווי עס איז, בעסער, ווי עס איז. נאָך דער הײַנטיקער באַגעגעניש וואָלט איך שוין מיסטאָמע געהאַלטן פאַר אַן אוולע אַנטקעגן איר אַזוי צו שרײַבן. זאָג אַ דאַנק מאַיושקען, וואָס ער איז געקומען מיטן האַלבן ליטער הײַנט, ניט נעכטן. דער בריוו איז שוין אַוועק.

— גרוניע, וואָס מאַכסטו זיך ניט ווויסנדיק? איבער וועמען זיץ איך דאָ?

— גיי ברענג די עפּל, אַ צענדליק, ניט ווייניקער, און גלײַך אויפן וואָקזאַל. נאַסטיע וועט דיך גוט אויפנעמען. מע זעט פון איר בריוו, וואָס פאַר אַ גאָלדן האַרץ זי האָט.

— גרוניע, איך וועל אַלץ טאָן, ווי דו זאָגסט. וועסט דאָ אויף מיר צוואַרטן, גרוניע?

— איך וועל וואַרטן, קאָליע. גיי. איך וועל דיך אַרײַנזעצן אין צוג.

מײַ איז געפאָרן אַהיים מיט אַ פולער אוואָסקע גרויסע רויטע עפּל, געהאַלטן זי דעם גאַנצן וועג אויף די קני, אַרומגענומען מיט בײדע הענט. די אוואָסקע, דאָס פון שטריק געפלאָכטענע קוישל, פירט איר גענעאַלאָגיע פון דעם אַלטן רוסישן וואָרט «авось!», וואָס הייסט „עפּשער", „טאָמער", אַ וואָרט פון האָפענונגסלאָזער האָפערדיקײַט. ניט קיין סאָלידער כייפעץ, די אוואָסקע — לעכער און קניפּלעך. איר מײַלע — קיין אייגענע וואָג פאַרמאָגט זי ניט, נאָר אויסהאַלטן קאָן זי כאָטש אַ פּוד מאַסע, אויב נאָר די שטריקלעך צווישן די לעכער זײַנען ניט קיין צעדריבלטע. איר כיסאָרן — אַלץ, וואָס מע טראָגט אין איר, זעט זיך פאַר אַ מײַל.

ביז יענעם טאָג האָט מײַ דעם דאָזיקן כיסאָרן ניט באַמערקט. ניט געווען וואָס צו באַהאַלטן פון אַ זײַטיק אויג. דאָס מאָל אָבער, ווי נאָר ער איז אַרויס פון טראַמווײַ, האָט זיך אים געגומען דוכטן, אַז יעדער קוקט אויף אים. די עפּל, אײַנגעפּאַסטע מיט זייערע רויטע באַקן אין די לעכער פון דער אוואָסקע, האָבן געשײַנט פון צווישן די שטריקלעך און קניפּלעך, יעדערער ווי אין אַ ראַם אַרײַנגעשטעלט.

איידער גיין איז מײַ קעסיידער בעסער געלאָפן, אַפילע ווען אײַלן זיך איז ניט געווען צוליב וואָס. נו, און מיט די עפּל איז דאָך אָפּגערעדט... הייס איז אים שוין אויך ניט געווען. פאַרקערט, גאָר נאָענט פון דער היים האָט ער מיטאַמאָל געכאַפּט אַ ציטער. לויפנדיק אַ ציטער? מײַ האָט זיך אָפּגעשטעלט. די גאַס, אַן אָנגעגליטע אין מעשעך פון טאָג, איז געווען פּוסט. דער הימל אויך. די זון האָט זיך גוזעצט ערגעץ הינטער די בערג, מיטאַמאָל, ווי געווײנלעך אין אַלמאַ-אַטאַ. מײַ האָט ליב די שאָען, ווען עס נעמט זיך אָנרוקן דער קילער אָוונט און מענטשן גייען אַרויס פון די הײַזער כאַפּן אַ ביסל לופט. איצט איז אָבער ניט קיל, נאָר קאַלט, ס'איז גאָרנישט. פּאָשעט, ס'ווילט זיך אַ טרונק. אַט באַלד גייט ער אַרײַן אין שטוב, לייגט אַוועק די אוואָסקע אויפן טיש און טרינקט אויס אַ גאַנצע קוואָרט וואַסער.

דורך די לעכער אין דער אוואָסקע איז געווען זייער גרינג איבערצוציילן, וויפל עפּל טראָגט ער עס אַהיים, נאָר פריִער איז דעם יִינגל ניט אײַנגעפאַלן עס צו טאָן. „ניט ווייניקער פון אַ צענדליק" — האָט די בלאָנדע, די שיינע פאַרזאָגט דעם אײַנפּוסיקן. מײַ האָט גענומען ציילן — עלף. נאָכאַמאָל איבערגעציילט, ווידער עלף. פאַרוואָס עפּעס עלף? ער האָט זיך ניט אַרומגעזען, ווי זײַנע ציין האָבן זיך אײַנגעביסן אין אַ ליבער זאַפטיקײַט,

אין דעם עפל, וועלכער איז מיסטאמע געווען דער עלפטער. אופגעגעסן, אקוראט ארומגע-הריזעט דאָס שטענגל אוז, ווי א מענטש א זינדיקער, א פארפאלענער אף אייביק, איז ער ארײַן אין שטוב.

אינמיטן צימער, ברייט צעשטעלט די פיס אין די גרויסע שיך, די הענט אויסגעצויגן אף די קני, האָט אף א בענקל געזעסן די דאָקטערשע. אפן ברעג פון זײַן געלעגער איז געזעסן דער זיידע. די באָבע האָט אף די עפל אפילע ניט א קוק געטאָן, גלײַך א וואָרף געטאָן זיך צום פרימוס:

— א גאנצן טאָג קיין ביסן אין מויל ניט געהאט. אָט, שוין, שוין...

געהאט, געהאט. וואָס וועל איך זאָגן דעם טאטן און דער מאמען, ווען זיי וועלן זיך אומקערן? איך האָב געגאנוועט. אופגעגעסן אן עפל — אזוי שרײַט מײַ, דאכט זיך, מיט אלע קויכעס. נאָר קיינער הערט אים ניט. לעבן אים שטייט די דאָקטערשע, א גרויסע, ווי א שטוב: „העלפט מיר אים אויסטאָן... אויסטאָן...” זי נעמט אים אף די הענט. פארוואָס עפעס אויסטאָן? אָט ווארפט זי אים פונדערהייך פון אריבערן פאריקן גלײַך אין יאם ארײַן. דערפאר, וואָס עס איז... און דער קאָפ טוט אים וויי...

מײַ האָט ניט געוווּסט, צי א טאָג איז אדורך, צי א וואָך, צי א כוידעש. ער האָט זיך א צי געטאָן אף זײַן געלעגער, געעפנט די אויגן. א מעכײַעדיקע ליײַכטקײַט אין אלע גלידער. דורך די ווײַסע פאָרהענגלעך אפן פענצטער האָט זיך אין צימער געריסן די זון. בא דער באָבען אין האנט איז אוף און אָפּ שנעל געפלויגן די נאָדל.

דערהערט א שאָרך, האָט די באָבע זיך א זײַטל געטאָן אף מײַס געלעגער און אָנגע-זאָגט:

— אופגעכאפט זיך. — זי האָט געוואָרפן די ארבעט, צוגעגאנגען נעענטער. דערזען דעם קינדס אויסגעלײַטערט פאָנעם, האָט זי אים א גלעט געטאָן איבערן קאָפ. — נו, פארן יאם שרעקסטו זיך שוין ניט? — האָט זי א שמייכל געטאָן. — פון וועלכער מײַסעלע איז ער צו דיר געקומען?

— באָבע, דער זיידע איז שוין געזונט געוואָרן? די עפל האָבן אים געהאָלפן? — האָט זיך אָפגערופן מײַ מיט זײַן הילכיקן. ייִנגלשן קאָל פון פאר דעם, ווי ער איז געוואָרן אן ערנסטער מענטש.

— אוודע געהאָלפן, ווי דען? וואָס פאר א מאָלאָדיעץ דו ביסט, — האָט זיך צו אים דערטראָגן פון דעם זיידנס געלעגער. — גאנצע צען עפל פאר איין האלבן ליטער...

פארבײַ מײַס אויגן האָט ווי א בליץ זיך דורכגעטראָגן: „ניט צען, נאָר עלף. דעם עלפטן האָב איך אופגעגעסן”. אפן שפיץ צונג זײַנען זיי בא אים געלעגן, די ווערטער, נאָר ער געדענקט, ער האָט זיי שוין איין מאָל געזאָגט. און עפשער ניט געזאָגט, אָדער זיי האָבן ניט דערהערט, פארוואָס ניט דערהערט? פארוואָס מאכן זיי זיך ניט וויסנדיק? מיסטא-מע דערפאר, ווײַל דער עפל איז געווען אן עלפטער. אלצײַנס וועט ער זאָגן... איז אים די באָבע פארלאָפן דעם וועג:

— וואָס פאר א ליכטיקער טאָג ס'איז הײַנט. פון דער מאמען א בריוו... ליג נאָך א ביסעלע רויק, וועל איך דיר אים ווײַזן.

— פון דעם טאטן וועט אויך זײַן, נאָר געדולד, — האָט זיך ווידער דערטראָגן פון דעם זיידנס געלעגער.

א בריוו פון דער מאמען... א מין פרייד... נאָר פרייען זיך האָט דעם ייִנגל געשטערט דאָס סקריפען פון דעם זיידנס טאָפּטשאן. איז ער געלעגן פארטײַעט, צוגעהערט זיך, וויאזוי דער זיידע ציט אף זיך ארוף זײַנע מאלבושים. און עס סקריפעט און סקריפעט... אָט, א שאר מיט דער האנט אונטערן טאָפּטשאן, ארויסגעשלעפט איין שוך, דעם צווייטן, מאָדנע פאמעלעך. מײַ האָט זיך צוגעהערט און מיט אלע כושים געפילט, ווי אלט און קראנק ס'איז געוואָרן זײַן שטארקער, זײַן הויכגעוואקסענער זיידע.

אין ווינקל צימער, בא דער סאמע טיר, האָט די באָבע געגאָסן וואסער פונעם עמער אין דעם בלעכענעם טשײַניק. און בא מײַס געלעגער איז א שמייכלענדיקער, א שײַנענדי-קער, ווי ער וואָלט גאָר קיינמאָל קראנק ניט געווען, געשטאנען דער זיידע מיט א גרויסן רויטן עפל אין דער האנט.

— נא, פארזוך, — האָט ער געזאָגט, — וועסטו קומען צו די קויכעס.

בוזי מילער

הומאָריסטישע דערציילונגען

אַן אײַזערן האַרץ

— וויאַזוי האָט איר אָפּגערוט?

— ווי איז צוגעגאַנגען די היילונג?

— ווי פילט איר זיך אַצינד?

מיט אַזעלכע פראַגן באַגעגנט מען געווינלעך יעדן איינעם, ווער עס קערט זיך אום פון אַן אָפּרו-הויז, א סאַנאַטאָריע, אָדער קוראָרט. אַזוי האָט מען באַגעגנט אויך מאַיִסיי לאַזאַרעוויטש קאַפּלונאָווסקין, ווי נאָר ער האָט אויף אַנדערן טאָג נאָכן אומקערן פון קוראָרט זיך באַוויזן אין דער פאַרוואַלטונג פונעם בוי-טרעסט, ווו ער האָט שוין היפּש יאָרן געאַרבעט אַלס בוכהאַלטער.

די אויגן אויף מאַיִסיי לאַזאַרעוויטשעס ברייטן פּלאַטשיקלעכן פּנים האָבן געהאַט א מאָדנע טעווע: איינס פון זיי, דאָס רעכטע, איז געווען א ביסל גרעסער און האָט אויסגעזען זייער פאַרזאָרגט, פאַרומערט, מאַמעש אָט-אָט לאָזט עס א טרער. דאָס אַנדערע אויג, דאָס לינקע, עטוואָס א קלענערס, פאַרקערט, איז געווען א קאַפּעלע א צוגעזשמורעטס און געדאַכט האָט זיך, אַז די גאַנצע צײַט האַלט עס אין איין אונטערשמייכלען...

קוקנדיק אויף די קאָלעגן מיט אָט די פאַרשיידענע אויגן זײַנע און, ניט צו וויסן, — פאַרקלאָגט ער זיך פאַר זיי, אָדער כאָכמעט זיך גאָר, — האָט ער געענטפערט:

— וואָס זאָל איך אײַך זאָגן, מײַנע פרײַנט: אַהיים צו זיך בין איך שוין געקומען. נאָר צו-זיך וועל איך מיסטאַמע ניט קומען נאָך לאַנג...

מאַיִסיי לאַזאַרעוויטש האָט ליב געהאַט אַזוי — אָט, ווו עס לאָזט זיך, א שפּיל טאָן אַמאָל מיט א וואָרט.

— וואָס זשע, — האָבן געפרעגט די מיטאַרבעטער, — אַזוי איז אויפן קוראָרט אײַך שלעכט געווען?

— שלעכט איז מיר ניט געווען, — האָט ער געענטפערט, — נאָר איך וועל מער קיינמאָל ניט פאָרן אויף קיין ברענענדיקער פּאָטיאָווקע.

— ווי האָט איר געזאָגט? — האָט זיך אָנגערופן א יונגער בוי-אינזשעניער, וואָס האָט נאָכן אינסטיטוט נאָך קיין פול יאָר ניט אָפּגעאַרבעט און איז נאָך קיינמאָל אויף קיין קוראָרטן ניט געווען, — א ברענענדיקע פּאָטיאָווקע?

— נו, יאָ.

— ביז איצט האָב איך געוווּסט, — האָט געענטפערט דער אינזשעניער, — אַז ברענען קאָן א שטוב. נאָר א פּאָטיאָווקע?

— אוי, יונגערמאַן, — האָט א זיפץ געטאָן מאַיִסיי לאַזאַרעוויטש, — א ברענענדיקע פּאָטיאָווקע איז נאָך אַמאָל ערגער פון א ברענענדיקער שטוב.

צופרידן, וואָס צווישן זײַנע צוהערער האָט זיך אויך געפונען אַזאַ, וואָס ווייסט נאָך גאָרניט אין אָט די זאַכן, האָט ער גענומען דערציילן געניי, מיט אַלע פּישטשעווקעס, און מע דאַרף זאָגן, אַז די אַנדערע מיטאַרבעטער, וואָס האָבן יאָ פון אַזוינס געוווּסט, האָבן אויך געהערט מיט אינטערעס, ווײַל — דאָס מוז מען צוגעבן — מאַיִסיי לאַזאַרעוויטש איז געווען ניט קיין שלעכטער דערציילער.

— וואָס הייסט, פרעגט איר, א ברענענדיקע פּאָטיאָווקע? מיט וואָס עסט מען עס? אָט הערט... אַלע יאָר דערלאַנגט איר מעל-

דונגען אין פראַפקאָם, אַז איר נייטיקט זיך אין אַזאַ און אַזאַ קוראַרט. מע זאָגט אײַך צו, דערנאָך ווײַזט זיך אַרויס, אַז ס'איז ניטאָ. ס'הייסט, אַמאָל איז אפילע יאָ דאָ, נאָר ניט פאַר אײַך. סטײַטש? — הייבט איר אָן זיך היצן. ענטפערט מען אײַך גאַנץ קאַלטבלוטיק: פאַראַן אַף אָט דעם קוראָרט איינע אָדער צוויי פוטיאָווקעס, ניט מער, נאָר אָט דער און דער, אָדער אָט די און די זײַנען בילכער: די קרענק איז בא זיי אַ מער געפערלעכע, אָדער מענטשן זײַנען זיי מער כאַשעווע, אָדער נאָך עפּעס. האַקלאַל, — ניטאָ. אַזוי לאַנג, ביז אײַך ווערט קלאָר: בעטן אַ פוטיאָווקע אַף אַזאַ קוראָרט און אַ פוטיאָווקע אַף דער לעוואָנע איז די זעלבע זאַך. אַף דער לעוואָנע איז עס עפּשער אַפילע מער רעאַל, ווײַל באַלאָנים אַהין זײַנען דערווײַל דאָ ווייניקער... און אָט, ווען איר קלערט שוין ניט וועגן קיין שום פוטיאָווקעס, ווען איר פּויעלט שוין בא זיך, אַז מע דאַרף זיך צוליב דעם אומזיסט ניט אָפּעסן דאָס האַרץ, טוט מען אײַך אין איינעם אַ מיטוואָך פלוצעם אַ קלונג פון פראָפקאָם: „אַ פוטיאָווקע דאַרפט איר?” — „אַ פוטיאָווקע?” — גלייב איך ניט מײַנע אויערן. „יאָ, אַ פוטיאָווקע”. — „וווּהין?” — „סאַמע אַהין, וווּ איר דאַרפט”. געדענקט מען דאַפקע! „וואָס הייסט?” — גלייב איך נאָך אַלץ ניט. „אָט דאָס הייסט!” — „עמעס?” — פרעג איך נאָכאַמאָל איבער און טאַנץ אַזש אויף פון אָרט. „עמעס, עמעס, פאַראַן אַ פוטיאָווקע, — ענטפערט מען מיר, און מע גיט שטיל צו דערבײַ איין וואָרט: „אַ ברענענדיקע”... ווי איך בין נאָרוואָס אופגעשפרונגען פון שטול, אַזוי האָב איך גלײַך צוריק זיך אוועקגעזעצט. „וואָס הייסט אַ ברענענדיקע, — פרעג איך, — שטאַרק אַ ברענענדיקע?” — „יאָ, — ענטפערט מען מיר, — איבערמאָרגן דאַרף מען שוין זײַן אַפן אָרט”. — „אַ שיינע מײַסע! — זאָג איך, — און אַנאַליזן, און אַ סאַנאַטאָרנע קאַרטע, און”... — „ווילט איר ניט?” — טוט מען אַ פרעג אין טרײַבל, און דאָס קאָל ווערט דאָרט קאַלט, ווי אײַז. „וואָס הייסט איך וויל ניט?” — זאָג איך. „נעמט איר?” — „וויאַזוי קאָן איך נעמען?” מיט איין וואָרט, איר וועט זיך ניט פאָרשטעלן, וואָס בא מיר אין מויעך האָט זיך אָנגעהויבן פאַר אַ דרייעניש. קיין שום קיבערנעטישע מאַשין וואָלט עס ניט אויסגעהאַלטן, זי וואָלט פראָסט-פּאָשעט געפּלאַצט, צעפאַלן אַף שטיקער... איין קלייניקײַט — איבערמאָרגן זײַן אַפן אָרט! ווי וועל איך אַלץ באַווײַזן? פון דער אַנדערער זײַט — אַ קוראָרט, און דער, וואָס איך דאַרף, און אַ גוטע צײַט — סענטיאַבער. די קאָמאַרן בײַסן שוין אַזוי ניט, און ס'איז נאָך וואַרעם. גאָלדענער האַרבסט... האַקלאַל, וואָס זאָל איך אײַך זאָגן? דאָס אַלץ דרייט זיך נאָך בא מיר אין מויעך, און איך טו שוין אַ בראָק: „כ'נעם”. — „זייער גוט”, — ענטפערט מען מיר מיט אַ קאָל, וואָס איז אַלץ נאָך קאַלט, ווי אײַז. און איך ברען שוין, איך פלאַקער! אַ ברענענדיקע פוטיאָווקע, פאַרשטייט איר דאָך... „וווּהין דאַרף איך גיין נאָך איר, נאָך דער פוטיאָווקע?” — פרעג איך. „ניט גיין, נאָר לויפן”, — ענטפערט מען מיר. „וווּהין לויפן? צו אײַך?” — „ניין, ניט צו אונדז, אַ ביסל ווײַטער”. ווײַזט זיך אַרויס: אונדזער בוי-אָרגאַניזאַציע האָט האַיאָר טאַקע קיין איין פוטיאָווקע אַף אָט דעם קוראָרט ניט באַקומען. דער קוראָרט איז דאַפקע אַן אונדזעריקער, אַ ווײַטמיזרעכדיקער, נאָר אַ שעם האָט ער איבערן גאַנצן לאַנד, און באַקומען אַהין אַ פוטיאָווקע איז ניט אַזוי פּאָשעט. אַזאַ פוטיאָווקע האָט באַקומען פאַר אירן אַ מיטאַרבעטער אַן אַנדער אָרגאַניזאַציע אין שטאָט, נאָר יענער מיטאַרבעטער, ווײַזט זיך אַרויס, קאָן ניט פאָרן, ווײַל ער האַלט פונקט אין געטן זיך מיטן ווײַב (געפונען אַ צײַט!) און קיין אַנדערע באַלאָנים זײַנען דאָרט אַף אָט דער ברענענדיקער פוטיאָווקע ניטאָ. און אַזוי-ווי אונדזער אָרגאַניזאַציע האָט פאַראַיאָרן אין אַן ענלעכער סיטואַציע געטאָן אַ טויווע יענער אָרגאַניזאַציע, האָט איצט יענע אָרגאַניזאַציע באַשלאָסן אָפּדאַנקען אונדזער אָרגאַניזאַציע מיט דער דאָזיקער פוטיאָווקע, וועלכע זי האָט סײַווי ניט וווּ אַהינטאָן. פרעגט ניט! מיט אַ צעטל פון אונדזער אָרגאַניזאַציע בין איך אַוועק אין יענער אָרגאַניזאַציע, פון יענער — אין דער בוכהאַלטעריע פונעם געגנטלעכן פראָפאַריינען-ראַט, אײַנגעצאָלט פאַר דער פוטיאָווקע און באַקומען אַף דער האַנט... מיינט איר, אַ פוטיאָווקע? ניין, אַ „דאָווערענאָסט”. אַ „דאָווערענאָסט”, וואָס מיט איר, ווען איך וועל קומען אין קאַנטישן צענטער, וועל איך ערשט דאַרפן זיך ווײַזן אין דער קוראָרט-פאַרוואַלטונג און דאָרט באַקומען די עמעסע פוטיאָווקע... מיט איין וואָרט, פון דער מינוט, ווען כ'האָב געזאָגט, אַז איך נעם די פוטיאָווקע, האָב איך אָנגעוווירן די רו. נאָר וואָס טוט מען ניט צוליב אַ פוטיאָווקע? אַמאָל פלעגט מען זאָגן: „וואָס טוט מען ניט צוליב פאַרנאָסע?” איצט איז פאַרנאָסע קיין פּראָבלעם ניט, אַ פּראָבלעם — אַ פוטיאָווקע.

— ווי זשע האָט איר טאַקע אַלץ באַוויזן? — האָט אַ פרעג געטאָן איינער פון די מיטאַרבעטער.

— פרעגט ניט! דעם זעלבן טאָג בין איך

אוועק צו אונדז אין פּאָליקליניק און זיך באַ-
זאָרגט מיט צעטעלעך אַף אַנאַליזן: אַן אַנאַ-
ליז פון בלוט איין מאָל, אַן אַנאַליז פון בלוט
אַ צווייט מאָל, אַף צוקער (צו אַלע צאָרעס
האָב איך נאָך דיאַבעט), אַן אַנאַליז, איך בעט
אײַך איבער, פון דאָס, און אַן אַנאַליז, איך
בעט אײַך איבער, פון יענץ, און רענטגען...
אַ קאַרדיאָגראַמע האָט מען מיר געמאַכט דאָ
טאַקע, באַלד אפן אָרט. „די סאַנאַטאָרנע קאַר-
טע ווילט איר באַקומען מאָרגן?" — פרעגט
בא מיר דער דאָקטער. „ניט איך וויל, נאָר
איך מוז! — ענטפער איך אים. — איבערמאָרגן
גאַנצפרי דאַרף איך שוין אַרויספאָרן". „זעט
זשע, — זאָגט ער, — קומט מיט אַלע אַנאַ-
ליזן ביז דרײַ, ווײַל מאָרגן נעם איך אויף נאָר
ביז דרײַ". די נאַכט בין איך ניט געשלאָפן.
קאַיאָר — אין שפּיטאָל. פאַרנעם אַ ריי צו
איין קאַבינעט, צו אַ צווייטן. אין רענטגען-
קאַבינעט... ווי איך שטיי דאָרט אַ האַלב-
נאַקעטער אין שטאָק-פינצטערניש, דערהער
איך: „נאָכן צעטל וועט איר קומען פינף פאַר-
נאַכט". מיר איז געוואָרן נאָר פינצטערער.
„סטײַטש! — שריי איך אין דער פינצטער. —
דער דאָקטער אין פּאָליקליניק נעמט אויף ביז
דרײַ, מאָרגן פאָר איך, בא מיר איז אַ ברע-
נענדיקע פּוטיאָווקע"... „פאַרהאַלט ניט! איר
זײַט ניט איינער". ווי איך האָב זיך דאָרט
זנגעטאָן אין דער פינצטער, ווייס איך ניט,
דעם שניפּס האָב איך, דאַכט זיך, אויסגע-
דרייט אַף דער לינקער זײַט, נאָר ווער האָט

געטראַכט דערפֿון, — דער רענטגען קאָן קאַליע מאַכן דעם גאַנצן איניען! און ניט נאָר דער רענטגען. איך טו מיך אַ לאָז אין קאַבינעט, ווו מע מאַכט אַנאַליזן אַף צוקער, ווייַזט זיך אַרויס, אַז פֿאַראַן זייַנען נאָר צוויי „זיסע" טעג אין וואָך — דינסטיק און פֿרייַטיק. און הייַנט איז דאָנערשטיק! ביטער... פֿאַר דער לאַבאָראַנטקע, וואָס אַרבעט דאָ, אַ כיינעוודיקע, אַ בלוי־אויגיקע אַזאַ, — בין איך שיִר אַף די קני ניט געפֿאַלן: „האָט ראַכמאָנעס, — זאָג איך, — ביז מאָרגן קאָן איך ניט וואַרטן, בא מיר איז אַ ברענענדיקע פּוטיאָווקע"... האָט זי אַף מיר ראַכמאָנעס געהאַט, אַ פּיק געטאָן אין פֿינגער, אָנגעצאַפּט בלוט, וויפֿל זי האָט באַדאַרפֿט, און געהייסן קומען צו צוויי אַזייגער. דערזען, אַז זי איז אַזאַ ווילע, פֿרעג איך בא איר, צי קאָן זי מיר ניט מאַכן אַ שטיקל פּראָטעקציע אין רענטגען־קאַבינעט? „גוט", — זאָגט זי. ווען כ'שעם זיך ניט, וואָלט איך זי צעקושט! צו צוויי אַזייגער בין איך שוין ווידער געווען אין שפּיטאָל און צו האַלב דרייַ געהאַלטן אַלע אַנאַליזן. אָן אַ פֿערטל דרייַ האָב איך אָן אָטעם זיך אַרייַנגעשטעלט אין פּאָליקליניק. און דאָ האָט אַ דונער זיך צעקנאַלט איבער מייַן קאָפּ: דעם דאָקטער, וואָס דאַרף מיר מאַכן די סאַנאַטאָרנע קאַרטע, האָט מען ערגעץ אַרויסגערופֿן, און מער וועט ער הייַנט ניט זייַן. „וואָס זשע טוט מען?" — בין איך אַוועקגעפֿאַלן אַפֿן שטול. „וועט איר מאַכן מאָרגן די סאַנאַטאָרנע קאַרטע", — האָט זיך אָנגערופֿן די מעדיצין־שוועסטער, וואָס איז דערבייַ געווען. „מאָרגן?" — האָב איך אויסגעשריִען. — בא מיר איז אַ ברענענדיקע פּוטיאָווקע!.." נאָר דאָ איז צוגעקומען אַ צווייטע שוועסטער און האָט מיך מאַמעש געראַטעוועט פֿון אַן אינפֿאַרקט. „אייַך דאַרף מען עס הייַנט מאַכן די סאַנאַטאָרנע קאַרטע?" — האָט זי געפֿרעגט. „יאָ". — „דער דאָקטער האָט אָנגעקלונגען אין דער פּאָליקליניק נומער 2 און זיך צונויפֿגערעדט, אַז דאָרט וועט מען אייַך מאַכן די קאַרטע. מיך האָט ער געבעטן איך זאָל עס אייַך איבערגעבן". — „שוועסטער, — זאָג איך, — לעבן זאָלט איר! און לעבן זאָל דער דאָקטער, — איר זייַט גאָלדענע מענטשן!" אַ גליקלעכער, לאָז איך זיך אַוועק אינעם אַנדערן עק שטאָט, אין דער פּאָליקליניק נומער 2. ווי אַ ייִנגעלע, פֿלי איך אַרויף אַפֿן פֿינפֿטן שטאָק. ווו עס געפֿינט זיך דער נייטיקער קאַבינעט, און טרעף דאָ אַן עלטערע סאָלידע דאָקטערן. „דאָס בין איך, — זאָג איך, — דער, וועגן וועמען דער דאָקטער פֿון דער פּאָליקליניק נומער 1 האָט אייַך געקלונגען". — „ווייַזט אַהער, — זאָגט זי, — אייַערע אַנאַליזן, נאָר גיכער, ווייַל פֿיר אַזייגער הייבט זיך בא אונדז אָן אַ פֿאַרזאַמלונג". לייג איך איר אַרויס, פּאַפּירל צו פּאַפּירל, אַלע אַנאַליזן, זעץ זיך אַוועק און כאַפּ אַ ביסל איבער דעם אָטעם. נו, אָן עק, טראַכט איך, פֿונדאַנעט וועל איך שוין קענען אַהיימגיין, אַ ביסל זיך אָפּרוען. מיטאַמאָל טוט די דאָקטערן אַ פֿרעג: „נו, און די קאַרדיאָגראַמע?" —„וואָס — קאַרדיאָגראַמע?" — „אַ קאַרדיאָגראַמע האָט איר געמאַכט?" — „נאָך נעכטן". — „ווו זשע איז זי?" אוי, אַ בראָך! פֿאַר גרויס פֿרייד, וואָס יענער דאָקטער האָט וועגן מיר ניט פֿאַרגעסן, האָב איך פֿאַרגעסן נעמען די קאַרדיאָגראַמע, און דאָרט זייַנען אויך פֿייַנע לייַט — כייַ וואָלטן זיי מיר דערמאָנט... „קלינגט אָן", — בעט איך די דאָקטערן. — „אַ קאַרדיאָגראַמע, — ענטפֿערט זי — דאַרף מען זען מיט די אויגן, אָן איר קאָן קיין שום סאַנאַטאָרנע קאַרטע ניט געמאָלט זייַן". — „וואָס זשע טוט מען?" — „פֿאָרט אין פּאָליקליניק און ברענגט טייקעף די קאַרדיאָגראַמע". — „און אייַער פֿאַרזאַמלונג?" — „מאַכט עס אַף איין פֿוס". לייַכט צו זאָגן, אַז איך בין שוין אָן קויכעס... נאָר מיר האָט אָפּגעגליקט — כ'האָב געכאַפּט אַ טאַקסי. „יאָג, באָכער, — זאָג איך צום טאַקסיסט, — ווי דו קענסט נאָר, ס'גייט אין לעבן!" אין דער פּאָליקליניק נומער 1 בין איך אַרייַן מיט אַ גוואַלד: „די קאַרדיאָגראַמע!" געכאַפּט, צוריק אַף דער טאַקסי, און אָט בין איך שוין ווידער אין דער פּאָליקליניק נומער 2. איך לויף איבער אַ טרעפּל, און דאָס האַרץ פֿאַלט מיר שיִר ניט אַרויס פֿאַר שרעק, — טאָמער איז די דאָקטערן שוין אַף דער פֿאַרזאַמלונג? נאָר ניין, זי האָט זיך פֿאַרהאַלטן... און אָט איז ענדלעך די סאַנאַטאָרנע קאַרטע בא מיר אין די הענט...

יענע נאַכט בין איך ווידער ניט געשלאָפֿן. דערפֿאַר אָבער גאַנצפֿרי אַרויסגעפֿאָרן מיטן ערשטן צוג.

אין קאַנטישן צענטער האָב איך זיך פֿאַנאַנדערגעפֿרעגט ווו, וואָס, און — אַראָפּ אַ באַרג, אַרויף אַ באַרג — זיך דערקליבן צום קלייַנעם מויערל, ווו עס געפֿינט זיך די קוראָרט־פֿאַרוואַלטונג. אַרייַן אינעם נייטיקן קאַבינעט — דאָ זייַנען געזעסן דרייַ פֿרויען, איינע אַ ייִנגערע און צוויי עטוואָס עלטערע, — האָב איך דערלאַנגט די „דאָווערענאָסט", און דאָס האַרץ האָט בא מיר געפֿלאַטערט: שיין וועט זייַן, אויב מע וועט מיר נאָך באַלד אַ זאָג טאָן, אַז עס פֿעלט אַ שטאַמפּ, אָדער דער שטעמפּל איז ניט צו קייַלעכדיק, אַ קאַשע אַף אַ מייַסע... נאָר ניין, די פֿרוי, די ייִנגערע, האָט מיך געבעטן זיך

צוזעצן און א צווייטער פרוי, און עלטערער,
געזאָגט, זי זאָל מיר פאַרפילן די פּוטיאָווקע.
אַליין איז זי מיט מײַן „דאָווערענאַסט" אַף
א ווײַלע ערגעץ אַרויסגעגאַנגען און איינגיכן
זיך אומגעקערט. פּלוצעם קומט אַרײַן אַן
עלטערער מאַנצבל, ניט קיין הויכער, א
גראָבלעכער און א גראָוולעכער, מיט געדיכ-
טע באַרויגעזדיק אַראָפּגעלאָזטע ברעמען. פון
אונטער אָט די ברעמען האָט ער אַף מיר
א קוק געטאָן מיט כשאַד און געזאָגט: „קיין
פּוטיאָווקע ניט אויסשרײַבן". — „פאַרוואָס?" —
האָט די יונגע מיט כידעש א וואַרף געטאָן
אַף אים א בליק. איך בין בא אָט די ווערטער
פּאַשעט פאַרשטאַרבן געוואָרן... „די בוכהאַל-
טעריע פון זייער פּראָפאַריינען-ראַט, — האָט
ער א מאַך געטאָן, — האָט פאַר עטלעכע
פּוטיאָווקעס נאָך ניט אַריבערגעפירט די
אַנטשפּרעכיקע סומעס. זיי זײַנען ניט קיין
אַקוראַטע". דאָ האָט מיך שוין גענומען פאַר
דער לעבער. „איך האָב דאָך אָבער באַ-
צאָלט!" — האָב איך אויסגערופן. די יונגע
האָט ווידער געוואָרפן אַפן גראָבלעכן א בליק,
ווי איינער רעדט: „דער מענטש איז גע-
רעכט"... — „די דאָרטיקע בוכהאַלטעריע דאַרף
מען סאָפּקאָלסאָף אָנלערנען", — האָט דער
גראָבלעכער אַרויסגעברומט און איז אַרויס-
געגאַנגען. איך בין געבליבן זיצן, ניט וויסנ-
דיק וואָס ווײַטער וועט זײַן. „באַומרויִקט זיך
ניט, — האָט די יונגע פרוי צו מיר זיך אָנגע-
רופן. — איִלאַריאָן וואַסיליעוויטש איז ניט
אַזאַ שלעכטער מענטש, ער האָט נאָר ליב
אַמאָל מאַכן א ביסל דעם אָנשטעל"... נישקאָ-
שע פון א ביסל...

אין עטלעכע מינוט אַרום איז די פּו-
טיאָווקע, א לעבעדיקע, א שײַנענדיקע, גע-
לעגן בא מיר אין האַנט. „מער וועט זיך פון
מיר גאָרניט פאָדערן?" — האָב איך אומזיכער
א פרעג געטאָן. „ניין, מער גאָרניט, — האָט
געענטפערט די יונגע פרוי, — פאַרט געזונ-
טערהייט און האָט האַנאָע פונעם אָפּרו"...

דעם זעלבן טאָג, פאַרנאַכט-צו, בין איך
געקומען אַפן אָרט. ווען די אַדמיניסטראַטאָר-
שע אין פענצטערל האָט גענומען דרייען אין
האַנט מײַן פּוטיאָווקע, בין איך פאַרציטערט
געוואָרן, — עפּשער ווידער עפּעס ניט אַזוי?
נאָר אַלץ איז געווען אַזוי. נו, און וואָס אין
צענטראַלן קאָרפּוס איז קיין פרײַ אָרט ניט
געווען און מע האָט מיך געשיקט אין אַן
אַנדער קאָרפּוס, אין אַרעמלעכערן אַפן אויס-
זען און מיט ווייניקער באַקוועמלעכקײַטן, —
דאָס איז שוין גראָד פון די קליינע אומגליקן.
צום ערשטן מאָל פאַר די לעצטע עטלע-
כע מעסלעס בין איך געשלאָפן, ווי א מענטש.

מאַיִסיי לאַזאַרעוויטש האָט איבערגעכאַפּט
דעם אָטעם און פאַרגעזעצט:
— אַף מאָרגן האָט מען אונדז, די נײַ-
אָנגעקומענע, פאַרבעטן אין א גרויסן זאַל.
אַליין דער הויפּט-דאָקטער האָט דערציילט
וועגן דעם קוראָרט, זײַן געשיכטע, זײַנע מײַ-
לעס, וועגן דעם, ווי מע דאַרף זיך היילן,
אופירן אַזוי. צום שלוס האָט מען יעדן איי-
נעם דערלאַנגט א צעטעלע מיטן נומער פו-
נעם קאַבינעט און נאָמען פונעם דאָקטער,
צו וועלכן ער איז צוגעפּעסטיקט.
מײַן דאָקטערן האָט זיך אַרויסגעוויזן א
יונגע — טאַקע נאָך גאָר-גאָר א יונגע —
און כ'האָב געהאַט א גרויסן כשאַד, צי איז
זי ניט אָקאָרשט האַיאָר אַראָפּ פון דער סטו-
דענטישער באַנק. בא מיר איז אַפילע דורך
אַן אַפּיקאָרסישער געדאַנק מיקוייעד דעם,
וואָס קאָן אַזאַ דאָקטער וויסן און פאַרשטיין
אין הילכעס מענטשלעכע כאַלאַסן? אָט דעם
געדאַנק האָב איך אָבער באַלד אָפּגעטריבן
און, פאַרקערט, ריידנדיק מיט איר, אַלעמאָל
אַרײַנגעוואָרפן מיט כשיוועס דאָס וואָרט
„דאָקטער"... יונגעלײַט, און ניט נאָר יונגע-
לײַט, ווייס איך, האָבן עס ליב. זי האָט מיר
געהייסן זיך אויסטאָן ביז האַלב, און האָט
מיך פײַן אויסגעהערט. דערנאָך אויסגעהערט,
וואָס איך האָב איר דערציילט וועגן מײַנע
קרענק. דערנאָך האָט זי מיך געבעטן זיך
אופשטעלן, פאַרמאַכן די אויגן און פּרוּוון
אַזוי, מיט פאַרמאַכטע אויגן, טרעפן צו דער
נאָז, טאַקע צו מײַן אייגענער נאָז, צוערשט
מיט א פינגער פון דער רעכטער האַנט, דער-
נאָך — פון דער לינקער. האָב איך דאַפּקע
געטראָפן. האָט זי געזאָגט: „גוט". — „וואָס
זשע, דאָקטער, האָב איך געפרעגט, — עס
טרעפט, אַז מע טרעפט ניט?" — „נאָך א
מין!" — האָט זי א שמייכל געטאָן און גענו-
מען זיך פאַרפילן מײַן קוראָרט-ביכל. עפּעס
האָט זי דאָרט אַזוי לאַנג געשריבן, אַז איך
האָב ניט אויסגעהאַלטן און א פרעג געטאָן:
„אַנטשולדיקט, דאָקטער, וואָס פאַרשרײַבט איר
דאָרט אַזויפיל?" — „איך פאַרשרײַב אײַך די
קאַבינעטן, וווּ איר וועט דאַרפן מאַכן אַנאַ-
ליזן". — „אַנאַליזן? — איך האָב דערפילט א
שוואַכקײַט אין האַרצן. — ערשט אייערנעכטן
האָב איך געמאַכט אַלע אַנאַליזן. זיי זײַנען
ביז איינעם פאַרשריבן אין מײַן סאַנאַטאָרנע
קאַרטע. אָט ליגט זי פאַר אײַך"... — „יענע
אַנאַליזן האָט איר געמאַכט דאָרט, — די דאָק-
טערן האָט אונטערגעשטראָכן דאָס וואָרט
„דאָרט", — און די וועט איר מאַכן דאָ". צוליב
וואָס זשע האָב איך זיך אַזוי געמאַטערט?
און ס'האָט זיך אָנגעהויבן באַנײַס א קאָן:
בלוט איין מאָל, און בלוט א צווייט מאָל, אַף

צוקער, און אן אנאַליז פון דאָס, און אנאַליז, איך בעט אײַך איבער, פון יענץ, רענטגען, קאַרדיאָגראַמע... צוויי טעג בין איך ארומגעלאָפן ווי א פאַרסאַמטער. נאָכדעם בין איך געקומען צו מײַן דאָקטער און זי האָט מיר אַרײַנגעשריבן א נײַ צעטל קאַבינעטן: דאָ — אײַנשפּריצונגען, דאָרט — אינגאַליאַציע, דאָ — פיזקולטור. א פּאָר טעג האָט געדויערט ביז כ'האָב ווי-ניט-איז פאַנאַנדערגעקליבן זיך, ווו וואָס עס געפינט זיך, ווו, ווער און ווען נעמט אויף און ווו אַוועלכע פּראָצעדורן קומען פאָר. עס האָט זיך אָנגעהויבן א לעבן, זאָלט איר ניט פרעגן! דערצו האָט נאָך א מענטש גרויסע אויגן, אלץ איז אים קאַרג. מיט מיר אין צימער האָט געוווינט אן עלטערער מענטש, אין מײַנע יאָרן, א קאָלווירט-פּאַרזיצער פון יאַקוטיע. ער האָט גערעדט א שלעכטן רוסיש, נאָר האָט זייער גוט זיך פאַנאַנדערגעקליבן אין קאָלערליי פּראָצעדורן. „א קיסלאָראָדנע פּאַלאַטקע האָט מען דיר צוגעשריבן?" — פרעגט ער מיך אין א פּאָר טעג ארום. „ניין". — „און קאָקטייל טרינקסטו?" לאַך איך: „וואָס זשע, מע קאָן דאָ שיקערן אויך?" — „ניין, — זאָגט ער, — ס'איז א רעפּוע אזא. פון א טרײַבל בלעזלט מען אָן א פולע גלאָז. עס זעט אויס ווי זײַף-מילינעס, און א טאַם האָט עס אויך אזא, נאָר מע זאָגט, ס'איז גוט צום הארצן"... וועגן דעם האָב איך אויך ניט געוווּסט. „און וואָס פאַרא וואַנעס נעמסטו?" — פרעגט מיך מײַן שאָכן. זאָג איך, אז קיין שום וואַנעס. „ביסטו דאָך א יאָלד! — לאַכט ער. — געלט האָסטו געצאָלט און וואָס באַקומסטו דערפאַר? גאָרניט"... בין איך אַוועק צו מײַן דאָקטערן: סטײַטש, אזוי און אזוי... האָט זי מיר צוגעשריבן א פּאַלאַטקע און קאָקטייל, נאָר קיין וואַנע — איינמאָל ניין! — עס וועט מיר שאַטן צום געזונט, זאָגט זי. בעט איך זי: „כאָטש וואָס-ניט-איז פאַר א וואַנע, מיר איז א בזיון פאַרן שאָכן"... האָט זי מיר צוגעשריבן א טאָג איבער א טאָג א כווינע-זשעמטשוזשנע וואַנע... נו, האָב איך איצט שוין זיך אינגאַנצן פאַרדרייט. יעדער פּראָצעדור — אין אן אנדער קאָרפּוס, אין אן אנדער קאַבינעט, אין אן אנדער צײַט. גיי האַלט אײַן אין קאָפּ ווען, ווו, וואָס? האָב איך ניט גערוט, ניט געלעבט, בלויז מוירע געהאַט ניט דורכצולאָזן א פּראָצעדור.

הײַנט דאָס איבערטאָן זיך! אף פיזקולטור — איין אָנצוג, פאַר דער וואַנע — א צווייטער, נו, און אף צו גיין אין גאָרקיך דאַרף מען זיך אַוודע איבערטאָן. אזוי א גאַנצן טאָג: פון איין בעגעד אַרויס, אינעם אנדערן אַרײַן. פון איין פּראָצעדור — פּאַטער, לויפסטו אף א צווייטער, און אלץ — צו דער מינוט. פאַרשפּעטיקט — פאַרפאַלן!

גאָר א גאָטס ראַכמאָנעס איז דאָרט געווען אף די ווײַבער נעבעך. כוץ אָט די אלע זאַכן, האָבן זיי זיך נאָך געקליגט איבערטאָן דרײַ-פיר מאָל א טאָג: צום פרישטיק קומט מען אין איין קלייד, צו מיטיק — אין א צווייטן, אָוונטברויט — אין א דריטן, און אזוי, עס זאָל, כאָלילע, זיך ניט איבערכאַזערן ניט דער פאַסאָן, ניט דער שטאָף, ניט דער קאָליר, — גאָט באַהיט! און אלץ — צוגעגלעט, אויסגעפּרעסט, קנאַקנדיק און שמעקנדיק. ווו האָבן זיי גענומען דערויף צײַט און קויעך, הייב איך ניט אָן צו פאַרשטיין.

איינע אזא פרוי, נאָך א גאַנץ יונגע, האָט געוווינט מיט אונדז א טיר בא א טיר. איינמאָל אין אָוונט טרעפן מיר זיך מיט איר אין קאָרידאָר. „עפּעס זעט איר אויס שטענדיק אזוי פאַרהאָוועט, — זאָגט זי, — קומט זיך דורכשפּאַצירן, ס'איז הײַנט א טײַערער אָוונט". — „נאָך איין פּראָצעדור?" — מאַך איך. לאַכט זי: „זיך דורכשפּאַצירן איז בא אײַך אויך א פּראָצעדור?" — „אף קוראָרט, — זאָג איך, — איז אלץ א פּראָצעדור. איך האָב שוין פון אָט די פּראָצעדורן קיין קויעך ניט. איך גיי שלאָפן". — „נאָר שלאָפן, — ענטפערט די פרוי, — איז דאָך אויב אזוי אויך א פּראָצעדור, דערבײַ די סאַמע ניט אינטערעסאַנטע, — מע קאָן אזוי אלץ פאַרשלאָפן"...

— וואָס זאָל איך אײַך זאָגן, די לעצטע טעג האָב איך קוים דערצויגן.

— מאַיסיי לאַזאַרעוויטש, — האָט מען אים איבערגעשלאָגן, — איר האָט ניט פאַרענדיקט וועגן דער פרוי.

— וואָס?

— שפּאַצירן מיט איר זײַט איר פונדעסטוועגן געגאַנגען?

— ניט.

— פאַרוואָס?

— זאָג איך דאָך: צו אלע פּראָצעדורן וואָלט זיך אָנגעהויבן נאָך איין פּראָצעדור... און מיר האָט שוין פּראָצעדורעט אין קאָפּ. כ'האָב שוין געוואָלט גיכער אהיים, א ביסל זיך אָפּרוען... נאָר מיינט איר דאָך, אז פון אָט די אלע לויפעניש, האָוועניש האָב איך כאָטש עפּעס אָנגעווירן אין וואָג? הייבט זיך ניט אָן! ווען כ'האָב פאַרן אהיימפאָרן זיך אָפּגעוווּיגן, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אז מיר איז נאָך צוגעקומען. עמעס, ניט קיין סאַך, הונדערט גראַם. פונוואַנען האָבן זיי אָבער זיך גענומען, אז געשפּײַזט האָב איך זיך באַם טיש נומער נײַן. וואָס הייסט — טיש נומער נײַן? ס'איז א דיעטע פאַר דיאַבעטיקער: קיין

זיס — ניט, קיין פעטס — ניט, געבראָטנס — ניט, מיט איין וואָרט — ניט! און, זעט איר דאָך — צוגעקומען הונדערט גראם... סײַדן צוליב דעם איז קעדײַ געווען אויסצושטיין אָט דאָס אַלץ? אײַ, זאָגט איר, געזונט? הערט איר דאָך: אהיים צו זיך בין איך שוין געקומען, נאָר ווען איך וועל פון אָט דעם אַלעם קומען צו-זיך...

— מאַיִסיי לאַזאַרעוויטש, — האָט זיך אָנגערופן דער יונגער בוי-אינזשעניער, — פון וואָס, אייגנטלעך, האָט איר זיך געהיילט? פון דיִאַבעט?

— א, איר זײַט בא אונדז א נײַער מענטש, דאָ ווייסן עס אַלע. דיִאַבעט איז אַזוי זיך, א בײַזאַך. דעריקער איז בא מיר א קראַנק האַרץ.

— א קראַנק האַרץ?

— וואָס זשע, איר גלייבט ניט?

— און ווער וועט אײַך גלייבן?

— אַלע ווייסן עס.

— אויב איר האָט אזא היילונג און לויט אזא פּוטיאָווקע בעשאַלעם דורכגעמאכט און געבליבן לעבן, — האָט געזאָגט דער בוי-אינזשעניער, — פאַרמאָגט איר אַן אײַזערן האַרץ.

— אַן אײַזערן האַרץ? — האָט איבערגעפרעגט מאַיִסיי לאַזאַרעוויטש און האָט א קוק געטאָן אַף זײַנע קאָלעגן. דערבײַ איז דאָס רעכטע, גרעסערע אויג זײַנס גרייט געווען אָט-אָט לאָזן א טרער, און דאָס לינקע, דאָס קלענערע, פאַרקערט, האָט זיך, דאכט זיך, אויסגעלאַכט פון אַלע קרענק אַף דער וועלט...

א רובל פאַר שווײַגן

זלאַטען קענט איר? ניין, איר קענט ניט זלאַטען? ווען איר זאָלט זי קענען, וואָלט איר מיר געוויס דערציילט דאָס, וואָס איך קלײַב זיך דערציילן אײַך. צי איז קעדײַ, פרעגט איר, איך זאָל דערציילן, און איר זאָלט אויסהערן? מיר דאכט, קעדײַ.

איז אָט — זלאַטע. אז מע וויל, זעט זי נאָך אויס גאַנץ יונג — א יאָר דרײַסיק, ניט מער. ניט הויך, נאָר גאַנץ קרעפטיק אין אַלע גלידער, פלינק, רירעוודיק, מיט איין וואָרט, — א בעריע א ווײַבל. דאָס פּאָנעם — ניט מיִעס, פאַרקערט, די שוואַרצע קײַלעכדיקע ברעם אפילע שיין. די אויגן.... די אויגן וואָלטן אויך געווען אין אָרדענונג, ווען זיי זײַנען ניט א ביסעלע צו גרויס און קוקן ניט אַף אײַך א קאַפּעלע קאָסאָקע, נאָר דאָס מאכט ניט אויס. נעמט זי זיך אופראַמען אין שטוב, — ארויסציִען דעם שטויב פון די טעפּיכער, ווישן די פענצטער, וואַשן די דילן, — ברענט עס בא איר אונטער די הענט.

פאַרוואָס דערמאָן איך וועגן אָט דער ארבעט? ווײַל טאקע דערפון האָט זיך גענומען אונדזער באַקאַנטשאַפט. מיר מיט דער פרוי זײַנען ביידע אַף פּענסיע, קרענקען אָפּט אונטער, באַזונדערס די פרוי, און ראַמען, וואַשן איז געוואָרן ניט קיין לײַכטע האַלאָכע. אָפּזוכן א מענטשן, וואָס זאָל קאָנען ארויסהעלפן דערין, ווייסט איר דאָך, איז ניט לײַכט. מע דערציילט אפילע אַן אַנעקדאָט: „אײַער אנשטאַלט דאַרף האָבן א דירעקטאָר? וויפל איר ווילט! און אַן אופראַמערן אויך? דערמיט, זעט איר, איז ערגער"...

האָבן מיר טאקע זיך היפּש געמאַטערט, ביז ס'האָט אונדז אָפּגעגליקט. מײַן פרויס א באַקאַנטע האָט איר דערציילט, אז פון אירער א באַקאַנטער איז איר באַוווּסט, אז צו יענערס א קרויווע קומט ארײַן א פרוי, וואָס העלפט איר אופראַמען אין שטוב. האָט מײַן פרוי זיך אײַנגעבעטן בא דער באַקאַנטער, זי זאָל דורך איר באַקאַנטער זיך אָנפרעגן בא יענער קרויווע, צי וואָלט די פרוי, וואָס גייט ארײַן צו איר, ניט געקאָנט ארײַנגיין אויך צו אונדז?

ניט אַזוי גיך טוט זיך עס, ווי עס רעדט זיך, נאָר אין איינעם א טאָג שטעלט זיך ארײַן צו אונדז א פרוי און פרעגט, צי ניט דאָ האָט מען זיך אָנגעפרעגט אַף... מיט איין וואָרט, דאָס איז געווען זלאַטע. מײַן פרוי האָט ניט געוווּסט ווו זי אוועקזעצן, מיט וואָס מעכאַבעד זײַן, וואָס מיטגעבן פאַר איר ייִנגל (בא איר איז דאָ א ייִנגל). מע האָט אָפּגערעדט: איין מאָל אין וואָך. פרײַטיק, קומט זי און ראַמט אויף אין שטוב. מיר האָבן אַליין ניט געגלייבט אין אונדזער גליק. אַפן נאָענטסטן פרײַטיק האָבן מיר ארויסגעקוקט, ווי אַף א יאָמטעוו, און גלײַכצײַטיק קימאַט ווי זיכער געווען, אז עפּעס וועט געשען און זי וועט ניט קומען. נאָר זלאַטע איז געקומען!

מײַן פרוי, ווען זי איז ייִנגער און געזינטער געווען, האָט געשעמט פאַר א גרויסער ווירטן, און איר צוטרעפן מיט אַן ארבעט איז ניט אַזוי לײַכט. כ'וועל אײַך זאָגן דעם עמעס, פאַר דער לעצטער צײַט האָבן זיך יאָ געפונען א פּאָר ווײַבלעך, וואָס זײַנען ארײַנגעקומען אופראַמען, האָט די פרוי מײַנע נאָך איינעם — צוויי מאָל זיי געוויזן דעם וועג.

איך האָב זיך אפילע געבייזערט אף איר. „וואָס פערעבענדעוועסטו?“ — האָב איך געפרעגט. „איידער אזא ארבעט, — האָט געענטפערט די פרוי, — איז... בעסער גאָרניט“. זי וועט אליין, זאָגט זי, טאָן מיט די לעצטע קויכעס, נאָר זי קען ניט צוזען, ווי מע ראַמט אוף אינמיטן און אין די ווינקלען לאָזט מען דעם שטויב...

— נו, ווי... — האָב איך א פרעג געטאָן בא מײַן פרוי, ווען זלאטע איז דעם ערשטן פרײַטיק אוועקגעגאנגען, — ווי געפעלט דיר איר ארבעט?

— זעסט דען אליין ניט, — האָט געענטפערט מײַן פרוי, — זי האָט געמאכט אין שטוב גין און גאָלד! עס זאָל ערגעץ כאָטש בלײַבן א שפּרענקעלע...

איז דאָך אוואדע גוט.

דעם צווייטן פרײַטיק, דעם דריטן — זלאטע קומט, ראַמט, מיר זײַנען מיט איר צופרידן, זי מיט אונדז. ערגעץ ארום פערטן-פינפטן פרײַטיק אָן ערעך האָט אונדז גענומען זיך ווארפן אין די אויגן זלאטעס א כיסאָרן. צוערשט, גליקלעך, וואָס זי איז אונדז מעזאקע מיט איר קומען, פארכאפּט מיט איר בעריעשאפט, האָבן מיר עס ניט באמערקט. וואָס פאר א כיסאָרן? זי רעדט. וואָס זשע, — קאָנט איר זאָגן, — איר ווילט א מענטש, זאָל ניט ריידן? כאָלילע! נאָר ריידן צו ריידן איז ניט גלײַך. פאראַן מענטשן, וואָס ריידן ווייניקער, פאראַן, וואָס מער. נאָר דאָס מויל זאָל זיך ניט צומאכן כאָטשבי אף א מינוט, כאָטשבי אף א רעגע... גאָט באהיט! און זלאטע — באם עפענען די טיר הייבט זי אָן ריידן, און ווען זי גייט אוועק, פארענדיקט זי. די פּאָר שאָ, וואָס זי ראַמט אין שטוב, הערט זי ניט אוף שיטן מיט רייד. וועגן וואָס? ניט וויכטיק, וועגן וואָס איר ווילט! זי ווישט די פענצטער, און רעדט. דרייט די נאסע שמאטע, און רעדט. פירט מיט דער שוואַבערע איבערן דיל, און רעדט. אַרודעוועט מיטן שטויבציִער, און רעדט... וועט איר דאָך פרעגן: ווי קאָן מען ריידן, בייס עס גראַגערט דער שטויבציִער? זי קען. א קאָל בא איר, וועלן עס צען שטויבציִער ניט פארהילכן.

צוערשט האָבן מיר געמיינט: א מענטש וועט זיך אויסריידן און אופהערן. דערנאָך האָט זיך געטראכט: זאָל עס זײַן א צוגאָב צום געצאָלטס פארן ראַמען. עס איז אָבער געגאנגען א פרײַטיק נאָך א פרײַטיק, און זלאטע האָט ניט אופגעהערט ריידן. דערבײַ אויב צום אָנהייב האָט זי דערציילט אזוינס, וואָס איז געווען פאר אונדז נײַ, האָט זי, נאָכדעם זיך אָנגעהויבן איבערכאזערן...

זלאטע האָט געארבעט אלס וואכטיאָרשע אף א בויונג. דאָס געהאלט ניט קיין גרויסער, דערפאר אָבער האָט זי נאָכן אָפּדעזשורעווען א מעסלעס געהאט צוויי מעסלעס פרײַע. און אָט די צוויי מעסלעס פלעגט זי עס ראַמען אין עטלעכע שטיבער און האָבן, אזויארום, א צוגאָבלעכן פארדינסט. דאָס ייִנגל אירס (שוין א היפּש ייִנגל) האָט זיך געלערנט און דערצויגן אין אינטערנאַט. פאר איר לעבן האָט זלאטע צוויי מאָל כאסענע געהאט, און ביידע מאָל האָבן די מענער זי פארלאָזט. איז זי צונויפגעגאנגען זיך א דריט מאָל, געלעבט ניט פארשריבענערהייט. אינגיכן האָט זיך ארויסגעוויזן, אז אָט דער דריטער איז א שיקער. „ווו שיקרעס, דאָרט איז גנייווע“, — זאָגט זלאטע. זיצט ער. זי וואַרט אף אים, ער דארף זיך שוין אינגיכן באפרײַען. דערווײַל האַלט זי אין איין דערציילן וועגן איר ערשטן מאַן, — ווי מע איז זיך צונויפגעגאנגען, ווי מע האָט געלעבט און ווי מע איז זיך פאנאנדערגעגאנגען. דערנאָך — דאָס זעלבע וועגן דעם צווייטן און וועגן דעם דריטן, וואָס מיט אים האָט זי געלעבט ניט פארשריבענערהייט. דערנאָך הייבט זי ווידער אָן וועגן דעם ערשטן...

— ווי מיינסטו? — האָב איך איינמאָל נאָך זלאטעס אוועקגיין א פרעג געטאָן בא מײַן פרוי. — דער שיקער, וואָס זי וואַרט אף אים, אז ער וועט ארויס פון טורמע, וועט ער זיך אומקערן צו איר?

— דאָס גייט דיר שטארק אָן? — האָט געפרעגט די פרוי.

— גלאַט אזוי.

— גלאַט אזוי, — האָט זי געזאָגט, — פרעג מיך גרינגערע זאכן.

— אָבער פאָרט?

— און דו ווי מיינסט?

ווען מע האָט ניט קיין ענטפער, איז די בעסטע זאך — שטעלן א קאשע.

— איך מיין, אז ניט.

— וואָס ניט?

— ער וועט צו איר זיך ניט אומקערן.

— פארוואָס?

— ווײַל בעסער צו זיצן אין טורמע, איידער האָבן לעבן זיך אזא מויל.

— און ווי מיינסטו? — האָב איך ווײַטער געזאָגט. — יענע, די ערשטע צוויי מענער, פארוואָס זײַנען זיי פון איר אוועק?

— איך ווייס ניט, פארוואָס זיי זײַנען אוועק, — האָט געזאָגט די פרוי, — איך ווייס נאָר, אז ווען זי גייט אוועק, הייבט זיך בא מיר דער קאָפּ...

— דאָס נעמלעכע, — זאָג איך, — פון מיר צו הערן.

א פּאָר מאָל האָבן מיר געפּרוווט זלאַטען געבן אָנצוהערן:

— ס'איז אײַך ניט שווער, — האָבן מיר געפֿרעגט בא איר, — אי אַרבעטן, אי ריידן?

— ניין אָ, — האָט זי אויסגערופן, — אז איך רעד, איז מיר נאָך גרינגער.

— איר שרײַט דאָך אָבער, — האָב איך באמערקט.

— אָט דאָס הייסט געשרײַען? — האָט זלאַטע זיך פאַרכידעשט. — דאָס רעד איך אַזוי. אַמאָל שרײַ איך טאַקע, נאָר דאָס וויסן שוין מײַנע שכיינים.

— פונדעסטוועגן, — האָב איך זי איינמאָל א בעט געטאָן, — פּרוווט ריידן א ביסעלע שטילער.

— מע קאָן, — האָט זי געענטפערט, — פאַרוואָס ניט?

עטלעכע ווערטער האָט זי נאָכדעם טאַקע אַרויסגערעדט מיט א געוויינלעכער שטים, דערנאָך ווידער אַוועק...

מיט יעדן נײַעם פּרײַטיק איז מיר און דער פרוי געוואָרן אַלץ שווערער. נאָך זלאַטעס ראַמען האָט בא מיר צוויי טעג וויי געטאָן דאָס האַרץ, בא דער פרוי — דער קאָפּ, בא איר איז היפּערטאָניע.

ביז איך האָב זיך אַנטשלאָסן אָפּ אַן אויסערגעוויינלעכער מיטל. איינמאָל, ווען זלאַטע האָט איר געצאָלטס בא דער פרוי שוין באַקומען און זיך געקליבן אוועקגיין, האָב איך געזאָגט:

— איין ווײַלעטשקע, זלאַטע-לעבן! וויפל צאָלט אײַך מײַן פרוי?

— וואָס זשע, איר ווייסט ניט? ציעפּשער ווילט איר זאָגן, אז זי צאָלט מיר א סך? איך בעם אומעטום אַזוי...

— ניין, זלאַטע, ניט דאָס וויל איך זאָגן.

— וואָס זשע?

— איך וויל זאָגן גאָר פאַרקערט...

— וואָס פאַרקערט?

— צו דעם, וואָס עס צאָלט אײַך מײַן פרוי, וויל איך פון מײַן זײַט...

— וואָס — פון אײַער זײַט?

— צוצאָלן.

— פאַר וואָס? — האָט זלאַטע זיך אײַנגעשטעלט אָף מיר מיט אירע גרויסע קאָסאַקלעכע אויגן, — פאַר וואָס צוצאָלן?

— פּאַשעט. צו די דרײַ רובל, וואָס עס צאָלט אײַך די פרוי פאַרן אופראַמען, וועל איך אײַך צוצאָלן נאָך א רובל, איר זאָלט בייס דער אַרבעט כאָטשבי א ביסעלע שווײַגן. איר פאַרשטייט?

— אַזוי גאָר! — האָט אויסגערופן זלאַטע. — א שיינע מײַסע! דאַרפט איר מיר דערפאַר צאָלן? איך קאָן שווײַגן אַזוי אויך, אומזיסט.

— ניין, — האָב איך איר געענטפערט, — דאָס ווייסן מיר שוין, אז איר קאָנט ניט. קומענדיקן פרײַטיק באַקומט איר. נאָך א רובל, אָבער מיטן טנײַ...

— אויב איר ווילט אַזוי, — האָט זלאַטע א קנייטש געטאָן מיט אן אַקסל, — זאָל זײַן, אן איבעריקער רובל וועט מיר ניט קאַליע מאַכן. אויך מיר...

ווען זי איז אַוועקגעגאַנגען, האָט מײַן פרוי זיך אָנגערופן:

— ווער האָט דיך געבעטן?

— וואָס?

— זיך שטופּן מיטן רובל?

— וואָס איז?

— זי האָט זיך געוויס באַליידיקט און וועט מער ניט קומען.

— מיילע, — האָב איך א מאַך געטאָן.

— וואָס הייסט — מיילע? און ווער וועט אונדז אופראַמען?

— פון איר ראַמען, — האָב איך געזאָגט, — גייען מיר שוין ארום אַן א קאָפּ...

— וואָס קאָן מען אָבער טאָן?

דעם עמעס זאָגן, האָב איך אויך איבערגעטראַכט: וועט זלאַטע קומען אָדער ניט?

דערלעבט פרײַטיק — זי איז דאָ! און האָט אפילע געהאַלטן וואָרט. עמעס, ניט אָף לאַנג... ביז זי האָט געווישט די פענצטער, האָט זי געשוויגן. נאָר ווען זי האָט זיך גענומען צו דער שוואַבער, איז אַוועק:

— שווײַגן? בא דיר גאָר שווײַגן... וואָס זשע, עס געפעלן אײַך ניט מײַנע רייד? דאַרף מען ניט. איך קאָן שווײַגן. אויך מיר א קונץ, שווײַגן? — און אַזוי, ביז זי האָט ניט פאַרענדיקט ראַמען.

באַקומען דאָס געצאָלטס בא דער פרוי, איז זלאַטע צוגעגאַנגען צו מיר:

— וואָס, זלאַטע?

— דעם רובל!

— פאַר וואָס?

— פאַר שווײַגן.

— איר האָט דאָך גערעדט!

— אָבער — ווען שווײַגן.

דעם רובל האָב איך איר באַצאָלט.

שפּעטער איז עס מער ניט אויסגעקומען צו טאָן, ווײַל ס'האָט סײַווי ניט געהאָלפן.

איר ווילט וויסן וואָס ווײַטער? גאָרניט. אָפּזאָגן זלאַטען קאָנען מיר ניט, ווײַל ווו וועלן מיר נעמען אן אַנדערע אָף איר אָרט? נאָר דאָ מוז איך איבערײַסן מײַן דערציילונג. איך הערט, די פרוי רופט מיך, בא איר איז מיסטאַמע שוין אונטערגעשפּרונגען דער בלוטדרוק. בא מיר איז הײַנט אויך עפּעס א גאַנצן טאָג ניט וואָזשנע מיטן האַרצן. מאָרגן איז פרײַטיק...

אכציק ער, זיבעציק זי

געשען איז עס פֿאַריקן ווינטער, ווען איך בין, ניט איצטער געדאַכט, געלעגן אין שפּיטאָל. איך האָב מײַן זײַן דאָ שוין געהאַלטן באַם פֿאַרענדיקן, און ער האָט ערשט אָנגעהויבן. געבראַכט האָט מען אים מיט דער „גיכער הילף" אַזייגער 11 אײַנדערפֿרי. אַוועקלייגן האָט מען אים געזאָלט אין אונדזער פּאַלאַטע, אויפֿן בעטל, וואָס איז געשטאַנען הינטער מײַנס, בײַ דער וואַנט. דער כוילע, וואָס איז אויף דעם בעטל זײַנס אָפּגעלעגן, האָט זיך אויסגעשריבן אַזייגער צוועלף, און אַ גאַנצע שאָ איז דער נײַער כוילע, אַ צונויפֿגעקאָרטשעטער אינדרײַען, אַכצנדיק און קרעכצנדיק, אָפּגעזעסן אויף אַ בענקל בײַם אַרײַנגאַנג אין פּאַלאַטע. דעם עמעס זאָגן, האָט מיר שוין אָנגעהויבן כידעשן אויף די קראַנקן-שוועסטער, אויף די דאָקטוירים, — ווי ווײַזט מען עס אַרויס אַזאַ גלײַכגילט צו אַ מענטשן, דערצו נאָך צו אַן אַלטן מאַן? נאָר שפּעטער, ווען מע האָט אים שוין אַוועקגעלייגט, און די ווײַלע שוואַרצכיינעוודיקע דאָקטערן, וואָס האָט „געפֿירט" אונדזער פּאַלאַטע, האָט אים באַטראַכט און מע האָט אים געמאַכט די ערשטע פּאָר אײַנשפּריצונגען, האָב איך פֿון דעם, ווי דער דאָקטער מיט דער קראַנקן-שוועסטער האָבן זיך איבערגעקוקט, פֿון אַ פּאָר ווערטער זייערע צום כוילע און צווישן זיך, פֿאַרשטאַנען אַז דער דאָזיקער מענטש איז דאָ ווײַט ניט קיין פּאָנעם כאַדאָשעס. מע קען אים זייער גוט, און ער איז שוין אַלעמען דאָ אַפֿילע אַ היפּש ביסל דערעסן, — מע באַווײַזט אים ניט אויסשרײַבן, ווי ער איז ווידער דאָ צוריק... און מע ווייסט מיט וואָס — היפּערטאָניע, סטענאָקאַרדיע...

אין אַ פּאָר טעג אַרום, ווען מע האָט אין אים אַרײַנגעצימבלט אַ היפּש ביסל אײַנשפּריצונגען, איז ער געקומען צו־זיך און האָט זיך פֿאַנאַנדערגערעדט. צוערשט האָט ער זיך אַ נעם געטאָן צו מיר, זײַן נאָענטסטן שאָכן, מיט פֿראַגן — ווער און וואָס? איך האָב נישט געהאַט ניט קיין קויעך, ניט קיין כיישעק זיך אַרײַנצולאָזן אין לאַנגע מײַסעס און בין אָפּגעקומען מיט אַ פּאָר קורצע ענטפֿערס. ריידן האָט דאַן גענומען ער. אַ כידעש, בעפֿיירעש, האָט ער געזאָגט, וואָס אויב מיר לעבן שוין אַזוי לאַנג דאָ אין שטאָט, איז ווי זשע האָבן מיר ביז איצט זיך ניט באַגעגנט? אים רופֿט מען מוישע, זײַן פֿאַמיליע — קאַנדעל. מוישע קאַנדעל. אַ פּענסיאָנער. ווו האָט ער געאַרבעט ביז דער פּענסיע? אויפֿן „דאָק", אויפֿן קאָמבינאַט פֿון הײַזער-בויונג, הייסט עס. ער איז אַ טעסלער, ס'הייסט, ער איז געווען אַלע יאָרן אַ טעסלער. איצט איז ער שוין גאָרניט מיט נישט, אַ שיוורע קיילע, אָט — אַלעמאָל לייגט ער זיך אין שפּיטאָל און דאָ ווייסט מען ניט, ווי פֿון אים פּאָטער צו ווערן...

דערפֿאַר אָבער אין די יונגע יאָרן... אָ, אין די יונגע יאָרן! ער האָט זיך נאָך באַטייליקט אין בירגערקריג, און ניט אַבי-ווי — בײַ בודיאָנין אין קאַוואַלעריע געדינט. בודיאָני אַליין האָט אים אײנמאָל — ס'איז געווען הינטער פּאַסטאָוו — פֿאַרן גאַנצן סטראָי אַרויסגעטראָגן אַ בלאַגאָדאַרנאָסט... די גאַנצע פּאָטערלענדישע מילכאָמע האָט ער אויך דורכגעמאַכט פֿון ערשטן טאָג ביזן לעצטן... צוערשט אויף אַ פֿערד, נאָכדעם אין פּעכאָטע.

מער פֿאַר אַלץ האָט ער אָבער ליב געהאַט דערציילן פֿאַרשיידענע עפּיזאָדן פֿון בירגערקריג.

— זאָגט מיר, — האָב איך אים אַ פֿרעג געטאָן, — וויפֿל זשע זײַט איר אַלט, אויב איר האָט זיך נאָך באַטייליקט אין בירגערקריג?

— אין דרײַ כאָדאָשים אַרום ווער איך אַ בען-שמוינים.

— אכציק יאָר? — האָב איך זיך פֿאַרכידעשט, — זעט איר דאָך נאָך אויס ווי אַ פֿאָלנער גוואַרדייעץ!

— אַ גוואַרדייעץ בין איך טאַקע, — האָט ער געענטפֿערט. — נאָר וואָס קומט אַרויס, אַז קיין געזונט איז ניטאָ...

— ניין, — האָב איך געזאָגט, — איר האָט זיך ניט אויף וואָס צו קלאָגן.

און בעמעס. ער האָט נאָך אַלע האָר אויפֿן קאָפּ, און איז ניט איבעריקס גראָוו, אַ קליין טשופּיקל פֿאַלט אַראָפּ אויפֿן שטערן. דער קוק פֿון אונטער די געדיכטע ברעמען אַ לעבעדיקער, אַ פֿלינקער. דער מענטש איז ניט צו דאַר, ניט צו גראָב, האַלט זיך גלײַך, ניט געהויקערט.

— איר האָט מיך געשאַצט ווייניקער? — האָט ער געפֿרעגט.

— אַפֿילע קיין פֿולע זיבעציק וואָלט איך לויט אײַער אויסזען אײַך ניט געגעבן.

— אָ, וואָס רעדט איר, — האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, — ביז זיבעציק האָב איך נאָך געאַרבעט, נאָך אַרודעוועט מיט דער האַק. איך וואָלט נאָך זיבעציק אויך געווען געאַרבעט...

— נאָר וואָס?

— האָבן די הענט אָבער געזאָגט: סטאָפּ! מער קענען זיי ניט. האָב איך געמוזט זיי פֿאָלגן. אָן אַנדער ברירה...

ווען ער האָט שוין אויסדערציילט אַלץ וועגן דעם, ווי ער האָט געדינט בא בודיאָנין, און וואָס מיט אים האָט אַף דער צווייטער מילכאָמע פּאַסירט, און ווי ער האָט נאָך דער מילכאָמע געאַרבעט, האָט מוישע קאַנדעל זיך גענומען קלאָגן אַף זײַן הײַנטיקן לעבן.

— איר פֿאַרשטייט, — האָט ער געזאָגט, זיצנדיק אַף זײַן בעטל אין דער גרויסלעכער אַף אים געשטרײַפּטער פּיזשאַמע, — דאַכט זיך, אַלץ פֿאַראַן: א דירע אין א נײַ הויז מיט אַלע באַקוועמלעכקײַטן, א גוטע פּענסיע, וואָס קלעקט מיר צום דורכלעבן, — אָט אַזוי־אַ... נאָר...

— נאָר וואָס זשע? — האָב איך געפֿרעגט, ווײַל מײַן שאָכן איז מיטאַמאָל מיט א פֿאַרומערטן אויסזען אַף לאַנג אַנשוויגן געוואָרן.

— וואָס קומט אָבער אַרויס, אַז מע לעבט אײנער אַליין...

— וואָס הייסט? — האָב איך ניט גאָר פֿאַרשטאַנען.

— אָט דאָס הייסט. אײנער אַליין, און אויס...

— און דאָס ווײַב? — האָב איך פֿאַרזיכטיק א פֿרעג געטאָן.

— אָט דאָס איז דאָך עס, — האָט ער מיט היץ זיך א כאַפּ געגעבן, — ביז זי האָט געלעבט, איז אַלץ געווען אָפּן אָרט. אין שטוב ריין, צוגעקליבן, דער וואַרעמעס צו דער צײַט אָפּגעקאָכט. מע האָט געלעבט...

— שוין לאַנג איז זי ניטאָ?

— דאָס פֿינפֿטע יאָר. ניט געהאַט נעבעך קיין מאַזל. א גאַנץ לעבן געטרוימט וועגן א דירע אין א געמויערט הויז מיט באַקוועמלעכקײַטן. ווען מיר האָבן זיך שוין אין אַזאַ הויז אַרײַנגעקליבן, איז זי אין א האַלב יאָר אַרום געשטאָרבן. אײַנגאַנצן א האַלב יאָר אָפּגעלעבט מיט באַקוועמלעכקײַטן...

— נו, און קינדער? — האָב איך געפֿרעגט, — איר דאַרפֿט דאָך מיסטאָמע האָבן אייניקלעך און אוראייניקלעך?

— אייסעך, — האָט ער א מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

— וואָס הייסט?

— ניטאָ.

— איר האָט ניט געהאַט קיין קינדער?

— אײן זון.

— ער לעבט?

— יאָ.

— דאָ אין שטאָט?

— יאָ, נאָר וואָס קומט אַרויס?

— וואָס זשע?

— א שיקאַרניק. איך וויל פֿון אים ניט וויסן.

עפּשער וואָלט ער נאָך עפּעס דערציילט וועגן דעם זון, נאָר אין דער מינוט האָט אַף דער שוועל פֿון פּאַלאַטע זיך באַוויזן א ניידעריק פּולבלעך מיידל אין א ווײַסן כאַלאַט, א ווײַסער הויב אָפּן קאָפּ און מיט א שפּריץ אין האַנט.

— ווער איז דאָ קאַנדעל? — האָט זי געפֿרעגט.

די שוועסטער האָבן געוווּסט אַלע קראַנקע בא די נעמען. נאָר אָפּט פֿלעגן די שילערנס פֿון דער מעדיצין־שול, וועלכע האָבן דאָ פּראַקטיקירט, פֿאַרבײַטן די שוועסטער. האָבן זיי ניט געקענט די קראַנקע.

— איך, — האָט געענטפֿערט קאַנדעל, און ביידע, ער און דאָס מיידל, האָבן א קוק געטאָן אײנס אָפּן אַנדערן מיט צוויי פֿאַרדערשראָקענע אויגן. „א שילערין, — האָט ער א טראַכט געטאָן, — זי וועט עס מיר אַרײַנהאַקן“... זי: „אַזאַ אַלטער, די נאָדל זאָל כאַטש אין אים זיך ניט צעברעכן“...

קאַנדעל האָט געהאָרכזאַם זיך אַוועקגעלייגט אַף זײַן בעטל.

— וווּהין? — האָט ער א פֿרעג געטאָן. דאָס מיידל האָט א ווײַז געטאָן מיט די אויגן אָפּן אונטערשטן טייל גוף, און ער האָט מיט א געווינטער באַוועגונג גענומען אַראָפּציִען די פּיזשאַמע־הויזן.

ווען דאָס מיידל איז אַרויסגעגאַנגען פֿון דער פּאַלאַטע, האָט מײַן שאָכן, א שטאַרק פֿאַרקרימטער, פּאַמעלעך אויפֿגעהויבן זיך פֿון בעט.

— שטעלט אײַך פֿאָר, — האָט ער געזאָגט, — בא מיר איז פֿון די אוקאָלן שוין ניט קיין לײַב, נאָר א רעשעטע, קיין גאַנצער אייווער ניטאָ. נאָר אַזוינס, ווי אָט די?!.. זיי לערנען זיך אַף דאָקטוירים, און מײַן אונטערכיילעק קומט אָפּ... — א פּאָר מאָל האָט ער א רײַב געטאָן דאָס אָרט, ווו מע האָט אים געשטאָכן, און פֿאַרגעזיפֿצט: — איר פֿאַרשטייט, אין מײַנע יאָרן, אַז מע לעבט אײנער אַליין, טויג עס ניט.

— געוויס, — האָב איך צוגעשטימט.

— אָט דערצייל איך אײַך, אַז כ׳וווין אין א דירע מיט באַקוועמלעכקײַטן, עמעס. נאָר קיין טעלעפֿאָן איז ניטאָ. א טעלעפֿאָן איז באַם שאָכן. טרעפֿט מיט מיר, כאָלילע, אינמיטן דער נאַכט עפּעס, דאַרף איך אַליין גיין צום שאָכן קלינגען, מע זאָל שיקן צו מיר די

„גיכע הילף"... איך רעד שוין ניט פון עפּעס אַפּקאַכן, אויסוואַשן. אַלץ קומט אויס טאָן אַליין.

— אין אייַער לאַגע, — האָב איך זיך אָנגערופן, — וואָלט עפּשער געווען א פּלאַן זיך צונויפגיין מיט אן עלטערער פרוי, ווי אַנדערע טוען, איר האָט ניט געפּרוּווט?

— געפּרוּווט.

— וואָס זשע?

— הערט איר, — האָט ער נאָך א קורצן שווייַגן געזאָגט, — דאָס ערשטע ווייַב איז א ווייַב. דאָס צווייטע, דאָס דריטע, דאָס פערטע — וויפל איר זאָלט זיי דערנאָך ניט האָבן, — זייַנען שוין ניט קיין ווייַבער...

— וואָס זשע דען?

— עט, ניט דאָס, ניט יענץ...

— אָבער פונדעסטוועגן האָט איר געפּרוּווט?

— און ניט איין מאָל.

— נו?

— אייסער... אָט וועל איך אייַך דערציילן, ווי ס'איז געווען מיטן ערשט ווייַבל. ס'הייסט, מיט מייַן צווייט... איך בא איר בין שוין געווען דער דריטער. דער ערשטער איז אומגעקומען אַף דער מילכאָמע, דער צווייטער איז געשטאָרבן מיט א פּאָר יאָר צוריק. צונויפגעפירט האָבן אונדז באַקאַנטע. טראַכט איך: מיילע... מייַנע וועט דאָרט קיין גרויס פּאַריבל אַף מיר ניט האָבן, זי דאַרף פאַרשטיין, וואָס הייסט לעבן איינער אַליין... און דאָס איז נישקאָשע פון א ווייַבל, אין מייַנע יאָרן, פאַרשטייט זיך, עפּשער אַף א יאָר-צוויי יינגער. קינדער האָט זי פון ביידע מענער א האַלבן טוץ, און אייניקלעך — א גאַנצן טוץ, הייַנט קרויווים, און דערצו האָט זי נאָך ליב פּראַווען וויזיטן — הייַנט בא איינעם, מאָרגן בא א צווייטן — און שלעפּט מיך אויך. איך בין דערצו ניט געוווינט. נאָר דאָס בין איך אייַך מויכל. ערגער איז אן אַנדער זאַך. אַלע טאָג בעט זי בא מיר געלט אַפּן מאַרק. ערשטנס, פאַרוואָס עפּעס אַלע טאָג? און פאַרוואָס נאָר בא מיר? באַקומסט דאָך אַליין אויך ניט קיין קלענערע פּענסיע... און טאָמער פרעג איך זיך נאָך בא איר אַף א כעזשבן, ווען זי קומט פון מאַרק, איז שוין גאָר געפערלעך. איינגיכן האָבן אַלע אירע קרויווים אין שטאָט געוווּסט, אַז איך בין א קאַרגער, אַז איך קוק איר אַרייַן אין די הענט, צייל איר אויס דעם גראָשן. און וואָס מיינט איר, — אין איין שיינעם טאָג איז זי פון מיר אוועק... נו, מיילע, טראַכט איך, ווי מע פלעגט אַמאָל זאָגן: וואָס גאָט טוט, איז צום גוטן.

מייַן שאַכן האָט זיך פאַרוואָלט עפּעס איבערכאַפּן. פון דער ווייַסער טומבאַטשקע באַם בעטל האָט ער אַרויסגענומען א ריפּטל ברויט, וואָס איז אים פאַרבליבן פון פרישטיק, אַרופגעלייגט אַף דעם א שטיקל האָלענדער קעז (אויך פון פרישטיק), געקייַט האָט ער לאַנג, מיט יישעוו-האַדאַס, דערנאָך פאַרטרונקען פונעם פלעשל סיטראָ, וואָס די ניאַניעטשקע האָט פאַר אים געקויפט. אָפּגעפּאַרטיקט דערמיט, האָט ער זיך אָנגערופן:

— מיסטאַמע ווילט איר דאָך וויסן, ווי איז עס צוגעגאַנגען מיטן צווייטן ווייַבל?

ער האָט געטראָפן, כ'האָב טאַקע געוואָלט וויסן.

— דאָ איז שוין געווען, — האָט ער אָנגעהויבן, — א קאָמעדיע מיט א טראַגעדיע אינאיינעם... איר פאַרשטייט, ווען מע האָט מיך באַקאַנט מיט איר, האָט זי צום אַלעם ערשטן גענומען לייקענען אירע יאָרן. לויט איר האָט זיך באַקומען, אַז זי איז נאָך שיר ניט קיין בסולע... „נו, און די אויסגעגעבענע טעכטער, — זאָג איך, — און די אייניקלעך אין אינסטיטוט?" מיילע... נאָכדעם האָט זי מיך גענומען פאַרוואַרפן מיט אַלבאָמען, מיט הונדערטער פאָטאָגראַפיעס פון איר אין אַלע פּאָזעס, איך זאָל זען, הייסט עס, וואָס פאַר א יעפּאַס-טויאַר זי איז אַמאָל געווען... וואָס דאַרף איך עס, — זאָג איך, — מיר איז גענוג דאָס, וואָס פון יענער קראַסאַוויצע איז געבליבן. אין מאַרק גיין קאָן זי? אָפּקאָכן אויך? איז גוט! די, פאַרקערט, איז מאַסקים געווען אָפּן טנייַ: אין קאָן גייען אונדזערע ביידע פּענסיעס. האָבן מיר אָנגעהויבן לעבן צוזאַמען. ס'איז אָבער דורכגעגאַנגען א שטיקל צייַט, און כ'זע — ס'איז שלעכט...

— וואָס זשע?

— דיִעטע! זי האַלט פון דיִעטע... זי היט די פיגור... איר פאַרשטייט דאָך, מישטיינס-געזאָגט, וואָס פאַר א פיגור, נאָר זי היט... ווילסט האָבן א פיגור, האָב! וואָס בין איך אָבער שולדיק? איך דאַרף ניט קיין פיגור. איך דאַרף דרייַ מאָל אין טאָג עפּעס אַרייַנלייגן אין בויך, איך זאָל פילן, אַז כ'האָב געגעסן. און זי: קרויט, מערעלעך, פּעטרעשקע... זי האָט אויסגעלייענט אין זשורנאַל „זדאַראָוויע", אַז אַף אָט די דרייַ זאַכן האַלט זיך די וועלט... וועגן אַלץ האָט זי געלייענט און אַלץ ווייסט זי. זי ווייסט, אשטייגער, אַז אייער — גאָט באַהיט! ביפראַט האַרטע... פלייש — טאָר מען אַפילע ניט טראַכטן, שוין אָפּגערעדט פעטס... געבראָטנס — גאָט זאָל שוימער אומאַצל זייַן! פּוטער? ערגער, איידער אַמאָל בא א פרומען ייִדן כאַזער... א גלאָז טיי מיט צוקער? איינמאָל נייַן, מע קאָן נאָך באַקומען דיִאַבעט... וואָס זשע, — זאָג איך

איר, — וועל איך ניט שטאַרבן פון ד׳יעטע,
פון אַן אינפאַרקט. — איך וועל אויסגיין פון הונגער, וועט מיר זײַן גרינגער? מיט איין וואָרט, אַט דער האָב איך שוין געגעבן דעם וועג: גיי דיר, טײַערע, מיט דײַן ד׳יעטע, מיט דײַן פיגור און לאָז מיך לעבן...

מײַן שאַכן איז אַף לאַנג אנשוויגן געוואָרן, געזעסן פאַרטראַכט אַף זײַן בעטל. דערנאָך האָט ער אויסגעטאָן דאָס פּיזשאַמע-רעקל און גענומען פון אַלע זײַטן באַטראַכטן עס.

— איך וועל בעטן, — האָט ער געזאָגט, — מע זאָל מיר פאַרבײַטן די פּיזשאַמע. זי איז אַף מיר צו גרויס.

— נעכטן, — האָב איך אים דערמאָנט, — האָט מען אײַך פאָרגעלייגט אַן אַנדער פּיזשאַמע.

— יענע איז געווען צו קליין. און ביכלאַל, — האָט ער זיך אָנגערופן, — אַף אַלטע לײַט קוקט מען זיך דען אום? טוט א קוק, אין קאָרידאָר שפּאַצירן אַרום יונגעלײַט, אַלע, ווי איינער, אין קנאַקנדיקע פּיזשאַמעלעך, נאָרוואָס פון סקלאַד! און וואָס גיט מען אונדז? שמאַטעס...

כ׳האָב באַמערקט: מײַן שאַכן האָט ליב געהאַט קלאָגן זיך אַף די פּאָראַנדקעס אין שפּיטאָל. אַלץ איז געווען דאָ ניט אַזוי, ווי לויט זײַן פאַרשטאַנד, וואָלט געדאַרפט זײַן. אַט, ווען מע שטעלט אים אַוועק קאָמאַנדעווען, וואָלט ער שוין געמאַכט א טאַלק אי אַף דער קיך, אי אין די פּראָצעדור-קאַבינעטן — אומעטום. וועגן דעם האָט ער געקאָנט ריידן א טאָג מיט א נאַכט. כ׳האָב מוירע געהאַט אַז באַלד נעמט ער זיך צו אַט דער געפערלעכער טעמע, בין איך פאַרלאָפן דעם וועג מיט א פראַגע:

— זאָגט, איך בעט אײַך, נאָך אַט יענער, מיט דער ד׳יעטע, האָט איר געפּרוווט זיך נאָך מיט עמעצן צונויפגיין?

— געפּרוווט, — האָט ער ניט גערן א מורמל געטאָן.

— ווי זשע?

— וואָס זאָל איך אײַך זאָגן? די איז שוין געווען פון אַן אַנדער שניט. זי האָט זיך ניט געקלאָגט, אַז איך גיב איר ווייניק אַפּן מאַרק, האָט ניט געהאַלטן פון קיין ד׳יעטע, ניט געלייקנט אירע יאָרן. זי איז אַלט, זאָגט זי, זיבעציק. נו, מײַלע, אַכציק ער, און זיבעציק זי, ווי אין אַ באַוווסטן לידל זינגט זיך. האָבן מיר געלעבט, און אַלץ איז גוט געווען. וואָס טוען צוויי אַלטע לײַט, אַז מע עסט אָפּ? מע כאַפּט א דרעמל, דערנאָך קוקט מען דעם טעלעוויזאָר. זיצן מיר מיט איר אַזוי סטאַטעטשנע, איך אַף איין שטול, זי אַפּן צווייטן, און קוקן וואָס מע באַווײַזט, אַלץ קעסיידער. אַמאָל טרעפט זיך טאַקע א שיינע זאַך אײַך. איז אָבער אַן אומגליק — ניט אַלץ דערהער איך. אַמאָל מאַכט זיך, לאָזסט דורך א וואָרט, ווייסטו שוין ניט וואָס ווײַטער טוט זיך. פרעג איך בא איר, האָט זי פּונקט דאָס דאָזיקע וואָרט אויך ניט דערהערט. א צווייט מאָל, א דריט מאָל — דאָס זעלבע: וואָס איך דערהער ניט, דערהערט זי אויך ניט. הייבט זי מיר אָן איבערדערציילן דאָס, וואָס איך ווייס אַליין, און שטערט מיר דערווײַל הערן ווײַטער... זאָג איך איר: דערצייל מיר ניט דאָס, וואָס איך ווייס אַליין, הער און דערצייל מיר דאָס, וואָס איך הער ניט. הייבט זי מיר אָן דערווײַזן, אַז זי הערט יאָ דאָס, וואָס איך הער ניט. זאָג איך איר: אַדרעאַבע, וואָס זשע האָסטו געהערט? ווייסט זי ניט פון עפּעס צו זאָגן... מיט איין וואָרט, איינמאָל האָבן מיר מיט איר אַזוי זיך צעוואָרטלט, אַז זי האָט מיך אָנגערופן אייזל, און איך זי מאַלפּע. זי האָט מיר געזאָגט, אַז מיט אַזא איזוערג, ווי איך, וועט זי מער קיין איין טאָג ניט לעבן, און איך האָב איר געזאָגט, אַז מיט אַזא טויבן קלאָץ, ווי זי, וויל איך ביכלאַל ניט האָבן צו טאָן...

— נו, און אַף מאָרגן, — האָב איך געזאָגט, — האָט איר געוויס זיך איבערגעבעטן?

— שטעלט אײַך פאָר, — האָט ער געענטפערט, — אַז ניט. זי איז אַוועקגעגאַנגען.

מײַן שאַכן וואָלט עפּשער נאָך עפּעס דערציילט, נאָר אין דער מינוט האָט זיך באַוויזן א יונג הויך מיידל אין א ווײַסן כאַלאַט, אין א ווײַסער הויב און מיט א שפּריץ אין האַנט. שטייענדיק אַפּן שוועל, האָט זי שטרענג א פרעג געטאָן:

— ווער איז דאָ קאַנדעל?

א לאָמפּ

טשעכאָוו האָט אַמאָל געזאָגט: א שרײַבער דאַרף וועגן אַלץ קענען אָנשרײַבן א דערציילונג. און האָט צוגעגעבן: איר זעט אַט דעם אַשבעכער אַפּן טיש? מאָרגן האָט איר וועגן אים א דערציילונג.

אַף אַט דער וווּנדערלעכער פעיִקײַט בין איך שטענדיק מעקאַנע געווען דעם גרויסן שרײַבער. נאָר וואָס איז שײַער מעקאַנע זײַן? טשעכאָוו איז טשעכאָוו.

איך האָב קיינמאָל אַזוינס ניט געקענט —

נעמען אַ זאַך און אָנשרײַבן וועגן איר. אויב איך האָב וועגן עפּעס יאָ געשריבן, איז נאָר וועגן אַזוינס, וואָס האָט צו מיר אַ נאָענטע שײַכעס, וואָס רירט מיך מיט עפּעס שטאַרק אָן, איז פאַרבונדן מיט אַ וויכטיקער איבערלעבונג.

אָט קלײַב איך זיך אָנשרײַבן וועגן מײַן טישלאָמפּ. נאָר ניט דערפאַר קלײַב איך זיך עס טאָן, ווײַל כ'וויל באַווײַזן, אַז כ'בין אויך אַ „קענער", ווי איינער רעדט: ווילט איר, וועל איך אײַך אָנשרײַבן וועגן אַ טישלאָמפּ... ניין.

פופצן יאָר איז דער דאָזיקער לאָמפּ געשטאַנען בא מיר אפן שרײַבטיש און פאַר אָט דער גאַנצער צײַט איז מיר קיין איין מאָל ניט אײַנגעפאַלן, אַז מע קען עפּעס אָנשרײַבן וועגן אים. און טאַקע — וואָס קאָן מען אָנשרײַבן וועגן אַ לאָמפּ? ער טוט זיך זײַנס — אין די אָוונטן באַשײַנט ער דעם שרײַבטיש, און אין אָט דער דאָזיקער שײַן, וואָס פאַלט אפן ווײַסן בויגן פּאַפּיר, קאָן מען שרײַבן וועגן וואָס איר ווילט, אָבער וועגן דעם לאָמפּ? ווער טראַכט דען וועגן אים?

אָנשרײַבן וועגן דעם לאָמפּ האָב איך זיך אויסגעקליבן איצט, ווען ער איז שוין ניטאָ.

ווו איז ער אַהינגעקומען? עפּשער אַראָפּגעפאַלן און זיך צעבראָכן? עפּשער פּאַשעט קאַליע געוואָרן? ניין, ניט אַראָפּגעפאַלן, ניט קאַליע געוואָרן. וואָס זשע?

אין דעם זעלבן יאָר און, דאַכט זיך, אַפילע אין דעם זעלבן כוידעש, ווען בא מיר אפן טיש האָט זיך באַוויזן דער דאָזיקער לאָמפּ, וועגן וועלכן איך קלײַב זיך דערציילן, איז בא מײַן זון געבוירן געוואָרן אַ צווייט קינד, אַ מיידעלע, ווי דער זון און די שנור האָבן טאַקע געטרוימט. אַ פינפיאָריק ייִנגעלע האָבן זיי צו יענער צײַט שוין געהאַט.

דעמלט איז געווען אַ מאָדע אָנרופן קינדער מיט שיינע, עטוואָס אויסטערלישע נעמען, האָט מען דעם מיידעלע אַ נאָמען געגעבן — עוועלינע. דער ערשטער טייל עווע — איז פאַרבליבן אין דער מעטריקע, קעדיי מיט דער צײַט אַריבער אין פּאַספּאָרט, און פאַרן באַנוץ איז געלאָזט געוואָרן דער צווייטער טייל — לינע.

לינע, לינאָטשקע — אַזוי רופט מען דאָס מיידעלע. זי איז געוואַקסן, אַ טײַער, ווויל קינד. אָט איז זי פון די יאָסלעס אַריבער אין קינדער-גאָרטן, פון דאָרט אין שול, און אָט פאַרענדיקט זי שוין דעם זיבעטן קלאַס און גייט — מיט אַלע „פינפן" — אַריבער אין אַכטן.

דער לאָמפּ אָף מײַן טיש האָט פאַר אָט דער צײַט מיט גאָר זיך ניט געענדערט, סײַדן עטוואָס אָפּגעריבן, אָפּגעבליאַקעוועט געוואָרן.

און לינע איז אויסגעוואַקסן, געוואָרן אַ קלוג, שיין מיידל.

דאָס האָט זי, מײַן פופצניאָריק איייניקל, שטייענדיק איינמאָל בא מיר אין קאַבינעט, אַ זאָג געטאָן:

— זיידע, ווי קאָנסטו אַרבעטן בא אַזאַ שרײַבטיש?

— וואָס הייסט? — האָב איך מיט כידעש זיך אָנגערופן. מיר איז קיינמאָל אפן זינען ניט געקומען, אַז דער שרײַבטיש, צו וועלכן כ'בין אַזוי געוווינט געוואָרן, קאָן האָבן כאָטשבי אַ מינדסטן כיסאָרן.

— וואָס זשע, — האָט זי געזאָגט, — זעסט דען ניט, אַז ער איז ענג און קליין פאַר דיר? און אָט די אַלטמאָדישע שניצערײַ בא די זײַטן, צו וואָס נוצט זי?

די שניצערײַ איז בעעמעס געווען איבעריק, נאָר איך האָב זי ניט באַמערקט. און ענגלעך איז מיר אויך געווען, נאָר אַז מע ווערט געוווינט צו אַ זאַך, זעט מען אין איר ניט קיין כעסרוינעס. דער דאָזיקער טיש האָט מיר שוין געדינט אַ היפּש ביסל יאָרן, און איך האָב זיך ניט געקליבן אים בײַטן. מיר האָט אַפילע אויסגעזען ווילד דער געדאַנק וועגן דעם. לינען, פאַרקערט, האָט אויסגעזען ווילד, וואָס איך וויל ניט פאַרבײַטן אָט דעם טיש אָף אַ נײַעם, אַ מער באַקוועמען. זיי זײַנען, האָט זי געזאָגט, מיט איר מאַמען געווען אין מעבל-מאַגאַזין און האָבן דאָרט געזען אַ טיש, וואָס וועט זײַן פאַר מיר ווי אָנגעמאָסטן. זי איז טאַקע באַשטאַנען, די קליינע, איך זאָל מיט איר זיך דורכפאָרן אין מאַגאַזין און אַ קוק טאָן אָף יענעם טיש. אומגערן האָב איך איר נאָכגעגעבן.

דער טיש אין מעבל-מאַגאַזין איז טאַקע געווען אַ פײַנער. אַ גלאַנציק אָפּגעפּאָלירטער, האָט ער געשײַנט, ווי אַ שפּיגל.

— נו, וואָס זאָגסטו? — האָט לינע, אָנציקטע, געפרעגט.

— אַ פײַנער טיש, — האָב איך אַ מאַך געטאָן.

— קויפסטו אים? — און זי האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו דער קאַסע.

— ניין.

— וואָס הייסט? — איז לינע, אַ פאַרכידעשטע, געבליבן שטיין. — פאַרוואָס?

— דערפאַר, — האָב איך איר געזאָגט,— ווײַל ער איז צו נידעריק און איך וועל זיך דאַרפן שטאַרק אָנבייגן איבער אים.

אינדערעמעסן האָב איך ניט געוואָלט קויפן דעם נײַעם טיש איבער אַן אַנדער סיבע: כ'האָב זיך ניט פאָרגעשטעלט, ווי.אַזוי וועל איך אַרויסוואַרפן דעם אַלטן. און צו וואָס דאַרף איך, האָב איך געטראַכט, אָט די שפּיגל-

דיקע אָפּגעפּאַלירטקײַט? מיר האָט זיך געדאכט, אז אף איר קוקנדיק, וועט קיין איין לעבעדיקער געדאנק בא מיר אין קאָפּ ניט געבוירן ווערן...

— ניין, — האָב איך איבערגעכאַזערט, — דער טיש איז ניט פאר מיר.

לינע, ביז גאָר אנטוישט, און איך ביז גאָר צופרידן, זײַנען מיר אוועק פונעם מעבל-מאַגאזין.

אהיימקומענדיק און צוזעצנדיק זיך צו מײַן אלטן געטרײַען שרײַבטיש, האָב איך אים שטיל א גלעט געטאָן, ווי א לעבעדיקן, און אײַנגערוימט: „דו ווייסט גאָר ניט, גוטער-ברודער, וואָס פאר א געפאר עס האָט הײַנט געלויערט אף דיר. נאָר ניט געזאָרגט, אלץ וועט זײַן רעכט"...

דער טיש האָט פאר מײַן געטרײַשאפט מיר אָפּגעדאנקט. ער האָט דאָ טאקע מיר אונטערגעזאָגט א טעמע פאר א נײַער דערציילונג און מיר האָבן זי מיט אים אין דעם זעלבן אָוונט נאָך מיט מאזל אָנגעהויבן... ס'איז ניט קיין טאָעס, אזוי טאקע האָב איך געוואָלט זאָגן: אָנגעהויבן מיט אים און אָנגעהויבן ניט שלעכט, ווי א סאך אנדערע זאכן ביז דעם.

וועגן בײַטן דעם טיש האָט מײַן אייניקל נאָכדעם מער מיט מיר קיין רייד שוין ניט פארפירט. זי האָט אָבער גענומען רעוואנש אף אן אנדער זאך.

אין איינעם אן אָוונט האָט זי מיר א זאָג געטאָן:

— זיידע, ווי לאנג וועסטו נאָך דולדן אָט דאָס שטיק אלטווארג?

— וועגן וואָס רעדסטו? — האָב איך ניט פארשטאנען.

— נו, וועגן אָט דעם אלטן טישלאָמפּ.

— מיט וואָס איז ער דיר ניט געפעלן?

— וואָס זשע, זעסט דען אליין ניט?

— וואָס האָב איך צו זען? מיט אים איז מיר גאנץ היימלעך.

— ער איז דאָך שוין לאנג ארויס פון דער מאָדע, — האָט זי באמערקט. — ווער נוצט זיך איצט מיט אזעלכע לעמפּ?

— וואָס גייט מיר אָן די מאָדע? — האָב איך געענטפערט. — א לאָמפּ דארף געבן שײַן.

— וואָלסט כאָטש איינמאָל ארײַן אין אוניווערמאג, — האָט לינע געזאָגט, — און א קוק געטאָן, וויפל און וואָס פאר א פארשיידענע מינים נײַע לאָמפּן מע לאָזט איצט ארויס. — זי האָט צוגעגעבן: — ווילסט, וועל איך קויפן און ברענגען דיר אזא לאָמפּ. וועסט זען, סארא שיינקײַט...

— נו-נו, — האָב איך אומבאשטימט א מאך געטאָן.

— וואָס „נו-נו"? — האָט איבערגעפרעגט דאָס אייניקל.

— אויב דיר ווילט זיך אזוי שטארק, — קויף.

— וועסטו אים פארבײַטן?

— מיר וועלן זען.

לויטן טאָן פון מײַן ענטפער איז לינע, אפּאָנעם, ניט גאָר זיכער געווען, צי וועל איך טאקע פארבײַטן דעם אלטן לאָמפּ. טאָ הערט, וואָס זי האָט אָפּגעטאָן.

יענעם אָוונט האָב איך גראָד שפּעט פארהאלטן זיך אף א פארזאמלונג. אהיימגעקומען, האָב איך באשלאָסן א זייַ טאָן בא זיך אין קאבינעט און, גאָרניט טוענדיק, פּאָשעט א ביסל צונויפנעמען זיך מיט די געדאנקען. די שײַן האָב איך ניט אײַנגעשלאָסן, געזעסן אין דער פינצטער, געטראכט. מיטאמאָל איז מיר ארײַן א געדאנק, וואָס איך האָב אים געוואָלט פארשרײַבן. מיטן ווײַזפינגער, ווי איך פלעג עס טאָן אין אזעלכע פאלן, האָב איך אין דער פינצטער זיך א צי געטאָן צו דער קנאָפּקע אפן קײַלעכדיקן געשטעל פון מײַן טישלאָמפּ. נאָר די קנאָפּקע ניט אָנגעטאפּט. מיט כידעש א פיר געטאָן מיטן פינגער אהין, אהער — ווו איז אהינגעקומען די קנאָפּקע? און וואָס זאָל עס באטײַטן — אונטער דער האנט בא מיר ניט קיין קײַלעכדיקער געשטעל, — עפּעס לענגלעכס און שמאָלס... א פיר מיט דער האנט ווײַטער — א דינער שנור, עפּעס א פלאטשיק שטיקל מיט א שטיפטיקל... אומגערן א קוועטש געטאָן אפן שטיפטיקל, און דעם טיש, מיטן קאלענדאר, מיט די פּאַפּירן און צעעפנטע ביכער האָט פארגאָסן א העלע שײַן...

דאָ האָב איך דערזען, אז מײַן אלטער לאָמפּ איז ניטאָ. אָנשטאָט אים איז געשטאנען עפּעס ביז גאָר אומגעלומפּערטס (אזוי האָט זיך מיר אויסגעדוכט אין דער ערשטער רעגע), עפּעס ביז גאָר לײַכטס און לײַכטזיניקס... דער קאָליר — רויטלעך, דער געשטעל — שמאָל. אף א לענגלעך אויסגעבויגן גאָפּירטמעטאלענעם העלדזל, פון אויבן — צוויי אין פארשיידענע זײַטן צעעפנטע בעכערס, דער אייבערשטער א קלענערער, דער אונטערשטער — א גרעסערער. און פון אים, אָט דעם גרעסערן בעכער, פלייצט ארויס די שײַן... כ'האָב א ריר געטאָן דאָס מעטאלענע העלדזל, און דער נײַער לאָמפּ האָט מיר גלײַך באוויזן א כאַריפעס, — ווײַזט זיך ארויס, ער דרייט זיך לײַכט אום אף אָט דעם העלדזל אין אלע זײַטן, און אויך אראָפּ און ארוף... אהא, הייסט עס, אָט וואָס פאר א קונצנמאכער מיר זײַנען, — די נײַע, די מאָדערנע... מײַן אלטער לאָמפּ האָט ניט געוווּסט קיין כאָכמעס.

ערנסט, סאָליד האָט ער געטאָן זײַן זאַך — פון אונטער דעם מאַטעוון, אַף א גרויסער איבערגעקערטער שיסל ענלעכן, אבאזשור האָט ער געשפּרייט א בלאַסלעכע שײַן אי־בערן צימער, א העלערע — אפן טיש. דער נײַער לאָמפּ איז קלענער, פאַרנעמט ווייניקער אָרט. צום צימער האָט ער קיין שײַכעס ניט, באַלײַכט בלויז דעם טיש. דאַרפסטו שײַן פאַרן צימער, טו א דריי דאָס העלדזל אַף רעכטס, אַף לינקס...

ניט געקוקט אָבער אַף אָט די מײַלעס, האָב איך צום נײַעם לאָמפּ גלײַך באַקומען א ווידערגעפיל און מײַן ערשטער געדאַנק איז געווען — אראָפּשלײַדערן אים פון טיש און צוריק אוועקשטעלן דעם אַלטן. ווו איז ער אָבער? איך האָב אים אין ערגעץ ניט געזען. בין איך ארײַן אין אנדערן צימער, זיך אָנגע־פרעגט בא די שטוביקע, האָט מען מיר געענט־פערט, אז מע ווייסט ניט. לינע, האָט מען מיר געזאָגט, האָט ערגעץ דעם אַלטן לאָמפּ אוועקגעטראָגן.

— ווער האָט איר דערלויבט באַלעבא־טעווען בא מיר? — האָב איך געפרעגט. — און וואָס הייסט — אוועקגעטראָגן? וואָס פאַר א באַלעבאָסטע איז זי דאָ?

— זי האָט געזאָגט, אז דו האָסט עס איר דערלויבט.

— איך? דערלויבט?

מײַנע שטובלײַט, האָב איך באַמערקט, קוקן זיך איבער און האַלטן קוים אײַן דעם געלעכטער. נישקאָשע פון א שפּיצל האָט מיר אָפּגעטאָן מײַן אייניקל. נאָר אָפּגעטאָן, — פאַרפאַלן.

אפן אנדערן טאָג האָט לינע זיך געיאָוועט און — שטיל, ווי ניט זי מיינט מען:

— זיידע, ווי איז דיר געפעלן דער נײַער לאָמפּ?

בין איך, פאַרשטייט זיך, אַף איר אָנגע־פאַלן:

— זאָג מיר בעסער, ווו איז דער אַלטער? און ווער האָט דיר אָט דאָס אַלץ דערלויבט?

— דו... דו האָסט דערלויבט, — האָט זי געענטפערט און איז צוגעגאַנגען נעענטער. — כ'האָב געוווּסט, אז בא דיר אַליין וועט קיין האַרץ ניט קלעקן זיך שיידן מיטן אַלטן לאָמפּ, האָב איך דיר געהאָלפן... — דערבײַ האָט זי אַזוי א שמייכל געטאָן, אז, קוקנדיק אַף איר, האָט געקאָנט אָפּגיין דער גרעסטער קאַס.

די ערשטע צײַט האָב איך געמיינט, אז אפן נײַעם לאָמפּ קוקנדיק, וועל איך קיין איין רעכטע פראַזע ניט קענען אָנשרײַבן. מוירע געהאַט, אז די ווערטער אין שורע וועלן זיך אויך באַקומען אַזעלכע קרום-קײַלעכדיקע אויס־געבויגענע, ווי אָט דער נײַער לאָמפּ, און אז מע וועט יעדע נײַ-אָנגעשריבענע פראַזע אויך קענען דרייען וווּהין און ווי מע וויל — אַף רעכטס און אַף לינקס, אראָפּ און ארויף... פאַר א פראַזע איז אַזוינס שלעכט, וואָס ערגער קאָן ניט זײַן. א פראַזע, און יעדער וואָרט אין איר, דאַרף שטיין פעסט, ניט צו רירן פון אָרט.

עס זײַנען דורך עטלעכע טעג, און צו־ביסלעך האָב איך אָנגעהויבן צום נײַעם לאָמפּ געוווינט ווערן. א גרויסע זאַך, הערט איר, געוווינשאַפט.

די דאָזיקע דערציילונג האָב איך שוין אָנ־געשריבן באַם נײַעם לאָמפּ. צי איז זי מיר געלונגען, ווייס איך ניט. נאָר אויב אײַך איז זי ניט געפעלן, זאָלט איר וויסן, אז קיין טראָפּן פון מײַן שולד איז דערבײַ ניטאָ, שולדיק איז דער נײַער לאָמפּ.



מאַקס רעזניק

די וועלט האָט איר סיידער

עס פֿאַלט אין טיפֿער הייך א שטערן
און ציט נאָך זיך א פּאַס מיט שײַן,
וואָס ניט געווען איז, קאָן אַלץ ווערן,
וואָס היינט ניטאָ, דאָס קאָן נאָך זײַן.

און וואַלט דער שטערן זיך פֿאַרהאַלטן
און ניט צעשאָטן באַלד זײַן ליכט,
וואַלט עפּשער גאָר דער קאָסמאָס קאַלטער
פֿאַרלוירן דאָן זײַן גלײַכגעוויכט.

די צײַט וואַלט נעמען אַנדערש יאָגן
און וואָס עס טויג, וואַלט ניט געטויגט,
און די פֿאַרקישעפּטע פֿאַרטאָגן
פֿאַרשווונדן וואַלטן פֿון מײַן אויג.

נאָר כ'וויס: עס וועט אַזוינס ניט טרעפֿן,
די וועלט איר פֿעסטן סיידער האָט
און אַלע סיידעס אירע עפּנט
פֿאַר מענטשן, כאָטש עס וויל ניט גאָט.

דעם דאָרשט פֿון פֿעלדער לעשט א רעגן,
די זון דערוואַרעמט טאָל און באַרג,
א טײַך איז שטאַרק מיט זײַנע ברעגן,
א מענטש איז מיט זײַן פֿרײַנטשאַפֿט שטאַרק.

◇

מאָטל גרוּוומאַן

ס'דאַרף די מילכאָמע זײַן פֿאַרווערט

אָט די פּלאַנעטע, ווו איך וווין,
איז אַזוי שיין, איז אַזוי וווּל,
איז אַזוי גרויס, איז אַזוי ברייט,
פֿאַר יעדן בלײַען זי איז גרייט.

אין פֿרילינג, ווען מיט צוויטן ברוזט,
פֿונקט ווי א קאַלע זעט זי אויס.
און זומער-צײַט — א גרינע וועלט —
ס'איז גרין דער וואַלד און גרין דאָס פֿעלד.
און איך דעם רײַכן האַרבסט כ'האָב האָלט:
דער סאָד, דער וואַלד איז פֿול מיט גאָלד.
און ווינטערצײַט — א נײַע פֿרייד —
דאָס פֿעלד, דער וואַלד — אין ווײַסן קלייד!

א צײַט אַזאַ געדענק איך אויך:
דאָס פֿעלד פֿאַרדעקט א שוואַרצער רויך,
און באָמבעס, באָמבעס פֿאַלן שווער,
אין ווייטיק קאָרטשעט זיך די ערד.

כ'האָב ליב, ווען פֿרידן איז אַרום,
פֿאַר יעדן שײַנט די גוטע זון.
אויף אָט דער ערד,
אויף אונדזער ערד,
ווו לעבן איז דעם מענטש באַשערט,
דאַרף די מילכאָמע זײַן פֿאַרווערט!

◇

די קינסטלער מאָלן שרײַבער

זינאָווי טאָלקאטשאָוו. אשער שווארצמאַן



וױלהעלם לעװיק.
לעאָניד מאַרטינאָװ





מייער אקסעלראָד.
װיקטאָר שקלאָװסקי

זינאָווי טאָלקאַטשאָוו.
ד אָ ו י ד ה אָ פ ש ט ײ ן



אלעקסאנדער לאבאס.
פ ע ר ע ץ מ א ר ק י ש

זינאָווי טאָלקאַטשאָוו.

איציק פעפער

דאָוויד בערגעלסאָן

דאָרע כײַקינע

ס'שווימט ניט דורך

ס'שווימט ניט דורך א כמאַרע ערגעץ אין די הייכן,
זי זאָל מיך ניט געבן לײַכט א ריר.
אָט זי שיקט א רעגן, אָט זי טוט א שמייכל,
אָט זי שאָטנט אויס א שטעגל מיר.
ס'פליט ניט דורך אין הימל-רוים קיין פויגל,
ניט באַרירנדיק דאָס האַרץ מײַנס שטיל.
ס'איז ניטאָ קיין זאַנג אַף פעלדער, צי אין סטויגן,
אינעם סטעפּ קיין שטענגל פון קאָוויל,
אין די טײַכן זײַנען ניט פאַראַן קיין וועלן,
ניט פאַראַן קיין שטראַל בא דעם קאַיאַר,
זיי זאָלן צו מיר זיך צורירן ניט וועלן,
צו מײַן האַנט, מײַן אַקסל, מײַנע האָר.
ווען זיי בליִען, ווען זיי וואַקסן, ווען זיי כוואַליען,
דאַרפן זיי, אַז איך זאָל זײַן באַנאַנד.
ס'קאָן ניט זײַן, אַ בלאַט זאָל האַרבסט ניט וועלן פאַלן
אין מײַן פרײַנטלעך-אויסגעשטרעקטער האַנט.
ס'קאָן ניט זײַן, דער ווינט, ווי שטאַרק ער זאָל ניט אײַלן,
גלײַכגילטיק זאָל דורכלויפן פאַרבײַ,
לעבן מיר ניט בלײַבן שטיין כאָטש אַף אַ ווײַלע,
און אַ גלעט ניט געבן מיך געטרײַ.
ס'שווימט ניט דורך א כמאַרע ערגעץ אין די הייכן,
זי זאָל מיך ניט געבן לײַכט א ריר.
אָט זי שיקט א רעגן, אָט זי טוט א שמייכל,
אָט זי שאָטנט אויס א שטעגל מיר.

◇

יאָסל בוכבינדער

אויב ס'וועלן דיר ווייניק זײַן...

אויב ס'וועלן דיר ווייניק זײַן דײַנע אייגענע אויגן
אין דײַן שווערן וועג,
איז נאַ דיר אויכעט מײַנע, און נעם זיי מיט מיט זיך,
אַז אַרומכאַפּן זאָלסט קענען וואָס מערער האָריזאָנטן,
וועלכע פאַרמאָגן היפּשע אוצרעס זומערדיקע ליכט.
איז גיי, און נעם צונויף די העלקײַט פון פרימאָרגנס,
ניט לאָז פאַרלוירן גיין קיין מינדסטן שפּור פון שײַן,
און אַף צוריקוועגס זאָלסטו ברענגען מיר פון דאָרטן
אי די אויגן מײַנע,
אי מערער ליכטיקײַט פאַר מיר און מײַנע פרײַנט.

◇

לעוו בערינסקי

יובילײ

א בלום, רעב שאָלעם-אַלײכעם, איז שטאַרק װי א שטײן,
און דער הימל איז בלױ װי א װאַזע — כאַטש נעם, װיש אָרום אין דער הײך אים,
און טאָמער פֿרעגט איר מיך, װאָס אויף דער װעלט הײסט שײן —
איז שענער פֿון אַלעמען זײַט איר אַלײן, רעב שאָלעם-אַלײכעם.

אַזױװי איר שטײט — מיטן בערדל, א ביסל פֿאַריסן דעם קאָפּ,
א ביסל פֿאַרטומלט פֿון זשום — פֿון די טײַערע ייִדן,
װאָס רעדן מיט דרײדל און דרײען דעם קנאָפּ באַ דעם װערטל אײַך אָפּ
און גרױסן זיך שװין מיט דעם ביטערן לעבן דעם מידן,

מיט זײערע פֿײַנע פּאַרנאָסעס, מיט לײדיקע קעשענעס געלט...
און טאָמער כ'צעשטופּ זײ און פֿרעג אײַך, רעב שאָלעם-אַלײכעם,
װאָס הײסט אַזאַ גורל, אַז אָרעמע אײביקײַט אויף דער װעלט —
גיט אײַער הימל-בלאָװער פּאַרצעלײַענער פּראָפֿיל א שמײכל.

◇

פּיניע פּלאָטקין

סאָנעט

ס'קלינגט אין עפּיר זײַן גוט באַקאַנטער נאָמען.
אין זאַל פֿאַרנומען זײַנען אַלע ערטער...
דער דיקטאָר מעלדעט: ליודװיג װאַן בעטהאָװען!
ס'װערט שטיל. עס הײבט אָן שפּילן דער אָרקעסטער.

דאָס פֿילט מען אױס זײַן לױטערע סאָנאַטע
מיט גרױס באַגײַסטערונג, פּונקט ערעװ יאָמטעװ.
ס'װערט ענג אין דער געבײַדע פֿון טעאַטער —
פֿון רעגונג צײַטנװײַז פֿאַרכאַפּט דער אָטעם.

יאָ, ס'פֿלעג דער קאָמפּאָזיטאָר ניט פֿאַרבײַגײן
א באַרג און אױך א װעלדל אין דער נידער.
די אומרויִקע װעלט מיט אירע דײַגעס
אין אים האָט זיך אַנטפּלעקט, זיך אײַנגעגלידערט.

אין דעם זײַן גרױסקײַט איז און זײַן באַדײַטונג —
דער איבערוף פֿון דורעס און פֿון צײַטן.

◇

אווראָם קאַצעוו

צו די הײַנטיקע מילכאָמע־אונטערצינדער

פון סדום — אײַער ווײַנשטאָק, און דאָס, וואָס איר טוט,
קאָן זײַן בלויז פאַר סדום, פאַר אַמורע זײַן גוט.

די ווײַנטרויבן — ביטער, און ווײַן פון זיי טריפט
אַזאַ, ווי באַ שלענג פון די צינגער דער גיפט.

איר גראָבט פאַר זיך גריבער און נעצן איר שפּינט,
און גרוויזאַם די שטראָף איז, וואָס איר האָט פאַרדינט!

◇

בראָניע סינעלניקאָווע

אַ פאַרלאַנג

דו זאָג מיר נאָר איין וואָרט, איין וואָרט
דערמאָן מיר נאָר דאָס שטילע אָרט,
דו ברענג מיך נאָר צו יענעם בריק, —
און בלײַבן וועט מיט מיר מײַן גליק.

דו טו זיך אָקאָרשט אַ דערמאָן,
מײַן האַרץ זאָל שטאַרק אַ צאַפּל טאָן, —
און ווערן וועט די וועלט באַשײַנט,
אַפילע איצט, אַפילע הײַנט.

◇

מאָטל גאָלבשטיין

דער לייב

ניט מיין, אַז די באַוועגונג זײַנע איז אָן סייכל.
זײַן שטאָלצע שטעל איז האַרב — פון גרויסן קויעך רעדט!
און אָנגעצוונדענע ליכט אין אויגן טשאַדעט שפּעט,
און ס'דראָעט מיט טויט זײַן אײַזיק־קאַלטער שמייכל!

אין האַרץ באַ אים זידט אויף אַ פײַערדיקע סרייפע,
די ווילד־געדיכטעניש דערגרייכן באַלד ער וועט!
און בלויז דעם דונער ענטפערן ער וויל, דעם בליץ ער גלעט,
ווי גלײַך מיט אים איז ער אַ גלײַכער אין די הייכן.

אָ, ווי עס פינקלען ווילד און פײַכט זײַנע שוואַרצאַפּלען!
אין זייערע טהאָמען — רויִקײַט און אומרו צאַפּלט
און כוישעך פינצטערער און שרעק און קילער טוי.

ער זוכט די שיינע ליבע פון דער פרײַהייט
און פלאַמט מיט כײַש האַרץ, וואָס ווייסט בלויז טרײַהייט
און וויכערס ערדישע און הימלשן געוויי...

◇

ליפע העלער

מענאכעם-מענדל, מענאכעם-מענדל...

מענאכעם-מענדל, מענאכעם-מענדל,
היי, וואָס לויפסטו הענדום-פּענדום?
ס'וועט דערנאָך דיר שטאַרק פאַרדריסן,
דו באַטראַכט זיך כאָטש א ביסל.
זייַן דו וועסט דאָרט א שלימאַזל,
האָסט אַליין זיך פּייַן באַגאַזלט...
ניט קיין מאַזל, ניט קיין בראָכע —
סומאַטאָכע, סומאַטאָכע.

וועסט צוריק שוין וועלן קומען
צו די רוסישע אַרומען,
און וועסט זייַן אַף אַלץ א באַלן,
נאָר פאַרפאַלן, אַלץ פאַרפאַלן.
פון דייַן לויפן, פון דייַן ריידן
וועט זיך אויסלאָזן א בוידעם...
וואָס זשע לויפסטו הענדום-פּענדום,
מענאכעם-מענדל?

◇

הירש רעלעס

דער פאַרשאָלטענער דרייַלינג

אַלס מוסטער פּרעטענדיר איך ניט דינען,
נאָר אין לעבן עס איז מיר באַשערט:
ס'האָבן זעלבסטליבע, כוצפּע און קינע
פונעם וועג מיך ניט אָפּגעקערט.

דער פאַרפלוכטער טייַוולאָנישער דרייַלינג,
וואָס איז אָפט אין איין צאַם אייַנגעשפּאַנט...
אין פאַרטראָגענער גיריקער אייַלונג,
לאָז אַרויס נאָר די לייצעס פון האַנט,

גלייַך פאַרלירסטו די ניטיקע ריכטונג,
הענדום-פּענדום, פאַרהאַוועט, פאַריאָגט,
טראָץ דעם קויער פון הייליקע פליכטן,
דער פאַרשאָלטענער דרייַלינג דיך טראָגט.

ס'וועט ניט אָנגיין די זון,
וואָס צאַרט וואַרעמט
און פון גילדענע שטערן דער כיין,
בלויז דערפאַר, וואָס ס'געהער אַלץ צו אַלעמען
און ניט נאָר צו דיר אַליין.

וועסט זיך דרייען אַזוי אַרום קייַלעך,
ווי א טרוטניע, וואָס זויגט נאָר און ציט.
איך בין ווייַט פון א הייליקן מאַלעך,
און אַלס מוסטער פּרעטענדיר איך ניט,

נאָר עס האָט ניט פאַרנאַרישט מייַן זינען,
און עס איז מיר אין לעבן באַשערט:
ס'האָבן זעלבסטליבע, כוצפּע און קינע
פונעם וועג מיך ניט אָפּגעקערט.

◇

עליע ביידער

א גרויסע ליבע

א גרויסע ליבע איז א שווערע קרענק,
וואָס שאַפט אימוניטעט ביז סאָף פון לעבן.
ס'געשעט, מ'האָט קיינמאָל ניט מיט איר געקרענקט,
נאָר צוויי מאָל איז זי קיינעם ניט געגעבן.

◇

מישע מאַגילעוויטש

דער נײַער טאָג

ווער שפּאַרט זיך אין מײַן שויב אַרײַן
און ווער צערוקט די ווענט אין צימער
און ווער צעגיסט אַ קלאָרע שײַן
מיט העלן גלאַנץ, מיט רויטן שימער?

דאָס איז דאָך ער, דער נײַער טאָג,
וואָס פירט צונויף די ערד, די הייכן,
די זון, דאָס וואַסער, אויך די פלאַג
ער פירט צונויף מיט פרייד און שמייכל.

◇

מוישע פּענס

די עמעסע פּרײַז

איך זוך ניט קיין ערע,
איך טראָג אים דאָס מונטערע, פריידיקע וואָרט,
איך זוך ניט קיין רום —
איך שטעל זיך מיט אים אף זײַן
אַרבעטער-אָרט.
איך דאַרף, אַז דאָס לעבן זאָל ברויזן אַרום,
זאָל זײַן אף די ליפּן געזאַלצענער שווייס.
דעם עמעסן טאַם פון דעם לעבן איך ווייס.
איז דאָ אף דער ערד דען אַ גרעסערער רום,
ווי דער, וואָס פאַר ערלעכער מי מע באַקומט?

איך זוך ניט קיין ערע,
איך זוך ניט קיין רום —
צום אַרבעטער-מענטש מיט אַ בראָכע איך קום,
זאָל זײַן אף די ליפּן געזאַלצענער שווייס —
די עמעסע פּרײַז פון דעם לעבן איך ווייס.

◇

פּיניע קריטשאַנסקי

פון דער קינדהײַט

קינדהײַט. אַ וואַלד לעבן טעטערעוו,
דעמבעס, בערעזעס און סאָסנעס.
פון פרי פרי ביז די אָוונטן שפּעטע
מײַן קינדהײַט מיט זיי כ'האָב געמאָסטן.
מײַן פעטער האָט ביימער געשניטן,
כ'פלעג האַקן פון שטאַמען די צווײַגן.

ס'פלעגט עמעצער שטוקעווען פליטן,
דערנאָך צו דעם דניעפּער זיי טרײַבן.
עס האָט זיי דאָס וואַסער געשליפן,
און ס'האָט זיך געביטן די קאָרע.
קיין קיִעוו, צום דניעפּער דעם טיפן,
מײַן קינדהײַט אף זיי איז געפאָרן.

זכרוינעס

יוסף ראבין

הערט מיך אויס...

(פון מײַנע זכרוינעס)

דרײַ לידער

1

ווען איך דאַרף עפּעס האָבן צוליבן שרײַבן, רוף איך ארויס אין מײַן זיקאָרן פאַרשיידענע צופאלן, געשעענישן, בילדער און מאָטיוון, וועלכע איך האָב געזען אָדער געהערט. איך רוף ארויס מײַנע שכיינים, פרײַנט, באַקאַנטע, כאַוויירים. זיי קומען ניט פּאַשעט, ווי א דערמאָנונג, נאָר ווי א שפּעפֿרישע איבערכאַזערונג פון דעם, וואָס איז געווען און וואָס פון דעם דאַרף געשטאַלטיקט ווערן.

איך רייד זיך מיט זיי דורך. איך בין איינער, פאַר צווייען; איך דיסקוטיר פאַר ביידע צדאָדים, אמפּער זיך, קריג זיך, דענערוויר זיך.

אויסער דעם, וואָס איך רוף צײַטנווײַז ארויס צום לעבן מענטשן און געשעענישן, לאָזן זיי מיך אָפּט אליין ניט אָפּ, זיי קומען אומגעבעטן, באַווײַזן זיך פאַר די אויגן. און איך דערזע זיי רעאַל אוןווירקלעך, מיט אַלע איינצלהײַטן, באַזונדערע שטריכן, פאַרב און קאָליר.

עס טרעפט... א רויִקער זומער אינדערפרי. די זון איז ארײַן אין צימער און זיך אויסגעלייגט אַף דער וואנט. איך כאַפּ זיך אויף פון שלאָף און דערזע די שטאָט גראָדנע. איך דערזע מײַן קינדהײַט. איך געפין זיך באם ניעמאַן, אַף די קאָלאָזשעס. פונעם בארג פליסט ארויס א קוואַל, וואָס זײַן וואסער אין אים איז דורכזיכטיק און קאַלט. ער שלענגלט זיך מיט א שמאָל ריטשקעלע צום טײַך, עס זעט זיך דער דעק, וואָס איז אויסגעלייגט מיט פאַרשיידנפאַרביקע אויסגעשליפענע שטיינדלעך. דער טאָג איז א הייסער, איך שטעל זיך אַף די קני, שעפּ אָן מיט די דלאָניעס וואסער און טרינק...

און אז איך גיי צוריק פון די קאָלאָזשעס, דערזע איך די גרויסע שול, דעם כיידער. אָט איז די אַלטע ייִדענע אין א גרויסער פאַטשיילע, וואָס זיצט בא א קליין טישעלע און פאַרקויפט אונדז, כיידער־ייִנגלעך, צוקערקעס, קיכעלעך. דער מיסכער איז א קליינער. און דאָך... די אַלטע פרוי, וואָס איז שטענדיק פאַרזאָרגט און רעדט א גאַנצן טאָג מיט גאָט, ציט פון אָט דער סכוירע פאַרנאָסע. וואָס פאַר א מיסכער — אזא כאַיונע.

און אמאָל דערזע איך זיך אין כיידער, אפן צווייטן שטאָק פון דער גרויסער שול. דער רעבע רעב שלוימע לייענט פאַר אונדז די נעוויִים. הײַנטיקס מאָל יעשײַע. ער לייענט מיט א מאָטיוו, מיט א רעטשיטאַטיוו־געזאַנג: שימו שאָמאַיִם וועהאַזינו אָרעץ... הערט אויס איר הימלען און פאַרנעם דו, ערד...

אָט דער ניגן און די דאָזיקע ווערטער גייען מיר נאָך ביז הײַנט.

איך קום אהיים, און פאַר מײַנע אויגן שווימט אויף אונדזער שאָכנטע אין דעם קרומען געסל אפן שול־הויף, א שיידלמאַכערקע, וואָס וווינט אין א קליין דירעלע מיט א סאך קינדער. אַלע יאָר, ווען עס קומט אָן דער הייסער זומער, ליגט זי א כוידעש אָדער צוויי אין

שפּיטאָל. דער קאָפּ אירער איז א שוואכער און האַלט ניט אויס די היצן. אַלע וויסן עס. און ווי אין דער קינדהייט, ווונדערט מיך אויך איצט, וואָס דאפקע זי זאָגט מעווינעס אַף מענטשן. דעריקער אַף מיר.

אָט דערזע איך זי. זי שטייט מיט א קליין קינד אַף די הענט. די געדיכטע ברוינע האָר, וואָס זײַנען צוזאַמענגענומען אין א זשמוט, צעפאַלן, צעשיטן זיך. די אויגן אירע לויכטן ארויס, ווי זי קלײַבט זיך לאָזן הערן א קלוגן אײַנפאַל. זי זאָגט צו מײַן מאמען:

— ציוויע-לעבן, האָט ניט קיין פאריבל. אײַער יאָסל איז דאָך א נאר. א נארישער וועט ער אויסוואקסן.

איך בין א קינד, און פאר-זיך טראכט איך: זע נאָר, זי איז ניט קיין קלאָרע און זאָגט אַף מיר מעווינעס...

ניט ווײַט פון אונדז, אַפן זעלבן קרומען געסל, געפינט זיך דער סאָלדאטסקער בעס-מעדרעש. דער ערשטער קומט מיר אנטקעגן באַרעך דער וואסערטרעגער, א געוועזענער קאַנטאָניסט. ער איז אַלט און אײַנגעבויגן, טאַסקעט אַף א קאַראָמיסלע צוויי פולע עמערס. ער שלעפּט לאַנגזאַם, זײַנע פיס אין די סאָלדאטסקע שטיוול שטעלן פּרעזיכטיק דעם טראָט. באַרעך, דער געוועזענער ניקאָלײַעווסקער סאָלדאט, וואָס גייט אײַנגעבויגן און זשמורעט פון קורצזיכטיקײַט מיט די אויגן, האָט שטארק ליב קינדער. ער שמייכלט צו זיי, וויצלט זיך, גיט א קניפּ אין באַק, גיט א קיצל אונטערן אָרעם. דערבײַ לאַכט ער מיט א דין צו-פרידן געלעכטערל. ער טראָגט וואסער אין די ארומיקע הײַזער און פארשרײַבט מיט קרײַד אַף דער טיר, וויפל עמערס ער ברענגט ארײַן.

איך באַווײַז ניט אויסצוריידן מיט באַרעך דעם וואסערטרעגער עטלעכע ווערטער, ווי עס איז שוין פייסעך. די מאמע כאַפּט זיך, אז אין אַלמער שטייט א סלאָי מיט אײַנגעמאַכטס. געפרעגלט האָט מען דאָס אײַנגעמאַכטס, אז מע זאָל צו דעם „ניט דאַרפן אָנקומען". דאָס הייסט, אז קיינער זאָל ניט קראַנק ווערן, וואָרעם אײַנגעמאַכטס גיט מען דאָך נאָר א כוילע. ערעוו פייסעך אָבער כאַפּט זיך די מאמע, אז עס שטייט א כאָמעצדיקער סלאָי מיט אײַנגע-מאַכטס. מוז מען עפּעס טאָן.

— עסט, קינדער.

פאַלן מיר צו צום אײַנגעמאַכטס און מאַכן קאַליע די מאָגנס. פונדעסטוועגן פלעגן מיר טראַכטן: האַלעווײַ וואָלט אָפט געווען פייסעך.

און אָט איז א פרימאָרגן... איך ליג אין בעט און פיל זיך ניט גוט. די מאמע טאַפּט מײַן קאָפּ, לייגט צו די ליפּן צו מײַן שטערן — איך האָב היץ. אינגיכן קומט דער פעלדשער מאַלעווסקי. ער גיט אַף מיר א קוק און זאָגט:

— אײַער באָכער מאָזלט... אין כיידער גייט ער שוין?

— אוי, טאַטע-פאָטער... — גיט די מאמע א זיפץ.

— דער קונדעס וועט דורכמאַכן פאר עטלעכע טעג, באַרויִקט זיך.

אַזוי איז טאַקע געווען.

שפּעטער א ביסל לייגט די מאמע אוועק אַלע ארבעטן און גייט ארויס אין מאַרק. זי ברענגט פון דאָרט אונטערן פאַרטעך א בינטל קאַרשן פאר א גראָשן אָדער א שטענגל ווײַנטרויבן פאר א קאָפּיקע.

— עס, מײַן קינד... און זײַ געזונט!

דער זעלבער רויִקער זומער אינדערפרי און די זעלבע זון אַף דער וואַנט טראָגן מיך אריבער קיין ווילנע.

אָט בין איך אַף דער שאָפּען-גאַס. איך גיי פאַרבײַ א באַוווּסט שאַנד-הויז. די פּילגויי-דערדיקע דיקע באַלעבאָסטע זיצט בא דער טיר מיט אירער א באַקאַנטער. איך גיי פאַרבײַ און הער, ווי די באַלעבאָסטע זאָגט צו איר:

— גאָט זאָל נאָך צושיקן עטלעכע געסט...

איך ווער פון דעם אַזוי איבערראַשט, אז איך בלײַב שטיין און קוק זי אָן. „גאָט זאָל איר צושיקן געסט..." גאָט איז בא איר א שוטעף. אין וועלכן געשעפט? איך פאַרשטיי, אז גאָט איז דאָ ניט שולדיק. און דאָך איז פון אים א שטיק הייליקײַט אראָפּגעפאַלן. ער איז גוט פאר אַלעמען און אַלע קאָנען אים ניצן... ער האָט אין מײַנע אויגן א סאַך פאַרלאָרן.

און בילדער קומען, קומען...

איך האָב שוין געשריבן, ווי אַזוי איך בין אין דער ערשטער וועלט-מילכאָמע געווען בא די דײַטשן אַף צוואַנגס-ארבעט, און ווי אַזוי מע האָט מיך אָפּגעלאָזט אהיים. אין א צײַט ארום האָבן זיי זיך וועגן מיר ווידער דערמאָנט און געזוכט.

זע איך טאקע, ווי אין איינעם א טאָג עפנט זיך די טיר און עס קומט אַרײַן צו אונדז אין שטוב א דײַטשישער סאָלדאט אין א קאַסקע. דער סאָלדאט איז אַן עלטערער מענטש, זעט גאָרניט אויס, ווי קיין מיליטערמאַן. מע קאָן זיך לײַכט אָנשטויסן, אז זײַנע געדאנקען זײַנען גאָר פאַרנומען מיט זײַנע קינדער און אייניקלעך, וועלכע זײַנען ווײַט פון אים. ער קומט אַרײַן מיט א ראַניעץ, נעמט אַרויס א פּאַפּיר און פרעגט מיך, צי דאָ וווינט יאָזעף ראַבין. דאָס קומט פּאַר אין ערשטן צימער. מיר האָבן דעמלט, איך געדענק עס גוט, ווי געטאָן די צײַן. מײַן פּאָנעם איז געווען אַרומגעבונדן מיט א רויט טיכל, מיט צוויי שפּיצן פון אויבן. איך ענטפער ניט אַף דעם דײַטשס פראַגע און ווײַז אים מיט דער האַנט אַף דער טיר פון צווייטן צימער. אין צימער האָט מען שוין מיסטאמע געהערט, אז מע פרעגט אַף מיר, האָט זיך די טיר אַליין געעפנט. די מאַמע קומט אַרויס אַנטקעגן און בעט דעם דײַטש אַהין אַרײַנגיין. זי מאַכט צו נאָך אים די טיר. דערנאָך גייט זי שנעל צו צום בעט, הייבט אויף די פּערענע און זאָגט צו מיר:

— לייג זיך.

איך לייג זיך, און די מאַמע דעקט מיך צו מיטן בעטגעוואַנט. דעמלט עפנט זי די טיר פון צווייטן צימער און פרעגט באַם דײַטשישן סאָלדאט, וואָס ער פאַרלאַנגט.

— איך זוך יאָזעף ראַבין. ווו איז ער?

— וואָס הייסט איר זוכט אים? איר האָט אים גענומען אַף אַרבעט, ווייסט איר דען ניט, ווו ער איז? ווו איז מײַן זון?! וואָס איז מיט אים געשען? ער לעבט? — איר שטים איז פול מיט טײַנעס און טרערן. — גיט מיר אָפּ מײַן זון! ווו איז ער?

דער דײַטשישער סאָלדאט, א שטילער מענטש, וואָס קען קיין ביקס עפשער אין האַנט ניט האַלטן, שיסן געוויס ניט, איז אינדערהיים, קאָן זײַן, געווען א קאָנטאָר-אָנגעשטעלטער, אַן אַרבעטער און מעגלעך אויך א סאָציאַל-דעמאָקראַט, דערפילט זיך פון מײַן מאַמעס רייד זייער ניט גוט. ער האָט זיך אַזוי פאַרלאָרן, אז ער ווייסט ניט, וואָס צו ענטפערן. דערנאָך זאָגט ער מיט א טאָן פון טרייסט:

— ער וועט זיך געפינען, ער איז פאַראַן. אַוואַדע לעבט ער, וואָדען? — דערבײַ שרײַבט ער עפּעס אַף א פּאַפּיר.

ער געזעגנט זיך מיט א „גוטן טאָג” און גייט אַרויס א פאַרשעמטער.

איך קריך אַרויס פון מײַן באַהעלטעניש און וווּנדער זיך: ער האָט דאָך מיך געזען, גערעדט צו מיר... גאָר קיין דײַטש ניט.

— א דײַטש איז ער, — זאָגט די מאַמע, — נאָר מיר שײַנט, אז ער איז אויך א מענטש.

סאָף 1918. א יאָר נאָך דער אָקטיאַבער-רעוואָליוציע אין רוסלאַנד און א כוידעש נאָך דער נאָיאַבער-רעוואָליוציע אין דײַטשלאַנד. ווילנע גופע האָט אויך געררוישט און געברויזט מיט רעוואָליוציע, מיט פאַרכאַפּן די מאַכט, מיט אײַנשטעלן א סאָוועטישע אָרדענונג. די לופט איז געווען אָנגעזאַפּט מיט דערוואַרטונגען. די רויטע אַרמיי איז נאָך געווען ווײַט פון ווילנע, און די מאַכט האָט זיך געוויגט צווישן די אָרגאַניזירטע אַרבעטער, וואָס האָבן זיך באַוואָפנט, און צווישן די באַוואָפנטע פּוילישע לעגיאָנען. די דײַטשן זײַנען נאָך געווען אין שטאָט. זיי האָבן אַליין שוין מוירע געהאַט, מע זאָל זיי ניט געבן קיין קלעפּ.

באַ אַזעלכע באַדינגונגען זײַנען פאָרגעקומען די וואַלן אין אַרבעטער-ראַט. ניט אַלע זײַנען געגאַנגען מיט די באָלשעוויקעס. אין יענער צײַט זײַנען אַלע טאָג געווען מיטינגען, דיסקוסיעס, אַמפּערײַען. יוליס שימעלעוויטש איז אָפט אַרויסגעטראָטן אַף פאַרזאַמלונגען. און אָט איז אָנגעקומען דער טאָג, ווען דער ווילנער אַרבעטער-ראַט האָט זיך צונויפגעקליבן אין שטאָטישן זאַל (איצט — פילהאַרמאָניע) אַף דער ערשטער זיצונג צו פּראָקלאַמירן, אז די גאַנצע מאַכט גייט איבער צום ראַט.

דער פאָרזיצער אײַדוקעוויטש האָט געעפנט די זיצונג, פאָרשטייער פון אָרגאַניזאַציעס זײַנען אַרויסגעטראָטן מיט באַגריסונגען.

אַף דער עפענונג בין איך געווען צווישן די געסט. איך האָב אָבער אויך באַגריסט. געלערנט האָב איך דעמלט אין אַן אַרבעטער-אָוונטשול, וואָס האָט שפּעטער באַקומען דעם נאָמען מאָריס ווינטשעווסקי. די שילער פון דער שול האָבן באַשלאָסן באַגריסן די עפענונג פון ראַט, און איך בין געווען אויסגעטיילט אַף באַגריסן. די קורצע אַרויסטרעטונג האָב איך אָנגעשריבן אַף פּאַפּיר און פון פּאַפּיר זי פאָרגעלייענט. איך געדענק זייער גוט דעם אויסדרוק: „הײַנט איז באַ אונדז א גרויסער יאָמטעוו. די אַרבעטער נעמען די מאַכט אין זייערע הענט”. ניט לאַנג האָט אָבער געדויערט דער יאָמטעוו פון דער נײַער מאַכט. באַוואָפנטע לע-

גיאַנערן האָבן אַרומגערינגלט די געבײַדע פֿון דעם אײַזנבאַן-קרײַז, ווּ דער ראַט האָט זיך געפֿונען, און זיך אַהין אַרײַנגעריסן. אײַנגיכן איז געקומען די רויטע אַרמיי, אָבער ניט אויף לאַנג. אָנהייב פֿרילינג האָבן די פּוילישע לעגיאָנערן ווידער פֿאַרכאַפּט די שטאָט. און אַלץ האָט שוין באַקומען אַן אַנדער אויסזען און אַן אַנדער אינהאַלט. פֿון איין זײַט אַ גרויסע אַרבעטסלאָזיקייט, פֿון דער צווייטער — די שוואַרצע בירזשע, פּאָגראָמען, אָנפֿאַלן. אויפֿן האַרצן איז גאַרניט פֿריילעך.

פֿון אַלץ אַרום: פֿון די לעגיאָנערן, פֿון דער אַרבעטסלאָזיקייט, פֿון דער שוואַרצער בירזשע איז גוט פֿאַסקודנע אויפֿן האַרצן. איך האָב דעמאָלט אָנגעשריבן צוויי לידער אונטער איין קעפּל. לויט דעם, ווי איך פֿאַרשטיי איצט, איז עס געווען אונטער דער ווירקונג פֿון אוריאל ווייזען. די לידער האָב איך איבערגעלייענט דער מאַמען. אין אירע אויגן האָבן זיך באַוויזן טרערן.

וואָס טוט מען מיט די לידער? עפּשער קאָן מען זיי אָפּדרוקן?

אין יענער צײַט איז אין ווילנע דערשינען אַ צײַטונג „שאַבעס-נײַעס". זי פֿלעגט אַרויסגיין אַלע פֿרײַטיק. די צײַטונג איז געווען מיט אַ הומאָריסטישן אָפּנייג. די רעדאַקציע איז באַשטאַנען פֿון דרײַ מענטשן: ייִצחק קאַצענעלסאָן, וואָס האָט שפּעטער געאַרבעט אין „עמעס" (אַדמיראַל), א. קאַנטאָר, וועלכער האָט נאָך אין 1918 מיטגעאַרבעט מיט ש. אַגורסקין באַם אַרויסגעבן די צײַטונג „וואַרהײַט", דערנאָך האָט ער אַ סך יאָרן געאַרבעט אין „עמעס". דער דריטער איז געווען דער יונגער שרײַבער, דער סטודענט דאָווידל בערעזאָווסקי.

אין דער צײַטונג „שאַבעס-נײַעס" זײַנען אין 1919 געווען אָפּגעדרוקט מײַנע צוויי לידער אונטער איין קעפּל. מײַן פֿאַמיליע-נאָמען שטעלן אויף די לידער האָב איך זיך געשעמט, האָב איך אַזוי געטאָן: מײַן טאַטנס נאָמען איז ייִסראַעל, איז דער אונטערשריפֿט צו די לידער געווען — בען ייִסראַעל.

2

סאָף 1921 בין איך געקומען קיין מאָסקווע. פֿאַרבײַפֿאָרנדיק מינסק, האָב איך באַ אַ באַקאַנטער ווילנערקע (גיטעלע האָט זי געהייסן) געלאָזט מײַנע זאַכן.

— ווינטער, סאָף 1921 אָדער אָנהייב 1922, איז אין דער געבײַדע פֿונעם מאָסקווער ייִדישן מעלוכע-טעאַטער אויף טשערנישעווסקי-געסל (דעמאָלט — קאַמער-טעאַטער) פֿאָרגעקומען אַ היימישער ליטעראַרישער אָוונט. פֿאָרזיצער איז געווען יעכעזקל דאָברושין. געלייענט זייערע ווערק האָבן דרײַ יונגע שרײַבער, דרײַ אָנפֿאַנגער, וואָס זײַנען געקומען פֿון ווילנע: יאַשע זעלדין, דאַניעל מייעראָוויטש און איך. יאַשע זעלדין און איך האָבן געלייענט לידער, דאַניעל מייעראָוויטש — אַ פֿאַנטאַסטיש-סימבאָלישע פּיעסע. אויפֿן אָוונט זײַנען בײַגעווען דאָוויד האָפֿשטיין, אַרן קושניראָוו, שמואל ראָסין, ליפּע רעזניק, שאָלעם גאָרדאָן אאַ.

פֿאַר מיר, אַ פּראָווינציעל באָכערל, אַרויסטרעטן צום ערשטן מאָל מיט לידער פֿאַר אַזעלכע אָנגעזעענע שרײַבער, איז געווען ניט לײַכט. פֿון זאַל צו דער בינע בין איך געגאַנגען מיט גרויס האַרצקלאַפּעניש. אָבער ווי נאָר איך בין אַרויף אויף דער בינע און זיך געשטעלט לעבן כאַציע דאָבראָשין, האָב איך זיך דערפֿילט היימיש. אַ נאָענטער און גוטער מענטש פֿרעגט מיך, וואָס איך וועל לייענען. דאָבראָשינס גוטסקייט האָט מיך באַרויקט. איך האָב געלייענט.

מיט מײַן אַרויסטרעטונג אויף דעם דאָזיקן אָוונט בין איך פֿאַרעכנט געוואָרן צו די יונגע שרײַבער, אָנפֿאַנגער.

זומער איז געקומען די צײַט צו פֿאָרן קיין מינסק נאָך מײַנע זאַכן. געפֿאָרן בין איך אין אַ פֿראַכט-וואַגאָן, געזעסן איז מען אויף קעסטלעך, ברעטער, אוילעם איז געווען אַ סך. איך פֿאָר פֿון מאָסקווע קיין מינסק און שאַף אין וועג אַ ליד. אַ שאָכן אין וואַגאָן, וועלכער זעט אויס ווי אַן אָרעם שנײַדערל, שלאָגט איבער מײַנע געדאַנקען:

— איר פֿאָרט קיין מינסק?

— יאָ, — ענטפֿער איך קורץ און וויל זיך פֿאַרנעמען ווײַטער מיט מײַנע שורעס. ער לאָזט מיך אָבער ניט אָפּ. ער באַטראַכט מיך, באַקוקט מיך. אין עטלעכע מינוט אַרום גיט ער מיר אַ פֿרעג:

— קנעפּלעך האָט איר?

די ערשטע זאַך גיב איך א קוק אַף מײַן רעקל. איך בין געווען זיכער, אז וויבאַלד מע פרעגט מיך, צי האָב איך קנעפּלעך, זײַנען די קנעפּלעך פון מײַן רעקל געוויס אָפּגעריסן. ניין, זיי זײַנען אַף אַן אָרט. וואָס זשע פרעגט ער מיך אזא נאַרישקײַט? באזונדערס נאָך, ווען איך האַלט אין כאַפּן, ווי מיר האָט זיך געדוכט, א גוטן גראַם.

אין עטלעכע מינוט אַרום גיט ער ווידער א פרעג:

— קנעפּלעך האָט איר?

איך קוק אים אָן ווי א מעשוגענעם. איך זאָל ניט האָבן קיין קנעפּלעך, טראַכט איך, וואָלטן דאָך, האָט קיין פאַריבל ניט, די הויזן אַראָפּגעפאַלן. ווי פאַרשטייט ער עס ניט? אזוי-ווי איך בין פאַרנומען און אזויווי איך מיין, אז דער מענטש איז ניט אינגאַנצן באַם זינען, ענטפער איך ניט. שטייט ער אָבער ניט אָפּ.

— וואָס האָט איר מוירע, איר מעגט זיך פאַרלאָזן... קנעפּלעך האָט איר?

איך ווייס שוין גאָרניט, וואָס אים צו ענטפערן. און איך שטאַמל אַרויס:

— ווי דען אנדערש? אוודע האָב איך קנעפּלעך...

איצט, רעכן איך, וועט ער זיך באַרויִקן. איך פאַרנעם זיך ווידער מיט די שורעס פון מײַן ליד. איך האָב אָבער א טאָעס. ער לאָזט מיך ווידער ניט צורו.

— ווי טײַער? — פרעגט ער.

— וואָס ווי טײַער?

— נו, וואָס... די קנעפּלעך!

פונוואַנען זאָל איך וויסן, וויפל עס קאָסטן מײַנע קנעפּלעך? ניט איך האָב זיי געקויפט, און ביכלאַל זעט זי מיר אויס גענוג ווילד אָט די פראַגע: ווי טײַער זײַנען מײַנע קנעפּלעך?

— איך ווייס ניט. ניט איך האָב זיי געקויפט.

— ווער זשע דען?

— די מאַמע! — זאָג איך אַרויס שאַרף און בייז. איך וויל אים שיקן צום טײַוול, איז מען דאָך אָבער אַן איידלמאַן... און דערצו, פאַרשטיי איך, אז דער מענטש איז ניט מיט אַלעמען...

ער באַרויִקט זיך א ביסל. נו, טראַכט איך, פּאָטער געוואָרן פון דעם דאָזיקן שלאַק. א ביסל צײַט בין איך טאַקע פרײַ, ער טשעפּעט מיך ניט. דערנאָך גיט ער ווײַטער א פרעג:

— ווי טײַער האָט אײַער מאַמע געצאָלט?

איך וויל שוין פון אים וואָס גיכער פּאָטער ווערן, זאָג איך:

— פאַרשיידן...

— וואָס האָט איר מוירע... איר מעגט זיך פאַרלאָזן. ווי טײַער?

דער מענטש איז מיר דערעסן, ער שטערט מיר צו שאַפן א ליד. און ביכלאַל איז ער ניט באַם זינען. איך קער זיך אויס צו אים מיט דער פּלייצע און וויל אים מער ניט קענען. ער גיט א ברום אונטער דער נאָז, ער איז אומצופרידן. זאָל ער! און איך קאָן זיך פאַרנעמען מיט מײַנס.

די ליד, וואָס איך האָב אָנגעשריבן, האָט זיך גערופן „צום דיכטער". איך האָב זי געבראַכט אין דער צײַטונג „וועקער" (שפּעטער — „אָקטיאַבער"), צום רעדאַקטאָר ע. אַשראָ-וויטש. די ליד איז אָנגענומען געוואָרן. דעמלט האָב איך פאַר די מיטאַרבעטער פון דער רעדאַקציע דערציילט, ווי מע האָט מיר אין וואַגאָן געשטערט שאַפן די ליד — די מײַסע מיט די קנעפּלעך.

זיי האָבן געלאַכט אָן אופהער, זיך געקאַטשעט. איך האָב זיך געוווּנדערט: וואָס איז אזוי די סימכע? אז זיי האָבן זיך גוט אָנגעלאַכט, האָבן זיי מיר דערציילט, וואָס עס באַטײַט „קנעפּלעך" — גאָלדענע מאַטבייעס, אימפּעריאַלן.

— איר זײַט נאַיִוו, איר ווייסט נאָך ווינציק...

און א צווייטער האָט מיר געזאָגט:

— איר האָט געקאָנט האָבן גוטע אומאָנגענעמלעכקײַטן. אַליין זיך מוידע געווען, אז איר ספּעקולירט מיט גאָלד...

קיין גאָלד האָב איך ניט געפירט, נאָר א ליד האָב איך געבראַכט. אין יול 1922 איז מײַן צווייטע ליד געווען אָפּגעדרוקט אין דער צײַטונג „וועקער".

3

די דריטע ליד איז געשאַפן געוואָרן בא באַדינגונגען, וואָס האָבן אַרויסגערופן וויטיק און טרויער...

סאָף 1923. א פּאַרטיי־אַקטיוו אין דער געבײַדע פון דעם גרויסן טעאַטער אין מאָסק־ווע. ווי נאָר אָף דער בינע האָט זיך באַוויזן דער פּאָרזיצער, האָבן זיך פון אַלע זײַטן פון דעם געפּאַקטן טעאַטער פונעם פּאַרטער, באַלקאָן און פון די לאָזשעס — געגומען הערן אויסגעשרייען:

— וואָס מאַכט דער כאַווער לענין?

— ווי פילט זיך איליטש?

אַלע בײַוועזנדע האָבן אויסגעדריקט זייער גרויסע זאָרג און אומרויִקײַט, זייער טיפע געטרײַשאַפט און ליבע.

לענינס צושטאַנד איז געווען א שווערער, אָבער די האָפענונג פון סאָוועטישע מענטשן איז געווען גרויס.

— מיר ווינטשן אים געזונט!

— מיר גריסן אים! — האָבן זיך פון אַלע זײַטן דערהערט אויסגעשרייען.

צוזאַמענוווינונג פון דער יידישער פּאָליגראַפישער שול אין מאָסקווע אָף פּאָווארסקאַיא גאַס (איצט — וואָראָווסקאַיא) נומער 19. ווען איך האָב זיך אומגעקערט פון אַקטיוו, האָב איך גערעדט פאַר אַלעמען דערציילן וועגן לענינס צושטאַנד, איבערגעבן ווי די פאַרזאַמ־לונג האָט רעאַגירט און וואָס דער פּאָרזיצער האָט געענטפערט. דערבײַ האָט מען מיר גע־נומען פאַרגעבן א סאַך פראַגן. איך האָב אָבער געוווּסט נאָר דאָס, וואָס איך האָב געהערט.

אַלע טאָג האָט דאָס גאַנצע פאָלק אין לאַנד געוואַרט אָף יעדיעס וועגן לענינס געזונט־צושטאַנד. די גרויסע ליבע פונעם סאָוועטישן מענטש האָט מיט אומגעדולד אַרויסגעקוקט אָף א גוטער בסורע, געוואַרט אָף א גוטן אָנזאָג. אזוי יעדן טאָג, יעדן טאָג... ביז עס איז געקומען די שרעקלעכע אומענטשלעכע יעדיע...

ווען אין צוזאַמענוווינונג פון דער פּאָליגראַפישער שול האָט מען זיך וועגן דעם דער־וווּסט, זײַנען אַלעמענס אויגן געווען נאַס פון טרערן.

אין יענע טעג (יאַנוואַר, 1924) זײַנען געשטאַנען גרויסע פרעסט. לאַנגע רייען האָבן זיך געצויגן צום קאָלאָנען־זאַל. אָפן פּלאַץ האָבן געברענט גרויסע שײַטערס. איך מיט עט־לעכע כאַווירים זײַנען געשטאַנען אין דער לאַנגער ריי, וואָס האָט זיך אָן אופהער לאַנגזאַם געצויגן צום אַרײַנגאַנג.

אָף צומאָרגנס איז די גאַנצע שול אוועק צום קאָלאָנען־זאַל. אין דער דרוקערײַ האָט געדאַרפט בלײַבן א דעזשורנער. אַלס דעזשורנער בין איך באַשטימט געוואָרן. ווען אַלע זײַנען אוועק און איך בין געבליבן אַליין אָף א גאַנצער נאַכט אין דער דרוקערײַ, האָב איך ערשט דעמאָלט נאָך מער דערפילט דעם גרויסן טרויער, דעם אומעט, דעם פּאַרדראָס...

אָפן האַרצן איז געווען ניט גוט. און דעמאָלט בין איך צוגעגאַנגען צו דער שריפט־קאַסע, גענומען אין דער האַנט די ווערסטאַטקע און אויסגעזעצט א ליד וועגן לענינען (ניט געשריבן, נאָר גלײַך אָנגעקליבן די אויסיעס פון דער קאַסע).

איך האָב געמאַכט אָן אָפּצוג פונעם זאַץ, און אָף מאָרגן אוועקגעטראָגן אין דער רע־דאַקציע „עמעס" צו מוישע ליטוואַקאָוון. די ליד איז געווען אָפּגעדרוקט.

אזא איז געווען מײַן שפּעדרישער וועג, וואָס האָט מיך געפירט צו פּראָזע. איך מעג וועגן זיך זאָגן, אז איך בין א דיכטער אין פּראָזע, און ניט אין לידער.

פון דעמאָלט אָן איז שוין אוועק א סאַך צײַט. די יאָרן לויפן, פליִען. איך גלייב זיך אַליין ניט, אז... דעם 18־טן אַפּרעל הײַנטיקס יאָר בין איך אַלט געוואָרן 84 יאָר.

מיט פופציק יאָר צוריק

דער טומלדיקער און פרייִלעכער אינטערנאַט פון דער יידישער פּאָליגראַפישער שול אין מאָסקווע האָט, ווי געזאָגט, זיך געפונען אָף דער געוועזענער פּריציש־אַריסטאָקראַטישער שטילער פּאָווארסקאַיא. די שילער — יינגלעך און מיידלעך — זײַנען געקומען פון פאַרשיי־

דענע שטעט און שטעטלעך פון אוקראַינע און ווײַסרוסלאַנד זיך לערנען א פּראָפעסיע — זעצער, דרוקער, אײַנבינדער. די שול איז געגרינדעט געוואָרן אין 1922.

צום ערשטן מײַ און צו דער אָקטיאַבער-רעוואָלוציע פּלעגן די שילער מאַרשירן מיט אַ רויטער פאָן (דער לאָזונג אין יידיש און רוסיש) צום רויטן פּלאַץ און זינגען יידישע לי-דער. אָפטער פאַר אַלץ האָט מען געזונגען די ליד „שטערנדלעך".

די שילער האָבן אַרויסגעגעבן א געדרוקטן זשורנאַל „מיר גייען". דער עפּיגראַף צום זשורנאַל איז געווען: „מיר גייען אין דײַנע פּאַרנטיקע רייען, שפּאַנענדיקע מענטשהײַט" — פון דאַוויד האָפשטיין.

די רעדאַקציע איז באַשטאַנען פון דרײַ פּערזאָן, צווישן זיי — איך.

אין דער דרוקערײַ האָט זיך געדרוקט דער זשורנאַל „שטראָם". דער אַרויסלאָזער איז געווען דאַוויד האָפשטיינס ברודער וועלי. א יונגער און פרײַלעכער, האָט ער ליב געהאַט צו שפּאַסן מיט די שילער.

ניט אַלע וויסן, מיסטאָמע, אַז די הילע צום זשורנאַל „שטראָם" האָט געצייכנט מאַרק שאַגאַל, וועלכער האָט דעמלט געלעבט אין מאָסקווע (אָפט אין מאַלאַכאָווקע). צווישן די מיטאַרבעטער זײַנען געווען י. דאָברושין, נ. אויסלענדער, ד. האָפשטיין, א. קושניראָוו, ל. רעזניק, ש. גאָרדאָן אאַ. אין דעם זשורנאַל זײַנען געדרוקט געוואָרן די פּיעסן פונעם פרי אומגעקומענעם דראַמאַטורג ביינוש שטיימאַן — „מאָשיעך בען—יויסעף" און „דאָס רויטע קינד".

צו יענער צײַט האָט מען געדרוקט מוישע טײַטשס א ביכל „מיט דלאָניעס צו דער זון". דאָס ביכל איז געווען אויסגעזעצט מיט פעטן קאָרפּוס. די דאָזיקע שריפט האָט מען אין דער זעצער-אָפּטיילונג גערופן „מוישע טײַטש-שריפט".

די שילער זײַנען געווען גרויסע ליבהאָבער פונעם מאָסקווער יידישן מעלוכע-טעאַטער. אָפטע אַרײַנגייער זײַנען זיי געווען אין דער יידישער טעאַטער-סטודיע פון ווײַסרוס-לאַנד, וואָס האָט זיך געפונען אין מאָסקווע אויפן רויטן פּלאַץ נומער איינס (אָנפירער — מ. ראַפאַלסקי). דער וועג צווישן דער שול און דער סטודיע איז געווען, קאָן מען זאָגן, אַן אויסגעטראָטענער. צווישן די סטודיאַנטן זײַנען געווען די שפּעטערדיקע אָנגעזעענע אַר-טיסטן, ווי מאָין, גאַלאָוטשינער, יודעס אַראָנטשיק, ציפּקינע, מירע אַלטמאַן, וואָלפינע, דריי-זער, סאָקאָל, טרעפּעל, ריווין אאַ. א טייל פון זיי געפינען זיך שוין ניט צווישן די לעבעדיקע.

די שילער פלעגן אויך אַרײַנקומען אין יידישן ביכער-געשעפט, וואָס האָט זיך געפונען אין צווייטן ראַטן-הויז, ווו איצט געפינט זיך א קינאָ. פּאַרוואַלטער איז געווען זאַלמען ראַט-נער, א גרויסער ליבהאָבער פון יידישן בוך.

צום פינפטן יאָרטאָג פון דער אָקטיאַבער-רעוואָלוציע איז אין דער שול פאָרגעקומען א פרײַלעכער אָוונט. די טישן זײַנען געווען פול מיט קיבעד. צווישן דעם קיבעד האָבן זיך אויסגעטיילט די געפילטע פיש, וואָס די קעכן האָט מיט גרויס קענטעניש צוגעגרייט. פאַר די שילער איז געווען א גרויסער קאָווער, וואָס צווישן די געסט זײַנען געווען טשעמערינ-סקי, עסטער, ליטוואַקאָוו און אַנדערע. די געסט און די שילער האָבן געטאַנצט און געזונגען. עס איז געווען זייער א פרײַלעכער אָוונט. אויפן האַרצן איז געווען גוט און לײַכט.

איצט דאַרף איך דערציילן, ווי אַזוי איך בין געבוירן געוואָרן אין ווילנע. אין מאָסקווע האָט מען גענומען אַרויסגעבן פּערזענלעכע צײַגענישן (קימאַט א פּאַס). ווען איך בין גע-קומען אין מיליציע, האָט דער נאַטשאַלניק מיך געפרעגט: פונוואַנען בין איך געקומען קיין מאָסקווע? איך האָב געענטפערט, ווי דער עמעס איז, אַז איך בין געקומען פון ווילנע. עס האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז זײַן פראַגע „פונוואַנען געקומען?" באַטײַט גאָר „ווו געבוירן?". איך האָב עס פאַרשטאַנען אַף מאָרגן, ווען איך בין געקומען אָפּנעמען דעם דאָקומענט. און אַזוי איז פאַרבליבן: געבאָרן אין ווילנע.

אין דער געבײַדע פון פּעטראָווסקי פּאַסאַזש האָט זיך געפונען דער פאַרלאַג „שול און בוך". דער אַרײַנגאַנג איז געווען פון נעגלינאַיא-גאַס. אַפן ערשטן שטאָק איז געווען דאָס געשעפט פון פאַרלאַג מיט א גרויסער און ליכטיקער וויטרינע. דאָ האָט מען פאַרקויפט ביכער, שול- און קאַנצעליאַריע-מאַכשירים. אַפן צווייטן שטאָק האָט זיך געפונען די רע-דאַקציע פון פאַרלאַג און די רעדאַקציעס פון די זשורנאַלן „יונגוואַלד" און „פּיאָנער".

אין דער רעדאַקציע פון פאַרלאַג האָט געאַרבעט איינער פון די אָנהייבער פון דער סאָ-וועטישער יידישער פּראָזע, דער באַוווּסטער שרײַבער שמואל גאָדינער. א מענטש אַן ערנ-סטער, א פּרינציפּיעלער און א גוטער. אָט ווי אים כאַראַקטעריזירט ריווקע רובין: „גאָדינערן האָט שטענדיק אינטערעסירט די עטיק פון דער רעוואָלוציע. דאָס ברעכן די אַלטע לעבנס-

פּאַרמען איז באַגלייט געוואָרן מיטן אופקומען פון נײַע עטישע פּרינציפּן, פון נײַע נאָרמעס פון מענטשלעכער אויפירונג. גאָדינער האָט קיינמאָל ניט געהערט צו דעם מין גלאַטיקע שרײַבער, וועלכע געפינען זייער לײַכט אַף אַלץ אַן ענטפער, מעג עס זײַן אַן אויבנאויפיקער און פלאַכער. ער האָט שווער געטראָטן אַף זײַן האַרבן וועג פון אַן אויסשפּירער, און זײַן סטיל איז אַפּט געווען האַרט און שטעכיק". („אַלמאַנאַך „היימלאַנד" נומער צוויי, מאָסקווע, 1947).

אין אָנהייב פון דער צווייטער וועלט־מלחמה איז גאָדינער צו פופציק יאָר פרײַווילי‍ק אוועק אפן פראָנט און איז אומגעקומען אין שלאַכט.

אין ביכער־געשעפט האָט געאַרבעט דער גוט־באַקאַנטער דיכטער־לי‍ריקער שמואל ראַסין. אויך ער איז צו פופציק יאָר פרײַווילי‍ק אוועק אפן פראָנט און איז אומגעקומען. נאָך דער מלחמה האָט אָרן קושניראָוו אין זײַן ליד „שמואל ראַסין" געשריבן:

> וואָס געווען — געשען אין יענעם אָסיען —
> מיר איז אויסגעפאַלן צו דערציילן,
> הייב איך אָן פון דיר די וווּנדן ציילן,
> כאַוועֶר מײַנער, דיכטער שמואל ראַסין. —

אין גרויסן צימער בא דער וואַנט זײַנען איינס לעבן אַנדערן געשטאַנען צוויי טישלעך. דאָס טישל נעענטער צום פענצטער איז געווען די רעדאַקציע „יונגוואַלד". נעענטער צו דער טיר — די רעדאַקציע „פּיאָנער".

דער ערשטער רעדאַקטאָר פון „יונגוואַלד" איז געווען כעמל דאָבין, שפּעטער א באַוווּסטער ליטעראַטור־קריטיקער, וועלכער האָט געוווינט אין לעני‍נגראַד. באַם אַרויסגעבן די ערשטע נומערן פון ביידע זשורנאַלן („יונגוואַלד" און „פּיאָנער") אין די רעדאַקציע, קאָן מען זאָגן, געווען בא דאָבינען אין שטוב, אין דעם האָטעל „לאַסקוטנאיא", ווו ער האָט געוווינט צוזאַמען מיט זײַן מוטער. עס געדענקט זיך, אַז דאָבין איז געווען פאַרליבט אין באַבעלס ווערק. ער פלעגט אַף אויסווייניק לייענען שטיקער פון באַבעלס דערציילונג „זאַלץ" („סאָל"). ער האָט ביכלאַל ליב געהאַט טאַלאַנטפולע מענטשן. מיט א גוט ווערק האָט זיך דאָבין געפרייט. ער האָט געלויבט די דערציילונגען פון וו. פּײַנער (פּסעוודאָנים פון מוני זאַרקי), וועלכער האָט זיך געדרוקט אין „יונגוואַלד".

דער צווייטער רעדאַקטאָר איז געווען ד. מאַנין, שפּעטער אַן אָנגעזעענער זשורנאַליסט (כ. דאָבין און ד. מאַנין זײַנען שוין צווישן די לעבעדיקע ניט פאַראַן).

אַט ליגט פאַר מיר דער איינציקער נומער פונעם זשורנאַל, וועלכער האָט זיך אָפּגע־נעס בא מיר פּאַרהיט, דאַטירט דעקאַבער, 1924. אין קעפל איז אָנגעשריבן: „יונגוואַלד, צײַט־שריפט פאַר יונגע אַרבעטער". אין דער זײַט: „אויסגאַבע פון צענטראַל־קאָמיטעט פון רוס־לענדישן לעניִנישן קאָמוניסטישן יוגנט־פאַרבאַנד (צענטראַל־ביוראָ פון ייִדישע סעקציעס)". אף דער לעצטער זײַט — „רעדאַקציע־קאָלעגיע: כ. דאָבין, מוני זאַרקי, ד. מאַנין, מ. פּרום־קין (עסטער)".

דער ערשטער סעקרעטאַר פון זשורנאַל איז געווען כאַים גילדין. דערנאָך זײַנען געווען: א. קאָוונער, ז. שוסטערמאַן, נאָטע לוריע. וועגן נאָטע לוריע דאַרף איך קיין סאַך ניט דער־ציילן. אַלעמען איז באַקאַנט דער אָנגעזעענער פּראָזאַיקער. אַנדערש איז מיט די איבעריקע צוויי סעקרעטאַרן.

ז. שוסטערמאַן איז אומגעקומען אין די שלאַכטן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. געבאָרן איז ער אין בערדיטשעוו, געווען א דיכטער. פון זײַנע לידער האָב איך זיך צום ערשטן מאָל דערוווּסט וועגן די בערדיטשעווער פּיסקעס. שוסטערמאַן איז געווען א שטילער, א באַשיידענער, אפילע א ביסל א פלעגמאַטישער. זײַן אַרבעט האָט ער געטאָן ערנסט און באַדאַכט. שפּעטער האָט ער געאַרבעט אין דער צײַטונג „עמעס". א צײַט איז ער געווען פאַרוואַלטער פון פאַרלאַג „עמעס".

וועגן איציק קאָוונער קאָן איך זאָגן דאָס זעלבע, וואָס איך האָב וועגן אים שוין גע־שריבן.

אינגיכן ווערט 50 יאָר זינט אין מאָסקווע איז דערשינען דער ערשטער נומער פונעם קאָמיוגיש־יוגנטלעכן זשורנאַל „יונגוואַלד" (1923). אף דער אָרגאַניזיר־זיצונג פון זשורנאַל זײַנען בײַגעווען כעמל דאָבין, מוני זאַרקי, איציק קאָוונער, איך און נאָך א כאַוועֶר, וואָס איך קאָן זיך ניט דערמאָנען זײַן נאָמען.

איציק קאָוונער האָט געוויס פאַרדינט, אַז מע זאָל אים דערמאָנען צום גוטן. דאָס

ערשטע מאָל האָב איך אים געזען, ווי איך מיין, אין 1916 יאָר. דעמאָלט איז ער געווען ניט קאָונער, נאָר איציק (קאָונער איז א פסעוודאָנים, ער איז געבאָרן אין קאָונע). זיין טאַטע, לייב קאַדיסאָן, איז געווען רעזשיסער פון דער ווילנער טרופּע. געוווינט האָבן זיי אַף גרויס פּאָהוליאַנקע. אין שטוב בא זיי פלעגן פאָרקומען די רעפּעטיציעס פון דער טרופּע. אין יענער צייט האָט מיך עמעצער רעקאָמענדירט אין טעאַטער אַף איבערשרייבן די ראָלן פאַר די אַרטיסטן. די דאָזיקע אַרבעט פלעג איך טאָן באַם רעזשיסער לייב קאַדיסאָן אין שטוב. און, פאַרשטייט זיך, ווען איך פלעג אַהין קומען, פלעג איך זען די קינדער: די מיידלעך פּאַליע און ליובע, דעם זון איציק. ער איז געווען א שטיל יינגל, א שוואַרצער, מיט קוטשע-ראַווע האָר, געראָטן אין טאַטן.

סאָף 1922 אָדער אָנהייב 1923 האָב איך אין מאָסקווע באַגעגנט איציקן, וועלכער האָט זיך שוין דעמאָלט גערופן קאָונער. זיין ליטעראַרישע טעטיקייט האָט ער אָנגעהויבן אין זשורנאַל „יונגוואַלד". ער איז געווען פול מיט פאַנטאַזיע, מיט איינפאַל. די פען איז בא אים געווען א לייכטע, א טרעפלעכע. איינער פון די ערשטע האָט ער געגומען איבערזעצן אַף יידיש די ווערק פון די רוסישע קאָמיזשע שרייבער בעזימענסקי, זשאַראָוו, מאַרק קאָלאָסאָוו אא. אָפט האָבן מיר צוזאַמען געשריבן פאַרן „יונגוואַלד" פעליעטאָנען אין גראַמען אונטערן געמיינזאַמען פּסעוודאָנים — יאַקיר.

שפּעטער איז קאָונער אוועק זיך לערנען אין מיר־ראָ-אוניווערסיטעט. אין יענער צייט האָט ער געשריבן לידער און געדרוקט אין „יונגוואַלד" און אין „עמעס".

איציק קאָונער האָט געאַרבעט אין פּוילן אין אונטערערד, געזעסן אין טפיסע. צוריק קיין מאָסקווע איז ער שוין געקומען מיט א מישפּאָכע (א פרוי און א קינד).

קאָונער איז ניט געווען קיין „קאַלטער מאַלער". האָט ער עפּעס ליב געהאַט — איז מיטן פולן האַרצן, פייַנט געהאַט — אויך מיטן פולן האַרצן.

פון די ערשטע נומערן „יונגוואַלד" האָט מיט פאַרשידענע שטייגער-צייכענונגען גע-נומען מיטאַרבעטן דער קינסטלער א. העפּטער.

דערנאָך האָט ער א סאָך יאָרן געאַרבעט אין דער צייטונג „עמעס" אַלס קאַריקאַטוריסט. אין די דרייסיקער יאָרן איז אין פאַרלאַג „עמעס" דערשינען העפּטערס אַן אַלבאָם קאַריקאַ-טורן מיט מ. ליטוואַקאָווס א פאָרעדע.

אַלעמאָל פלעגט ער זיין מיטאַרבעט אין „יונגוואַלד" דערמאָנען מיט ליבע.

דורכן „יונגוואַלד" איז פאָרגעקומען מיין באַקאַנטשאַפט מיט אירמע דרוקערן. עמעס, די באַקאַנטשאַפט איז געווען א שריפטלעכע.

דעמאָלט, מיט העכער 50 יאָר צוריק, איז זיין נאָמען, פאַרשטייט זיך, געווען פאַר אונדז אומבאַקאַנט. די רעדאַקציע האָט באַקומען פון קיִעוו א קאָרעספּאָנדענץ מיט אַן אונטער-שריפט — אירמע דרוקער. די זאַך האָט אויסגענומען און איז געווען אָפּגעדרוקט. אין רע-דאַקציע אָבער איז געווען א פלוגטע: אירמע איז א מיידלשער צי א יינגלשער נאָמען? אז אירמע איז פאַרקירצט פון יירמעיאָהו, איז אונדז פּאַשעט ניט איינגעפאַלן. אַזוי־ווי מיין טיש פון „פּיאָנער" איז געווען בישכיינעס מיטן „יונגוואַלד", איז אַף מיר אויסגעפאַלן דער גוירל אָנצופרעגן בא דרוקערן: ער איז א יינגל צי א מיידל?

אין יאָרן אַרום, ווען מיר האָבן זיך באַגעגנט, האָבן מיר עס דערמאָנט און גוט גע-לאַכט.

געווען בא אונדז א בריוו-אויסטויש, וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען: שיילעס און טשוועס. ווען באַם שרייבן א ווערק האָב איך געגומען צווייפלען אין א מינהעג אָדער דין, ווען איך בין ניט זיכער געווען און געדאַרפט קאָנטראָלירן א געשעעניש אין דער יידישער געשיכטע, פלעג איך פרעגן בא דרוקערן.

עטלעכע ווערטער וועגן דעם זשורנאַל „פּיאָנער".

אין יאַנוואַר 1925 האָט אָנגהויבן דערשיינען אין מאָסקווע דער קינדער-זשורנאַל „פּיאָנער" (אַף יידיש).

די רעדקאָלעגיע איז באַשטאַנען פון די כאַוויירים: ה. בריל, כ. דאָבין, ד. מאָנין, מ. פרומקין (עסטער), ש. פּאַלאַטניק, י. ראַבין.

ערשטער רעדאַקטאָר פונעם זשורנאַל איז געווען כ. דאָבין. צווייטער רעדאַקטאָר — ה. בריל. איך בין געווען פאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר פון זשורנאַל.

אין „פּיאָנער" האָב איך געדרוקט לידער און דערציילונגען, אָפּטער אונטער א פּסעוו-דאָנים. אָט ליגט פאַר מיר דער נומער אכט פאַרן 1926. אין אים נעמען אָנטייל מ. קאַץ,

נויעך לוריע, ה. בריל אא. דער נומער עפנט זיך מיט א דערציילונג „א מײַסע מיט מייסים״ פון ג. שטײַפער — דער אווטאָר בין איך.

אין יענער צײַט האָבן מיר זאַלבעצווייט, ה. בריל און איך, צונויפגעשטעלט אן אַלבאָם וועגן לענינען (פאָטאָס און בילדער). דער אַלבאָם איז דערשינען אין פארלאג „שול און בוך״.

יִידסעקציע „מאפפ״

הײַנט געדענקען שוין ניט אַלע, וואָס עס איז אזוינס „מאפפ״? „מאפפ״ באַטײַט: מאָסקווער אסאָציִאַציע פון פּראָלעטארישע שרײַבער.

מיטגלידער פון דער יִידסעקציע זײַנען געווען: כאַיִם גילדין, מוישע טײַטש, שמועל פערסאָוו, אווראָם שויכעט, אווראָם וועוויאַרקע, ארן קושנירעאָוו, שמועל גאָדינער, יאשע בראָנשטיין, שמועל ראָסין, בער אָרשאנסקי, יודל יאָפע, יאשע זעלדין, אָסקאר סטרעליץ, מוישע קאַץ אא.

אין יאָר 1924 האָב איך געארבעט אין דער 39-טער טיפּאָגראַפיע. אינמיטן דער ארבעט רופט מען מיך — א מענטש איז צו מיר געקומען. איך גיי ארויס און דערזע, אז באַם גרויסן זייגער שטייט כאַיִם גילדין. ער זאָגט מיר, אז וועגן דער שאַפונג פון דער יִידסעקציע „מאפפ״ דאַרף מען אונטערשרײַבן א בריוו. ער לייענט איבער דעם בריוו און גיט מיר אונטערשרײַבן. איך שרײַב אונטער.

די סעקציע האָט געפירט א פארצווײַגטע ארבעט: אָוונטן, פארזאמלונגען, פאָרלעזונגען, דיסקוסיעס. עס זײַנען פאָרגעקומען רײַזעס אין א ריי שטעט מיט ליטערארישע ארויסטרעטונגען. אין 1925 איז דערשינען דער אַלמאנאַך „אָקטיאבער״. אזוי ווי דער אַלמאנאַך איז שוין איצט א זעלטנהײַט, האָט א זינען איבערצוגעבן זײַן אינהאַלט: ש. גאָדינער — „דער מענטש מיט דער ביקס״ (דערציילונג), מוישע טייך — „לידער״, א. וועוויאָרקע — „כאַווער שינדל״ (אויסצוג פון א גרעסערער דערציילונג), יודל יאָפע — „אין לעצטע טעג״ (דערציילונג), ש. העלמאָנד — „דאָרף״ (דערציילונג).

אַרטיקלען: א. וועוויאָרקע — „אויסברוך״, י. בראָנשטיין — „פּראָבלעמען פון מארקסיסטישער קריטיק״, ב. אָרשאנסקי — „דאָס בוך און דער לעזער״.

דערנאָך גייען די אָפּטיילונגען: „וועגן טעאטער״ און „אונדזער טריבונע״.

די רעדקאָלעגיע פון אַלמאנאַך איז באַשטאַנען פון די כאַווירים: י. בראָנשטיין, א. וועוויאָרקע, א. קושנירעאָוו, י. ראבין.

איינצײַטיק מיטן אַלמאנאַך „אָקטיאבער״ איז דערשינען דער אַלמאנאַך „נײַערד״, אין וועלכן עס האָבן זיך געדרוקט מ. דאניִעל, איזי כאריק, ש. ראָסין, ש. האלקין, איציק פעפער, מ. כאשטשעוואצקי, ז. אקסעלראָד, י. דאָברושין, נ. אויסלענדער אא.

רעדאַקטאָר פון „נײַערד״ איז געווען י. דאָברושין.

עס געדענקט זיך, אז צו יענער צײַט האָט די פראגע ארום די צוויי גרופּירונגען זיך באהאנדלט אַף דער צענטראַל-ביוראָ פון די יִידסעקציעס באַם צק פון דער פּארטיי. מערעזשין האָט דעמלט געזאָגט, אז אין דער יִידסעקציע „מאפפ״ זײַנען קעמאַט אַלע „טאַ-לאנטלאָז״. ליטוואקאָוו, מיט וועמען די מאפפאָווצעס האָבן דיסקוטירט און זיך אפילע געקריגט, איז דאפקע ארויסגעטראָטן פארטיידיקן די יִידישע מאפפאָווצעס.

געווען אין דער ארבעט פון דער יִידסעקציע „מאפפ״ איבעריקער טומל און ניט ווייניק פעלערן. דער „ראפפ״ (רוסלענדישע אסאָציִאַציע פון פּראָלעטארישע שרײַבער) איז אין 1932 ליקווידירט געוואָרן. די ליקווידאַציע האָט אַף מיר שטארק געווירקט. איך בין געווען זיכער, אז מיט מײַן ארבעט אין „מאפפ״ (איך בין געווען דער סעקרעטאַר פון דער יִידסעקציע) טו איך א נוצלעכע ארבעט לעטוויועס שאַפן און כאָוועַן א יִידישע פּראָלעטארישע ליטעראטור. איך האָב אין דעם געגלייבט, ניט געצווייפלט. און פּלוצלינג... אויס! ניט מיט קיין ריכטיקן וועג איז מען געגאנגען. געמאכט פעלערן. איך האָב עס באַנומען און פארשטאנען.

דאָס האָט מיר געבראַכט נוצן. איך האָב גענומען פארשטיין, אז ניט נאָר מײַן ארבעט אין דער יִידסעקציע „מאפפ״ איז פעלערהאַפט, נאָר מײַן שרײַבן איז פעלערהאַפט. דער איבערברוך האָט זיך אָנגעהויבן מיטן שרײַבן מײַן ראָמאַן „דער וועג איז אָפן״ (די ערשטע אופלאגע איז דערשינען אין 1935, די צווייטע — אין 1936). איך האָב דעמלט גענומען ניט נאָר פארשטיין, וואָס צו שרײַבן, נאָר האָב דערפילט, ווי צו שרײַבן. רעצענזירט דעם ראָמאַן פארן פארלאג „עמעס״ האָט מ. ליטוואקאָוו. ער האָט מיר דער ערשטער איבערגעגעבן א

גוטן גרוס. ער איז אויך געווען דער רעדאַקטאָר פונעם בוך. אין דער צײַטונג „עמעס" נומער
89 פאַרן 1936 האָט מ. ליטוואַקאָוו אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל אונטערן נאָמען „דער וועג איז
אָפן". אין דעם אַרטיקל האָט ער אַרויסגעזאָגט אַ גוטע מיינונג וועגן דעם ראָמאַן, און האָט
אויך אָנגעוויזן אויף די פעלערן אין מײַנע פריִערדיקע ווערק.

עס דערמאָנט זיך, אַז פאַרן אָפּשיקן דאָס אַרטיקל אין דער דרוקערײַ, האָט ליטוואַקאָוו
אַרײַנגערופן צו זיך אין קאַבינעט מיך מיט קליטעניקן און אונדז געלייענט דאָס אַרטיקל,
געפרעגט אונדזער מיינונג. קליטעניק נעמט אָנווײַזן, אַז עפּעס פעלט, עפּעס קוועטשט אים.
מיר איז דאָס אַרטיקל געפעלן געוואָרן (אַ קלייניקײַט: אַן אַרטיקל פון ליטוואַקאָוון און נאָך
אַ פּאָזיטיווס!). אָבער קליטעניק קאָן קאַליע מאַכן. קוועטש איך אים אויפן פּוס, ער זאָל אויך
זאָגן, אַז אים געפעלט. ער פאָלגט מיר. ליטוואַקאָוו שיקט דאָס אַרטיקל אין דער דרוקערײַ.
אויף מאָרגן איז עס געווען געדרוקט.

דער ראָמאַן „דער וועג איז אָפן" און מ. ליטוואַקאָווס אַרטיקל וועגן דעם ראָמאַן שטעלן
פאָר אַ קערפּונקט אין מײַן ליטעראַריש-שעפערישער טעטיקײַט.

איצט וועל איך דערציילן וועגן אַ ריי שרײַבער.

דער מענטש פון אומרו

(אייניקע שטריכן צו דער כאַראַקטעריסטיק פון מוישע ליטוואַקאָוו)

מוישע ליטוואַקאָוו האָט מיר איינמאָל דערציילט, וויאַזוי ער איז געקומען צוגאַסט צו
זײַן קאַלע, און ווי די דינסט האָט וועגן אים איבערגעגעבן דער קאַלע:

— שטשאָס פּרישלאָ... (עפּעס איז געקומען).

דער דינסט איז גאָרניט אײַנגעפאַלן, אַז צו דער שיינער טאָכטער פון איר רײַכן באַ-
לעבאָס זאָל קומען אַזאַ ניט רענטאַבעלער כאָסן. זי האָט אַפילע ניט געזאָגט עמעצער איז
געקומען, נאָר עפּעס איז געקומען. אויף מ. ליטוואַקאָוון האָט מען געדאַרפט זײַן אַ מייוון,
דערזען זײַן רײַכקײַט און שיינקײַט ניט אויסערלעך, נאָר אינערלעך. אויסערלעך איז ער
געווען קליין אין וווּקס, דאַר, ביינערדיק און שטאַרק באַוועגלעך — עמעסער קוועקזילבער.
ווער עס האָט אים געקענט זען פון אינווייניק, פאַר יענעם איז ער אויסערלעך געווען שיין.
ער איז געווען אײגנאַרטיק ליטן אויסערלעכן אויסזען, נאָר נאָך מער אייגנאַרטיק און אויף
קיינעם ניט ענלעך לויט זײַן אינערלעכן מעהוס. אַ קוק טאָן אויף זײַן קאָפּ, אויפן גרויסן, רע-
ליעפן, קימאַט פירקאַנטיקן שאַרבן, פון וועלכן עס האָט אַרויסגעלויכט כאָכמע, וויסן, קלוגע
גווורע, צוקוקן זיך, ווי פון ליטוואַקאָוון שפּראָצט מיט אומרו, שפּרודלט מיט צולאָכעס צו
אַלץ, וואָס קליינבירגער האַלטן פאַר מאָדע און געזעץ, — דערזען דאָס אין אים האָט באַטײַט
זיך ציִען צו אים, אים ליב באַקומען און פילן פאַר אים דערעכערעץ.

אַ סאַך מענטשן האָבן אין ליטוואַקאָוון אַ טאָעס געהאַט. און ניט נאָר, ווען ער איז
געווען אַ כאָסן אין טשערקאַס, נאָר אויך ווען ער איז שוין געווען דער רעדאַקטאָר פון
„עמעס". עס וועט עפּשער זײַן ניט איבעריק צו זאָגן, אַז ליטוואַקאָוו האָט אין זיך אַליין אַ
טאָעס געהאַט. ער איז געווען אַ מענטש פון קעגנזאַצן, פון שטימונגען, אַן אומרויִקע נע-
שאָמע. דאָס דערגרייכטע האָט אים ניט באַפרידיקט, ער האָט שטענדיק געלויערט נאָך נײַס.
אין אים איז געווען דער אומרו פון דער צײַט. ניט אומזיסט האָט ער זײַנע צוויי בענדער
קריטיק אָנגערופן „אין אומרו". דער דאָזיקער ערנסטער מענטש, דער לאַמדן, דער שאַרפער
קאָפּ, דער פּאָליטיקער האָט אין זיך פאַרמאָגט יינגלשקײַט און פאַרשײַטקײַט. ער האָט ליב
געהאַט אײַנפאַל און טאַלאַנט, אומעטום האָט ער געזוכט די ראָזשינקע, וואָס זאָל אַ שפּיל
טאָן, דעם שיינעם געדאַנק, וואָס זאָל אויפלײַכטן. ער האָט פײַנט געהאַט גלאַטע מענטשן,
זעלבסטצופרידענע, גלײַכגילטיקע, וואָס גלעטן זייערע אויפגעבלאָזענע קאָוועד-בײַכלעך און
ריידן מיט אַ שפּראַך פון שעמען זאיס אָדער מיט אַזאַ אָנשטעל — ערנסטקײַט, וואָס קיי-
נער פאַרשטייט זיי ניט. אים פלעגט אין טאָגטעגלעכן לעבן אָפּט געפעלן אַזוינס, וואָס אַנ-
דערע האָט עס אויסגעזען פאַר אומדערלאָזבאַר. געווען אַזאַ פאַל, ווען אַ יונגער דיכטער
איז געקומען צו אים אַהיים און געמאַכט אַ סקאַנדאַל. באַם אַוועקגיין האָט דער יונגער דיכ-
טער פאַרקוועטשט מיט דער טיר ליטוואַקאָווס פינגער. אויף מאָרגן איז ליטוואַקאָוו געקומען
אין דער רעדאַקציע מיט אַ פאַרבאַנדאַזשירטער האַנט. אַלעמען האָט עס פאַרדראָסן, נאָר

ער אַליין דאַפֿקע איז געווען אױפֿגעלייגט, פֿריילעך און געלאַכט פֿונעם צופֿאַל. ער האָט מיר געזאָגט: „וואָס זשע דען, זײַן אַ גלאַטער און קײַלעכדיקער? טאַלאַנט האָט אין זיך פֿאַרשײַט-קײַט". ער איז גאָר געווען צופֿרידן.

דער אויסערלעך שטרענגער, דער גאַליקער אָפּאָנענט, וואָס האָט מיט זײַן שאַרפֿן סאַ-טירישן הומאָר געקענט צוקלעפּן צו אַ מענטשן אַ כאַראַקטעריסטיק, וואָס זאָל אויף יאָרנלאַנג פֿאַרבלײַבן, דער טיפֿער קריטיקער, וואָס האָט ניט איבערגעטראָגן קיין פֿאַלשקײַט, זיסקײַט, פּוסטקײַט, טאַלאַנטלאָזיקײַט אין דער ליטעראַטור, — האָט אין די אויגן פֿון שמאָלע קעפּ געהאַט אַן אויסזען פֿון אַ גאַזלען — דער ייִדישער גאַזלען, וואָס עסט אויף אַלע טאָג צו מיטיק אַ לעבעדיקן מענטשן.

די, וואָס האָבן געקענט ליטוואַקאָוון נאָענט, האָבן גוט געוווּסט, אַז ער איז אַ ווייכער, אַ גוטער, וואָס פֿילט מיט, העלפֿט אַ כאַוער און איז פֿאַרדריסט, אויב ער האָט עמעצן אומ-זיסט אָנגערירט און באַליידיקט. דער היימישער, דער כאַווערישער ליטוואַקאָוו האָט געהערט צו יענע גאַזלאָנים, וואָס באַפֿאַלן אין וואַלד אַ דורכגייער און ניט נאָר זיי בעטן, נאָר גיבן אַליין אַ שמעק טאַבאַק.

ליטוואַקאָוו איז געווען אַ לעבנסלוסטיקער, אַ פֿריילעכער, ער האָט פֿײַנט געהאַט אַצוועס, מאַרעשכוירע. פֿון אים האָט שטענדיק געברויזט מיט לעבן. ער האָט זיך אָפֿן געכאַוערט מיט ייִנגערע פֿון זיך און איז צווישן זיי געווען דער ייִנגסטער. אין אַ קאָמפּאַניע, אויף אַן אָוונט, אויף אַ באַנקעט איז ער געווען די נעשאָמע — אַ פֿריילעכער ווערטלזאָגער, אַ טענצער, אַ זינגער.

דאָס ערשטע מאָל האָב איך נאָענט דערזען ליטוואַקאָוון אין 1922. עס איז געווען אַן אָוונט לעקאָוועד דער אָקטיאַבער-רעוואָלוציע אין דער ייִדישער פּאָליגראַפֿישער שול אין מאָסקווע. איך האָב שוין דעמלט „געזינדיקט" מיט לידער, און אויף ליטוואַקאָוון, ווי אויף אַ רעדאַקטאָר פֿון „עמעס" און ווי אַ באַוווּסטן קריטיקער, האָב איך געקוקט מיט גרויס אָפּשײַ און אַפֿילע מיט אַ ביסל מוירע. איך בין געווען זיכער, אַז ער איז שטענדיק ערנסט, רעדט נאָר וועגן טיפֿע זאַכן. איך האָב געוואָרט, אַז אויך אָפֿן אָוונט וועט ער ריידן „טוירע". האָט זיך גאָר אויסגעלאָזט, אַז ער האָט גענומען די שילער פֿאַר די הענט און איז מיט זיי אַוועק טאַנצן. ער האָט מיך שוין געקענט, האָט ער אינמיטן טאַנצן זיך אָפּגעשטעלט, מיך אָנגעכאַפּט פֿאַר דער האַנט, און איך האָב אויך געטאַנצט מיט אַלעמען.

באַ דער אַרבעט פֿלעגט ער אָפֿט אונטערזינגען, מורמלען אַ ניגן. און פֿאַראַן אַזוינע, וואָס געדענקען נאָך, ווי ליטוואַקאָוו פֿלעגט נאָכמאַכן, אימיטירן פֿאַרשיידענע פּערזאָנען.

אויף ליטוואַקאָווס אַ פֿאַרטראַג פֿלעגט זײַן געפּאַקט. געוווּסט האָט מען אָבער, אַז דער „טשוואַק" וועט זײַן די פּאָלעמיק מיט די אָפּאָנענטן. אין זײַנע ענטפֿערס איז ער געווען פֿול מיט גלאַנץ, עס האָט געשפּריצט מיט שאַרפֿקײַט, מיט אײַנפֿאַל, עס האָט געשפּרודלט מיט אַ טרעפֿלעך וואָרט, מיט אַ גלענצנדיקן אויסדרוק. מיט איין זאַץ האָט ער געקענט אוועקלייגן זײַן אָפּאָנענט „אויף ביידע לאָפּעטקעס". אויף איינעם אַן אָוונט איז איינער אַרויסגעטראָטן מיט טײַנעס און דערבײַ געהאַלטן אין איין איבערכאַזערן: איך און איך... אויף דעם האָט אים ליט-וואַקאָוו געענטפֿערט: „פֿאַרוואָס איז באַ אײַך אַלץ „איך און איך", וואָס, אייגנטלעך, זײַנען אײַערע פֿאַרדינסטן פֿאַר דער ייִדישער ליטעראַטור אויסער דעם, וואָס איר זײַט אַן אַלטער ייִד"... דער אָפּאָנענט איז געווען געפּלעפֿט. דער אוילעם האָט אַפּלאָדירט.

מ. ליטוואַקאָוו האָט זייער אַ סאַך אויפֿגעטאָן פֿאַר דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַ-טור. ער האָט דערצויגן עטלעכע דויערס שרײַבער. ער איז געווען אַ מענטש מיט אַ ראַפֿי-נירטן געשמאַק, מיט אַ סאַך וויסן. ער האָט טיף געפֿילט שיינקײַט, בילדערישקײַט, געדאַנק און אידיי. ער איז געווען באַוווּסט, ווי אַ גרויסער סטיליסט.

פֿאַר אַ שרײַבער איז געווען אַ גרויסער יאָמטעוו, אַז ליטוואַקאָוו שאַצט אָפּ זײַנע ווערק. און פֿאַר ליטוואַקאָוון איז אויך געווען אַ יאָמטעוו, ווען ער האָט אַנטדעקט אַ שרײַבער, אויפֿ-געדעקט אַ טאַלאַנט. באַקומען סמיכע פֿון ליטוואַקאָוון איז געווען דער טרוים פֿון אַ סאַך שעפֿערישע מענטשן.

ליטוואַקאָוו האָט אָפּגעהיט די ריינקײַט פֿון דער שפּראַך, ער האָט די ייִדישע שפּראַך ליב געהאַט, געלעבט מיט די אינטערעסן פֿון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור. ער איז אַרויסגעטראָטן קעגן קליינשטעטלדיקײַט, קעגן קליינע האַסאָגעס, קעגן באַגרענעצטקײַט.

ער האָט ליב געהאַט מענטשן מיט טאַלאַנט, ליב געהאַט מאַרקישן, פֿעפֿערן, קושניראָוון, האַלקינען און אַנדערע. און מע דאַרף ניט פֿאַרגעסן — ליטוואַקאָוו האָט דער ערשטער אַנט-דעקט מיכאָעלסן.

אַלפֿי-סאָד: אין די יונגע יאָרן האָט ער געשריבן דראַמען.

יעכעזקל דאָברושין

יעכעזקל דאָברושין, קאָן מען זאָגן, איז געווען דער אַנטיפּאָד פון מױשע ליטוואַקאָוון. איב בא ליטוואַקאָוון איז געווען פּעטערקעכע זאָרג פאַר דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור, איז בא דאָברושינען די זאָרג געווען א מוטערקעכע. דאָברושינס פּאָן איז געווען גוטסקייט, ווייכקייט, פריינטלעכקייט. זײַן שטרעבונג איז געווען צונויפזאַמלען שרײַבער, צונויפנעמען אַלעמען אין איין ליטעראַטור. מיט דעם האָט ער געלעבט, פון דעם געקליבן נאַכעס און פאַרגעניגן.

אין זײַן קריטישער אַרבעט האָט ער זיך געמיט צו ריידן וועגן אזוינע שרײַבער און אזוינע ווערק, וועגן וועלכע מע דאַרף זאָגן גוטס. האַרבע אַרײַנזאָגן איז ניט זײַן פאַך געווען. ער האָט עס פּאַשעט ניט געקענט.

דער נאָמען יעכעזקל קלינגט פאַר אונדז אַפּיציעל. מיר זײַנען צוגעוווינט צו אַן אַנדער נאָמען, א קירצערן און היימישלעכן: כאַציע. דער, וואָס האָט אָנגערופן דאָברושינען „כאַציע", דער האָט זיך שוין געפילט פאַר א קאַרעווו צו דער ליטעראַטור. און אז א יונגער שרײַבער האָט געהאַט די זכיע צו זאָגן אָנשטאָט כאַווער דאָברושין — כאַווער כאַציע, האָט עס באַטײַט, אז ער איז אַרײַנגענומען אין צעך. די סאַמע נאָענטסטע האָבן דאָברושינען גערופן פּאַשעט און פראָסט: כאַציע.

איך האָב שוין דערציילט, אז דאָס ערשטע מאָל האָב איך געזען דאָברושינען ווינטער, סאָף 1921 אָדער אָנהייב 1922. עס איז פאָרגעקומען א היימישער ליטעראַרישער אָוונט, געלייענט זייערע ווערק האָבן דרײַ אָנפאַנגער: יאשע זעלדין, דאַניעל מייעראָוויטש און איך. פון דעמאָלט אָן האָב איך שוין געוווּסט דעם אַדרעס פון דאָברושינס צימער אף גאָרקי-גאַס (פריער, טווערסקאַיאַ). ווי דאָברושין זאָל ניט זײַן פאַרנומען, האָט ער אַלעמאָל געהאַט צײַט פאַר א שרײַבער, וואָס איז צו אים געקומען. דאָברושין לייגט אָפּ זײַן אַרבעט אין דער זײַט און הערט אויס לידער אָדער א דערציילונג. דערנאָך זאָגט ער אַרויס זײַן מיינונג, שמועסט זיך דורך. דאָברושין האָט געזוכט זכוס פאַרן שרײַבער. און ווען אַרויסזאָגן קריטישע באַמערקונגען האָט מען שוין געמוזט, האָט ער עס געטאָן מיט גוטע רייד, מיט ווייכע אויסדרוקן. דערבײַ האָט ער געגעבן האָפענונג. דורך זײַנע הענט זײַנען דורכגעגאַנגען א סאַך אָנפאַנגער, וואָס זײַנען מיט דער צײַט געוואָרן אָנגענומענע דיכטער און פּראָזאַיקער. צו כאַציע דאָברושינען איז מען געגאַנגען נעמען סמיכעס אף שרײַבערײַ.

שמועל האַלקין האָט געשריבן אין א ליד, געווידמעט י. דאָברושינען:

> ס'איז דאָ א ליכטיקייט א וואַרעמע בא אײַך אין האַרץ,
> וואָס דולדעט ניט קיין ראָסט אף זיך, וואָס ווערט ניט שוואַרץ.
> וואָס טראָגט זיך דורך דורך ווינט און פראָסט,
> אין האַרבסטן האַרבסט אײַך ניט פאַרלאָזט,
> איך האָב עס צוגעזען און זיך געזאָגט:
> א ליכטיקייט אזא ניט יעדערער פאַרמאָגט.

נאָך דער מילכאָמע זײַנען מיר זאַלבעצווייט, איך און דער מיטאַרבעטער פונעם „עמעס"-פאַרלאַג אוראָם פרומקין, געפאָרן צו דאָברושינען אף דאַטשע. די דאַטשע האָט זיך געפונען אפן קאַזאַנער וועג, אָבער אף וועלכער סטאַנציע — געדענק איך ניט. דעם גענויעם אַדרעס האָבן מיר ניט געוווּסט. פרומקין האָט געזאָגט, אז ער ווייסט אומגעפער די גאַס. זײַנען מיר געגאַנגען זוכן: ווו וווינט דאָברושין? ניטאָ, ניטאָ, ניטאָ... פּלוצלינג דערהערן מיר, אז אין איינער א דאַטשע רעדט מען ייִדיש.

— דאָ! — האָבן מיר ביידע גלײַך אַרויסגערעדט. — דאָ וווינט דאָברושין.

מיר האָבן געעפנט דאָס טירל און האָבן דערזען, אז אונטער א בוים זיצט דאָברושין מיט א פרוי און שמועסט וועגן א ליטעראַרישן איניען. מיר האָבן זיך באַקאַנט מיט דער פרוי — אַנע סטעלמאַך, א פּראָזע-שרײַבערין פון אוראַל, וועלכע עס האָט „אַנטדעקט" און אַרײַנגעפירט אין דער ליטעראַטור דאָברושין.

קעדיי ניט שטערן זייער געשפּרעך, האָבן מיר געזאָגט, אז מיר ווילן דערווײַל זיך דורכשפּאַצירן אף דער גאַס...

דעם 5 מײַ 1943 האָט מיר דאָברושין ארויסגעשיקט א בריוו פון טאשקענט. אין דעם דאָזיקן בריוו, דעם איינציקן, וואָס איך האָב פון אים באקומען, זעט מען זײַן זאָרג און כאַ-ווערישקײַט.

„ליבער כאווער ראבין.

א באַרעכהאבאָ אײַך! שטארק פון הארצן דערפרייט זיך מיט אײַער בריוועלע. נו, איז אַבינו אטאַ, מירן אָנהייבן א נײַ לעבן און, ווי זאָגט דער אלטער שאָלעם-אלייכעם, האיוים הארעס אוילאָם, נאָר נישט געזאָרגט! (ס'איז בא אונדז איצט א מאָדע אף לאָשנקוידעש, ריכטיקער: לאָשן קוּיבישעוו). וועגן אײַער מישפּאָכע וויים איך, צום באדויערן, גאָרניט. איך בין אוועקגעפאָרן פון מאָסקווע נאָך דעם גרויסן ארויספאָר. עפשער איז אײַער מישפּאָכע אייך אוועק קיין טשיסטאָפּאָל, א שטעטל לעם קאזאן, וווּהין עס זײַנען געווען עוואקוּירט א סאך מישפּאָכעס פון שרײַבער. אלנפאלס גלייב איך, אז אין „עמעס", אין מאָסקווע, ווייסט מען. דאָרט איז דאָ איצט פרומקין און בליומע קאָטיק, וועלכע דארפן, מיסטאמע, וויסן. דער אדרעס פונעם „עמעס", ווי אמאָל: סטאראָפּאנסקי, 1. אײַער מישפּאָכע וועט איר זיכער ארויסגעפינען. גוט וואָס איר האָט געשריבן אין קוּיבישעוו, דאָרט איז איצט דער נערוו פון אונדזער הויפּט-ארבעט, האגאם אין מאָסקווע איז פאראן א היפּש בינטל שרײַבער: מארקיש, האלקין, קוויטקאָ, אויסלענדער, וועגדראָף, ליפמאן-לעווין, נויעך לוריע, וואָלקנשטיין, די איבעריקע — ווײַסרוסישע און אוקראַינער. מערער געפינען זיך אין אופא, אין אלמא-אטא און א גרויסער טייל — אפן פראָנט. אין קוּיבישעוו ווינען: עפשטיין, בערגעלסאָן, אָרלאנד. פעפער איז מיט מיכאָעלסן אוועק אין א שליכעס קיין ניו-יאָרק.

איז אָט, טײַערער ראבין, שליסט זיך אײַן אין דער ארבעט, פארקאשערט די ארבל און נעמט זיך פאר דער פען. דאָס וועט זײַן אײַער בעסטע פארמעלדונג, קוּיבישעוו נייטיקט זיך אין מאטעריאלן. סײַ פאר דער צײַטונג „אייניקײַט", סײַ פאר אויסלאנד. די טעמע — פּאַט-ריאָטיק, וועגן שלאכטלײַט-יידן, וועגן ארבעט אין טיל. די פאָרם — דערציילונגען, פארציי-כענונגען, פאקטן, מאטעריאלן. אלץ, וואָס קאָן דינען דער מאָביליזירונג פון געפיל און גע-דאנק. שליסט זיך אומבאדינגט אײַן אין דער דאָזיקער ארבעט, אומעטום זײַנען דאָך פאראן יידן, רויטארמייער, עוואקוּירטע, וואָס דערציילן. עס אינטערעסירט די פאשיסטישע רעציכעס, ווידעראמאָל פאקטישער מאטעריאל, אין וואָס פאר א פאָרם איר ווילט. שיקט עס גלײַך קיין קוּיבישעוו. אויב איר וועט האָבן א ביכל פון דעם מין, וועט בא אײַך דער „עמעס" עס נעמען. דאָרט גרייטן זיך זאמלביכער און ביכער פון שרײַבער.

זײַט זיכער אין אונדזער אלעמענס פארלאנג און פרייד צו זען אײַך מיט אונדז אין אונדזער שאפונגס-סוויווע. איך פערזענלעך וועל דאָ נאָך זײַן א כוידעש לעערעך, דערנאָך וועל איך מיסטאמע אומקערן זיך צוריק קיין מאָסקווע. איך בין באשעפטיקט אין טעאטער. דאָ איז פון אונדזערע פאראן דער ניסטער.

זײַט געזונט. ווארפט ארײַן א בריוועלע. איך ווינטש אײַך אלדאָס גוטס".

אלעקסאנדער פאדייעוו

דער בארימטער רוסישער שרײַבער אלעקסאנדער פאדייעוו איז געבאָרן געוואָרן דעם 24 דעקאבער 1901. אין 1956 איז ער פון אונדז אוועק.

העכער פון מיטעלן וווּקס, גראָווע האָר און א יונג פּאָנעם. פריילעכע קלוגע אויגן, וואָס לאכן אָפט. אזא האָט ער זיך פארגעדענקט. לויט זײַן נאטור איז ער געווען א מענטש, וואָס ווינטשט א צווייטן גוטס, פארגינט פון פולן הארצן א כאווער דערפאָלג.

שפּעט באנאכט. פאדייעוו לייענט א נײַ ווערק פון א שרײַבער. צי אין א בוכפאָרם, צי אין א זשורנאל. דאָס ווערק געפעלט אים, ער ווערט אנציקט און קען ניט אײַנהאלטן זײַנע געפילן. ניט געקוקט דערויף, וואָס ס'איז שוין שפּעט באנאכט, קלינגט ער אין טעלעפאָן, באגריסט דעם כאווער מיטן נײַעם ווערק, לויבט אים, גיט אים צו מוט.

פאדייעוו דערוויסט זיך, אז עמעצער פון זײַנע באקאנטע שרײַבער געפינט זיך אין א שווערן מאטעריעלן צושטאנד (פארשיידענע צײַטן און פארשיידענע צופאלן זײַנען געווען). אומגעריכט באקומט דער דאָזיקער שרײַבער געלט דורך דער פּאָטשט, ניט אָנגעוויזן פון וועמען.

ער איז געווען א גוטער מענטש מיט א ברייטער רוסישער נעשאָמע. ער איז געווען אן עמעסער אינטערנאציאָנאליסט סײַ אין שרײַבן, סײַ אין לעבן.

א סאַך יאָרן איז ער געווען באַפֿרײַנדעט מיט ייִדישע שרײַבער, א סאַך יאָרן האָט ער זיך אינטערעסירט מיט דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור.

אין 1934, אינעם יאָר, ווען עס איז פֿאָרגעקומען דער ערשטער אַלפֿאַרבאַנדישער צונויפֿאַמענפֿאָר פֿון די סאָוועטישע שרײַבער, איז דעם 5-טן אויגוסט געעפֿנט געוואָרן די ערשטע אַלפֿאַרבאַנדישע באַראַטונג פֿון די סאָוועטישע ייִדישע שרײַבער. אָנגעפֿירט מיט דער באַראַטונג האָט אַלעקסאַנדער פֿאַדייעוו.

עס וועט זײַן ניט איבעריק צו דערמאָנען די טאָג-אָרדענונג פֿון דער באַראַטונג.

1. וועגן די אויפֿגאַבן פֿון דער סאָוועטישער ליטעראַטור — א. פֿאַדייעוו.

2. די ייִדישע רעוואָלוציאָנערע און בורזשואַזע ליטעראַטור אין אייראָפּע און אַמעריקע — מ. ליטוואַקאָוו.

3. די ייִדישע סאָוועטישע ליטעראַטור:

א) פּראָזע — דוניעץ, ערִיק, גאָדינער.

ב) דיכטונג — בראָנשטיין, פֿעפֿער, כאַריק, מאַרקיש.

ג) דראַמאַטורגיע — נוסינאָוו, קושנעראָוו, וווויאָרקע.

ד) קינדער-ליטעראַטור — קוויטקאָ.

ה) אַרבעט מיט דער יוגנט — כאַשטשעוואַצקי, דאָברושין.

די באַראַטונג איז פֿאָרגעקומען אינעם הערצען-הויז, טווערסקאָי בולוואַר, 25. זי האָט געדויערט עטלעכע טעג. אויף דער באַראַטונג איז בײַגעווען י. אַפֿאַנאַסיעוו, וועלכער איז דעמאָלט געווען צוגאַסט אין מאָסקווע.

א גרופּע אָנטיילנעמער פֿון דער אַלפֿאַרבאַנדישער באַראַטונג פֿון די ייִדישע שרײַבער אין מאָסקווע, אַפּרעל 1934. עס זיצן (פֿון לינקס אויף רעכטס): אי. פֿעפֿער, אי. כאַריק, א. פֿאַדייעוו, פּ. מאַרקיש, אי. בראָנשטיין. עס שטייען: ש. גאָדינער, נ. לוריע, מ. ליטוואַקאָוו, מ. דאַניעל, א. קושנעראָוו, מ. קולבאַק

ערעוו דעם ערשטן צונויפֿאַמענפֿאָר פֿון די שרײַבער, וועלכער איז פֿאָרגעקומען אין אויגוסט 1934, האָט פֿאַדייעוו אײַנגעלאַדן צו זיך אַהיים דרײַ ייִדישע שרײַבער: מ. ליטוואַקאָוון, א. כאַשינען, דער דריטער — בין איך געווען. איך געדענק, אַז ער האָט געבעטן קומען אינדערפֿרי, קעדיי דער טאָג זאָל ניט פֿאַרפֿאַלן גיין. א פֿרוי האָט אונדז געעפֿנט די טיר. פֿאַדייעוו אַליין איז נאָך געלעגן אין בעט. ער איז גיך אַראָפּגעשפּרונגען, זיך ליכט אָנגעטאָן, און מיר זײַנען צוגעטראָטן צום איניָען. ער האָט זיך אינטערעסירט, וועלכע פֿון די מאָסקווער ייִדישע שרײַבער דאַרפֿן זײַן דעלעגאַטן אויפֿן שרײַבער-צונויפֿאַמענפֿאָר. דער שמועס איז דורכגעגאַנגען זייער געמיטלעך. ליטוואַקאָוו האָט דערבײַ געזאָגט עטלעכע קלוגע ווערטער, און

פאַדיעוו האָט שטאַרק געלאַכט מיט זײַן כאַראַקטעריסטישער, עטוואָס הייזעריקלעכער שטים.

דעלעגאַטן פון די מאָסקווער ייִדישע שרײַבער אפן אלפאַרבאַנדישן צוזאַמענפאָר זײַנען געווען: בערגעלסאָן, מאַרקיש, ליטוואַקאָוו, כאַשין, ראַבין.

באַ מיר (און נאָך באַ כאַוויירים) געפינט זיך די פאָטאָגראַפיע פון דער ערשטער אַלפאַרבאַנדישער באַראַטונג פון סאָוועטישע ייִדישע שרײַבער.

א טאָג פון דערמאָנונגען

זומער 1962 האָב איך באַקומען פונעם שרײַבער-פאַריין א שיינע מאַטאָנע — א נײַע דירע אין א נײַעם ראַיאָן פון מאָסקווע. איך האָב אַריבערגעפירט מײַנע זאַכן און, פאַרשטייט זיך, אַלע ביכער, וואָס האָבן זיך באַ מיר אָנגעזאַמלט פאַר א סאַך יאָרן. איך האָב אײַנגעקויפט א נײַעם ביכער-שראַנק, א גרויסן, א שיינעם, א פונדאַמענטאַלן. און אַט איז געקומען די שאָ, ווען איך האָב גענומען פאַנאַנדערשטעלן די ביכער אף די פּאָליצעס. ביז דעם מאָמענט איז באַ מיר געווען איין שטימונג, איין צושטאַנד — די פרייד פון א נײַער ווױנונג. איך בין געגאַנגען פון איין צימער אין צווייטן, און זיך ניט געקענט אָנכידעשן — אַלץ איז נײַ, פריש, ערשט פון דער „נאָדל" אַרויס. נאָר אַז עס איז אָנגעקומען די שאָ פון אויסשטעלן די ביכער, זײַנען אָנגעקומען פאַרשיידענע שטימונגען, דערמאָנונגען, ס'זײַנען אַרויסגעשווומען געשטאַלטן פון כאַוויירים און פרײַנט.

דאָס ערשטע איז מיר אַרײַנגעפאַלן אין די הענט א קליינע פּאָעטישע זאַמלונג, א קליינע לויטן פאָרמאַט, אָבער בעעמעס א גרויסע, א וואָגיקע לויטן אינהאַלט, לויטן טאַלאַנט — א. קושניראָוס „פאָטער קאָמאַנדיר", אַרויסגעגעבן אין 1948 אין „עמעס"-פאַרלאַג.

מיט אַרן קושניראָוון בין איך געווען לאַנגע יאָרן א נאָענטער פרײַנט. איך געדענק גוט, ווען אַט דאָס ביכל האָט זיך געשריבן. קושניראָוו האָט מיר דעמלט געלייענט די לידער, וועלכע זײַנען א סאַכאַקל פון פיר יאָר מילכאָמע — ער איז געווען אַן אָפיצער אין דער סאָוועטישער אַרמיי.

יעדעס מאָל, ווען איך זאָג „אַרן קושניראָוו", ווילט זיך מיר זאָגן: „אַרקע". אַזוי האָבן קושניראָוון גערופן די ייִדישע שרײַבער, גוטברודעריש — אַרקע. אין יענע יאָרן איז ער געווען דער רעדאַקטאָר פונעם אַלמאַנאַך „היימלאַנד". מיר האָבן צוזאַמען געאַרבעט און קימאַט אַלע טאָג זיך געזען. נעמענדיק איצט דאָס ביכל אין דער האַנט, שווימט פאַר מיר אויף אַרן קושניראָוו פון יענע יאָרן — א גראָוער, א ברייטפּלייציקער, מיט יונגע לעבעדיקע אויגן, מיט גיכע באַוועגונגען. שטענדיק באַ דער אַרבעט, שטענדיק באַלאָדן מיט נײַס. ער איז געווען פול מיט האָפענונג, ליב געהאַט א שפּאַס טאָן, און פון א גוט ווערטל פאַרגיין זיך אין געלעכטער, ווי א קינד.

דעם אָנדענק
פון מײַן מוטער ראָכל,
פון מײַן שוועסטער סאָרע —
אומגעקומען אין קיִעוו דעם
29 סענטיאַבער 1941,
פון מײַן זון יוניק —
געפאַלן אין שלאַכט אין אויגוסט 1943.

דערפאַר טאַקע פלעגט אָפט טרעפן: זיצנדיק באַם שרײַבטיש, גיט אַרקע א דריי אויס דעם קאָפּ צום פענצטער, און אויס... ער איז דאָ מער ניטאָ, ער איז איצט ניט קיין היגער, ער איז אין באַבי יאַר באַ דער מאַמען, באַ דער שוועסטער, ער איז אפן שלאַכטפעלד, ווו זײַן זון יוניק שלאָגט זיך מיטן סוינע און פאַלט פון א קויל...

אָנהייבנדיק פונעם 21 יון 1941 האָבן די פאַשיסטן אַלץ געסטראַשעט, אַז אַט, אַט... פאַרנעמען זיי מאָסקווע. און ערשט זומער 1944 זײַנען זיי אין מאָסקווע אַרײַן אונטער דער וואַך פון סאָוועטישע סאָלדאַטן און אָפיצערן. אין אַט דעם שיינעם זומער-טאָג בין איך

אַרײַן אין דער געבײַדע פון ייִדישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט, וואָס האָט זיך געפונען אַף קראָפּאָטקין־גאַס. געקומען בין איך זוכן א שוטעף, מיט וועמען צוזאַמען גײן אָנצוקוקן די דײַטשישע „זיגער". ווי נאָר איך בין אַרײַן אין ערשטן צימער, איז מיר אנטקעגן אַנגע-קומען דאָוויד בערגעלסאָן.

מיט אים האָב איך געהאַט דעם קאָוועד צו זײַן אַף „דו", איך האָב אים גערופן „דאָ-וויד". באַזונדערס פרײַנטלעך זײַנען מיר געוואָרן נאָך אונדזער צוזאַמען זײַן אין ביראָביד-זשאַן. גענוי ווילט זיך מיר דערצײלן וועגן אונדזער באַגעגעניש אין אײנעם א זומער-טאָג. בערגעלסאָן איז געווען אין א גלענצנדיקער שטימונג. אַלץ אין אים האָט געלויכטן. ער האָט זיך געלאָזט רײדן, פרעגן... און אַלץ, וועגן וואָס ער האָט אין יענעם טאָג גע-רעדט, איז געווען אינטים־פּאַרטרעוולעך, האַרציק, מיט הומאָר.

איך וועל איבערגעבן זײַנע ווערטער און געדאַנקען ניט מיט זײַנע אויסדרוקן, נאָר מיט מײַנע. איך קאָן אַף זיך ניט נעמען די פאַראַנטוואָרטלעכקײַט צו זאָגן, אַז פּונקט אַזוי, וואָרט אין וואָרט, האָט זיך בערגעלסאָן אויסגעדריקט.

דאָס ערשטע האָט ער מיר דערקלערט, פאַרוואָס דער סטודענט ליפּקיס אין „נאָך אַלעמען" איז א הינקענדיקער.

ווען ער האָט געשריבן דעם ראָמאַן, האָט ער קײן סטודענטן נאָענט ניט געקענט. דעריבער איז ער געווען ניט אײַנגאַנצן זיכער, אַז עס וועט זיך באַקומען די געהעריקע פסיכאָלאָגישע כאַראַקטעריסטיק, דער פּאָרטרעט, וואָס זאָל זיך פאַרגעדענקען און זיך אויס-טײלן פון די אַנדערע. דערפאַר האָט ער צוגעגעבן אַן אויסערלעכן סימען: דער הינקענ-דיקער סטודענט ליפּקיס.

דערנאָך האָט ער מיר דערצײלט וועגן דעם, אַז דאָס געשטאַלט פון מירעלען האָט ער דערזען אין דער גרויסער שטאָט, אַזאַ פּראָטאָטיפּ איז אין קלײנעם שטעטל ניט געווען. פאַרוואָס האָט ער מירעלען אַריבערגעפירט פון דער שטאָט אין שטעטל?

די יונגע פרוי, פון וועלכער אין ראָמאַן האָט זיך באַקומען די שײנע, ראָמאַנטישע און אומגליקלעכע מירעלע, האָט אין דער גרויסער שטאָט גערעדט רוסיש, שוואַך געקענט אָדער גאָרניט געקענט איר אײגענע שפּראַך, דערצו איז איר שטײגער־לעבן געווען גע-בראָכן. די נאַציאָנאַלע פאָרם האָט פאַרלאָרן א בלאַט נאָך א בלאַט. מירעלע האָט גאָר ווינציק געאַרשנט פון איר טאַטנס קולטור. דער מעכאַבער האָט געזוכט פאַר איר אַזאַ געאָגראַפישן פּונקט, ווו דאָס לעבן זאָל זײַן גאַנץ און זאָל געבן די פולע מעגלעכקײַט פאַר א פולבלוטיק קינסטלעריש ווערק. דעריבער האָט ער זי געבראַכט אין שטעטל אַרײַן.

טײלווײַז ווערט מיט דעם דערקלערט, פאַרוואָס דער דיאַלאָג בא בערגעלסאָנען אין „נאָך אַלעמען" איז ניט קײן דירעקטער, מע רעדט אין דער דריטער פּערזאָן, און דער דיאַ-לאָג ווערט אַפילע אַרײַנגענומען אין גענדזנפיסלעך, ווי גלײַך מע דערצײלט איבער פרעמ-דע רײד. מירעלע מיט ליפּקיסן האָבן גערעדט רוסיש. דעם מעכאַבער איז אויסגעקומען ניט צו געבן זײער דירעקטע רײד־שפּראַך, נאָר איבערדערצײלן זי. כאַראַקטעריסטיש איז דערבײַ, אַז אין „פּענעק", ווו בערגעלסאָן האָט צו טאָן מיט די ברײטע פאָלקסמאַסן, איז דער דיאַלאָג גאָר אַן אַנדערער, ווי אין „נאָך אַלעמען".

דאָס אַלץ איז פאַר מיר געווען שטאַרק אינטערעסאַנט. איך האָב שוין דעמאָלט פאַר-שטאַנען און געוווּסט, אַז אין בערגעלסאָנס שאַפן, אין די פּראָבלעמען, מיט וועלכע ער לעבט, פאַרנעמט א גרויס אָרט די פּראָבלעם פון א געאָגראַפישן פּונקט פאַר זײַנע קינסט-לערישע ווערק. ווי יעדער עכטער קינסטלער מיט א גרויסן פאַרנעם, מיט טיפע פּראָבלע-מען, וואָס וויל געבן א גרויס בילד, א פּאַנאָראַמע פון דער געזעלשאַפט, האָט ער געזוכט א קאָנצענטרירט, פאַרשײדנאַרטיק און פאַרשײדנפאַרביק לעבן. איך האָב דעמאָלט א טראַכט געטאָן, אַז ניט אומזיסט איז דאָוויד בערגעלסאָן געווען אַזאַ הײסער אָנהענגער פון בי-ראָבידזשאַן, וווהין ער האָט געוואָלט אַריבערפאָרן און דאָרט זיך באַזעצן אַף שטענדיק. די געגנט, ווי א מעלוכישער געאָגראַפישער פּונקט, ווו דער מענטש זאָל זיך קענען אויס-לעבן פאַרשײדנאַרטיק, מיט דער גאַנצער רײַכקײַט פון דער סאָוועטישער מעלוכישקײַט, האָט אים געצויגן סײַ אַלס בירגער, סײַ אַלס שרײַבער, וועלכער שטעלט אין זײַנע ווערק קאַרדינאַלע פראַגן פונעם פאָלקסלעבן.

אין יענעם טאָג האָט מיך בערגעלסאָן גענומען אונטער דער האַנט און געזאָגט זײער פּאַרטרעוולעך וועגן דעם, וויאַזוי מע דאַרף שטעלן א שורע, בויען א זאַץ. דאָס פאָדערט א שטאַרקע אינערלעכע האַרמאָניע. בא אײניקע באַקומט זיך, אַז אין אײן און דעם זעלבן

זאָך איז אײן העלפט נידעריק, װי אַן אײזעלע, און די צװײטע סטאַרטשעט אַרױס, װי אַ קעמל („אײזעלע" און „קעמל" זײַנען בערגעלסאָנס אױסדרוקן).
איך האָב זיך דערמאָנט, אַז אַף אײנעם אַ סעמינאַר האָט מ. ליטװאַקאָװ געזאָגט: בערגעלסאָנס װאָרט האָט קלאַנג, פאַרב און רײער.
שפּאַצירנדיק מיט מיר אַף דעם ברײטן און מיט מענטשן פול געפּאַקטן סאַדאָװע-רינג, האָט בערגעלסאָן זיך צעשמײכלט און געזאָגט, אַז מע האָט אַף אים פאַריבל, פאַרװאָס ער איז אַזױ שטרענג צו יונגע שרײַבער, פאַרװאָס ער פּאָדערט פון זײ אַ סאַך. װען זײַן פרױ ציפּע — האָט ער דערצײלט — זעט, װי אַ יונגער שרײַבער גײט אַרױס פון אים אַ צעטראָגענער, זאָגט זי:
— דאָװיד, ביסט פּונקט, װי דער פּעטער קונע.
און ער האָט מיר איבערגעגעבן, װער עס איז דער פּעטער קונע. דאָס איז אַ פאַרברענטער כאָסיד, אַ פאַנאַטיקער. װען ער פלעגט דערזען דורכן פענצטער װי עס גײט פאַרבײַ אַ ייִד קורץ געקלײדט, פלעגט ער מיט רוגזע אױסשרײַען:
— מע דאַרף לײגן אַ שײַטער און אים פאַרברענען!
דאָװיד האָט געלאַכט, און איך מיט אים.
פיל יאָרן זײַנען אַװעק. עס װילט זיך מיר פאַרגעדענקען דאָװידן אַזאַ, װי אין יענעם שײנעם זומער-טאָג — אַ האַרציקן, אַ לעבנסלוסטיקן, אַ באַגעם, פול מיט ענערגיע און פלענער.

אין זײַנעם אַ בריװ צו מיר האָט מאַרקיש געשריבן:
„די טעג איז אַװעקגעפאָרן קײן אַמעריקע אַ ייִדישע דעלעגאַציע: מיכאָעלס און פעפער.
אין אָנהײב פון דער מילכאָמע האָבן די מאָסקװער ייִדישע שרײַבער געשיקט צו פאַרטײדיקן דאָס הײמלאַנד זײער אַ שײנע דעלעגאַציע פרײַװיליקע: ראָסין, װינער, גורשטײן, גאָדינער, זעלדין אאַ. מיר האָבן פיל צאַר און װײטיק: קײן שום ידיעס װעגן זײ. אײן אַרקע קושנירעװ איז אַרױס אַ לעבעדיקער און האָט באַקומען אַ מעדאַל פאַר „שלאַכט-פאַרדינסטן". געװיס געדענקסטו אױך דעם שטילן און באַשײדענעם פאַלקאָװיטש. האָט ער פאַרדינט אין שלאַכט אַ לעגין-אַרדען. פאַראַן בײַ אונדז נאָך אַזױנע".
דער דאָזיקער בריװ, פון װעלכן איך האָב געבראַכט דעם אױסצוג, האָט ניט קײן דאַטע, נאָר איז געשריבן, װי איך מײן, אין מײַ 1943.
לײענענדיק איצט דעם בריװ, טראַכט איך זיך:
װער עס האָט נאָר באַגעגנט דעם שײנעם און שטאָלצן פּערעץ מאַרקישן, האָט זיך אַף אים פאַרקוקט. און װער עס האָט אַף אים אַ קוק געטאָן, ניט װיסנדיק אַפילע, װער יענער איז, האָט פאַרשטאַנען, אַז ער זעט אַ מענטשן, געבענטשט מיט טאַלאַנט, װײַל אַף אים האָט, װי מע פלעגט זיך אַמאָל אױסדריקן, גערוט די שכינע.
מאַרקיש איז געװען שײן ניט נאָר אױסערלעך, ער האָט געהאַט אַ שײנע נעשאָמע, ער איז געװען אַ גוטער כאַװער און האָט געטראַכט װעגן כאַװײרים.

ס'איז שױן הײַנט אַזאַ טאָג, צו װאָס איך נעם זיך ניט — קאָן איך רויק ניט בלײַבן...
— איך זע, אַז דו װעסט הײַנט די ביכער ניט אױסשטעלן, — זאָגט מײַן פרױ, — װעל איך עס בעסער אַלײן טאָן. — און, ניט װאַרטנדיק אַף מײַן ענטפער, נעמט זי שטעלן די ביכער אַף די פּאָליצעס, אָנרופנדיק דערבײַ די נעמען פון די מעכאַברים.
— סאַראַ טאַלאַנטפולע שרײַבער מיר האָבן, — זאָגט זי. זי נעמט נאָך אַ פּעקל ביכער, שטעלט אױס אין אַלמער און רופט װידער אָן די נעמען...
— מיר האָבן אַ שײנע פּראָזע.
װעגן דעם, אַז בײַ אונדז איז אַ שטאַרקע פּראָזע, װײס איך זײער גוט, נאָר קעדײ איך זאָל זיך ניט איבערנעמען מיט די פּראָזאַיקער, דערלאַנגט מײַן פרױ אַ פּעקל דיכטונג. זי נעמט אַרױס פונעם פּעקל אַ בוך און לײענט אַף דער הילך:
— איציק פעפער... — זי האַלט לאַנג דעם בוך אין די הענט, באַטראַכט אים און זאָגט: — אַ גאָלדענער דיכטער, אַ גאָלדענער מענטש. איך װעל שטעלן זײַן בוך אױבנאָן. און װידער רופט זי אָן נעמען...

וועגן דאָוויד בערגעלסאָנען

(אייניקע שטייגער-שטריכן)

וועגן דעם שעפערישן וועג פֿונעם גרויסן קינסטלער דאָוויד בערגעלסאָן האָבן געשריבן און וועלן נאָך שרײַבן קריטיקער און ליטעראַטור-פֿאָרשער. עס דאַרף אָבער אויך געשאַפֿן ווערן זײַן אַלזײַטיקע לעבנס-ביִאָגראַפֿיע. און ס'איז דעריבער שוין לאַנג צײַט, אַז די, וואָס געדענקען אים און האָבן געהאַט מיט אים פֿאַרבינדונגען, זאָלן וועגן דעם אָנשרײַבן. איך מיין, אַז ניט ווייניק איז שוין פֿאַרלאָרן געגאַנגען. מענטשן לעבן דאָך ניט אייביק. צוזאַמען מיטן מענטשן גייט אַוועק זײַן צײַט. און צוזאַמען מיט דער צײַט — זײַנע מיטצײַטלער. לאָמיר פֿאַרהיטן, וואָס מיר קאָנען. אין דעם פֿאַל גייט אַ רייד וועגן דאָוויד בערגעלסאָנען. דאָס האָט אָבער אויך אַ שײַכעס צו דאָוויד האָפֿשטיינען, פּערעץ מאַרקישן, לייב קוויטקאָן, איציק פֿעפֿערן אאַ.

עס ווילט זיך מיר פֿאַרצייכענען אייניקע שטייגער-שטריכן פֿון דאָוויד בערגעלסאָנען.

ערשטע באַקאַנטשאַפֿט

געווען איז עס, ווי איך מיין, אין 1927. בערגעלסאָן איז געקומען קיין מאָסקווע. בא דעם גוטן שמועל פּערסאָון אינדערהיים (אין דער אַלטער דירע) איז אײַנגעאָרדנט געוואָרן אַ סימכע לעקאָווועד דעם גאַסט. אַלע האָבן זיך אויסגעזעצט אַרום די טישן, מע פּילט אָן קעלישקעס. לעבן מיר זיצט אוורהאָם וועוויאָרקע. זיך האָט ער אָנגעגאָסן בראַנפֿן, אין מײַן קעלישעק — ווײַן. אין דער מאָסקווער ייִדישער שרײַבער-מישפּאָכע בין איך צו יענער צײַט געווען דער ייִנגסטער, דער מיזיניק. דעם מיזיניק גיט מען ווײַן.

(פֿון מײַן טאַטן זײַנען מיר דעמאָלט פֿאַרבליבן פֿאַלגנדיקע ייִדיִעס:

א קימפּעטאָרן גיט מען „ווימאַראַזעק".

ריסלינג — טרינקען אַריסטאָקראַטן.

פּריִטיק, ערעוו שאַבעס, ברענגט דער טאַטע אַ פֿערטעלע בראַנפֿן 56-ער.

פּייסעך טרינקען די עלטערע פּייסאַכאָווקע).

מיר איז, הייסט עס, געווען אַלצײַנס: ווײַן, בראַנפֿן... בערגעלסאָן באַמערקט אָבער טייקעף, אַז אין מײַן גלעזל איז ווײַן. שטעלט ער זיך אויף, קוקט מיך ערנסט אָן, ווײַזט אָף מיר מיט אַ פֿינגער און פֿרעגט:

— אַ פּראַזאַיִקער?

— אַ פּראַזאַיִקער. — ענטפֿערט מען.

— טרינקט ער ווײַן? — ער זאָגט עס אַרויס מיט אַזאַ טאָן, ווי ער וואָלט מיך געכאַפּט בא דעם גרעסטן פֿאַרברעכן. ער רוקט אָפּ מײַן גלעזל מיטן ווײַן אין דער זײַט, שטעלט אָן אַנדער קאָס און גיסט אָן בראַנפֿן.

— אַ פּראַזאַיִקער טרינקט בראַנפֿן!

ער זאָגט עס אַרויס שטאַרק ערנסט, אָבער די ליפּן נעמען שוין עפּעס שמייכלען. מיר טרינקען אויס.

— פֿאַרשטאַנען? — ער לאַכט.

אַזוי איז פֿאָרגעקומען אונדזער ערשטע באַקאַנטשאַפֿט.

איצט, אַז עס מאַכט זיך אַ סימכע... קעדיי ניט ווערן אויס פּראַזאַיִקער, בעט איך בראַנפֿן.

בירָאָבידזשאַן

בערגעלסאָן און בירָאָבידזשאַן איז אַ טעמע פֿאַר זיך. און דאָס דאַרף זײַן איינע פֿון די צענטראַלע אידייִש-קינסטלערישע פּונקטן אין דאָוויד בערגעלסאָנס אָנשווּנגען אַלס בירגער און אַלס שרײַבער. איצט אָבער וויל איך נאָר דערציילן אייניקע שטייגער-מאָמענטן פֿון יענער צײַט, ווען מיר איז אויסגעקומען זײַן צוזאַמען מיט בערגעלסאָנען אין בירָאָבידזשאַן אין די יאָרן 1936—1937.

ווען איך בין געקומען קיין ביראָבידזשאַן, האָט זיך פאַר בערגעלסאָנען געבויט א הויז בא דער סאָפּקע. דאָווּיד האָט געהאַלטן, אז ער ווערט א טוישעוו אין ביראָבידזשאַן. און אויב זײַן פאַרלאַנג איז ניט מעקוייעם געוואָרן — איז עס ניט זײַן שולד.

ווינטער 1936, נאָכן אורלויב, בין איך געפאָרן פון מאָסקווע צוריק אהיים — קיין ביראָבידזשאַן. ציפּע בערגעלסאָן האָט מיר צום צוג געבראַכט א קעסטעלע פּרוכטן פאַר דאָווידן. אָנגעקומען בין איך קיין ביראָבידזשאַן אינמיטן דער נאַכט. ס'איז געווען א שטילער פראָסט, אן אויסגעשטערנטער הימל און א פולע לעוואָנע. דער צוג האָט זיך גראָד אָפּגעשטעלט ווײַט פונעם וואָקזאַל. מיט מײַנע זאַכן בין איך אראָפּ פון וואַגאָן. קיין מענטשן זע איך ניט, קיין טרעגער זײַנען ניט פאַראַן. דער צוג גייט אוועק ווײַטער, און איך בלײַב שטיין מיט מײַנע היפּשע פּעקלעך איינער אליין. איך גיי ארום הין און צוריק און טראַכט זיך, אז מע ווערט דאָ, אפּאָנעם, דאַרפן אָפּשטיין ביז פאַרטאָג, ביז עמעצער וועט מיך דערזען. אָנגעטאָן בין איך טאַקע וואַרעם, אין א גוטן ווינטער-מאַנטל, אין וואַליקעס, אין א פיזשיק-היטל. דער פראָסט איז, עמעס, א שטילער, אָבער א שטאַרקער. און דאָווידס פּרוכטן? צום גליק האָט איינער א פּאַסאַזשיר, וואָס איז אויך אראָפּ אין ביראָבידזשאַן, מיר צוגעשיקט א טרעגער. אף מאָרגן אינדערפרי האָב איך אריינגעטראָגן דאָווידן זײַן קעסטעלע מיט פּרוכטן.

— ציפּע... — האָט ער געזאָגט, קוקנדיק אף דער מאַטאָנע. דערנאָך האָט ער גענומען אויספרעגן וועגן פאַרשיידענע נײַסן.

אײַנגיכן איז פאָרגעקומען אן אָוונט, געווידמעט בערגעלסאָנס שאַפונג. דעם פאָרטראָג האָט געמאַכט שמועל קליטעניק. אוילעם איז געווען זייער א סאַך. בא דער געבײַדע פונעם מעלוכע-טעאַטער, ווו דער אָוונט איז פאָרגעקומען, איז געווען ניט לײַכט דורכצוגיין. מיליציע איז געשטאַנען און געהאַלטן אָרדענונג. פון גרויס אָרדענונג האָט מען בערגעלסאָנען ניט געלאָזט דורכגיין צום טעאַטער. ער האָט ניט קיין בילעט. ער האָט גענומען דערווײַזן, אז ער האָט א שײַכעס צום אָוונט. עס העלפט ניט. א בילעט! ער האָט געמוזט זאָגן, אז ער איז בערגעלסאָן, דעמלט האָט מען אים דערקענט און אריינגעלאָזט. דאָווּיד האָט ליב געהאַט וועגן דעם צו דערמאָנען.

גיט זשע מיר אויך א האנט...

ווינטער. כוידעש מאַרט. ווינטן. מיר ווײַנען פיר מאַן אין א דירע פון צוויי צימערן אינעם הויז פון דעם געגנטלעכן פינאַנץ-אָפּטייל, אנטקעגן טעאַטער. אין שטוב איז קאַלט, ווײַל דער ווינט בלאָזט פון אלע זײַטן. מיר זיצן אין די מאַנטלען, אין די וואַליקעס. ס'איז א זונטיק-טאָג. מיר קאָנען זיך מיט קיין זאַך ניט פאַרנעמען. און קעדיי די צײַט זאָל גיכער דורכגיין, שפּילן מיר אין קאָרטן. ווער זײַנען די „מיר"? בוזי גאָלדנבערג, שמועל קליטעניק, נאָטע ווײַנהויז און איך. מיר ציִען זיך אריין אין דער שפּיל און הערן גאָרניט, ווי עס עפנט זיך איין טיר, די צווייטע... מיר דערהערן נאָר:

— אזוי גאָר... קאָרטן! דער רעדאַקטאָר פון דער צײַטונג (גאָלדנבערג), דער רעדאַקטאָר פונעם זשורנאַל (קליטעניק), דער פאַרוואַלטער פון דעם ראַדיאָ-קאָמיטעט (ווײַנהויז) און דער פאָרזיצער פון דער שרײַבער-גרופּע (ראַבין) שפּילן אין קאָרטן!

אף דער שוועל שטייט דאָווּיד בערגעלסאָן, קוקט אונדז אָן און זאָגט זייער ערנסט:

— קאָרטן?!

פאַרוואָס זאָל איך לייקענען... אונדז איז געוואָרן א ביסל קאַלעמוטנע. די גאַנצע געגנטלעכע „קולטור" זיצט און שפּילט אין קאָרטן. מיר האָבן זיך פאַרשעמט פאַר בערגעלסאָנען. אָבער דאָ האָט ער זיך צעלאַכט און א זאָג געטאָן מיט א מויל פון געלעכטער:

— איז גיט זשע מיר אויך א האַנט...

ער האָט זיך צוגעזעצט צום טיש און מיר האָבן געשפּילט אן אָקע. דאָווּיד האָט פאַרשפּילט א האַלבן רובל. געוווּנען האָב איך.

נאָכן שפּילן זײַנען מיר אלע אוועק צום וואָקזאַל-רעסטאָראַן עסן אָוונטברויט. געצאָלט האָב איך. איך האָב געוווּנען.

שמועל האלקין

(א בלעטל פון מײַן טאָגבוך)

זיצנדיק אין פּאַלאַנגע באַם באַלטישן ים, האָב איך זיך דערמאָנט, אַז הײַנט, דעם 5 דעקאַבער 1972, ווערט 75 יאָר, זינט עס איז געבוירן געוואָרן שמועל האַלקין. ווען האַלקינען טראַכט איך אָפּט. אַמאָל שמועס איך מיט אים. באַם שרײַבן ווילט זיך וויסן: שמועלן וואָלט עס געפעלן?

און טאַקע דאָ, באַם ים, וואָס ליגט הײַנט אַזוי געהאָרכזאַם-שטיל און פילאָסאָפיש-פאַרטראַכט, קומען מיר אויף פאַרשיידענע באַגעגענישן מיטן דיכטער. אָט קום איך צו האַלקינען אין מאַלאַכאָווקע. ער זיצט באַם אָפענעם פענצטער, אויפן פאַראַפּעט ליגט פּאַפּיר, ער שרײַבט איבער א ליד.

— שמועל, רו זיך אויס א ביסל, שאַנעווע זיך.

— איך וויל נאָך אַרײַנכאַפּן, אָנשרײַבן...

ער האָט גוט געוווּסט און געפילט, אַז צײַט אויף שאַפן איז אים געגעבן ניט קיין סאַך. ער האָט דעריבער געאײַלט ניט דורכצולאָזן די געשענקטע צײַט אומזיסט. וועגן דעם ווערט דערציילט אין זײַן ליד:

פאַרוואָס פאַרשרײַב איך אַלץ, אויף ווײַס פאַרשרײַבן, כ׳אײַל —
טערוצים טויזנט כ׳האָב. דער לעצטער טערעץ: ווײַל
אַכוץ קורצוועגיקײַט, וואָס אונדז די עלטער ברענגט,
די זעלבע עלטער אונדז אויך ווײַטזיכטיקײַט שענקט.
און אויב נאָר מיט מײַן האַנט ער פירט ניט אָן דערווײַל, —
אָט דער, ווי הייסט ער דאָרט — איך זע אים פאַר א מײַל.
און שרײַבן אויף דער ווײַט אין אָט דער קורצער ווײַל —
אַן אייביקײַט איז ווערט... און דאָס פאַרשרייבן כ׳אײַל.

1959

האַלקין קלינגט מיר אין טעלעפאָן און פרעגט מיט פאַרווּנדערונג:

— פאַרוואָס באַגריסטו מיך ניט?

— מיט וואָס?

— האָסט ניט געלייענט די צײַטונגען? איך בין באַלוינט מיט אַן אָרדען.

צו זײַן 60-יאָריקן געבוירנטאָג איז ער באַלוינט געוואָרן מיטן אָרדען פון דער רויטער אַרבעטס-פאָן. דאָס איז געווען זײַן צווייטע מעלוכישע באַלוינונג.

פונקט ווי ער, דער גוטער מענטש, וואָס ווינטשט אַלעמען גוטס, האָט זיך געפרייט מיט די סימכעס פון זײַנע כאַווײרים, אַזוי האָט ער געוואָלט, אַז זײַנע כאַווײרים זאָלן זיך אויך פרייען מיט זײַן סימכע. ניט אַנדערש, האָט ער געטראַכט, אַז איך בין ניט געזונט, וואָרעם ווי קומט עס, וואָס איך באַגריס אים ניט?

דער עמעס איז געווען: כ׳האָב די צײַטונג ניט געזען.

און ווידער אין מאַלאַכאָווקע אויף דאַטשע. ער זיצט אויף די טרעפּלעך פון זײַן וועראַנדע. ער דערזעט מיך און דערפרייט זיך. גוט, וואָס איך בין געקומען, ער וויל מיר אָנזאָגן, אַז ער האָט אָנגעהויבן צו שרײַבן א נײַע זאַך. ער דערציילט מיר, וויאַזוי די נײַע זאַך איז אים געקומען אויפן געדאַנק. צו אים איז געקומען צוגאַסט ש. פּאַלאַטניק. ביידע האָבן געשמועסט וועגן פאַרשיידענע זאַכן, און דערבײַ האָט אים פּאַלאַטניק דערציילט וועגן דעם, וויאַזוי ער איז אין די צוואַנציקער יאָרן געפאָרן קיין בערלין ברענגען צוריק אַהיים דעם מאָסקווער יידישן מעלוכע-טעאַטער. די אַרטיסטן זײַנען געווען אין פאַרלעגנהײַט. דער אָנפירער פונעם טעאַטער, גראַנאָווסקי, פאַרבלײַבט אין אויסלאַנד. וואָס וועלן זיי אָן אים טאָן?

פּאַלאַטניק, ווי ער האָט דערציילט האַלקינען, האָט זיי געבראַכט אַ בײַשפּיל פֿון מויִ־שע ראַבינו און די ייִדן אין מידבר. אַ פֿאַלק (אַ קאָלעקטיוו) איז אַלעמאָל מער פֿון אַ יאַכיד, ווי גרויס דער יאַכיד זאָל ניט זײַן.

אָף דער טעמע: פֿאָלק און יאַכיד, אָפּן קאָנקרעטן מויִשע ראַבינו־מאַטעריאַל, האָט דערציילט האַלקין, שרײַבט ער אַ נײַע זאַך.

אין 1966 איז דערשינען האַלקינס בוך „מײַן אויצער" (לידער און באַלאַדעס). דאָרט האָב איך אַזאַ ליד אָדער אַזאַ באַלאַדע ניט געפֿונען. צי האָט האַלקין די זאַך פֿאַרענדיקט שרײַבן?

בוזי אַליעווסקי

אַלעמאָל, ווען איך דערמאָן זיך אין בוזי אַליעווסקין, קומט אויף פֿאַר מײַנע אויגן אַ מענטש, וואָס איז פֿול מיט נײַגער נאָך נײַקײַט, אַ מענטש, וואָס איז אופֿריכטיק אין זײַנע געפֿילן און געטרײַ אין זײַנע געדאַנקען.

אים האָט אַלעמאָל געצויגן אין פֿאַרשיידענע ווינקלען פֿון אונדזער לאַנד, ער האָט געוואָלט זען, ווי פֿעלקער לעבן, אים האָט אינטערעסירט זייער שטייגער, זייער קולטור. זײַן שאַרף אויג האָט אויפֿגעכאַפּט אַלץ, וואָס איז נײַ אין אינעם סאָציאַליסטישן מענטשן — די באַציִונג צו אַרבעט, די ליבע צום פֿאָטערלאַנד.

בוזי אַליעווסקי איז געווען אַ ליבלינג אין דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור־סוויווע. מיט אים האָבן זיך שרײַבער געכאַוועט, אים האָט מען פֿאַרטרויט.

אין 1927 איז בוזי געקומען פֿון מינסק קיין מאָסקווע זיך לערנען אָף דער ייִדי־שער ליטעראַרישער אָפּטיילונג פֿונעם פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט אָף לענינס נאָמען (דעמלט — צווייטער מאָסקווער מעלוכע־אוניווערסיטעט). צו יענער צײַט איז ער געווען באַוווסט ווי אַ יונגער טאַלאַנטירטער דיכטער. דאָוויד בערגעלסאָן האָט אים שוין באַמערקט און אָפּגעדרוקט וועגן אים אַן אַרטיקל אין דער „פֿרײַהײַט", וווּ ער ווערט געבראַכט אַלס בײַשפּיל פֿונעם וווּקס פֿון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור.

ס'איז קעדײַ צו דערמאָנען, אַז זײַן אָנהייב אין דער ליטעראַטור איז געווען אַ גאַנץ מאָדנער. איינמאָל, ווען ער האָט נאָך געלערנט אין מינסקער ייִדישן פּעדטעכניקום, האָט ער געלייענט זײַנע לידער פֿאַר דער ליטעראַרישער גרופּע „יונגער אַרבעטער", און דער אײַנדרוק איז געווען: אָט דאָס איז דיכטונג? גלאַט געגראַמט... די יונגע שרײַבער האָבן אים שטאַרק קריטיקירט און אַפֿילע קיין האָפֿענונג ניט איבערגעלאָזט. זומער איז ער אָף די קאַניקולן אוועקגעפֿאָרן צו זיך אין שטעטל טשערניכאָוו און שפּעטער נאָכאַמאָל געלייענט לידער פֿאַר די מיטגלידער פֿון דער גרופּע. דאָס מאָל האָט מען ווידער געשטױנט: ווי קומען צו אים אַזעלכע גוטע לידער? אין 1926 האָט ער אָפּגעדרוקט אַ ציקל אין מינסקער זשורנאַל „שטערן".

מיט אַ בריוו פֿון די מינסקער ייִדישע שרײַבער צו כאַווײרים אין מאָסקווע, אַז מע זאָל איבער אים „נעמען שעפֿטום", איז אַליעווסקי אַרײַנגעקומען אין דער רעדאַקציע פֿון „יונגוואַלד" און „פּיאָנער". פּערזענלעך האָב איך אים נאָך ניט געקענט, נאָר וועגן זײַנע לידער האָב איך שוין געוווּסט. איך האָב דערזען אַ יונג באָכערל, אַ שוואַרצעס, מיט ווייכע געקרויזטע האָר, אַ קינדעריש פּאָנעם און אַ פּאָר ברענענדיקע אויגן, וואָס אין זיי לאָזט זיך דערקענען: נײַגער, אײַנגעשפּאַרטקײַט, אופֿריכטיקײַט.

כאַווײרים מיט אים זײַנען געוואָרן מיר גיך איידער ער האָט מיר איבערגעגעבן דעם בריוו פֿון די מינסקער שרײַבער. מיר האָבן באַלד געגומען פֿאַרטרויען איינער דעם אַנדערן אונדזערע שפּעפֿערישע פּלענער.

ער האָט גענומען אַרײַנקומען אַלע טאָג אין דער רעדאַקציע, אָפֿט געקומען צו מיר אַהיים. אויסגעלאָזט האָט זיך, אַז ניט איך האָב גענומען שעפֿטום איבער אים, נאָר ער איבער מיר. ער האָט מיר פֿון טאָג צו טאָג גענומען אײַנרעדן, אַז איך דאַרף זיך לערנען. געענדיקט האָט זיך מיט דעם, אַז אין אַ כוידעש אַרום נאָך זײַן קומען קיין מאָסקווע זײַנען מיר ביידע געוואָרן סטודענטן.

אין אינסטיטוט האָט ער געשריבן אַ סאַך לידער. עס טרעפֿט: אַלע וויסן, אַז בוזי אַליעווסקי געפֿינט זיך אין דער געבײַדע פֿון אינסטיטוט, נאָר קיינער זעט אים ניט. ער

איז ערגעץ באַהאַלטן. שפּעטער באַווײַזט ער זיך. עפּעס כאַזוערט ער איבער פאַר זיך, זײַנע אויגן זוכן עמעצן, ער זוכט — וועמען אָנצוטרויען דעם ערשטן אָטעם פון א נײַער ליד. זײַן קאָל ציטערט, ער בעט זיך:

— נאָר דעם עמעס, דעם סאַמע עמעס...

אין יענע יאָרן האָט בוזי געשריבן די לידער, וועלכע זײַנען אַרײַן אינעם ביכל „וווקס".

יענער פּעריאָד איז בעעמעס געווען פאַר אים א צײַט פון עכטן וווקס אַלס מענטש, אַלס דיכטער, אַלס קאָמיוגיסט. ער האָט געדאַרפט גיוווער זײַן אין זיך געוויסע באַגרענעצונגען פונעם קליינעם שטעטל, אייניקע זאַכן איבערשאַצן. ער האָט געהאַט די גרויסע מײַלע פון וועלן וויסן, פון הערן און פאַרשטיין. ער האָט זיך קיינמאָל ניט געשעמט צו פרעגן אַן עלטערן כאַווער וועגן דעם, וואָס ער אַליין ווייסט ניט. די פּראָפעסאָרן פונעם אינסטיטוט — דאָברושין, נוסינאָוו, הייליקמאַן, ליטוואַקאָוו, זאַרעצקי און אַנדערע — האָבן געוווּסט, אַז צו אַליעווסקין דאַרף מען צוגיין מיט א גרעסערער מאָס, בא אים קען מען פאָדערן א סאַך מער.

זײַן באַזונדער אָרט אין דער דיכטונג האָט קיינמאָל ניט געווירקט אַף די באַציִונגען צו כאַווירים. ער האָט זיך מיט גאָרניט אויסגעטיילט, געווען א באַשיידענער, גוטער כאַווער, פײַנט געהאַט פאַריסענע מענטשן, גרויסהאַלטערס, באַלגײַוועס. ער האָט ליב געהאַט פּאַשטעס, פאַרמאָגט דאָס געפיל פון זעלבסטקריטיק צו זיך אַליין.

נאָכן ענדיקן דעם אינסטיטוט איז ער געווען א לערער אין אָדעס. אין עטלעכע יאָר אַרום קומט ער ווידער קיין מאָסקווע און טרעט אַרײַן אין דער אַספּיראַנטור פונעם אינסטיטוט. ער פאַרטיידיקט זײַן דיסערטאַציע וועגן דאָוויד האָפשטיינס שעפערישן וועג און באַקומט דעם טיטל קאַנדידאַט פון פילאָלאָגישע וויסנשאַפטן. דעמלט האָט אים א ציִ געטאָן קיין בירָאָבידזשאַן.

בוזין, אַז אים געפעלט א מענטש, א זאַך, א שטאָט — קאָן ער ניט בלײַבן גלײַכגילטיק. ער איז דעמלט מאַמעש פאַרליבט אין דעם מענטשן, אין דער זאַך, אין דער שטאָט. אין יענער צײַט האָט ער וועגן קיין אַנדערס ניט געקענט הערן און רײדן — ער דאַרף זײַן איינער פון די קולטור-בויער אין דער געגנט. און טאַקע דערפאַר, ווײַל עס איז ווײַט, ווײַל דאָס איז נײַ, ווײַל די באַדינגונגען זײַנען אַנדערע און די נאַטור אַן אומבאַוווּסטע — האָט אים נאָך מער אַהין געציִגן.

מיט עטלעכע יאָר פריִער האָט אים געציִגן קיין דאָנבאַס, ווּהין ער פלעגט פאָרן אין דער צײַט פון די קאַניקולן. ער האָט געוואָלט דערפילן דעם גרויסן בויונגס-אָטעם פונעם לאַנד. דעמלט איז די ייִדישע יוגנט געקומען אין דער שווערער אינדוסטריע, אין די קוילן-ראַיאָנען. א סאַך ליבע האָט אַליעווסקי אַרײַנגעלייגט אין זײַן פּאָעמע „שאַכטעס", ליבע צום לאַנד און צו די מענטשן.

איצט האָט אים געציִגן קיין בירָאָבידזשאַן.

אונדז איז געווען באַשערט זיך ווידער באַגעגענען. ער איז געקומען קיין בירָאָבידזשאַן מיט א יאָר פריִער פאַר מיר, ער איז געווען דער סעקרעטאַר פונעם זשורנאַל „פאָרפּאָסט". ווען עס איז אָרגאַניזירט געוואָרן די געגנטלעכע אָפּטיילונג פונעם שרײַבער-פאַריין, האָט מען אונדז ביידן אויסגעווײלט אין דער ביוראָ — מיך אַלס פאָרזיצער, אים אַלס סעקרעטאַר.

ער איז אויסגעפאָרן די גאַנצע געגנט, מיט אַלץ האָט ער זיך אינטערעסירט. אים איז געווען טשיקאַווע צו וויסן, ווי עס גייט די אַרבעט איבערן ווערטערבוך, וואָס די וויסנשאַפטלעכע קאָמיסיע האָט דאַן צונויפגעשטעלט. ניט ווייניקער האָט ער געוואָלט וויסן וועגן דער פּראָבלעם פון קאַרטאָפל אין דער געגנט, איבער וועלכער עס האָט געאַרבעט די פּרווו-סטאַנציע.

אײַנגיכן איז קלאָר געוואָרן, אַז בוזי איז ניט נאָר א דיכטער, נאָר אויך א פּראָזאַיקער, און דערצו אַן עכטער! זײַן איבערגאַנג צו פּראָזע האָט געשטאַמט טײלווײַז פון זײַן נײַגער צום שטייגער-לעבן, פונעם שטרעבן צו דערוויסן זיך נײַס („פון טשיקאַוועס-וועגן"...).

דער שרײַבער אַליין איז אויסגעוואַקסן, און אַלץ אַרום אים איז שטאַרק געוואַקסן. עס איז צוגעקומען זייער פיל נײַס. אַפּאָנעם, אַז ער האָט זיך דערפילט ענגלעך אין דער פּאָעזיע, דער גראַם האָט אים געצאַמט. פאַר אים האָט אַנדערש א שײַן געטאָן דאָס בילד. ער האָט דערזען אינעם בילד ניט נאָר די פאַרב, ניט נאָר די שטימונג, נאָר אויך דעם געדאַנק, דאָס געשטאַלט. פונעם לירישן האָט אים א ציִ געטאָן צום דראַמאַטישן. און דעמלט האָט אים אויסגעזען ווייניק און קאַרג די געמאָסטענע שורע, ער האָט געדאַרפט

„די גאַנצע זײַט". ער האָט באַקומען אַ גרעסערן אָטעם און אַ ברייטערן פּאַרנעם. ער האָט דערפֿילט די פּראָזע.

— פֿאַראַן שרײַבער, וואָס דערפֿילן די פּראָזע גופֿא אין דער דיכטונג, אַליעווסקי האָט זיך באהעפטן מיט דער פּראָזע.

ער האָט פֿאַר זײַן קורץ לעבן אָנגעשריבן לידער, פּאָעמעס, דערציילונגען און אַ ראָ- מאַן. ער איז געווען אַן עכטער טאַלאַנט. ער וואָלט נאָך ווײַטער אַ סך וויכטיקע ווערק געשאַפֿן.

„...דאָס היטלעריסטישע דײַטשלאַנד איז פֿאַרברעכעריש אָנגעפֿאַלן אויפֿן סאָציאַליסטישן היימלאַנד. סאָוועטישע מענטשן האָבן גענומען געווער און זײַנען געגאַנגען פֿאַרטיידיקן זייער פֿאָטערלאַנד. צווישן זיי איז אויך געווען דער אָפֿיצער פֿון דער סאָוועטישער אַרמיי בוזי אַליעווסקי, וועלכער איז העלדיש אומגעקומען פֿאַר דער פֿרײַהייט פֿונעם סאָוועטישן היימלאַנד".

כאַים לויצקער וועגן בוזי אַליעווסקי

דער באַוווסטער שפּראַכקענער כאַים לויצקער וואָלט פֿאַראַיאָרן (1983) אַלט געווען 85. בוזי אַליעווסקי — 75.

איך וויל דאָ פֿאַרעפֿנטלעכן אַ בריוו, וואָס דער אײדעלער לויצקער האָט געשריבן צו מיר וועגן אַליעווסקין. אַזיאַרום וועלן מיר ביידן דערמאָנען צום גוטן.

אַגעוו, עס איז ניט ברייט באַוווסט וועגן דעם, אַז כאַים לויצקער האָט געשריבן לי- דער. עמעס, ער האָט זיי ווינציק געדרוקט. מיר דוכט, אַז איך וועל זײַן ניט אומגערעכט, ווען איך וועל זאָגן, אַז ער האָט איבערגעלאָזט אַ היפּשע דיכטערישע ירושה.

דער בריוו איז דאַטירט: „קיִעוו, אויגוסט 19, 1962".

„איך האָב אָקאָרשט איבערגעלייענט דײַן אַרטיקל וועגן בוזי אַליעווסקין און ס'האָט אָף מיר אַ שטראָם געטאָן אַ הייסע כוואַליע פֿון דערמאָנונגען, עס האָבן מעכטיק אַ רודער געטאָן אין מיר שוין לאַנג דרעמלענדיקע געפֿילן פֿון די האָניק-צײַטן, וואָס זײַנען געבונדן מיט אונדזער יוגנט. און כאָטש איך האָב נאָך ניט קיין ענטפֿער פֿון דיר אָף מײַן בריוו פֿון אָנהייב אויגוסט — גלײַך ווי איך האָב זיך אומגעקערט פֿונעם אָפּרו-הויז פֿון פּראַכאָ- ראָוווקע און געטראָפֿן דײַן בריוו פֿון דעם 18 יולי — שרײַב איך דיר עקסטרע, קעדיי צו טיילן זיך מיט מײַנע שטימונגען, וואָס דײַן אַרטיקל האָט אין מיר דערוועקט.

איבער אַ גרויסן כילעק אין עלטער, צי עפּשער איבער נאָך סיבעס, בין איך מיט בוזין ניט געווען פֿערזענלעך באַפֿרײַנדעט, נאָר ער איז מיר שטענדיק געווען זייער סימ- פּאַטיש מיט זײַן מעיוישעוודיקער קלוגשאַפֿט, מיט זײַן באַרדאַעסדיקײַט אין די ייִנגסטע, מאַמעש ייִנגלשע יאָרן. נאַטירלעכקײַט, אומגעקינצלטקײַט, אָן מינדסטער דיכטערישער פּאָ- זע, אָבער מיט אָן אַ שיר פּאָעטישער אויסשטראַלונג, וואָס האָט פֿון אים, פֿון זײַנע פּינקל- דיקע אויגן שטענדיק געשפּריצט. מיר דוכט, אַז ער איז געווען אַזוי קלוג, אַז ס'האָט אים אַזש געפֿעלט דאָס „ביסעלע נאַרישקײַט", וואָס, לויט פּושקינען, עס פֿאַרמאָגט דער עכטער לירִיקער... עפּשער דערפֿאַר (אַגעוו, ס'האָט דאָך, דוכט זיך, אַ שײַכעס אויך צו דיר) איז ער אַזוי גיך אַריבער צו פּראָזע".

אָ ס ק אַ ר ס ט ר ע ל י ץ

געוויס איז פֿאַראַן אַזאַ טאָג אין יאָר, ווען אָסקאַר (אָשער) סטרעליץ איז געבוירן גע- וואָרן. איך ווייס אָבער ניט דעם טאָג. אויך איז געווען אַזאַ יאָר אינעם סאָף פֿון פֿאַריקן יאָרהונדערט, ווען ער איז אָף דער וועלט געקומען. איך ווייס ניט דאָס יאָר. נאָר געלעבט אָף אונדזער ערד האָט ער. דאָס ווייס איך געוויס. וואָס איך ווייס נאָך: ער איז געבוירן געוואָרן אין קאָוונע.

אָסקאַר סטרעליץ איז אַ סך יאָרן געווען דער פֿעליעטאָניסט פֿון דעם מאָסקווער „עמעס". אָפֿט האָבן מיר געלייענט זײַנע קלוגע פֿעליעטאָנען, פֿול מיט אײַנפֿאַל, מיט הו- מאָר, מיט סאַרקאַזם. אַ ריי זײַנע פֿעליעטאָנען זײַנען אין טאָג געווען קורצע, שיינע נאָ- וועלן. זײַן נאָמען איז געווען ברייט באַקאַנט דעם סאָוועטישן ייִדישן לייענער. זײַן בוך

פעליעטאָנען מיט מוישע ליטוואַקאָוס פּאַרעדע האָט געהאַט גרויס דערפאָלג.

אָסקאַר סטרעליץ...

צווישן אונדז איז געווען אַן אונטערשייד אין יאָרן, ער איז געווען עלטער, דעריקער — געניטער. פון דער ערשטער באַגעגעניש זײַנען מיר געוואָרן פרײַנט. מיך האָט אפילע דעמלט געוווּנדערט, פּאַרוואָס ער דערציילט מיר אַלץ גלײַך אויס, ווי אַן אַלטן באַקאַנטן. ער האָט זיך אָפּט געכאַווערט מיט יִינגערע. איך געדענק די ערשטע פראַגע, וועלכע ער האָט מיר פאַרגעבן:

— ביסט אויך מײַנער אַ קאָנקורענט?

געווען איז עס בײַס מיר זײַנען ארויסגעגאַן פונעם מאָסקווער יידישן ארבעטער-קלוב „קאָמוניסט", וואָס האָט זיך דעמלט געפונען אָף קוזנעצקי מאָסט. אים איז געפעלן געוואָרן איינע אַ מיידל, זי איז אָבער אַנדערע אויך געפעלן געווען. אָסקאַרן האָט זיך אויס-געדוכט, אַז אויך איך געהער צו יענע, וועמען זי געפעלט. איך האָב אים באַרויִקט, אַז איך געהער ניט צו זײַנע קאָנקורענטן. ער האָט גלײַך אויסגעדריקט זײַן צופרידנקײַט. געווען איז עס אומגעפער אין 1922. מיך האָט דעמלט פּאַרוווּנדערט, וואָס ער רעדט וועגן אַזוינע זאַכן אַזוי פּאַשעט און אָפן. ס'האָט זיך מיר געדוכט, אַז וועגן אַזעלעכס שווײַגט מען, מע לעבט עס איבער פאַר זיך און מע דאַרף זיך שעמען ארויסצוזאָגן עס פאַר אַ צווייטן. עמעס, פאַר אַ יִינגערן פון זיך דערציילט מען דאָך אַזוינס, וואָס מע וועט זיך שעמען צו דערציילן פאַר אַ גלײַכן.

אין זײַן שפּעטערישער ארבעט איז ער געווען באַשיידן. נאָכן אָפּדרוקן אַ געלונגענעם פעליעטאָן איז אים געווען ניט באַקוועם צו הערן אַ גוטע מיינונג. געוויס האָט ער געוואָלט הערן די גוטע מיינונג, נאָר זיך געפילט געענגט, געשעמט זיך, ווען מע לויבט אים אין די אויגן. גאָרניט אַזוי, ווי אַנדערע, וואָס זײַנען גרייט מיט די ציין ארויסרײַסן אַ מיינונג וועגן זיך, לויבסטו זיי ניט — ווערן זיי סאָנים.

לויט דעם, ווי איך באַנעם איצט סטרעליצעס כאַראַקטער, איז ער געווען גענייגט ניט נאָר צו הומאָר, נאָר אויך צו ליריק. דאַפקע די האַרציקע, שטילע מאָטיוון האָבן אָפּט אים געצויגן. אין ליריק דאַרף מען זיך אַליין עפענען און ווײַזן זיך פאַר אַלעמען, אָנ-טרויען דעם אייגענעם „איך". דאָס האָט ניט געפּאַסט. ארויסשטעלן זיך פאַר מענטשן מיט זײַנע געדאַנקען און געפילן האָט ער ניט געקענט, עפּעס האָט ניט געלאָזט. און ווידער: זיך געשעמט. ער האָט באַוווּסטזיניק פאַרשלאָסן פאַר זיך אַלע טירן צו דער ליריק. אין אָנהייב פון די צוואַנציקער יאָרן האָט ער אין „עמעס" אָפּגעדרוקט אַ פּאָעמע „איך, דער אַלמענטש". ווי עס געדענקט זיך, איז די פּאָעמע געווען אַ פּאָעטיש-ראָמאַנטישע, מער אַ דעקלאַראַטיווע, און זי האָט געהאַט צו טאָן מיט גרויסע קאַטעגאָריעס. זי איז געווען מער הימל, איידער ערד. און דערפאַר טאַקע איז אָף דער ערד פון איר ווייניק פאַרבליבן.

סטרעליץ האָט געבענקט נאָך אַ גרויסן פּראָזע-לײַוונט. אים האָט געצויגן צו אַ גרע-סערער דערציילונג, צו אַ ראָמאַן. עטלעכע מאָל האָט ער מיר וועגן דעם געזאָגט. מיר דאַכט, אַז ער האָט געמאַכט געוויסע אָנהייבן. דער פעליעטאָן אַליין האָט אים שוין ניט באַפרידיקט. ער האָט געהאַלטן באַם געבן אַ נײַעם טראָט. און אויב דאָס איז ניט רעאַ-ליזירט געוואָרן, איז אין דעם ווינציקער פאַר אַלץ שולדיק אָסקאַר סטרעליץ.

איינער אַ פאַל באַווײַזט, ווי אָסקאַר סטרעליץ האָט זיך געקענט שטעלן העכער פונעם פּערזענלעכן, די כאַווערשאַפט האָט געגומען דעם אויבנאָן. עפּשער וואָלט ניט איך עס געדאַרפט דערציילן (אָבער — ווער?).

אין 1935—1936 האָב איך אין „עמעס" געדרוקט אייניקע פעליעטאָנען אונטערן פסעוודאָנים „א. אנד." (און אַנדערע). איין פעליעטאָן האָט פאַרנומען אַ גאַנצן „קעלער". אינעם זעלבן טאָג (אָדער אָף מאָרגן) איז קיין מאָסקווע געקומען איציק פעפער. ווען ער איז ארײַן אין רעדאַקציע, איז נאָך מוישע ליטוואַקאָוו בא דער ארבעט ניט געווען. איציק פעפער, אַלעקסאַנדער כאַשין און איך זײַנען געזעסן באַם סעקרעטאַר אין צימער. עס עפנט זיך די טיר, און ס'קומט ארײַן אָסקאַר סטרעליץ. פעפער האָט געוווּסט, אַז פעליעטאָ-נען אין דער צײַטונג שרײַבט סטרעליץ. עמעס, הײַנטיקס מאָל האָט ער זיך אונטערגע-שריבן ניט ווי שטענדיק „אָסקאַר", נאָר אַנדערש. אָבער סײַווי איז דער פעליעטאָן זײַנער.

— אָסקאַר, — שרײַט אויס פעפער, — ס'איז דײַן בעסטער פעליעטאָן!

סטרעליץ איז רויט געוואָרן, איך בין בלאַס געוואָרן. ס'איז געוואָרן שטאַרק ניט באַקוועם. כאַשין האָט אָבער גלײַך אַ דריי געטאָן דעם געשפּרעך אין אַן אַנדער זײַט. פע-

פער האָט טײַקעף פֿאַרשטאַנען, אַז עפּעס איז דאָ ניט גלאַט, ניט געזאָגט צו דער זאַך. אַלע האָבן זיך געמאַכט ניט װיסנדיק און געגומען װעגן עפּעס ריידן זײער ערנסט.

באַ אַן אַנדערן װאָלט עס אַרױסגערופן צו מיר פֿאַרדראָס און אַפּילע סינע. אָסקאַר סטרעליץ האָט זיך געפֿילט ניט גוט. איך אױך. אָבער װידער: אױף אומזיסטע באַציִונגען האָט עס ניט געװירקט.

מעגלעך, אַז אַנדערע האָבן פֿאַרגעדענקט אַן אַנדער סטרעליץ. אין מײַן זיקאָרן איז ער אַזאַ, װי איך האָב אָנגעשריבן.

שמועל קליטעניק

אין 1904 איז אין דער שטאָט פּינסק געבױרן געװאָרן אײנער פֿון די טאַלאַנטפֿולע ייִדישע ליטעראַטור־קריטיקער שמועל קליטעניק. זײַן שעפֿערישער װעג איז געװען אַ קור־צער. ער האָט ערשט אָנגעהױבן. פֿאַר זײַן לעבן האָט ער באַװיזן אַרױסצוגעבן אַ בוך װעגן מענדעלע מוכר־ספֿרימען און אַ בוך — „שרײַבער און װערק״.

אין עלטער פֿון 36 יאָר (1940) איז ער אַװעק פֿונעם לעבן.

אין 1936, װען ש. קליטעניק איז אָפּגעפֿאָרן אױף שטענדיקער אַרבעט אין ביראָבידזשאַן, האָט אַלעקסאַנדער כאַשין אָפּגעדרוקט װעגן אים אַן אַרטיקל אין דער צײַטונג „עמעס״, װוּ ער האָט געשריבן: „ש. קליטעניק איז אײנער פֿון די אַקטיװסטע צװישן די נײַע סאָװע־טישע קריטיקער־קאַדרען. ער געהערט צום יונגן דאָר סאָװעטישע ייִדישע קריטיקער פּו־נעם צװײטן פּריזיװ. ש. קליטעניקס ליטעראַטור־קריטישע אַרטיקלען באַגעגנט איר אָפּט אינעם „עמעס״, װוּ ער איז אױסגעװאַקסן אַלס קריטיקער, אין די זשורנאַלן „שטערן״, „פֿאַרמעסט״. ער איז אײנער פֿון די פּרוכטבאַרסטע צװישן די יונגע סאָװעטישע ליטעראַ־טור־קריטיקער.

ש. קליטעניק איז אױך אַקטיװ אַלס קריטיקער־פּעדאַגאָג. שױן עטלעכע יאָר, אַז ער איז אַ לעקטאָר פֿון ייִדישער ליטעראַטור אינעם מיזרעװ־אוניװערסיטעט״.

און װײַטער:

„ש. קליטעניקס קריטיק איז פֿרײַ פֿונעם „געלערנטזאַמקײַט־באַלאַסט״, װי אױך פֿון פּסעװדאָ־פּובליציסטיק, פֿון פּוסטער פֿראַזעאָלאָגיע. זי פֿאַרײניקט אין זיך — מאַרקסיסטי־שע געשולטקײַט, פּאָליטישע אַקטועלקײַט, פּאַרטײיִשקײַט און פּאַשעטקײַט פֿון פֿאָרם און שפּראַך. אין ש. קליטעניקס אַרטיקלען װעגן בערגעלסאָנס ביז־סאָװעטישער שאַפֿונג, װעגן שאָלעם אַשן און װעגן דאַװיד פּינסקין זײַנען אַמבױלטעסטן געקומען צום אױסדרוק אָט די אַלע גוטע אײגנשאַפֿטן זײַנע אַלס ליטעראַטור־קריטיקער״.

צען יאָר — פֿון 1927 ביזן 1937 — זײַנען מיר געװען כאַװײרים, צוזאַמען זיך גע־לערנט און צוזאַמען געאַרבעט. דאָס ערשטע מאָל האָב איך אים דערזען אינעם פּעדאַגאָ־גישן אינסטיטוט אױף לעניגס נאָמען, װוּ מיר האָבן בײדע געלערנט אין דער ייִדישער אָפּ־טײלונג. ער איז דעמלט נאָרװאָס דעמאָביליזירט געװאָרן פֿון דער רױטער אַרמײ און איז נאָך געװען אָנגעטאָן האַלב־מיליטעריש. מיר האָבן זיך אײנגיכן באַפֿרײַנדעט. ער איז גע־װען אַ פֿעסטער, געזונטער, ברײטפּלײיציקער, אַן אָפּטימיסט, אַ מענטש, װאָס האָט האַנאָע פֿונעם לעבן, פֿון דעם לערנען, פֿונעם עסן. קליטעניק איז אױסגעװאַקסן אין דער סאָװע־טישער קולטור און, באַזונדערס, אין דער סאָװעטישער יוגנט, װאָס האָט די ייִדישע ליטע־ראַטור געקענט פֿון דער שול־באַנק. ס׳איז געװען געגוג אָנצורופֿן דעם נאָמען פֿון אַ שרײַבער, ער זאָל באַלד ענטפֿערן מיטן שרײַבערס אַ שורע.

צוזאַמען האָבן מיר געאַרבעט אין דער צײַטונג „עמעס״ און צוזאַמען געפֿאָרן קײן ביראָבידזשאַן אױף אַרבעט. די ערשטע צײַט איז קליטעניק געװען דער געהילפֿס־רעדאַקטאָר פֿונעם זשורנאַל „פֿאָרפּאָסט״, דערנאָך — רעדאַקטאָר. ער איז אױך געװען פֿאָרזיצער פֿון דער װיסנשאַפֿטלעכער קאָמיסיע באַם געגנטלעכן אױספֿיר־קאָמיטעט. אין די אָנדערהאַלבן יאָר, װאָס ער האָט געלעבט אין ביראָבידזשאַן, איז ער געװען אַקטיװ אַלס קריטיקער און אַלס געזעלשאַפֿטלעכער טוער. ער איז געװען אַ פּאַשעטער פֿאָלקסמענטש, אַ האַרציקער כאַװער. ער האָט ליב געהאַט לאַכן, זיך פֿרײען, אַ סאַך אַרבעטן און װערן אָנציקט פֿון אַלץ, װאָס איז שײן און גוט.

נאָטקע ווײַנהויז

ווײַנהויז איז אומגעקומען אין מינסקער געטאָ.

דער פרייליכער און גוטער נאָטקע איז אין ביראָבידזשאַן אין די יאָרן 1937—1936 געווען דער פאַרוואַלטער פונעם ראַדיאָ־קאָמיטעט. איך האָב קיינמאָל ניט געזען, ער זאָל זײַן מיד. שטענדיק מונטער און אַרבעטספּעיִק. אַלעמאָל געזונגען פאָלקסלידער. איך הער נאָך איצט זײַן שטים: „נעם אַ דראָזשקעלע און פאָר אַהיים...״

זײַן אויסזען איז געווען אַ סימפּאַטישער. מיטלער וווּקס און ברייטע פּלייצעס. אַ קאָפּ געדיכטע האָר, וואָס אין זיי האָט זיך פרי באַוויזן זילבער. לאַכנדיקע אויגן. נאָטקע איז אַלעמען געפעלן געווען (מיידלעך געוויס).

בײַ מיר געפינט זיך אַ געמיינזאַם פאָטשט־קאַרטל פון בוזי גאָלדנבערגן און נאָטקע ווײַנהויזן. געשריבן אין וועג פון כאַבאַראָווסק קיין מאָסקווע. דאָס קאַרטל איז פון 1939. בוזי גאָלדנבערג איז געבליבן אין מאָסקווע, געאַרבעט אַלס רעדאַקטאָר אין פאַרלאַג „עמעס״. נאָטקע האָט זיך אומגעקערט צו זײַן מישפּאָכע אין מינסק, וווּ ער איז געוואָרן אַ מיט־אַרבעטער אין דער צײַטונג „אָקטיאַבער״. אין מינסקער געטאָ איז ער אומגעקומען. אין די מאַטעריאַלן און אין דער ליטעראַטור וועגן מינסקער געטאָ ווערט דערציילט פאָלגנדעס: ס'איז צונויפגערופן געוואָרן אַ באַראַטונג פון קאָמוניסטן. ווײַנהויז האָט ניט געקאָנט בלײַבן, ווײַל גאַנץ מינסק האָט אים געקענט. האָגאָם ער איז שוין אײַנגאַנצן גראָו געווען, האָט מען אים ניט אַנדערש גערופן, ווי נאָטקע. פּונקט אַזוי ווי אין יענע יאָרן, ווען ער איז געווען איינער פון די פּאָפּולערע קאָמיוגישע טוער אין מינסק, רעדאַקטאָר פון דער קינדער־צײַטונג „פּיאָנער״. באַווײַזן זיך אין געטאָ וואָלט פאַר אים געהייסן: אַרײַנפאַלן אין די הענט פון דער געסטאַפּאָ, וועלכע האָט גענישטערט און געזוכט קאָמוניסטן. עס פלעגט אויסקומען מיט אים זיך צו פאַרשטעלן אין זײַן „מאַלינע״ אויף נײַ־מיאַסניצקע־גאַס, אויפן בוידעם, באַם קוימען. כאַווײרים האָבן אים באַזאָרגט מיט אַ דאָקומענט, אַז ער אַרבעט אין געטאָ אַלס מאַליער.

די באַראַטונג שאַפט אַן אָרגאַניזיר־צענטער אין באַשטאַנד פון דרײַ כאַווײרים. צווישן די דרײַ איז אויסגעוויילט געוואָרן אויך נאָטקע ווײַנהויז. און ווײַטער גיט מען איבער אָט וואָס:

אין אַ קוימען אויף דער טאָטערישער גאַס האָט אונדזער ראַדיאָ־טעכניקער אײַנגעאָרדנט אַ ראַדיאָ־אויפנעמער. די אַנטענע איז געמאַכט געוואָרן ווי אַ שטריק, אויף וועלכער עס הענגט וועש. דאָרט נעמט אויף נאָטקע ווײַנהויז צוויי מאָל, און ווען עס געלינגט — אויך דרײַ מאָל אין טאָג די נײַסטע פראָנט־ידיעס און די לייטאַרטיקלען פון דער „פּראַוודאַ״. דערנאָך ווערן די מאַטעריאַלן שנעל פאַרשפּרייט ניט בלויז אין געטאָ, נאָר אין דער שטאָט, אויך צווישן דער ווײַסרוסישער באַפעלקערונג.

פינף טויזנט ייִדן זײַנען אומגעקומען אין דעם טאָג פון 20 נאָיאַבער 1941. צווישן די פינף טויזנט — אונדזער אַלעמענס ליבלינג נאָטקע ווײַנהויז, דער, וואָס האָט די געטאָ־מענטשן געשפּײַזט מיט מוט, מיט גלויבן, אַז דער זיג איז ניט ווײַט.

אווראָם פרומקין

שוין עטלעכע טעג, ווי איך טראַכט וועגן אווראָם פרומקינען, אַז ער וואָלט געקאָנט זײַן אַ העלד אין אַ קינסטלעריש ווערק. ער איז אָבער זייער אַ שווערער פּערסאָנאַזש. די, וואָס האָבן אווראָם פרומקינען געקענט, ווייסן, אַז ער איז געווען אַ קרישטאָל־ריינער מענטש, אַזאַ, וועגן וועלכן מע זאָגט אין פאָלק: אַ דימענט, ניט קיין מענטש.

יעדער שרײַבער וואָלט זיך געוויס געוווּנטשן אָנצושרײַבן אַ קינסטלעריש ווערק מיט פרומקינען אַלס אַ העלד. אין אַזאַ ווערק וואָלטן מיר געזען אַ מענטשן מיט אַלע מײַלעס. דאָ ליגט אָבער אויך אַ גרויסע שוועריקײַט. פרומקין איז דורכויס ליכט. קעדיי באַנעמען,

דערזען דאָס ליכט, איז נייטיק א שטיקל שאָטן, א פּיצל טונקלקייט, וואָס זאָל די ליכטיקייט אונטערשטרייכן.

דאַרף מען גיין זוכן בא פּרומקינען א שאָטן. צי וועט עס אָבער ניט זײַן אומזיסט? און אויסער דעם... פּרומקין זעט מיר אויס ווי א לייטער מיט בריליאַנטענע טרעפּלעך — א שאָד איבער דעם צו טרעטן.

און דאָך... לאָמיר פּרוּוון.

איינער פון די גרונט-שטריכן פון אָט דעם מענטשן איז געווען באַשיידנקייט. באַשיידנקייט אָן א מאָס באַקומט שוין גאָר אן אַנדער קוואַליטעט.

אוראַם פּרומקין איז געווען אן אינטערעסאַנטער, טאַלאַנטפולער שרייבער. זײַן שאַפונג האָט אין זיך געהאַט דינע פּסיכאָלאָגישע שטריכן פון מענטשלעכן שטייגער-לעבן, דערצו א לעבעדיקע, אויסדריקלעכע שפּראַך. זײַנע פּערסאָנאַזשן זײַנען אינטעלעקטועלע מענטשן, מיט א געפיל פון היסטאָרישער פאַרגאַנגענהייט און מיט פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער צוקונפט. אלס שרייבער, האָט ער געהאַט אלע רעכט אַרויסצוגעבן א באַנד פּראָזע. פון א געוויסן שטאַנדפּונקט האָט ער דאָ געהאַט געוויסע פּאַרצוגן. ער איז געווען איינער פון די גרונט-טוער, רעדאַקטאָרן פונעם „עמעס"-פאַרלאַג. א לענגערע צײַט האָט ער אָנגעפירט מיטן אָפּטייל פון סאָוועטישער יידישער ליטעראַטור. אָבער דאָ קומט אָן די באַשיידנקייט, וואָס האָט אים געשטערט, די באַשיידנקייט, וואָס האָט אים אונטערגעזאָגט: עס פּאַסט ניט. זאָלן פריער אַנדערע זיך דרוקן. וואָרעם וואָס וועט זיך באַקומען: „איך דרוק מײַנע אייגענע ביכער"...

ער איז געבליבן אָן א געדרוקטן בוך.

און וויפל מיר, זײַנע כאַווירים, האָבן מיט אים גערעדט וועגן דעם, פלעגט ער שמייכלען. צי געדענקט איר ניט, כאַווירים, פּרומקינס שמייכל? דעם ליכטיקן שמייכל, וועלכער פלעגט טײַנען: איר זײַט גערעכט, אָבער איך בין אויך גערעכט...

פּרומקין איז געווען א מענטש פון אכרײַעס. אלץ פלעגט ער טאָן מיט ערנסט און מיט געוויסן. אזוי איז ער געווען אלס רעדאַקטאָר, אלס צונויפשטעלער פון ביכער, אלס קאָמענטאַטאָר פון ווערק. אזוי איז ער געווען אין זײַן שעפערישער טעטיקייט. ס'איז באַוווסט, אז אכרײַעס, ערנסטקייט, געוויסן איז דער יעסאָד פון דער שעפערישער אַרבעט פונעם שרײַבער. שטענדיק האָט פּרומקינען געדוכט, אז ער איז נאָך ניט פּאַרטיק, ער האָט זיך נאָך ניט דערגרונטעוועט. אָפטמאָל פלעגט ער דערפאַר אָפּלייגן איין זאַך און זיך נעמען פאַר א צווייטער. וועגן דעם האָבן מיר ניט איין מאָל געשמועסט.

עס פלעגט טרעפן, אז מיר גייען אַרויס צוזאַמען פונעם פאַרלאַג „עמעס", איך באַגלייט פּרומקינען ביז כילקאָוו-גאַסל. אין איינעם אזא שפּאַציר, איך געדענק אפילע, אז געווען איז עס אָף דער מעטראָסטראָי-גאַס, האָט ער מיר דערציילט וועגן א טײַנע, וואָס ער האָט געהאַט צו איינעם א שרײַבער. ער האָט דעם שרײַבער פאָרגעוואָרפן, אז יענער ברענגט אין דער ליטעראַטור ניט קיין ברויט, נאָר ראַשטשינע, וואָס צעגייט אונטער די פינגער.

אוראַם פּרומקין האָט זיך שטאַרק געהיט פאַר ראַשטשינע. ער האָט געפילט פאַראַנטוואָרטלעכקייט. דערפאַר אָבער פלעגט טרעפן, אז ער אליין האַלט דאָס ברויט צופיל אין אויוון. עס נעמט אפילע ברענען.

איך האָב אים וועגן דעם געזאָגט. אָף זײַן שיינעם פּנים באַווײַזט זיך א שמייכל. איך זע שוין זײַן ענטפער. איך באַנעם: גערעכט ביסטו, נאָר...

אין דעם אלמאַנאַך „היימלאַנד" נומער 5 פאַרן יאָר 1948 איז אָפּגעדרוקט פּרומקינס א גרעסערע דערציילונג „זאַלמען". ווי איך און נאָך עטלעכע כאַווירים האָבן געוווסט, איז עס אן אויסצוג פון א ראָמאַן, וואָס פּרומקין האָט פאַרטראַכט. ווען די דערציילונג איז געווען אָפּגעדרוקט, איז זי מיר נאָך מער געפעלן געוואָרן, איידער אין מאַנוסקריפּט. האָב איך וועגן דעם געזאָגט פּרומקינען דורכן טעלעפאָן. א רגע האָט ער געשוויגן, דערנאָך האָט ער מיט א ציטערדיקער שטים געפרעגט, צי מיין איך עס ערנסט, צי עפּשער וויל איך אים צוליב טאָן מיט א גוט וואָרט. און ווען איך האָב נאָכאַמאָל איבערגעכאַזערט דאָס זעלבע, האָב איך דורכן טעלעפאָן געפילט זײַן פרייד. די ליטעראַטור-קריטיק האָט זייער ווינציק זיך אַרויסגעזאָגט וועגן זײַן שאַפונג. בא זײַן לעבן זײַנען זײַנע ווערק אין א בוך-פאָרם ניט דערשינען.

הילעל אַלעקסאַנדראָוו

אַ סאַך פֿון אונדז זײַנען געווען הילעל אַלעקסאַנדראָוס שילער. זײַן נאָמען האָב איך געקענט פֿון לאַנג. פּערזענלעך האָבן מיר זיך באַקאַנט מיט העכער צען יאָר פֿאַר זײַן טויט אין פּאַלאַנגע. און אין משך פֿון צען יאָר פֿלעגן מיר זיך קימאַט יעדן זומער באַגעגענען בײַם באַלטישן ים. לאַנגע שעהען פֿלעגן מיר שפּאַצירן אין סאָסנאָוון וואַלד אָנטקעגן זײַן דאַטשע, אָדער אויף דעם פּליאַזש אין די פֿאַרנאַכטן. אַ סאַך פֿראַגן האָבן מיר אָנגערירט אין די שמועסן. און אַלעמאָל פֿלעג איך פֿון די דאָזיקע געשפּרעכן מיט עפּעס באַרײַכערט ווערן. הילעל אַלעקסאַנדראָוו איז געווען אָנגעפּילט מיט וויסן, מיט קענטשאַפֿט, געהאַט אַ גלענצנדיקן זכּרון.

זײַענדיק בעצמו אַ חכם, האָט ער קיינמאָל ניט אַרויסגעוויזן, אַז ער ווייסט מער פֿון אַנדערע, פֿאַרקערט, ער האָט שטענדיק זיך געסטאַרעט אונטערשטרײַכן די קענטענישן פֿון זײַן מיטשפּרעכער.

ער האָט מיר דערציילט וועגן פּעטערבורג אין דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווי ער האָט געהאַט פֿאַרבינדונג מיט גרויסע געזעלשאַפֿטלעכע טוער, וועגן זײַן געבוירן־שטאָט באָברויסק, ווו ער איז געוואַקסן און זיך געלערנט, וועגן זײַן אַרבעט אין די מינסקער קולטור־אַנשטאַלטן. ער האָט דורכגעמאַכט אַ רײַך לעבן מיט פֿרייד און לייד.

די דירע אין פּאַלאַנגע, ווו ער האָט געוווינט, איז געווען אַ צענטער, וווּהין יעדער קולטור־מענטש פֿלעגט האַלטן פֿאַר זײַן חובֿ אַרײַנצוקומען. אַ סאַך יאָרן איז געווען אַ מינהג זיך צונויפֿקלײַבן אין פּאַלאַנגע בײַ הילעל אַלעקסאַנדראָוון. שרײַבער פֿלעגן פֿאַרלייענען זייערע ווערק. אַלעקסאַנדראָוו האָט באַקאַנט די נײַגעריקע מיט זײַנע היסטאָרישע פֿאָרש־אַרבעטן.

אין אויגוסט 1970 האָבן מיר אין פּאַלאַנגע געפּראַוועט זײַן אַכציקיאָריקן געבוירנטאָג. ער איז געווען זייער אָפּטימיסטיש, פֿול מיט האָפֿענונג און פּלענער.

אין אַדרעס, וואָס מיר האָבן אים אונטערגעטראָגן, איז געווען געשריבן:

„דאָס אַלטע באַוווּסטע ווערטל „שמונים לגבורה" האָט טאָמיד אַרויסגערופֿן פֿאַרוווּנדערונג. דאָרט ווערט געזאָגט: זעכציק צו אַלטקײַט, זיבעציק צו גרויסקײַט, אַכציק צו גבֿורה... ווי דאַרף מען עס פֿאַרשטיין? אַז מע באַקאַנט זיך מיט אײַך נעענטער און מע זעט אײַך אין אײַער אַרבעט, אין טאָגטעגלעכן לעבן, ווערט קלאָר, אַז, עמעס, ניט צו אַלעמען קאָן דער פּסוק אָנגעווענדט ווערן, אָבער צו אײַך געוויס!"

צום גרויסן באַדויערן זײַנען די יאָרן זײַנע אײַנגיכן אויסגעגאַנגען. אָבער די אָפּגעטאָנענע אַרבעט בלײַבט. מיט אַרבעט איז הילעל אַלעקסאַנדראָוו געווען פֿאַרנומען אַ גאַנץ לעבן. דאָס זעט מען פֿון זײַנע בריוו. אין אַ בריוו פֿון 21 דעקאַבער 1968 שרײַבט ער:

„איך האָב אָנגעהויבן זיך פֿאַרנעמען מיט אַן אַרטיקל וועגן צינבערגס „געשיכטע". מאַכט זיך אַזוי, אַז איך שטויס זיך אָן אויף אַ מציאה — אַ פּעקל בריוו צו צינבערגן, וואָס איז פֿאַרצייכנט אונטערן טיטל „בריוו פֿון ניט־באַוווּסטע פּערזאָנען". האָט זיך מיר פֿאַרוואָלט „טרעפֿן", ווער זײַנען זיי — און ס'האָט זיך מיר אײַנגעגעבן פֿעסטצושטעלן די פֿאַמיליעס פֿון אַלע קאָרעספּאָנדענטן. דאָס, פֿאַרשטייט זיך, האָט אָפּגענומען צײַט, נאָר אײַנציַיטיק געגעבן מאַטעריאַל פֿאַר אַ קליין אַרטיקעלע, וואָס איך האָב פֿריִער ניט פֿאַרגעזען. אין די נאָענטסטע טעג וועל איך עס אָפּשיקן אין זשורנאַל צוזאַמען מיט עטלעכע בריוו פֿון ווײַטערן, שטיפֿן אא., בריוו, וואָס האָבן אַ היסטאָריש־ליטעראַרישע באַדײַטונג, און איך וועל זיך ווײַטער נעמען פֿאַרן אַרטיקל וועגן צינבערגס „געשיכטע"...

אַ צווייטער בריוו פֿון דעם זעלבן יאָר.

„בײַ מיר אין קאָפּ ווערט רײַף אַן אַרטיקל וועגן צינבערגן אַלס פֿאָרשער פֿון ליטעראַטור־געשיכטע; אין יאָר 1969 ווערט דרײַסיק יאָר נאָך זײַן טויט. איך האָב וועגן דעם געשריבן רעמעניקן און איך וואַרט אויף זײַן פּרינציפּיעלער האַסכּאָמע. מײַן זומערדיקע אַרבעט וועגן די אויטאָביִאָגראַפֿישע נאָטיצן פֿון פּרישמאַנען, שניירערן, פֿייגענבערגן האָב איך אים אָפּגעשיקט מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק.

די געדאַנקען וועגן די וואָרצלען פֿון אונדזער וועלטלעכער קולטור לאָזן מיך ניט אָפּ, איך לייען און טראַכט פֿיל וועגן דעם. דערווײַל איז עס אין דער סטאַדיע „תורה שבעל פּה".

א בריוו אָן אַ דאַטע. לויטן שטעמפּל אויפֿן קאָנווערט איז עס 1966.

„קומענדיק קיין לענינגראַד, בין איך, לעמאָשל, גלײַך אַרײַנגעקראָכן אין די אַרכיוו־ענינים. און אַן אַרכיוו, דאַרפֿט איר וויסן, האָט אַ מיִעסע טעווע — הייבסט זיך אָן פֿאַרנעמען מיט אַ באַשטימטן

איניען, גלײַך שטויסטו זיך אָן אָף א טשיקאוון פראט, וועלכער פארכאפט דיך אינגאנצן, און אייביקע טעג פארנעמסטו זיך מיט דעם, ניט ווילנדיק עס פארלירן.

פונדעסטוועגן דארף מען זיך נעמען אין די הענט און אָפּשטעלן זיך אָף א באשטימטן מאטעריאל. אין דער ערשטער ריי — דער מענדעלע־מאטעריאל, נעמענדיק אין אכט, אז דאָס קומענדיקע יאָר וועט זײַן א מענדעלע־יאָר. דאָ וועט מיר אויסקומען א זוך טאָן בא גאָטלאָבערן״...

נאָך א בריוו, און אָן א דאטע. לויטן שטעמפּל — 1967.

„דער טויט פון מוישע טייף גייט בא מיר און בא מײַן פרוי פון זינען ניט ארויס. איך דערמאָן אָפּט דעם רעדאקטאָר פון „אָקטיאבער״ אָשעראָוויטשן, וועלכע פלעגט זאָגן וועגן אים אין די צוואנ־ציקער יאָרן: „א שטיפער א יינגל, נאָר עפּעס וועט פון אים ארויסקומען״. איז אָט דאפקע איצט, ווען ער איז שוין געוואָרן „עפּעס״, האָט ער א שטיף געטאָן. נאָר וואָס קאָן מען מאכן — מיר זײַנען דאָך ניט מער ווי פּאָשעטע באַסער־ווערדאָמס...״

מ ו י ש ע   ט י י ף

פאראן מענטשן, וואָס דו האָפסט זיי נאָך טרעפן אין לעבן, כאָטש זיי זײַנען שוין פון אונדז אָפּגעשיידט. צי דערפאר, וואָס דאָס לעבן נייטיקט זיך אין אזעלכע מענטשן, צי ווײַל זייער אוועקגיין פון אונדז איז געווען ניט בארעכטיקט. ווי דאָס זאָל ניט זײַן, נאָר מיר דערמאָנען זיך אין זיי, ווי אין לעבעדיקע.

איינער פון אזעלכע מענטשן איז מוישע טייף. דאָס קאָן געשען אָף דער רוישיקער קיראָוו-גאס, בא דער רעדאקציע פון „סאָוועטיש היימלאנד״, אָדער אין א שטיל געסל אין דאָרעם-מײַרעוודיקן ראיאָן פון מאָסקווע, בא דעם דיכטערס וווינונג. צי דאָ, צי דאָרטן, נאָר ער קאָן אומגעריכט אָנקומען אנטקעגן, אליין אָדער מיט זײַן פרוי עסטער. גיין וועט ער, ווי אין די לעצטע יאָרן, ניט געײַלט, פּאמעלעך, ווײַל דאָס הארץ לאָזט ניט. און ווי אלעמאָל, וועט זײַן דער אײַנדרוק, אז גיין וויל ער גיכער, זיך לאָזן פאָרויס. און אויב דאָס וועט זײַן איבער די קוּיכעס, וועט ער שטיין א רעגע און גלײַך נאָך דעם מאכן געציילטע טריט — אהין און אהער.

אין די לעצטע יאָרן איז מ. טייף געווען זייער שפּעריש. אָפּט האָט זיך געדוכט, אז ער אײַלט זיך, ער דארף נאָך א סאך באווײַזן און האָט מוירע צו פארשפּעטיקן. דער שפּע־פערישער טעמפּעראמענט האָט אים געשטויסן צו באוועגונג, צו פארגעסן אין דעם מידן, אויסגעהאָרעוועטן הארץ, ער האָט געקומען ניט נאָר גיכער גיין, נאָר זיך אפילע אײַלן.

אזוי האָט פּאסירט אין לעצטן טאָג פון זײַן לעבן.

נאָך דעם, ווי זײַן איבערזעצונג פון „שיר־השירים״ האָט געהאט גרויס דערפאָלג, האָט אים ניט געלאָזט רוען דער פארלאנג צו איבערזעצן א ריי אנדערע מעגילעס, אין דער ערשטער ריי — מעגילע רוט. ער איז געוואָרן ייִנגער, באוועגלעכער. זײַן שפּעריי־שער אופשטײַג איז צונויפגעפאלן מיט ערעוו א מישפּאָכע-סימכע. ער האָט פארגעסן, אז זײַן הארץ טאָר מען ניט איבערלאָדן. און דאָס הארץ אליין, אפּאָנעם, האָט אויך פארגעסן, וואָס מע מעג און וואָס מע טאָר ניט.

דעם 23 דעקאבער 1966 האָב איך באגלייט אינדערפרי מײַן אייניקל אין שול ארײַן. ווען איך האָב זיך אומגעקערט צוריק אהיים, האָב איך אָף די טרעפּ באגעגנט מוישען (מיר זײַנען געווען שכיינים אינעם הויז נומ. 22 אפן ווערנאדסקי-פּראָספּעקט).

— הא, זיידעניו, אָפּגעפירט דאָס אייניקל? — האָט ער א פרײלעכער געזאָגט.

— אָפּגעפירט. וואָס עפּעס אזוי פרי, מוישע?

— איך דארף באקומען ביכער...

לאָזט זיך אויס, ער פארגרייט דעם נייטיקן מאטעריאל צו איבערזעצן די מעגילע רוט. און אין א גוטן געמיט האָט ער זיך אראָפּגעלאָזט פון די טרעפּ.

די ביכער האָט ער געבראכט, גערעדט מיט דער פרוי דורכן טעלעפאָן און זיך פריי־לעך געזעגנט, געוואָרט אפן כאָסן פון דער טאָכטער, וועלכער האָט געדארפט קומען. און א ביסל שפּעטער, ווען די טאָכטער מיטן כאָסן זײַנען געקומען, איז ער שוין ניט געווען...

דער פול אָנגעלאָדענער טאָג מיט שפּעריי־שער מי, מיט דערוואַרטן נאכעס, מיט איבע־ריקער באוועגונג, האָט געבראכט דערצו, אז דאָס הארץ האָט ניט אויסגעהאלטן.

יודל יאַפע

פּאַלאַנגע. ווען דער וועטער איז א גוטער, איז מען דאָ שטאַרק פאַרנומען מיט גיין צום יאַם, מיט גיין אין וואַלד און צוריק פון וואַלד, מיט עסן, מיט טרינקען, מיט שפּאַצירן. אָבער עס פאַלט אויס א טאָג, ווען דער יאַם שטורעמט און דער הימל רעגנט, דעמלט איז פאַראַן גענוג פרייַע צייַט, עס קומען אַן געדאַנקען, דערמאָנונגען. הייַנט האָב איך זיך דערמאָנט אין דעם שרייַבער יודל יאַפע.

איך האָב געטראַכט: צי איז טאַקע ריכטיק, וואָס מע זאָגט, אז קעדיי א שרייַבער זאָל ניט פאַרגעסן ווערן, איז נייטיק, אז נאָך אים זאָל בלייַבן א מישפּאָכע, נאָענטע פרייַנט, דעריקער אזעלכע, וואָס זאָלן קאָנען מאָנען און דערמאָנען.

פּאַסקענען די דאָזיקע שייַלע נעם איך זיך ניט אונטער. נאָר וויבאַלד אזוינס קומט אַפּן געדאַנק, איז עס שוין ניט אזוי פּאַשעט. און דערצו דאַרף מען טאַקע האָבן מאַזל. וועגן יודל יאַפען האָט מען געגומען פאַרגעסן. און פאַרגעסן וועגן אים איז אַן אוולע. ער איז געווען א טשיקאַווע פיגור אין אונדזער ליטעראַטור.

סטעפאַן צוויַיג, ריידנדיק וועגן מאַקסים גאָרקין, זאָגט, אז ביז אים (ביז גאָרקין) זייַנען די שעפער פון דער רוסישער ליטעראַטור געווען פּאַרשטייער פונעם אדל. מיט מאַקסים גאָרקין איז אַלס שעפער פון דער ליטעראַטור געקומען דאָס פאָלק.

אויב מיר זאָלן דעם דאָזיקן געדאַנק אָנווענדן צו דער יידישער ליטעראַטור, דאַרפן מיר זאָגן, אז די יידישע ליטעראַטור איז גלייַך פון אָנהייב געשאַפן געוואָרן דורך פּאָלקסמאַסן. איינער פון זיי איז יודל יאַפע.

וואָס ווייס איך וועגן יודל יאַפען? ווייניק. אנדערע ווייסן עפּשער באַר ווינציקער. אין דער פריִער קינדהייַט איז ער געבליבן א קיילעכדיקער יאָסעם. ער האָט זיך אופגעהאָדעוועט בא א שוועסטער אין ביעזשין. א שווערע קינדהייַט און א שווערע יוגנט האָט ער דורכגעמאַכט. ער האָט ניט געוווּסט געגוי דעם טאָג פון זייַן געבוירן. קיינער האָט אים קיין געבורטסטאָג ניט געפּראַוועט. ווי ער אליין האָט מיר דערציילט, האָט ער זיך אויסגעלערנט לייענען רוסיש פון די שילדן אף די געשעפטן, שפּעטער, ווען ער איז געוואָרן א שנייַדער, איז זייַן בילדונג צו אים געקומען דורך לייענען ביכלעך.

לויטן פאַך — א שנייַדער, אָבער זייַן עמעסער באַרוף איז געווען קונסט: שרייַבערייַ און שניצערייַ. ניט לייַכט איז אים אָנגעקומען צו ווערן א שריפטשטעלער. ער איז געווען טאַלאַנטפול, אָבער פאַרמאָגט ווינציק קולטור, ווייניק בילדונג. זייַנעם א מאַנוסקריפּט איז געווען ניט לייַכט פאַנאַנדערצוקלייַבן. ער האָט געטראָגן אין זיך א גרויסע קינסטלערישע אָנלאָדונג פון געזעענעם און איבערגעלעבטן. און ער האָט זייַנס דערגרייכט.

אין דער ליטעראַטור האָט אים אריינגעפירט ש. ניגער, וועלכער האָט אָפּגעדרוקט אין דער „יידישער וועלט" זייַן גרעסערע דערציילונג „דאָס איידעמל" — אַן אינטערעסאַנט ווערק, וואָס גיט א בילד פון נאָך דער רעוואָלוציע פון 1905, ווען אייניקע געוועזענע „קעמפער" ווערן איידעמלעך בא רייַכע באַלעבאַטים.

די אָקטיאַבער-רעוואָלוציע האָט אים געגעבן די מעגלעכקייַט זיך פאַרנעמען מיט ליטעראַטור, ווי מיט זייַן גרונט-אַרבעט. דער בוך „אין קעסל-גרוב", וועלכן ער האָט ארויסגעגעבן אין מאָסקווע, האָט אָפּגעשפּיגלט די יאָרן פונעם בירגערקריג אין אוקראַינע.

יודל יאַפען גיט זיך אייַן צו מאָלן אין זייַנע ווערק פּאָרטרעטן, געבן כאַראַקטער-שטריכן, שטייגער-בילדער, אָנגעזאַפּט מיט מענטשלעכער פּסיכאָלאָגיע. די זעלבע שרייַבערישע אייגנשאַפט זייַנע זעען מיר אויך אין דעם בוך „אין גרויסן נעפּ-הויף". אייניקע ווערק יאַפעס זייַנען איבערגעזעצט אף רוסיש.

ער איז געווען אַן אינטערעסאַנטער מיטשפּרעכער. ניט געקוקט אף זייַן שווערלעך אַרט ריידן, פלעגט ער דערציילן בילדעריש, פול מיט הומאָר. געשטאָרבן איז ער אין דער צייַט פון דער מילכאָמע.

אונדזער כיוו איז אופצושטעלן א געגוי בילד פון דער סאָוועטישער יידישער ליטעראַטור. אירע אָנטיילנעמער, אירע שעפער דאַרף מען מיט קאָוועד דערמאָנען, דערציילן וועגן זיי און וועגן זייערע ווערק.

■ ■ ■

אין אן אײנהײטלעכער פֿרײַנטלעכער משפּחה

טעג פֿון דער סאָוועטישער ליטעראַטור געווידמעט דעם 50־יאָריקן יובילײ פֿון דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט

אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם 50-יאָריקן יובילײ פֿון דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט איז קיין בירָאָבידזשאַן געקומען צופֿאָרן אַ שרײַבער-גרופּע, בעראָש מיטן סעקרעטאַר פֿון דער פֿאַרוואַלטונג פֿונעם שרײַבער-פֿאַרבאַנד פֿון פֿססר, דעם הויפּט-רעדאַקטאָר פֿונעם זשורנאַל „מאָלאָדאַיאַ גוואַרדיאַ" אַנאַטאָלי אי-וואַנאָוו, אויטאָר פֿון די פּאָפּולערע ביכער-עפּאָ-פּייעס „די שאָטנס פֿאַרשווינדן נאָך האַלב-טאָג" און „דער אייביקער רוף".

אין באַשטאַנד פֿון דער שרײַבער-בריגאַ-דע זײַנען אַרײַן אָנגעזעענע פּאָעטן, פּראָזאַי-קער, דראַמאַטורגן — מאַרק סאָבאָל, וולאַדי-מיר סאַנגי פֿון מאָסקווע, דער מיטגליד פֿון דער רעדקאָלעגיע פֿונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" הערשל פּאָליאַנקער (קיִעוו), מאַיאַ באָריסאָווא (לענינגראַד), נ. גנאַטיוק (אוקראַי-נע), פּ. מאַקאַל (ווײַסרוסלאַנד), נ. גאַבריטשידזע (גרוזיע), ניקאָלײַ נאַוואָלאָטשקין, הויפּט-רע-דאַקטאָר פֿונעם זשורנאַל „דאַלני וואָסטאָק" (כאַבאַראָווסק), דער דיכטער פֿון פּעטראָזאַ-וואָדסק לעוו לעווינסאָן און אַנדערע שרײַ-בער — פֿאָרשטייער פֿון פֿאַרשיידענע רעפּו-בליקן.

„ברידערשאַפֿט פֿון פֿעלקער — ברידער-שאַפֿט פֿון ליטעראַטור" — אונטער דעם דאָזיקן דעוויז זײַנען דורכגעגאַן אין דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט די טעג פֿון דער סאָוועטי-שער ליטעראַטור, וועלכע האָבן זיך אָנגעהויבן דעם 17 מײַ מיט אַ גרויסן ליטעראַרישן אָוונט, געווידמעט דעם יובילײ אינעם בירָאָבידזשאַ-נער שטאָטישן קולטור-פּאַלאַץ.

אין איר אַרײַנפֿיר-וואָרט האָט דער סעק-רעטאַר פֿון געגנטקאָם פֿון דער פּאַרטיי איִרינאַ סטרעלקאָוואַ דערציילט וועגן דעם דורכגעגע-מאַכטן וועג פֿון דער געגנט אין מעשך פֿונעם האַלבן יאָרהונדערט.

אַנאַטאָלי איוואַנאָוו, וועלכער האָט גע-פֿירט דעם ליטעראַרישן אָוונט, האָט אין נאָמען פֿון די געסט באַגריסט די בײַוועזנדע מיטן פֿאָרשטייענדיקן גאָלדענעם יובילײ. ער האָט צווישן אַנדערס געזאָגט:

— ווען איך בין ניט לאַנג צוריק געווען אין באַשטאַנד פֿון אַ סאָוועטישער שרײַבער-דעלעגאַציע אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן, האָט איינער אַ ליטעראַט, אַ ניט זייער קאָמפּעטענ-טער אין די פֿראַגן פֿון דער סאָוועטישער לי-טעראַטור, געפֿרעגט, פֿאַרוואָס עס ווערן ניט אין סאָוועטנפֿאַרבאַנד אַרויסגעגעבן ביכער פֿון ייִדישע שרײַבער אויף זייער מוטער-שפּראַך. איך האָב דערקלערט, אַז בײַ אונדז אין לאַנד לעבט און איז טעטיק אַ ליטעראַטור אויף 78 שפּראַכן פֿון פֿאַרשיידענע פֿעלקער, און אַז אַלע בירגער פֿון פֿססר, אָן אונטערשייד פֿון זייער נאַציאָ-נאַליטעט, האָבן אַלצייניקע רעכט און אַלצייניקע פֿליכטן. ביכער אויף דער ייִדישער שפּראַך, וואָס דערשײַנען אינעם גרעסטן מאָסקווער פֿאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל", קאָן מען זען אין די ביכער-קראָמען און אין די ביבליאָטעקן, באַ-נאַנד מיט די ביכער, געדרוקטע אין דער רוסי-שער, אוקראַיִנישער, קאַזאַכישער, גרוזינישער און אַנדערע שפּראַכן פֿון די פֿעלקער פֿון אונ-דזער לאַנד.

דאָ, בײַ אָט דעם פּרעזידיום-טיש, — האָט ווײַטער פֿאָרגעזעצט א. איוואַנאָוו, — זיצן צוויי רעדקאָלעגיע-מיטגלידער פֿונעם זשורנאַל „סאָ-וועטיש היימלאַנד", וועלכער דערשײַנט אין מאָסקווע אויף ייִדיש. איינער פֿון זיי איז דער שרײַבער בוזי מילער, אַ טוישעוו פֿון אײַער וווּנדערלעכער געגנט, און דער קיִעווער ראָ-מאַניסט הערשל פּאָליאַנקער — יעדערער פֿון זיי איז אַן אויטאָר פֿון פֿיל ביכער, דערשינענע סײַ אויף דער מוטער-שפּראַך, סיי אין דער איבערזעצונג אויף רוסיש און אוקראַיִניש.

— טײַערע פֿריינט, — ווענדעט זיך הערשל פּאָליאַנקער צו די בײַוועזנדע אויף ייִדיש, — אײַער שטאָט, וואָס האָט זיך אַזוי ראַכוועסדיק צעשפּרייט אויף די ברעגן פֿון דער

בירע, איז מיר ליב געוואָרן, ווי נאָר איך בין אראָפּגעקומען אהער.

ה. פּאָליאנקער גיט איבער אלס מאטאָנע דעם אָקאָרשט דערשינענעם מײַ-נומער פונעם זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד", וועלכער איז אינגאנצן געווידמעט דעם 50-יאָריקן יובילײ פון דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט.

און אָט קלינגט שוין אין זאל די גרוזינישע שפּראַך. עס טרעט ארויס די פּאָעטעסע פון טביליסי נעלי גאבריטשידזע, און אזוי, בײַטנדיק זיך אף דער טרעבונע אײנער נאָכן אנדערן, לײענען זײערע ווערק פּאָעטן, וועלכע שאפן אף פארשידענע שפּראַכן.

זײערע לידער לײענען די דיכטער יעווגעני אנטאָשקין און יעווגעני נעפּיאָדאָוו, די לענינגראַדער פּאָעטעסע מאיא באָריסאָווא. עס טרעט ארויס דער גאסט פון פּעטראָזאַוואָדסק (קארעליע) לעוו לעווינסאָן. אף זײַן מאמע-לאָשן, אף דער נאנאישער שפּראַך לײענט זײַנע ווערק דער ווײַטמיזרעכדיקער דיכטער אנדריי פּאסאר.

— פונעם גראָוון דניעפּער, פון די זינגעוודיקע קארפּאטן — רופט אויס די פּאָעטעסע פון וויניצע נינע גנאטיוק, — נעמט צו אונדזער הייסן גרוס. — אירע לידער וועגן די שניי-בלימעלעך, וואָס זײַנען אויסגעוואקסן אין די בערג פון קירגיזיע „סײאגול" ווערן אופגענומען מיט באגײַסטערונג.

און אָט קלינגט שוין פון דער טריבונע די ווײַסרוסישע שפּראַך. עס טרעט ארויס דער דיכטער פּעטרוס מאקאל (מינסק).

ניווכן איז א פעלקערשאפט, וואָס לעבט בא די ברעגן פונעם אמור און אף סאכאלין. ביז דער אָקטיאבער-רעוואָליוציע האָבן זײ אפילע קײן אײגענעם שריפט ניט געהאט. איצט זײַנען פאראן ניווכן — פּעדאגאָגן, דאָקטוירים, אינזשענערן, געלערנטע, ארטיסטן און ליטעראטן. וולאדימיר סאנגע, וועלכער איז ארויסגעטראָטן אף די שעפערישע באגעגענישן אין ביראָבידזשאן, איז אײגנטלעך דער גרונטלײגער פון דער ניווכישער ליטעראטור — דער שעפער פונעם ניווכן-אלעפבייס. ער איז גלײַכצײַטיק דער אווטאָר פון באוווּסטע בא אונדז אין לאנד ראָמאנען, דערציילונגען און לידער. שוין דאָס אלײן איז אן איבערצײַגעוודיקער בײַשפּיל פון דער סאָוועטישער נאציאָנאלער פּאָליטיק.

אין בוזי מילערס ארטיקל „זײַט געגריסט, טײַערע פרײַנט!", וואָס איז פארעפנטלעכט געוואָרן אין די צײַטונגען „ביראָבידזשאנער שטערן" און „ביראָבידזשאנסקאיא זוועזדא" איז צווישן אנדערס געזאָגט:

— די אײנהײַט פון די פעלקער בא אונדז אין לאנד שטעלט מיט זיך פאָר א ניט געוואקלטן יעסאָד פאר דער ברידערלעכקײַט פון די ליטעראטורן. שוין אין פארלויף פון א האלבן יאָרהונדערט אנטוויקלט זיך אף די ברעגן פון דער בירע און בידזשאן, ווי אינעם גאנצן פארבאנד, די ייִדישע ליטעראטור באנאנד מיט דער רוסישער, באנאנד מיט די ליטעראטורן פון די קלײנע פעלקערשאפטן פון צאָפן און פונעם ווײַטן מיזרעך. די שרײַבער פון דער געגנט גיבן ארויס זײערע ביכער אין דער מוטערשפּראַך ייִדיש אין דער רוסישער איבערזעצונג אין די מאָסקווער און כאבאראָווסגער פארלאגן. מיט באפרידיקונג דערמאָנען מיר זיך הײַנט, אז צווישן די ערשטע שרײַבער, וועלכע האָבן באזוכט די יונגע געגנט זײַנען געווען אלעקסאנדער פאדייעוו און יעווגעני פּעטראָוו, די ייִדישע שרײַבער דאָוויד בערגעלסאָן, פּערעץ מארקיש, ארן קושניראָוו, איציק פעפער, שמועל האלקין און אנדערע. אלע האָבן זײ געווידמעט די בויער פון דער געגנט זײערע דערציילונגען, לידער, פּאָעמעס.

דאָ אין ביראָבידזשאן האָבן אָנגעהויבן זײער שעפערישן וועג עמאנויל קאזאקעוויטש און ארן ווערגעליס".

שליסנדיק דעם ליטערארישן אָוונט, האָט דער סעקרעטאר פון געגנטקאָם פון דער פארטיי אי. סטרעלקאָווא ווארעם באדאנקט די שרײַבער, וועלכע זײַנען געקומען אפן יאָמטעוו פון דער סאָוועטישער ליטעראטור, געווידמעט דעם 50-טן יאָרטאָג פון דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט, און האָט זײ געווונטשן נײַע שעפערישע דערפאָלגן.

די צײַטונגען „ביראָבידזשאנער שטערן" און „ביראָבידזשאנסקאיא זוועזדא" האָבן פארעפנטלעכט פולע באריכטן וועגן דעם ליטערארישן אָוונט, באלויכטן אלע באגעגענישן און ארויסטרעטונגען פון די געסט. די אָרטיקע פּרעסע האָט אויך געווידמעט דער דאָזיקער געשעעניש ליטערארישע זײַטן, אף וועלכע עס זײַנען אָפּגעדרוקט א שמועס מיטן אָנפירער פון דער שרײַבער-דעלעגאציע אנאטאָלי איוואנאָוו, אן ארטיקל פון מארק סאָבאָל און לידער פון די דיכטער מאיא באָריסאָווא, פּעטרוס מאקאל, לעוו לעווינסאָן, ארן ווערגעליס, אלעקסיי מארקאָוו, אנדריי פּאסאר, וולאדימיר סאנגי, ניקאָלײַ נאוואָלאָטשקין. די איבערזעצונגען אין ייִדיש האָבן געמאכט כ. בײדער און ו. קאָוויטש.

נאָך דעם פײַערלעכן אָוונט אינעם געגנטלעכן צענטער האָבן די שרײַבער זיך צעטײלט אף פיר גרופּעס און ארויסגעפאָרן אין אָבלוטשיער, אָקטיאברישן, סמידאָוויטשער און לענינסקער ראיאָנען פון דער געגנט, ווו זײ האָבן באזוכט קאָלווירטן און סאָווירטן, ארויסגעטראָטן אין די שולן פאר די שילער פון די

עלטערע קלאַסן, פאַר די אַרבעטער פונעם קאָמבינאַט „כינגאַנצין", פאַר די אײַזנבאַנלער פון אָבלוטשיע, פאַר די האָרעפּאַשניקעס, וואָס רוען זיך אָפּ אײנעם קוראָרט „קולדור", זיי האָבן דורכגעפירט ליטעראַרישע אָוונטן אין די דאָרפישע קלובן און אין קולטור-הײַזער.

נאָך דער נעסיע איבער דער געגנט האָבן די געסט ווידער זיך באַגעגנט מיט די אַרבעטנדיקע פון דער שטאָט ביראָבידזשאַן, וועלכע האָבן זיך פאַרזאַמלט אויפן יאָמטעוו פון דעם בוך. די באַגעגעניש האָט דורכגעפירט דער דירעקטאָר פון דער אַלפאַרבאַנדישער ביוראָ פאַר פּראָפּאַגאַנדירן די קינסטלערישע ליטעראַטור א. וולאַדימירסקי, וועלכער איז געקומען קיין ביראָבידזשאַן צוזאַמען מיט דער שרײַבער-גרופּע. אויף דער עסטראַדע פונעם שטאָטישן פּאַרק פאַר קולטור און אָפּרו, זײַנען ווידער אַרויסגעטראָטן די געסט.

אין אײנעם א טאָג, נאָך דער עקסקורסיע אויף דער לעגענדאַרער וואָלאָטשײַעווקער סאָפּקע, האָט א גרופּע שרײַבער באַזוכט דעם זאַוואָד „דאַלסעלמאַש". די זאַקן-טריקאָטאַזש פאַבריק און אַנדערע אונטערנעמונגען.

די אָנטײלנעמער פון די טעג פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור האָט אויפגענומען דער ערשטער סעקרעטאַר פונעם געגנטקאָם פון דער פּאַרטיי לעוו באָריסאָוויטש שאַפּיראָ.

— איך האָף, — האָט זיך געווענדט ל. ב. שאַפּיראָ צו די ליטעראַטן, — אַז אין אײַערע פּראָזאַישע און דיכטערישע ווערק וועט געפינען אָן אָפּשפּיגלונג דאָס, וואָס איר האָט געזען און דערפילט דאָ, אויף אונדזער ווײַטמיזרעכדיקער ערד.

— אונדזער הויפּט-אויפגאַבע, — האָט געזאָגט אין זײַן ענטפער-וואָרט אַנאַטאָלי איוואַנאָוו, — איז געווען ניט בלויז צו באַקאַנען די לייענער פון דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט מיט אונדזער שאַפונג, נאָר טאָן אַלץ, קעדיי די טעג פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור, געווידמעט דעם 50-טן יובילײ זינט עס איז אויסגעבילדעט געוואָרן די יידישע אויטאָנאָמע געגנט, זאָלן נאָך בוילעטער דעמאָנסטרירן די ברידערלעכקײַט פון די נאַציאָנאַלע ליטעראַטורן, די פעלקער-פרײַנטשאַפט בא אונדז אין לאַנד. מיר האָבן באַזוכט שטעט און יישווים, קאָלווירטן און סאָווירטן, פאַבריקן און זאַוואָדן, לערן-אַנשטאַלטן, געווען צוגאַסט בא די גרענעצלער. אומעטום האָבן מיר בעשײַמפערלעך געזען, וואָס פאַר א שפעריש און פולבלוטיק לעבן עס שפּרודלט דאָ אויף די ברעגן פון דער בירע און בידזשאַן. מיר זײַנען פול מיט גוטע אײַנדרוקן פון אײַער געגנט. ס'איז קיין ספק ניט, אַז די אַנטדעקטע פאַר א סאַך פון אונדז נײַע ערד וועט ווערן א סטימול אין אונדזער ווײַטערדיקער שאַפונג.

ל. ב. שאַפּיראָ האָט אונטערגעטראָגן דער שרײַבער-דעלעגאַציע א באַגריסונג-אַדרעס און אָנדענק-אַלבאָמען. מיט אַן אויטאָבוס-עקסקורסיע איבער דער שטאָט האָבן די שרײַבער זיך געזעגנט מיט ביראָבידזשאַן.

דער פּרעזידיום פונעם ליטעראַרישן אָוונט אין ביראָבידזשאַן. עס טרעט אַרויס אַנאַטאָלי איוואַנאָוו.
הערשל פּאָליאַנקער שמועסט מיט א גרופּע ביראָבידזשאַנער לייענער.

אין שײַכעס מיט דער נײַער אַבאָניר־קאַמפּאַניע

טײַערע לייענער, געזעלשאַפטלעכע פּאַרשפּרייטער פון „סאָוועטיש היימלאַנד"! ווידער טרעטן מיר צו צו דער יערלעכער אַבאָניר־קאַמפּאַניע אױפן זשורנאַל, װעלכע איז, אױסער אַלעם, א דורכקוק און מאָביליזאַציע פון דער לייענער־אַאודיטאָריע, וואָס עס פאַרמאָגט הײַנט די יידישע ליטעראַטור.

„סאָוועטיש היימלאַנד" איז, ווי באַוווּסט, א סטימולירנדיקער און דערציערישער פאַקטאָר. ס'איז קיין כידעש ניט, וואָס פאַר 25 יאָר, זינט דער זשורנאַל עקזיסטירט, איז, ניט געקוקט אויף די באַוווּסטע ספּעציפישע באַדינגונגען, זײַן לייענער־אַקטיוו פאַרהיט געוואָרן און אַפילע אויסגעוואַקסן. דאָס קומט פאַר סײַ אַדאַנק דער הויכער קוואַליטעט פון די זשורנאַל־נומערן, סײַ דערפאַר וואָס עס פילט זיך שוין א געוויסער צוּוואוּקס פון לייענער, וועלכע געהערן צום יינגערן דאָר. דער זשורנאַל באַפרידיקט די באַדערפענישן פונעם פאַראַנענעם לייענער און דערציט נײַע.

אײַער אופגאַבע, כאַשעווע ליבהאָבער פון דער יידישער ליטעראַטור, די אופגאַבע פון די געזעלשאַפטלעכע פאַרשפּרייטער, איז אַזאַ: אין גאַנג פון דער אַבאָניר־קאַמפּאַניע געפינען יעדן נײַעם לייענער, יעדן איינעם, וועלכער האָט ביז איצט ניט געוווּסט וועגן דער עקזיסטענץ פונעם זשורנאַל, אָדער האָט, איבער פאַרזענלעכע סיבעס, זיך נאָך מיט אים ניט באַגעגנט. אַזא מענטשן דאַרפט איר העלפן אויספאַרמירן די אַבאַנירונג.

ס'איז אויך וויכטיק צו באַוואָרענען, אז אין די קלענערע יישוּוים און אין די געוועזענע שטעטלעך, ווו די צאָל פּאָטענציעלע לייענער איז א באַגרענעצטע, זאָלן דאָך אַלע באַקומען דעם זשורנאַל. אויב, טײַערע פאַרשפּרייטער פון „סאָוועטיש היימלאַנד", איר וווינט ניט ווײַט פון אַזא יישעוו, בעטן מיר אײַך זיך מאַטריע זײַן און צופאָרן אהין, קעדיי אויסצופילן די אַבאָניר־אופגאַבע. טוט עס אויך בענעגייע אײַערע קרויווים, באַקאַנטע, שכיינים און געסט.

דער זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" איז אין סאַמע בלי. פון נומער צו נומער ווערט ער אינטערעסאַנטער און אינהאַלטסרײַכער. אָן אים קאָן זיך ניט באַגיין קיין ליבהאָבער פונעם יידישן וואָרט סײַ בא אונדז אין לאַנד, סײַ אין אויסלאַנד.

מיר האָפן, אַז ווי אין די פריערדיקע יאָרן, וועט אויך אין גאַנג פון דער איצטיקער אַבאָניר־קאַמפּאַניע, יעדער איינער, וואָס וועט האָבן דערגרייכונגען אינעם שאַפן און פאַרפעסטיקן לייענער פון „סאָוועטיש היימלאַנד", מיטיילן וועגן דעם דער רעדאַקציע.

די אַבאָניר־פרײַז פונעם זשורנאַל צוזאַמען מיט דער ביכער־בײַלאַגע — 9 רובל מיט 60 קאָפּ. א יאָר, פאַר א האַלב יאָר — 4 רובל מיט 80 קאָפּ.

מיר ווינטשן אײַך פאַרגעניגן פון דער אַפּגעטאַנענער אַרבעט.

רעדאַקציע און רעדקאָלעגיע
פון „סאָוועטיש היימלאַנד"

מאַטעריאַלן פאַר אַ לעקסיקאָן

פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור

קוויטקאָ, לייב
(1952—1890)

— דיכטער, פּראָזאַיִקער. געבוירן אין דאָרף האָלאָסקאָוו, לעבן מעדזשיבאָזש, פּאָדאָליער גובערניע, אין אַ מישפּאָכע פון אַן אײַנבינדער און לערער. פרי געבליבן אַ קײַלעכדיקער יאָסעם. אָנגעהויבן דאָס זעלבשטענדיקע לעבן אין עלטער פון 10 יאָר. געאַרבעט אין אַן איילמיל, געווען אַ פאַרבער, אַ טרעגער, געוואָגלט איבער אַ סאַך שטעט און שטעטלעך פון אוקראַיִנע. קיין ספּעציעלע שול־בילדונג ניט באַקומען. די ערשטע לידער פאַרפאַסט, ניט קענענדיק נאָך לייענען און שרײַבן. דעביוטירט מיט אַ ליד אין 1916. אין 1917 איז דערשינען אין קיִעוו זײַן ערשט ביכעלע קינדער־לידער. אין אַ יאָר אַרום פאַרעפנטלעכט די פּאָעמע „אין רויטן שטורעם", וועלכע איז געווען דאָס ערשטע אין דער ייִדישער ליטעראַטור ווערק וועגן דעם גרויסן אָקטיאַבער. לויטן אויפטראָג פון אַ קיִעווער צײַטונג אַוועקגעפאָרן אין 1921 קיין בערלין, דערנאָך קיין האַמבורג, וווּ געאַרבעט אין האַפן באַם זאַלצן און סאָרטירן פעל פאַרן סאָוועטנפאַרבאַנד. זיך אומגעקערט אַהיים אין 1925 און געוואָרן איינער פון די אָרגאַ־

ניזאַטאָרן פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור. געאַרבעט אַלס פאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר פונעם ליטעראַריש־קינסטלערישן און פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכן זשורנאַל „די רויטע וועלט" (כאַרקאָוו). אין 1934 געווען אַ דעלעגאַט פונעם ערשטן אַלפאַרבאַנדישן שרײַבער־צוזאַמענפאָר. אין 1936 אַריבערגעפאָרן קיין מאָסקווע. אין מעשעך פון פיל יאָרן אַרויסגעלאָזט צענדליקער ביכער פּאָעזיע און פּראָזע, באַזונדערס באַוווּסט געוואָרן אַלס קינדער־שרײַבער. די הויפּט־מאָטיוון פון זײַן שאַפונג זײַנען געווען דאָס קינד און זײַן אַרומרינגלונג — די גרויסע וועלט, ווי אַזוי זי ווערט אויפגענומען מיצאַד דער קינדערשער פּסיכאָלאָגיע. ל. קוויטקאָס פּאָעזיע איז פּאָלקסטימלעך, פאַרשיידנאַרטיק לויט די זשאַנרען. אָט די מײַלעס האָבן זי געמאַכט פּאָפּולער אין דער גאַנצער סאָוועטישער קינדער־דיכטונג (קוויטקאָס ווערק זײַנען איבערגעזעצט געוואָרן אויף פערציק שפּראַכן פון די פעלקער פון פּססר און אויף אַ סאַך אויסלענדישע שפּראַכן).

ווערק: לידעלעך פאַר קליינע קינדער. „קיִעווער פאַרלאַג", 1917; טריט, לידער. „קיִעווער פאַרלאַג", 1919; לעמל נאַשער, לידער פאַר קינדער. דאָרט, 1919; דאָס קאַונדל, לידער פאַר קינדער. קיִעוו—פּעטערבורג, „ייִדישער פאָלקס־פאַרלאַג", 1919; דאָס קעצעלע, לידער פאַר קינדער. דאָרט, 1919; ליריק. „קולטור־ליגע", 1921; בערטשיק, דערציילונגען אין פערזן. מאָסקווע, „צענטערפאַרלאַג", 1927; אײַזיקל אויף דער רײַזע. כאַרקאָוו—קיִעוו, צענטערפאַרלאַג, 1928; די באָבע שלאַק און איר קאַבאַק, לידער. כאַרקאָוו, צענטערפאַרלאַג, 1928; היימישע כײַעס. דאָרט, 1928; ווילדע כײַעס. דאָרט, 1928; ווי מענטשן פאָרן. דאָרט, 1928; דער זשוקל. דאָרט, 1928; מאָל פייגעלעך. דאָרט, 1928; מאָל שמעטערלעך. דאָרט, 1928; מאָל שפּערלעך. דאָרט, 1928; דאָס פידעלע, ליד פאַר קינדער. דאָרט, 1928; פײַפעלעך, ליד פאַר קינדער. דאָרט, 1928; אַ ציג מיט זיבן ציגעלעך. דאָרט, 1928; קאַרל און מיזראָ, לידער און דערציילונגען. כאַרקאָוו, „קניהאָספּילקאַ", 1928; קינדער־פּלאַץ, ליד. כאַרקאָוו, צענטערפאַרלאַג, 1928; ריאָגראַנדער פעל (דערציילונגען פונעם אַרבעטער־לעבן אין דײַטשלאַנד). כאַרקאָוו, מעלוכע־פאַרלאַג פון אוקראַיִנע, 1928; דאָס שטיבעלע. כאַרקאָוו, צענטערפאַרלאַג, 1928; דער שענסטער נאָמען, לידער פאַר קינדער. דאָרט, 1928; מע שליסט אויס דערפאַר, לידער פאַר קינדער. כאַרקאָוו „קניהאָספּילקאַ", 1928; שפּיל און שפּילעכלעך. כאַרקאָוו, צענטערפאַרלאַג, 1928; גערעאַנגל, לידער (1929—1917). דאָרט, 1929; ליאַם און פּעטריק, ראָמאַן. כאַרקאָוו, מעלוכע־פאַרלאַג פון אוססר, 1930; אין טראַקטאָר־צעך, לידער. כאַרקאָוו, „ליטעראַטור און קונסט", 1931; אָנגריף אויף וויסטעס, לידער. דאָרט, 1932; יונגע בויערס, לידער. כאַרקאָוו—קיִעוו, אוקרמעלוכע־נאַצמינדפאַרלאַג, 1932; ווערק, ב. 1, לידער און פּאָעמעס (1927—1916). כאַרקאָוו, „ליטעראַטור און קונסט", 1933; ווערק פאַר קינדער. כאַרקאָוו, צענטראַלע ביבליאָטעק פאַר יונגע לייענער — קינדער־פאַרלאַג פון אוססר, 1934; סאַנקאָם, לידער פאַר קינדער. מאָסקווע, „עמעס", 1934; אַ פריילעך יאָר, לידער. כאַרקאָוו—אָדעס, קינדער־פאַרלאַג,

1934; רײַזעס און פּאָעמעס. כאַר־
קאָוו, „ליטעראַטור און קונסט״,
1934. בוץ און די סאַניטאַרן,
לידער פאַר קינדער. כאַרקאָוו—
אָדעס, קינדער־פאַרלאַג פון
אוססר, 1935; ווינטער־לידער,
פאַר קינדער. כאַרקאָוו—קיִעוו,
אוקרמעלוכנאַצמינדפאַ ר לַ א ג,
1935; יאָמטעוו, לידער פאַר
קינדער. מאָסקווע, „עמעס״,
1935; כאַזערלעך, לידער פאַר
קינדער. כאַרקאָוו—אָדעס, קינ־
דער־פאַרלאַג פון אוססר, 1935;
מאַשינעס: די זעגמיל, דער
טראַקטאָר, פאַר קינדער. קיִעוו,
אוקרמעלוכנאַצמינדפ א ר לַ א ג,
1935; פאַר די קינדערסוועגן,
מײַסעלעך אין פערזן. מאָסקווע,
„עמעס״, 1935; דאָס קעצעלע,
לידער פאַר קינדער. כאַרקאָוו—
אָדעס, קינדער־פאַרלאַג פון
אוססר, 1935; בא די ווילדע
כײַעס, לידער פאַר קינדער.
מאָסקווע, „עמעס״, 1936; באָבע־
צי בלומצי, לידער פאַר קינ־
דער. כאַרקאָוו—אָדעס, קינדער־
פאַרלאַג פון אוססר, 1936; לעמל
נאַשער, לידער פאַר קינדער.
מאָסקווע, „עמעס״, 1936; מאַשי־
נעס. קיִעוו—כאַרקאָוו אוקרמעלו־
כענאַצמינדפאַרלאַג, 1936; א
מײַסע וועגן א מיידעלע מיטן
רויטן טיכעלע. כאַרקאָוו—אָדעס,
קינדער־פאַרלאַג פון אוססר,
1936; דאָס פידעלע, לידער פאַר
קינדער. דאָרט, 1936; פרײַנט,
לידער פאַר קינדער. קיִעוו—
כאַרקאָוו, אוקרמעלוכנאַצמינד־
פאַרלאַג, 1936; קינדער־לידער.
דאָרט, 1936; רויטע רײַטער, לי־
דער פאַר קינדער. דאָרט, 1936;
אַך, אַז איך וועל אויסוואַקסן,
לידער פאַר קינדער. כאַרקאָוו—
אָדעס, קינדער־פאַרלאַג פון
אוססר, 1937; געקליבענע ווערק,
לידער. קיִעוו, אוקרמעלוכנאַצ־
מינדפאַרלאַג, 1937; לידער און
מײַסעלעך פאַר קינדער. כאַר־
קאָוו—אָדעס, קינדער־פאַרלאַג
פון אוססר, 1937; צען מײַסעס.
לידער פאַר קינדער. מאָסקווע,
„עמעס״, 1937; וויגליד. כאַר־
קאָוו—אָדעס, קינדער־פאַרלאַג פון
אוססר, 1938; רויטע אַרמיי,
לידער פאַר קינדער. מאָסקווע,
„עמעס״, 1938; לעבעדיק און
פריילעך, לידער־זאַמלונג פאַר
קינדער. דאָרט, 1939; נײַע לי־
דער. דאָרט, 1939; רויטע אַרמיי,
לידער פאַר קינדער. דאָרט,
1939; אַכאַכי, לידער פאַר קינ־
דער. דאָרט, 1940; האַיאָר, לי־
דער פאַר קינדער. קיִעוו, אוקר־
מעלוכנאַצמינדפאַרלאַג, 1940;
וויגליד. דאָרט, 1940; ווי מיכאַס
האָט זיך אויסגעבאָדן, לידער
פאַר קינדער. מאָסקווע, „דער
עמעס״, 1940; וועמעס איז דאָס
מיידעלע? לידער פאַר קינדער.
דאָרט, 1940; דער מאָלצײַט, לי־
דער. דאָרט, 1940; עלף טעכ־
טער, לידער. דאָרט, 1940; זו־
מער, לידער פאַר קינדער. דאָרט,
1941; יונגע יאָרן, ראָמאַן אין
פערזן. מאָסקווע—קאָוונע, „דער
עמעס״, 1941; יונגע שיסער.
מאָסקווע, „דער עמעס״, 1941;
פײַער אַף די סאָנים, לידער.
דאָרט, 1941; קינדער־הערצער,
לידער. דאָרט, 1943; אַלעפבייס,
לידער און דערציילונגען. דאָרט,
1947; געזאַנג פון מײַן געמיט,
לידער (1941—1946). דאָרט,
1947; געקליבענע ווערק, לידער.
דאָרט, 1948; געקליבענע ווערק,
לידער. מאָסקווע, „סאָוועטסקי
פּיסאַטעל״, 1967.

ביבליאָגראַפיע: מ. ווינער,
וועגן לייב קוויטקאָס קינדער־
לידער. זשורנאַל „די רויטע
וועלט״, 1929 נומ. 2—3; א. דאַ־
מעסעק, ל. קוויטקאָס „יונגע
בויער״. זשורנאַל „שטערן״, 1933,
נומ. 9; י. דאָברושין, וועגן קינ־
דער־דיכטונג. אַלמאַנאַך „סאָוועט־
טיש״, 1936, נומ. 3; ר. רובינע,
קוויטקאָס קינדער־לידער, זשור־
נאַל „שטערן״, 1940, נומ. 4;
ב. קוויטקאָ, זײַן אָנדענק לעבט.
זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד״,
1963, נומ. 1; נ. אויסלענדער,
באַם סאַמע אָנהייב. דאָרט, 1962,
נומ. 1; מ. נאָטאָוויטש, נאָך
קוויטקאָס טריט. דאָרט, 1965,
נומ. 12; אָ. קאָליטשעוו, וועגן
מײַנע פרײַנט. דאָרט, 1967,
נומ. 2; מ. גרוביאַן, דער מײַס־
טער פון דער ליד לייב קוויט־
קאָ. דאָרט, 1968, נומ. 2; ה. רע־
מעניק, דיכטונג פון רעוואָלי־
ציאָנערן אומרו. דאָרט, 1970,
נומ. 11; בריוו פון לייב קוויט־
קאָ. דאָרט, 1975, נומ. 9;
א. טשוזשי, כאַוער לייב. דאָרט,
1975, נומ. 11; א פינקעלשטיין,
אין דער אײנהײַטלעכער מישפּאָ־
כע פון פאַרברידערטע פעלקער
(וועגן די ביכער פון ל. קוויט־
קאָ, דערשינען אין די יאָרן
1917—1975). דאָרט, 1975,
נומ. 4; א. ווערגעליס, לייב
קוויטקאָ. דאָרט, 1980, נומ. 12.

■ ■ ■

# ДЛЯ ИЗУЧАЮЩИХ ИДИШ	# פאר די, וואָס לערנען ייִדיש
Урок XXV (окончание)	**לימוד XXV (סאָף)**

§ 43ж. Партиципы и обороты с партиципом переводятся на русский язык любыми языковыми средствами, выражающими основное значение еврейского причастия — **законченное** действие. Таковыми могут быть: русские причастия и деепричастия прошедшего времени совершенного вида, типа «прочитанный», «прочитав», «сделанный», «сделав» и т. п. (примеры см. выше); предложения с союзами «после того как», «когда», «как только» + прошедшее время и другие соответствующие им по значению языковые формы и обороты. Ср., например, перевод следующих предложений:

1. «**Когда приготовили** первую бочку кваса, было решено, что продавать его на улице буду я.» (когда + прош. время).	1. „געמ'אכט **דאָס ערשטע פעסל קוואס, איז געבל'יבן, אז אר'ויסטראָגן פארק'ויפן אף דער גאס זאָל איך**".
2. «**Помолились, поужинали,** подождали, пока совсем стемнеет» (глаголы совершен. вида, прошед. врем.)	2. „אָפּגעדאוונט מיט'רעוו, אָפּגעגעסן וועטשערע, **האָבן מיר אָפּגעוואַרט, ביז עס וועט ווערן רעכט פינצטער".**
3. «**За городом** (в тексте дословно: «выйдя из города») мы увидели холм». (перевод везде М. Шамбадала).	3. „אר'ויסגעגאנגען פון שטאָט, **האָבן מיר דערזען א בערגל"** (ש אָ ל ע ם־א ל ײ כ ע ם).

אופגאבע 2*: **שרײַבט אר'ויס נײַע ווערטער און לײענט פאָלגנדיקע פראגמ'ענטן פון „סאָוו'עטיש הײמלאנד":**

נײַע ווערטער: (א) — **1) אופרעגן; 2) אופגערעגט; 3) אופכאפּן זיך; 4) אוו'עקלאָזן זיך; 5) אוו'עקפירן; 6) אײנמאָל; 7) אײַנפונדעווען זיך; 8) אויסטאָקן; 9) אויסמאָלן; 10) אויסנײען; 11) אויסשטריקן; 12) אראָפּ; 13) איז אראָפּ; 14) אר'ײַנכאפּן; 15) אר'ײַנשטעקן;** (אָ) — **16) אָנבײגן; 17) אָנגעבויגן (זיך); 18) דער אָנהײב; 19) אָנטאָן (זיך); 20) אָנרײדן זיך; 21) אָנשרײַען זיך; 22) אָפּלעבן; 23) דער אָפּרו;** (ב) — **24) דאָס בערגל, ־עך; 25) די ברוסט, בריסטן; 26) דאָס ברעקל, ־עך;** (ד) — **27) דורך; 28) דערה'ערן; 29) דערשרעקן (זיך); 30) די דרײַסיקער יאָרן;** (ה) — **31) דאָס הײ; 32) די הײמישע; 33) הערשן;** (ו) — **34) ווידעראמאָל; 35) דיווילע, ־ס; 36) ווײך; 37) דער ווײַטער מיזרעך; 38) די וועטשערע, ־ס;** (ז) — **39) דאָס (דער) זאָטל, ־ען; 40) זײַטיק;** (ט) — **41) טופּען; 42) טופּעריי; 43) די טשערעדע, ־ס;** (מ) — **44) דער מאנטל, ־ען; 45) דער מיזרעך; 46) דער מײַרעוו; 47) די מעגלעכקײַט, ־ן; 48) די מעדשוועסטער, ־ן;** (נ) — **49) נאָך; 50) נאָכגיביק; 51) נאָכגעבן;** (ס) — **52) די סאָפּקע, ־ס;** (ע) — **53) עטוואָס; 54) ענדגילטיק; 55) ענדלעך;** (פּ) — **56) דער פּאסטעך, ־ער; 57) פּארוס'ינען; 58) פּליעסקען; א פּליעסקע טאָן; 59) די פּיאטע, ־ס; 60) דאָס פּעקל, ־עך;** (פ) — **61) פארב'ײַטן; 62) די פארוו'ײַלונג, ־ען; 63) פאריכטן; 64) פינצטער;** (צ) — **65) צונ'ויפשארן; 66) צופּאסן; 67) צופ'וס; 68) צעקנ'ײטשט;** (ק) — **69) דער קאפּעליוש, ־ן; 70) קרום, 71) קרומלעך;** (ש) — **72) דער רעגנמאנטל, ־ען; 73) די שטאל, ־ן; 74) דער שניפּס, ־ן; 75) דער שפּיץ, ־ן.**

1) взволновать (кого-либо); 2) взволнованный; 3) проснуться; 4) отправиться в путь; 5) уводить, увести; 6) однажды; 7) обосноваться; 8) выточить; 9) разрисовать, раскрашивать; 10) вышивать; 11) связать (рукавички, свитер и т. п.); 12) вниз; 13) сошел; слез; 14) взять (что-либо) и отправить вовнутрь (например, собрать и бросить в рот крошки хлеба); 15) вонзать; 16) нагибать (ся); 17) согнувшись; 18) начало; 19) одевать (ся); 20) наговориться; 21) накричаться вдоволь; 22) прожить (годы); 23) отдых; 24) холм; 25) грудь; 26) крошка; 27) через, по, сквозь; 28) услышать; 29) испугать (ся); 30) тридцатые годы; 31) сено; 32) домашние; 33) господствовать; 34) опять, снова; 35) вилы; 36) мягкий, нежный; 37) Дальний Восток; 38) ужин; 39) седло; 40) (по) сторонний; 41) топать (ногами); 42) топот; 43) стадо; 44) пальто; 45) восток; 46) запад; 47) возможность; 48) медсестра; 49) I. еще; II. после, вслед за...; 50) податливо; соглашаясь; примиренчески; 51) уступать кому-либо в чем-либо; идти на компромисс; 52) сопка; 53) немного; чуть-чуть; 54) окончательно; насовсем; 55) наконец; 56) пастух; 57) парусиновый, брезентовый;

58) всплеснуть руками; 59) пята; 60) пачка, сверток; 61) заменять, променять; 62) развлечение; 63) исправить, поправить; 64) темный, мрачный; 65) собирать, сметая в одну кучу (листья, крошки и т. п.); 66) приспособить, подогнать под мерку, отрегулировать; 67) пешком; 68) сморщенный, смятый; 69) шляпа; 70) кривой; 71) искоса; кривовато; 72) плащ; 73) сарай, конюшня; 74) галстук; 75) острие, вершина.

פראַגמענטן:

1) דערה׳ערט אזא מײַסע, כאַפּט זיך אויף מײַן שוועגערן בראָכע מיט א פּליעסק אין די הענט״. 2) דערהערט, אז עס איז שוין ניטאָ קיין רעטאָנדע, בין איך צופרידן״ (שאָלעם־אַלייכעם). 3) „געקומען קיין כאַבאַראָווסק, האָט ער גענומען זײַנע פּעקלעך און איז אוועק צום פּריטש׳אַל אפן אמ׳ור״. 4) „געקומען קיין בירא־בידזשאַן און אײַנגעפונדעוועט זיך אפן אָרט, האָב איך זיך דערוווּסט, אז אין דער שטאָט לעבט מײַנע א זעמלי׳אַטשקע״. 5) אָפּגעפאָרן אז׳וי א פיר־פינף קילאָמעטער, קום איך, ענדלעך, צו א סאָיע־פּלאַנטאַציע״ (כ.ביידער). 6) דערזען, אז עס איז שוין שפּעט און דער פּאַסטעך איז נאָך ניטאָ מיט דער טשערעדע, האָט די באַלעבאָסטע זיך דערשראָקן״ (ה. פאָליאַנקער). 7) דורכגעדעמאָנסטרירט פאַר אונדז אַלע מעגלעכקײַטן פון דעם נײַעם אינסטרומענט, האָט גדאַליע גענומען שפּילן א ייִדישן פריילעכס. 8) „אָפּגעלעבט אזוי עטוואָס מער פון א וואָך, איז שאַליט אײנמאָל אופגעשטאַנען, ווען די היימישע זײַנען נאָך געשלאָפן״ (ה. ראַבינקאָוו); 9) „פאַרענדיקט אף אוקראַ־נע אן אינדוסטרי־עלן טעכניקום, איז ער אין אָנהייב פון די דרײַסיקער יאָרן געקומען אפן ווײַטן מיזרעך״ (ל. שקאָלניק). 10) „דערהערט א טופּערײַ פון פערד, האָט מאַר׳אָזאָוו ארײַנגעשטעקט די ווילעס אינעם היי און גענומען קוקן, ווער פאָרט דאָס אזוי״. 11) „זיך אופגעהויבן אפן שפּיץ פון א סאָפּקע, האָט מאַר׳אָזאָוו אָפּגעשטעלט דאָס פערד״. 12) „צוגעפּאַסט די אָקולי׳אַרן פונעם בינ׳אָקל, האָט מאַר׳אָזאָוו גענומען באַטראַכטן דעם צווייטן ברעג״. 13) „אראָפּגענומען פונעם פערד דעם פאַרוסינענעם רעגנמאַנטל, וואָס האָט אים פאַרביטן א זאָטל, האָט סעגאַלאָוויטש אים אָנגעטאָן אף זיך״ (ה. דאָבין). 14) זיך אופגעהויבן, צונויפגעשאַרט די ברעקלעך ברויט, זיי ארײַנגעכאַפּט אין מויל, האָט דער אופגערעגטער פּראָפעסאָר פאַר׳יכט דעם שניפּס, גענומען אף זיך דעם אַלטן לאַנגן ביז די פּיאַטעס שוואַרצן מאַנטל, אָנגעטאָן דעם צעקנ׳ייטשטן קאַפּעליוש, גענומען סימאָנען אונטער דער האַנט און זיך אוועקגעלאָזט מיט אים צופ׳וס איבער האַלב מאָסקווע צו דער טרעטיאַק׳אָווער גאַלערייע״ (ה. פאָליאַנקער).

Ключ к заданию: 1) Услышав это, моя золовка Броха всплеснула руками. 2) Услышав, что нет больше ротонды (вид одежды), я обрадовался. 3) Прибыв в Хабаровск, ... 4) Прибыв в Биробиджан и обосновавшись на месте, я узнал, что ... 5) Проехав четыре-пять километров, ... 6) Увидев, что все еще нет пастуха со стадом, ... 7) Продемонстрировав (показав) нам все возможности нового инструмента, ... 8) Прожив так чуть больше недели, Шалит однажды встал, когда ... 9) Окончив ... 10) Услыхав топот коней, ... 11) поднявшись на вершину сопки, ... 12) Отрегулировав окуляры бинокля, ... 13) Сняв с лошади парусиновый плащ, который заменял ему седло, ... 14) Поднявшись, собрав крошки хлеба, отправив их в рот, взволнованный профессор поправил галстук, накинул на себя ... пальто, одел ... шляпу, взял Симона под руку и отправился с ним пешком через пол-Москвы к Третьяковской галерее.

דאָצענט ש. סאַנדלער

Hirsh Reles of Minsk, Elia Beider of Gorky, Mikhail Mogilievich of Kiev, Moishe Pens of Mahachkala and Pinia Kirichansky of Kiev. Two poems from this section are printed below in translation.

Motl Golbshtein

THE LION

Don't think this movements are without all meaning.
To a wild strength the fierce glare testifies.
Two deadly fires are burning in his eyes.
Sudden death lurks in the bared fangs, whitely gleaming.
His heart's ablaze! His roar is deep and hollow.
He silences the forest all around.
He only answers to the thunder's sound,
To him, the sky-born lightning is his fellow.
Yet, in his eyes, unfathomably deep,
Distraction trembles, nights devoid of sleep,
Serenity and chilly drops of dew.
He seeks a pure love and sweet liberty.
His passionate heart's learned only loyalty
From nature. And the thunder roars anew...

* * *

Lev Berinsky

ANNIVERSARY

A flower, reb Sholem Aleichem, is as hard as any rock,
And the sky is as blue as a vase—you could take it and rub it up there.
And if you ask me what's fairest of all on this Earth of ours,
The answer is, reb Sholem Aleichem, you are the most fair.
So there you stand, small-bearded, your head held a little bit high,
And, thanks to the noise of your own beloved Jews, in a daze;
For they talk such high-flown language, and they twist your coat button off,
And boast of their life, so bitter and weary it is these days.
And of all those magnificent incomes, their pockets empty of cash...
And if I shake them, reb Sholem Aleichem, and ask you why.
Their fate shall be everlasting poverty in this world,
Your sky-blue porcelain profile will merely smile in reply.

* * *

In this way, "Sovietish Heimland" is presenting in the current number five fraternal literatures of the peoples of the USSR. We believe that we are thereby reflecting the essence and principles of the historic Soviet Writers' Congress.

Our August issue ends with the regular features "Material for a lexicon of Soviet Jewish Literature" and "An Aid to those learning Yiddish".

Translated by Alex Miller

Supplement: Henrikas Zimanas
"Soviet Jews—Patriots of their Socialist Homeland"

RÉSUMÉ

"Sovietish Heimland" ("The Soviet Homeland")
No. 8, August, 1984

The current issue of "Sovietish Heimland" is devoted to the 50th Anniversary of the Convocation of the 1st Soviet Writers' Congress. Since then, the literatures of our peoples have created outstanding works of art. Today, Soviet writers can say with pride that the tasks put forward at the 1st Congress by Maxim Gorky, the founder of socialist realism, are successfully being brought to fulfilment.

Soviet Jewish literature has been developing within the single multinational creative family in which the national characteristics of each language are carefully preserved and, at the same time, a process of mutual enrichment is taking place.

Uran Guralnik (Doctor of Philology) of Moscow tells in his article about the historic significance of the 1st Soviet Writers' Congress and its influence on the further development of Soviet literature.

Our correspondent met the Secretary of the Board of the Writers' Union of the USSR, Yuri Verchenko, who answered a number of questions about the various aspects of the creative activity of the huge contingent of Soviet writers, and also about the contemporary functions and objectives of the Writers' Union of the USSR and the role in the literary process of the Union's publications, amongst other the magazine "Sovietish Heimland". The interview with Yuri Verchenko appears in the present number and the following figures are quoted: the central and local writers' organisations of the USSR are now putting out approximately 90 magazines, over 15 writers' newspapers and dozens of almanaches. Over half of these literary publications are printed in the languages of the peoples of the USSR (apart from Russian). One edition of them runs to over 12 million copies.

Under the motto "In One Family", we printing in the current issue, in translation into Yiddish, a number of works by Soviet writers representatives of the fraternal literatures: short stories by Sergei Baruzdin and Valery Povolyaev and reflective pieces by Yuri Bondarev in Russian; poems by Dmitro Pavlychko Ivan Drach and Boris Oleinik in Ukrainian; a fragment from a novel by Samansur Balekbayev and verse by Suyunbai Eraliev in Kirghiz; and short stories by Tashly Kurbanov and verse by Orazgula Annayev in Turkmenian.

Contemporary Soviet Jewish prose is represented by short stories from Rivka Rubina of Moscow, short stories and miniatures by Ikhil Shraibman of Kishinev and humoresques by Buzi Miller of Birobijan.

Our feature "One Poem" contains work by Max Riant of Samarkand, Motl Gruvman of Novgorod, Dora Khaikina of Kiev, Iosl Bukhbinder of Kiev, Lev Berinsky of Moscow, Pinia Plotkin of Bobruisk, Avrom Katsev of Kherson, Bronia Sinelnikova of Moscow, Motl Golbshtein of Simferopol, Lipa Heller of Minsk,

Геллера (Минск), Гирша Релеса (Минск), Эли Бейдера (Горький), Михаила Могилевича (Киев), Мойше Пенса (Махачкала), Пини Киричанского (Киев). Два стихотворения этой подборки мы приводим ниже в переводе на русский язык.

Мотл Голбштейн

ЛЕВ

Нет, не без смысла пластика его.
В осанке жесткой гордость есть и сила.
Туманом застлан взор, как-будто бы чадила
Свеча. И смерти лед — усмешки торжество.
В душе огонь и сердце не мертво.
Полет прыжка — и дебри зазнобило.
Пред мощным рыком гром смолкал уныло,
И — молнии под лапою того,
Чей влажен дикий хищный блеск в зрачках,
В их безднах и спокойствие и страх,
И мрак ночей и пьяных рос прохлада.
Он ищет красоты в свободе и любви,
И верность, как пожар, горит в его крови,
И вихрь земли и вой небес ему отрада.

Перевод *Зои Велиховой*

Лев Беринский

ЮБИЛЕЙ

Цветок словно в камне изваян, хоть благоуханно цветет,
А небо — синяя чаша, возьмись протирать эти грани.
Но если меня вы спросите — в чем красота живет? —
— В вас, реб Шолом-Алейхем, отвечу без колебаний.
Сейчас вы стоите, бородку задрав высоко к небесам,
Одурев от любимых евреев и слов их витиеватых,
Откручивающих пуговицу манишки то тут, то там,
Пока похваляются горечью вечных забот распроклятых,
А также своими доходами — карманами без монет.
И вот я, гостей расталкивая, к вам пробираюсь в спешке
Спросить — «Что все-таки значит такая судьба?» — и в ответ
Небесно-фарфоровый профиль ваш чуть искажает усмешка.

Перевод *Зои Велиховой*

Таким образом, журнал «Советиш геймланд» представляет в настоящем номере пять братских литератур народов СССР. Мы полагаем, что такая публикация отражает суть и принципы исторического съезда советских писателей.

Заключает наш августовский номер традиционные рубрики «Материалы для лексикона еврейской советской литературы» и «В помощь изучающим идиш».

Приложение: Генрикас Зиманас

«Советские евреи — патриоты своей социалистической родины»

РЕЗЮМЕ

«Советиш геймланд» («Советская родина»)
№ 8, август, 1984

Этот номер «Советиш геймланд» посвящен пятидесятилетию со дня созыва I съезда советских писателей. С тех пор литературы наших народов создали огромные художественные ценности. Сегодня советские мастера слова могут с гордостью сказать, что выдвинутые на I съезде основоположником социалистического реализма Максимом Горьким задачи упешно воплощаются в жизнь.

Советская еврейская литература развивалась в единой многонациональной творческой семье, в которой бережно сохраняются национальные особенности каждой литературы и, в то же время, происходит процесс взаимообогащения.

Об историческом значении I съезда советских писателей и его влиянии на дальнейшее развитие советской литературы рассказывает в своей статье доктор филологических наук Уран Гуральник (Москва).

Наш корреспондент встретился с секретарем Правления Союза писателей СССР Юрием Верченко, который ответил на ряд вопросов, касающихся различных аспектов творческой деятельности огромного отряда советских литераторов, а также современных функций и задач СП СССР, роли в литературном процессе печатных органов Союза писателей, в частности, журнала «Советиш геймланд». Интервью с Ю. Верченко публикуется в номере. Приводятся, в частности, следующие цифры: центральные и местные писательские организации нашей страны выпускают на сегодняшний день около 90 журналов, более 15 писательских газет и десятки альманахов. Более половины всех этих литературных изданий выходит на языках народов СССР (кроме русского). Их разовый тираж превышает 12 млн. экземпляров.

Под девизом «В семье единой» печатается в этом номере «Советиш геймланд» в переводе на идиш ряд произведений советских писателей — представителей братских литератур: русской — рассказы Сергея Баруздина и Валерия Поволяева, короткие новеллы-раздумья Юрия Бондарева; украинской — стихи Дмитра Павлычко, Ивана Драча, Бориса Олейника; киргизской — фрагмент из романа Самансура Балекбаева и стихи Суюнбая Эралиева; туркменской — рассказы Ташлы Қурбанова и стихи Оразгулы Аннаева.

Современная еврейская советская проза представлена в номере рассказами Ривки Рубиной (Москва), юморесками Бузи Миллера (Биробиджан).

В рубрике «одного стихотворения» помещены произведения Макса Рианта (Самарканд), Мотла Грувмана (Новгород), Доры Хайкиной (Киев), Йосла Бухбиндера (Киев), Льва Беринского (Москва), Пини Плоткина (Бобруйск), Аврома Кацева (Херсон), Брони Синельниковой (Москва), Мотла Голбштейна (Симферополь), Липы

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

(Советская родина)

**Ежемесячный
литературно-художественный журнал**

На еврейском языке

Орган Союза писателей СССР

Издается с 1961 г.

Издательство «Советский писатель»

Главный редактор **А. ВЕРГЕЛИС**

РЕДКОЛЛЕГИЯ:

Х. Бейдер (зам. главного редактора),
Т. Ген, С. Гордон,
Нотэ Лурье, Х. Меламуд,
Б. Миллер, Б. Могильнер,
Г. Полянкер, И. Шрайбман,
И. Шустер (ответственный секретарь)

Адрес редакции журнала:
101000, Москва, Центр, ул. Кирова, 17.

Телефоны:

главный редактор — 228-27-91
ответственный секретарь — 923-96-07

Художественная и техническая редакция
С. Черняк, Е. Каплан

Корректор Е. Островский

Сдано в набор 31.05.1984 г. Подписано к печати 18.07.1984 г. Формат 70×108 1/16. Бумага типографская № 1. Печ. л. 11+0,25 вкл. (Усл. печ. л. 15,75). Бум. л. 5,5+0,125. Цена 70 коп. Зак. 302.

Ордена Трудового Красного Знамени
Московская типография № 7 «Искра революции»
«Союзполиграфпрома» Государственного
Комитета СССР по делам издательств,
полиграфии и книжной торговли.
Москва, 121019, пер. Аксакова, 13.

© Журнал «Советиш геймланд», 1984 г.

Цена 70 коп.
70821

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

СОВЕТСКАЯ РОДИНА

В НОМЕРЕ:

К 50-летию Союза писателей СССР. У. Гуральник. Исторический съезд. Преемственность литературных и творческих традиций (интервью с секретарем Правления Союза писателей СССР тов. Ю. Н. Верченко).

В единой семье.
С. Баруздин. Музыка. — Я люблю свою улицу (рассказы).
Д. Павлычко. Стихи о верности.
Т. Курбанов. В глухом углу. — Седые горы (рассказы).
И. Драч. Крылья. — О соняшнике (стихи).
Ю. Бондарев. Из книги «Мгновенья».
А. Аннаев. Стихи.
С. Болекбаев. Байтур (рассказ).
Б. Олейник. Стихи.
В. Поволяев. Синий костюм и оранжевые боты (рассказ).
С. Эралиев. Стихи.

Рассказы Р. Рубиной, Б. Миллера.
Стихи М. Рианта, М. Грувмана, Д. Хайкиной, И. Бухбиндера, Л. Беринского, П. Плоткина, А. Кацева, Б. Синельниковой, М. Голбштейна, Л. Геллера, Г. Релеса, Э. Бейдера, М. Могилевича, М. Пенса, П. Киричанского.
Воспоминания. И. Рабин. Выслушайте меня...
Дни советской литературы в Биробиджане, посвященные 50-летию Еврейской автономной области.
Материалы для лексикона советской еврейской литературы. В помощь изучающим идиш.
Резюме на русском и английском языках.

1984
№ 8